מאָריס האָפּמאַן

אונטער אפריקאנער זון

ISBN:0-657-12132-0

00-1095

אונטער אַפריקאַנער זון

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12132

UNTER AFRIKANER ZUN

Morris Hoffman

Permanent preservation of this book was made possible
by Ann & Ben Marcus
In honor of our grandchildren

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Lief D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

אונטער
אַפריקאַנער זון

דערציילונגען און סקיצן

מיט דער אויטאָביאָגראַפיע פונעם מחבר
און בילדער פון זיינע פאַרשיידענע לעבנס-פעריאָדן

פון

מאָריס האָפמאַן

דע-אַאַר / קייפּלאַנד
דרום־אַפריקע / 1939

פאַרלאַג „קאַיאָר"
יאָהאַנעסבורג / דרום־אַפריקע
תשי"א — 1951

MORRIS HOFFMAN

"UNDER AFRICAN SUN"

(NOVELS AND SKETCHES)

DE AAR, C.P. SOUTH AFRICA, 1939

אינהאַלט:

זייטן

אויטאָביאָגראַפיע .... 23 — 9

א קרבן .... 43 — 25

אַדאָניסעס אײפּערזוכט .... 50 — 45

אַ פּרעמדער ייִד .... 58 — 51

דער דערהויבענער ציל .... 73 — 59

דעם קאָפּ פאַרלאָרן .... 112 — 75

א תקיעה .... 121 — 113

און דער ים האָט געשטורעמט .... 149 — 123

די מאַמע איז גערעכט געווען .... 167 — 151

סימנים פון דער הגדה .... 186 — 169

דערשטיקט דאָס געזאַנג .... 226 — 187

זאַמקע פלאַקן .... 255 — 227

„אובאַמי בונזימאַ“ .... 296 — 257

געחידמעט דעם אָנדענק
מײַן טײַערער שחעסטער
טעמע־גיטל.

אויטאָביאָגראַפיע.

געבאָרן געוואָרן בין איך אין פּרייל, וויטעבסקער ראיאָן, — אַ קליין שטעטל, איינגעטונקט אין גרינס, אַרומגערינגלט מיט לאַנגע, געדיכטע וועלדער און ברייט־באַוואַקסענע פעלדער, וועלכע האָבן זומערצייט „זיך געטרונקען אין ליכט און געזאָנג" און ווינטערצייט פלעגן זיי ווערן באַדעקט מיט אַ דיקער צאַרט־ווייסער שניי־דעקע און פלעגן אונטער דער דאָזיקער פאַרפראָרענער צאַרטקייט און טויטער שטילקייט אָפּשלאָפן ביז פרילינג, ווען די נאַטור שטייט אויף תחית־המתים. אויף די שמאָלע געלבלעכע שטעגלעך איבער די האַלב־דרעמלדיקע פעלדער פלעגן זיך ציען מאַסן פויערים מיט זייערע פאַמיליעס פון די אַרומיקע דערפער אין שטעטל אַריין, צום מאַרק, צוויי מאָל אַ וואָך,—וואָס איז געווען דער גאַנצער מקור פון דערנערונג פאַר בערך זעקס הונדערט יידישע פאַמיליעס, וועלכע האָבן אויסגעהאַלטן די געוויינטלעכע נייטיקע קהלשע אינסטיטוציעס, אַריינרעכענענדיק די דריי בתי־מדרשים, ווו יידן האָבן התלהבותדיק געדאַוונט און ישיבה־בחורים האָבן געלערנט יומם ולילה, אויך צוויי רבנים, צוויי שוחטים, אַ פינף מלמדים און צוויי חזנים, א.א.וו.

איינער פון די חזנים, זייער אַ פיינער, הדרת־פּנימדיקער, פרומער ייד, אַ מופלג בתורה, אויך אַ משכיל און אַן אמתער פּקח, איז געווען מיין געליבטער פאָטער רבי אברהם מרדכי הכהן, דער זון פון ר' יהודה לייב—אַ ייד אַ למדן און אַ גרויסער בעל צדקה—און אַ ברודער פון די דריי באַוווּסטע פערזאָנען: ר' מאיר הלל, ר' הירש און ר' פאַלק, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע קענטעניש אין תורה וחכמה ומדות טובות. מיין פאָטער איז געווען זייער באַליבט און געאַכט ביי אַלעמען אי פאַר זיין חשיבות, גוטסקייט און איידלקייט, אי פאַר זיין לערנען פאַרן עולם עין־יעקב בין מנחה־למעריב און אויך פאַר זיינעם אַ שמועס מכוח וועלט־פּאָליטיק, וואָס—זייענדיק אַ שטענדיקער אַבאָנענט פון „המליץ" און „הצפירה"—האָט ער געשעפּט פון די קוואַלן פון „בינה־לעתים" און דברי־הימים" פון סאָקאָלאָוו, וועלכער איז געווען זיין „אורים ותומים". אחוץ דעם האָט מען אים נאָך געמוזט האַלט האָבן פאַר זיינע תפילות, פאַר זיין צעזינגען זיך אַזוי גע־

שמאָק און זיס אויף זיין אמת שיינעם קול־נגינה. „אז רבי אברהם מרדכי דאַוונט פאַרן עמוד, איז מחיה-נפשות״—פלעגן אלע זאָגן. פונדעסטוועגן האָט ער פון חזנות זיך נישט געקענט דערנערן און האָט באַדאַרפט אָנקומען צו דער פאַרהאַסטער קרעמערייַ, וואָס איז געפירט געוואָרן דורך מיין ליבהאַרציקער, טייערער מאמען, וועלכע איז געווען א גרויסע אשת־חיל און א ריכטיקע עזר כנגדו—די הויפּט־שפּייזערין פון דער פאַמיליע, וואָס איר שווערער יאָך איז געלעגן אויף אירע שוואַכע פּלייצעס.

מיין הארץ גייט אויס מיט אומאויסדריקלעכער ליבשאַפט צו דער געטרייער, גוטער מאמען מיינער, וועלכע דערמאָנט, אין אלע פּרטים, אָן י. ל. גאָרדאָנס „חנה״, וועגן וועמען ער זינגט: „דערקענענדיק זי, האָב איך זיך דערוווסט, אז אויף דער ערד געפינט זיך אויך א מלאך״. מיין פאָטער האָט מיין מאמען אויך אזוי געהאלטן. א טיף־נשמהדיקע, מעכטיקע ליבע האָט עקסיסטירט צווישן די צוויי מיר הייליק־ליב־טייערע פּערזאָנען, וועלכע האָבן מיך אויף דער ליכטיקער וועלט געבראַכט (לויט ווי ס׳איז איינגעשריבן אין די ביכער פון דער „אופראַווע״) דעם 1־טן אויגוסט 1885.

וואָס איך געדענק פון דער „בראשית״ פון מיין לעבן, איז מיין מאמעס ווייכע, בלאָע צערטלעך־זיסע אויגן, וואָס האָבן אויף מיך געקוקט, ווען איך בין נאָך אין וויגעלע געלעגן, און איר זיס און שטיל צעזינגען זיך, שאָקלענדיק דאָס וויגעלע:

„...ירושלים איז געווען מיין שטאָט,
דער בית־המקדש איז געווען מיין דירה,
מיין מאַן איז געווען גאָט — — —
און איך בין געווען די גבירה״ — — —

נאָך היינט קלינגט מיר אזוי חיותדיק דער ליבער קול אירער מיט די דאַזיקע ווערטער און אירע א סך וויסנדיקע בלאָע אויגן גיבן מיר אזוי פיל בח, נחת און טרייסט אויף אזוי פיל אומגעלונגענקייטן, כאָטש אזא לאַנגע צייט איז שוין פאַרשוווּמען פון דאַן אָן. אָ, מאמעס מילדע בלאָע ווארעמע אויגן!

אָט זע איך זיי ווידער, ווי זיי קוקן אויף מיר מיט רחמים און ליבשאַפט, ווען מיין ערשטער מלמד וויקלט מיר איין אין א גרויסן טלית און טראָגט מיך אוועק פון איר, ווי א קליין לעמעלע, אין חדר אריין. איך בין אלט פינף יאָר. דער ערשטער רבי מיינער איז דעם באַוווּסטן ישראל זאַנגווילס אַ שוועסטער־קינד (ער הייסט אויך ישראל זאַנגוויל, אָבער ער איז זיין

גאנצן לעבן פאַרבליבן אַן עברי מלמד) און נאָך א זעקס חדשים לערנען ביי אים, גיי איך אריבער צו מיין פיל־געליבטן רבין מענדל שארפינאָוויטש, —א גרויסער העברעער און אין יענער צייט א גרויסער פעדאַגאָג, וועלכער האָט געשמט אין יענע געגנטן פאַר דעם בעסטן העברעישן לערער. ער לערנט מיט מיר חומש, נביאים וכתובים און אויך שרייבן. איך לערן גרינדלעך און מיט גרויס התמדה.

ווען איך בין אַלט זיבן יאָר, הייב איך אָן לערנען תלמוד ביי אונדזער חשובן רב הרה״ג רבי שמואל מהיפית—איינער פון די דריי ברידער רבנים, גוט באַקאַנט אין יענע געגנטן מיטן נאָמען „החוט המשולש״. ווי אַזוי איך בין אָנגעקומען לערנען ביי אים, איז אזא געשיכטע: איך שטיי אזוי מיט מיין פאָטער אין בית-המדרש, אין א דאָנערשטאָג-פרימאָרגן, קומט צו מיר צו דער אייבער־שמש און זאָגט: „דער רב הייסט, זאָלסט ארויפגיין אויף דער בימה״. איך וואַרף א בליק אויפן טאַטן, ער וואַרפט מיר צו א שמייכל מיט א שאָקל מיטן קאָפּ אויף „יע״. איך גיי ארויף. זע איך, א סך יידן שטייען פאַראינטערעסירט און פאַרדאגהט, די קעפּ אין אָן אָפענעם ספר־תורה אַריינגעבויגן. דער ספר־תורה איז ברייט פונאַנדערגעשפּרייט אויפן טיש און א ייד — דער גבאי פון בית־המדרש זאָגט, קרעכצנדיק: „גאָט וויס, צי ער וועט טרעפן״. איך קוק אים אָן און דער רבי זאָגט: זאָג מיין קינד, וואָס איז דאָס?״

—„אַ „ה״

—„דאָס?״

—„אַ „ז״.

—„נו, ווייטער?״

—„אַ „מ״, אַ „ק״, אַ „ר״ — — —

—„כשר, כשר, כשר!״ הייבט דער רב אָן צו שרייען.

—„כשר, כשר, כשר! געלויבט איר דער אייבערשטער, כשר״— שרייען אלע יידן נאָך מיט גרויס התלהבות. און אין בית־המדרש ווערט „ליהודים״—„מאירל האָט כשר געמאַכט א ספר־תורה״—פילדערט מען פון אלע זייטן, און איך פיל, ווי וויכטיק איך בין, און איך פריי זיך שטאַרק אין מיין יונגן האַרצן און ס׳ווילט זיך מיר וויסן, וואָס פארא גוטע זאכן איך וועל קריגן פאַר דעם פאַרשאַפטן שמחה וששון...

—„רב אברהם מרדכי!״ שרייט אויס דער אלטער רב אויפן קול— „אייער מאירל וועט היינט ביי מיר אָנהייבן צו לערנען גמרא״.

—„איז דאָס אַלץ, וואָס איך וועל קריגן ?״—פרעג איך מיין טאַטן אין דער שטיל און ער ענטפערט מיר מיט א שמייכעלע :—„מיין קינד, ס׳איז א גרויסע, טייערע זאַך, אז דער רבי אליין וועט מיט דיר לערנען גמרא. און דער רב איז מיט מיר שפּעטער אויך צופרידן, ער לויבט מיין חריפות און התמדה. ער קנייפּט מיר ליבלעך אין בעקל און זאָגט : „מאירל, דו האָסט א גוטן קאָפּ, דו וועסט זיין א גרויסער למדן״. ווען איך בין קלאָר אין די דריי „בבאָס״, גיי איך אריבער לערנען צו הרב רבי ירחמיאל העלער, אַן איישישקער עילוי.

אין דער זעלביקער צייט, וואָס איך לערן מיט ברען „נזיקין״ און „סדר נשים״, לערן איך נאָך אלץ פלייסיק העברעיש ביי מיין טייערן לערער מענדל שאַרפּינאָוויטש. איך שוויץ אויפן „תלמוד לשון עברי״, וועלכן איך קען וווּנדערבאַר גוט, און לערן אויסנווייניק גאַנצע קאַפּיטלעך פון תנ״ך ; מען באוווּנדערט מיין בקיאות און גרויסע יידן קומען מיר פרעגן א טייטש־וואָרט, א פסוק. מען רימט מיך און איך האָב דערפון הנאה און לערן נאָך פלייסיקער און דעקלאַמיר ישעיהו פון אָנהייב ביזן סוף. איך לאָז מיך אריין אינדערשטיל אין מיין לערערס קליינעם צימער, וואָס איז אָנגעפּאַקט מיט ביכער און אַלטע זשורנאַלן. איך דערזע סמאָלענסקינס ביכער און פאַרליב זיך אין דעם „התועה״ און לייען דורך גאַנצע נעכט אלץ, וואָס סמאָלענסקין האָט געשריבן, אריינרעכענענדיק די „השחרס״. מאַפּוס ביכער געפין איך אַ ביסל שפּעטער און ער מאַכט אויף מיר דער איינדרוק פון „לחם הקלוקל״. איך האָב ליב יל״גן, לערן אויף אויסנווייניק „אשקאָ דריספּק״ און „בירח בלילה״. איך האַלט אין מיטן לערנען אויף אויסנווייניק זיין „קוצו של יוד״, ווען איך דערזע מיכה יוסף לעבענזאָנס שירים און לערן אויך די דאָזיקע. ס׳געפעלט מיר אויך אדם׳ס. איך פאַרזוך דעם רי״בל, אָבער ס׳קלעפּט זיך נישט, איך פאַרשטיי נישט גוט און מוז אָנקומען צום רבין. איך לייען מיט גרויס חשק „המליץ״, „הצפירה״, די אלטע „המגיד׳ס״, „האסיף״, „הבוקר אור״. עס מאַכט אויף מיר אַן איינדרוק אבראַמאָוויטשעס „האבות והבנים״. איך שלינג יעדער וואָרט פון סאָקאָלאָוון. מיין נשמה ווערט פול פון זיין הוד־שבתפארת סטיל און איך פאַרפעל נישט איין פינטעלע, וואָס קומט ארויס פון זיין גאָטלעכער פעדער.

באַלד נאָך מיין בר־מצוה שיק איך אוועק א בריוול פון פרייל אין „הצפירה״. און ווי גרויס איז געווען מיין שמחה ווען איך האָב דערזען אי־בער דעם דאָזיקן בריוול געדרוקט מיין נאָמען : „מאיר פאלק האָפמאַן !״ מיט

ביידע הענט האָב איך געמוזט צוהאַלטן מיין האַרץ, עס זאָל פון פרייד און גדולה נישט אוועקשפּרינגען...

מען קוקט אויף מיר מיט אכטונג. יידן זאָגן: דאָס איז דאָך צום ערשטן מאָל, וואָס דער נאָמען פרייל איז דערמאָנט אין א העברעישער צייטונג! איך שרייב אָפט קאָרעספּאָנדענציעס אין „הצפירה" און ווער יעדן מאָל פאַרפלעפט, זעענדיק מיין נאָמען אין דעם מעכטיקן סאָקאָלאָווס בלאַט... איך באקום דעם „השלח" און איך לייען מיט אַפּעטיט אחד־העם'ס און קלויזנערס מאמרים. איך היט יעדער קאָפּיע ווי אַן אויג אין קאָפּ און קריג חשק צו קלייבן ביכער. מיין צימער ווערט אַן אמתע ביבליאָטעק, געפּאַקט מיט צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער. מען קומט צו מיר יונג און אַלט, מיין צימער קריגט א פּנים פון א קהל שטיבל, מען לאָבט זיך מיט כל המינים ליטעראַטור.

איך קום אַן אין דער רוסישער שול פון הער שאַפּיראָ, וועמען מען רופט „דער אייביקער סטודענט". איך לערן געשמאַק און טו א גרויסע פּעולה אין דער רוסישער שפּראַך, איך צייכן זיך אויס אין גראַמאַטיק און שרייב און רייד ריכטיק און גוט. עס ווערן מיר וויניק די פיר און צוואנציק שעה אין מעת-לעת. איך צעטייל דעם טאָג אויף דריי לימודים: תּלמוד, העברעיש און רוסיש. איך בין, אויסער „נזיקין" און „נשים", שוין קלאָר אויך אין „מועד", די מסכתות „שבת", „פּסחים", „יומא". העברעיש לייען איך פיל, פאַרברענג א סך צייט אויף גרעטצס געשיכטע אין שפּ'רס איבערזעצונג און אויף אלגעמיינע היסטאָריע אין רוסיש. איך האָב ליב היסטאָריע און היסטאָרישע ראָמאַנען. איך שאַף זיך איין אלץ, וואָס איז ארויס פון הוצאת „תושיה", אלץ פון „אחיאסף". איך לייען פיל און אָן א סדר, אַלץ וואָס פאַלט מיר אין האַנט אריין, אָן באגרענעצונג און אָן איבערקלייבעניש. אין רוסיש זיינען מיינע ליבלינגס פּושקין, נאַדסאָן און גאָרקי. איך לייען אויך א סך פון טאָלסטאָיען, טורגעניעוון, גאָגאָלן, דאָסטאָיעווסקין און טשעכאָוון. איך שרייב אויס די „קניזשקי זנאַניא", זשורנאַל „דליא וסיעך" און די טעגלעכע צייטונג „ריעטש". אין דער זעלביקער צייט לערן איך אויך פלייסיק די דייטשע שפּראַך. מיין האַרץ איז אָבער אוועקגעגעבן פאַר העברעיש. איך פיר א טאָג־ביכל אין העברעיש און שרייב העברעישע שירים.

ווען איך ווער אלט זיבעצן יאָר און די צייט פון תכלית־מחשבות רוקט זיך אָן ווי א טונקעלע הארבסט־נאַכט, פאַרשטאַרקט זיך מיין פאַרלאַנג צו פאָרן שטודירן אין דייטשלאַנד. מיין פאָטער זאָגט, ער האָט באשלאָסן מיר

נאָכצוגעבן מיין פאַרלאַנג. איך שטרענג מיך נאָך מערער אָן צו לערנען גרינטלעך די דייטשע שפּראַך. מיין געטרייע פיל געליבטע מוטער ווערט אומרויק צוליב מיין אָנשטרענגונג און רעדט מיר צו נישט אַזוי פיל צו לערנען אַלץ מיטאַמאָל, א ביסל מער צו שלאָפן און נעמט מיך אויפּפּאַסן און צערטלען אָן א סוף. מיין געזונט־צושטאַנד איז טאַקע שוואַכלעך, דערפאַר אָבער לערן איך מיך גוט אויס צו שרייבן און אויך ריידן דייטש. איך קריג ליב די שפּראַך און לייען א סך. איך פאַרשטיי שוין היינען אין אָריגינאַל, איך קריג פריער בענדער פון זיינע שריפטן און „בוך דער לידער". איך לייען „פאַוסט" (ערשטער טייל) אין אָריגינאַל, איך לייען שילערן, לעסינגן, אָבער מיין ליבלינג בלייבט היינע. איך בין אַזוי שטאַרק אונטער היינעס איינפלוס, אַז איך זעץ איבער א סך זיינע לידער אין העברעיש און נעם אַליין שרייבן לירישע לידער אין העברעיש. אונטער דעם איינפלוס פון זיין באַוווסטער פּאָעמע „דויטשלאַנד" שרייב איך א לאַנגע פּאָעמע „המלך האדמוני" (א רמז אויף היינעס „קעניג רויטבאַרד" און אַגב אויף עשו'ן), מיינענדיק דערביי צאַר ניקאָלאַי. אונטערן טיטול „משתה אחשורוש" שרייב איך א לאַנגע פּאָעמע פון זעכציק פערזן־גראַמען, וווּ איך שילדער צאַר ניקאָלאַיס קרוינונג. איך מיין איצט, אַז עס האָט נישט געהאַט קיין ליטעראַרישן ווערט, אָבער פון א זיבעצן יאָריקן יינגל איז עס געווען גאָר נישקשה. מיין פאָטער האָט פון דעם גרויס הנאה געהאַט און מיין לערער האָט אויף דעם געזאָגט: „בן חכם ישמח אב", אָבער ס'וועט אים פרייען אויב איך וועל עס האַלטן בחדרי חדרים. איך האָב אים געפאָלגט און איך האָב מיין בוך מלא וגדוש מיט א סך שירים געהאַלטן בסוד פאַרשטעקט צווישן דיקע ביכער ביז... ס'האָט פּאַסירט אַזאַ מעשה:

איך און מיין טייערער חבר מענדל שלעזינגער (איצט אַן „אַקאַונטענט" אין ניו־יאָרק), וועלכע האָבן געהערט צו דער אגודה „חובבי ציון" אין פּריל, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן מיט א דריי יאָר פריער, ווען מיר זיינען נאָך געווען פערצניאָריקע יינגלעך, באַשליסן צו גרינדן אַן אייגענע אגודה מיטן נאָמען „דורשי מדע". מיר קלייבן צוזאַמען א פינף און צוואַנציק—דרייסיק אַרבעטער, ערלעכע, אומוויסנדיקע און שווער אַרבעטנדיקע בחורים. מיר, צוזאַמען מיט נאָך איניקע, ריידן פאַר זיי, דערקלערן זיי דעם ציוניזם, מיר קומען אָפּט צוזאַמען לערנען זיי שרייבן און לייענען ייִדיש, העברעיש און רוסיש; העברעיש קריכט זיי, נעבעך, אין קאָפּ נישט, אָבער פאַר ייִדיש און רוסיש כאַפּן זיי זיך אָן און לערנען פלייסיק. מיר לערנען זיי היסטאָריע און נאַציאָנאַלע ליטעראַטור. איך באַשרייב די אגודה אין

„הצפירה“ און מאַך א הומאָריסטישע צייטונג „דער שטיפער“. איך קויף גרויסע בויגנס פּאַפּיר, ס'זאָל זיין אין דער פאָרם פון א צייטונג, איך שרייב אליין דעם „מאמר ראשי“, די הומאָריסטישע נייס, איינינקע שירים, א פעליעטאָן א.א.וו. די צייטונג ווערט געכאַפּט פון האַנט צו האַנט, מען לייענט זי, מען לאכט. אין דער צייטונג זיינען באשריבן די פריילער גבאים, אין איר ווערט אָפּגעלאכט און אָפּגעשפּאָט פון דער רעגירונג, פונעם זעמסקי נאַטשאַלניק—א צורר היהודים א.א.וו. די ארבעטער לייענען מיט אנטציקונג, קוועלן אָן פון נחת און שרייבן איבער א סך קאָפּיעס פון דער צייטונג.

אונטער דער צייט קומט ארונטער פון דווינסק א יונגער בחורל, באקענט זיך מיט די ארבעטער און נעמט זייען אויף די דאָזיקע אויסגעאַקערטע און אויסגעבראָנעוועטע פעלדער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע זריעה, ער טיילט בראָשורן צווישן די ארבעטער און האַלט רעדעס פאר זיי.

מיטאַמאָל ווערט דאָס בחורל פארשוווּנדן און גלייך נאָכדעם קומט אין א שיינעם פרימאָרגן אָן אין איילעניש מיינער א פריינד, וואס איז א גאנצער בן־בית ביים „פּריסטאַוו“ קוים אָטעמנדיק רעדט ער ארויס: „איר אלע זייט אין גרויס סכנה, דער פּריסטאַוו ווייס פון אייער אגודה און פון דיין צייטונג, פארברען אלץ, וואָס דו האָסט“. איך נעם די צייטונג, ווי אויך מיין בוך שירים מיט דער לאַנגער פּאָעמע „המלך האדמוני“ און עטלעכע אומלעגאלע ביכער און ווארף אַלץ, האַק און פּאַק, אין פייער אריין.

די וועלט האָט געוויס גאָר נישט פארלאָרן דורך דער פארניכטונג פון מיינע קינדערשע שריפטן, אָבער מיר טוט נאָך עד היום וויי דאָס הארץ אויף דעם, ווייל א שטיק פון מיין יוגנט איז צוזאמען מיט די דאָזיקע שריפטן אוועק מיטן רויך.

אָבער טרויערנדיק אויפן חורבן פון מיינע שרייבעכצן, ווער איך געטרייסט דורך א וואונדערבארער באגעגעניש מיט א ליב־טייער מיידל,—מיט דעם שיין געבילדטן טעכטערל פונעם אוטיאָנער רב רבי בנימין הצדיק, (דער זון פון באוווּסטן „פתחי־תשובה“), וועלכער איז געוועזן באוווּסט אומעטום פאַר זיין גאונות און נאָבילִיטעט. איך ווער פארכשופט פון איר הערלעכקייט און גרויס איידלקייט, מיט איר דערשיינען ווי א זונענקינד ווער איך פּלוצלונג גאָר אן אנדער מענטש. מיר דוכט זיך, אז דער גאנצער ארום, מיט אלע ביימער, פעלדער און וועלדער, מיט די צאַללאָזע בלומען און גראָזן באקומען גאָר אן אנדער אויסזען. איך בין פאַרליבט מיט דער הייס־ברענענדיקער שיר־השירים־ליבע. כ'לערן שווערע „סוגיא'ס“ אין

גמרא און פּלוצלונג לייכטן פאַר מיר מיין געליבטעס ליכטיקע, קלאָרע און שיינע אויגן און די „סוגיאָ" קריכט מיר נישט אין קאָפּ מער. איך פּרווו מיינע ליבע־יסורים צו פאַרזינגען מיט א ניגונדל, וואָס איך האָב געירשנט פון מיין פאָטער, כ'לערן זינגענדיק, אָבער די ליבע־יסורים ווערן נאָך שטאַרקער אין מיין צאַפּלדיקער נשמה. איך געפין אָבער א שטיקל מנוחה אין לידער שרייבן; איך שרייב פאַר איר א סך לידער אין העברעאיש. זי רעדט און שרייבט העברעיש. זי ווערט נתפעל פון מיינע שירים און דאָס גיט מיר מוט צו שרייבן מער און מער. מיין געליבט מיידל זאָגט מיר, איך זאָל די דאָזיקע שירים לאָזן דרוקן... אירע ווערטער גייען מיר טיף אין מוח אריין און איך שיק אוועק א זעקס לידער צו דוד פרישמאַנען אין א פּאָר וואָכן ארום קריג איך א קאַרטל פון אים מיט עטלעכע שורות: דו האָסט טאַלענט, אָבער עס פעלט דיר רייפקייט, שרייב נאָך און שרייב אויך פּראָזע. איך בין אנטוישט און ס'נאָגט מיר ס'האַרץ פון פאַרדרוס און צאָרן: ווי קומט עס צו מיר די נארישקייט און חוצפה אוועקצושיקן מיינע ליבע־לידער צו אזא גרויסן דיכטער, א בר־סמכא, וועלכער שאַנעוועט נישט צו מאָכן אפילו פון די אמת-גרויסע שריפטשטעלער און דיכטער אַש און שטויב... און איך באַשליס צו שרייבן מיינע העברעישע לידער נאָר פאַר איר, אָבער וועגן דרוקן חלום איך גאָר ניט. יאוש האָט געפּייערט נצחון איבער מיין האָפענונג. איך פאַרגיס אין דער שטיל א פּאָר טרערן און נעם זיך טרייסטן מיט מיין גרייטן זיך צו פאָרן קיין דייטשלאַנד שטודירן, אזוי ווי ס'איז באַשלאָסן. נאָר דאָ פּאַסירט דאָס שרעקלעכסטע אין מיין לעבן. ס'קראַכט א דונער איבער אונדזער פאַמיליע: מיין גוטער, פיל־געליבטער פאָטער ווערט קראַנק, ווערט פון טאָג צו טאָג ערגער, איך פאָר מיט אים קיין דווינסק צו גרויסע דאָקטוירים, זיי זאָגן: נישטאָ קיין מיטל אים געזונט צו מאַכן. ער גוססט און רופט מיך צו, גלעט מיך איבערן קאָפּ; כ'זע ווי שווער עס קומט אים אָן ס'ריידן, און ער זאָגט:

„מיין קינד, איך בעט דיך: זאָג מיר צו, אז דו וועסט טאָן מיין לעצטן פאַרלאַנג".

— „אוודאי וועל איך טאָן", — זאָג איך אים.

—„טאָ געדענק אזוי: אויב איך וועל ווערן געזונט, וועסטו פאָרן שטודירן, נאָר טאָמער, חלילה, נישט, דאַן זאָלסטו פאָרן קיין אפריקע צו דיינע ברידער און דו זאָלסט שטיצן דיין מאַמען און דיינע שוועסטער, וועלכע וועלן זיך נייטיקן אין דיין הילף".

איך זע זיינע קלוגע אויגן פול מיט טרערן, מיין האַרץ האַלט ביים פּלאַצן און איך צעוויין זיך ביטערלעך. מיין געוויין איז נישט געווען אומזיסט... ער איז גלייך נאָכדעם געשטאָרבן. אין הויז איז קלאָג און חושך. מיין מאַמע וויל זיך נישט טרייסטן, „וואָס הייסט"—טענהט זי— „אַז ער איז געשטאָרבן, מוז איך גיין מיט אים..." זי האָט איר וואָרט געהאַלטן. אין פינף חדשים אַרום, ווען דער ערשטער שניי איז געפאַלן און ס'איז געווען אַ ברענענדיקער פראָסט, האָט איר צעבראָכן האַרץ זיך אָפּגעשטעלט.

פאַר מיר הייבט זיך אָן אַ נייע טרויעריקע עפּאָכע, פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר פאַמיליע, אויס חלומות וועגן שטודירן, אויס שטרעבונגען אַ קאַריערע צו דערגרייכן!

איך שרייב אָן אַ קלאָג־ליד, אַקראָסטיכיש דריק איך אויס די מיר טייערע נעמען פון מיינע עלטערן און גיס אויס מיין באַטריבט האַרץ אין דער דאָזיקער „איכה". די רעדאַקציע פון „הצפירה" האָט עס אָנגענומען און האָט עס שוין אָפּגעדרוקט. („הצפירה", כ״ז אייר תר״סד).

איך מיט מיינע שוועסטער און מיט מיין יינגערן ברודער פאָרן אַריבער קיין דווינסק. איך ווער דאָרט אַ העברעישער לערער. מיינע פאַרדינסטן זיינען קליין, ס'קלעקט נישט „די חלה אויף המוציא", ס'איז שווער זיך דורכצולעבן. איך זע, אַז מיין הבטחה, וואָס איך האָב געגעבן מיין פאָטער, קיין אַפריקע צו פאָרן וועט מוזן באַלד מקוים ווערן. ס'פאַרדריסט מיר צו פאַרלאָזן דווינסק און איך שרעק זיך פאַר אַפריקע. אויסער דעם איז מיר אַזוי שווער, אַזוי ווייט אוועקצוגיין פון מיין געליבטע מיידל און פון אַלע פריינד; איך גיי אַרום ווי אַ שאָטן, איך שלאָף נישט קיין נעכט. און אין די שלאָפלאָזע נעכט שרייב איך די טרויער־לידער „על מות אבי" און אין יידיש „מיין מאַמע". זיי זיינען געבליבן אין מיין טאָג-בוך, אַ שטיקל פון מיין יונג־פילנדיק האַרץ ליגט אין זיי.

ס'ברעכט אויס די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה. „דם ואש ותמרות־עשן". די רעוואָלוציע שטאַרקט זיך. דווינסק איז צעטיילט אין פּאַרטייען. די יוגנט קאָכט, ברענט. איך באַקען זיך געהעריק מיט סאָציאַלע פראַגעס און מיין האַרץ ציט צו די „פּועלי־ציון". איך שרייב לאַנגע קאָרעספּאָנדענצן אין פאָרם פון מאמרים אין „הזמן" פון בן־ציון כץ (עטלעכע זיינען נאָך ביי מיר פאַראַנען), איך לייען אָן אַ שיעור אין שטאָטישן לייען־זאַל און אין הויז און שרייב פיל שירים. צו דער זעלבער צייט פאַרטיף איך זיך אין אַ סך וויסנשאַפטלעכע און פילאָסאָפישע ווערק.

איך קום זיך צוזאַמען מיט גרויסע יידישע מאַסן און איך זע, אז עס פעלן מיר ידיעות אין מיין אייגענער שפּראַך, אין דער שפּראַך פון די מאַסן, אין דער שפּראַך פון מיין מאַמען—אין יידיש.

איך וואַרף זיך ארויף דאַרשטיק אויף יידיש און לייען אלץ, וואָס איז געשריבן אין דער שפּראַך. איך שרייב פיל לירישע לידער אין יידיש, אויך לידער, וואָס טראָגן א רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער, באהאלטן אונטער נאציאָנאלע נעמען, ווי, צום ביישפּיל: „זאָג מיין קינד, מיר" (א ליד אויף פסח צום סדר), א פּראָטעסט אנטקעגן דער צענזור, וואָס די ווערטער פונעם „רשע" ווערן גוט פארשפּרייט, נאָר דעם „חכם׳ס" ווערטער ווערן דער־שטיקט א.א.וו. איך שיק עס אוועק צו דר. וואַרטסמאַן און ער דרוקט עס אָפּ אין זיין „צוקונפט" (פסח, תר"סה).

באלד שרייב איך אָן „כפּרות" און דאָס דרוקט זיך אין דעם ערשטן נומער „וועג" פון נח פרילוצקי. ווי געהויבן איז מיין מוט, ווען איך זע דעם פאָלגענדיקן אינהאַלט פון דער צייטונג:

א גראָע האָר . . . . מענדעלע מוכר ספרים
גיי נישט מיט מיר . . . . י. ל. פּרץ
תשליך . . . . שלום אַש
כפּרות . . . . מ. פ. האָפמאַן
ס'נייע יאָר . . . . דוד פרישמאַן

איך שרייב אָן א ליד „מלקות", וו דעם צאַרס קנוט ווערט געשילדערט, און דרוק דאָס אויך אָפּ אין „וועג".

די געדרוקטע, אזוי ווי די ניט־געדרוקטע שירים זיינען מיר טייער און געשמאַק, אָבער די שאלה „מה נאכל" עגבערט מיר אין מוח.

איך שענק אוועק אלע מיינע ביכער און זשורנאלן דער דווינסקער ביבליאָטעק. איך געזעגן זיך מיט דווינסק, מיט מיין פאמיליע, מיט מיין געליבט מיידל און איך פאָר אָפּ קיין אפריקע.

אין באַן פאָרנדיק פון דווינסק קיין ליבאַווע, שרייב איך אין מיין טאָג־בוך די דאָזיקע פערזן:

אין רוסישן האַרבסט, ווען ס'דעקן צו כמאַרעס
די פעלדער און גאָרטן;
ווען ס'שיידן זיך בלעטלעך פון ביימער און פאַלן
ווייט,—ווייט דורכן שטורעמווינט דאָרטן—

דאַן בין איך, אזוי ווי די וועלקנדע בלעטלעך
צעזייטע, צעשפּרייטע אין דרויסן,
געצווונגען געוואָרן דורכן שטורעם פון לעבן
פון היימלאנד צו ווערן פאַרשטויסן.

אין רוסישן הארבסט, ווען עס זיינען געוואָרן
פארוועלקט שיינע בלומען און גראָזן—
האָב איך מיט א ביטערן טרויער אין הארצן—
אָ, אלץ וואָס איז טייער פאַרלאָזן!.

עס זיינען די פריינד און חברים
געקומען צום באַן מיך באַגלייטן
און האָבן געוויינט און געכליפּעט,
אזוי ווי מען וויינט אויף א טויטן.

נאָר איך האָב קיין טרער נישט פארגאָסן,
געשטאַנען פארשטיינערט, אַ מידער;
די טרערן—דאָס האָב איך געלאָזן
צו שרייבן די וואנדערונג־לידער...

ס'הייבט זיך הויך דער רויך און דרייט זיך
און ער ציט זיך אויס ברייט, לאנג;
כ'שטיי, באַטראַכט עס, ד'אויגן טרערן
און מיין האַרץ איז טריב און באַנג.

אלע חלומות און פאנטאזיעס
פון דער צייט פון יוגנט-גליק
זיינען מיט דעם רויך פארשוווּנדן—
נישט צו קומען שוין צוריק...

די מראות ומעשים פון קינדהייט און יוגנט האָבן זיך א שפּאַר געטאָן און איך ווייס איצט נישט, וועלכע שטריכן זיינען די וויכטיקסטע, מיר זיינען די איינצלהייטן אזוי ליב און וואַרעמלעך און די דאָזיקע „שרטוטים" זיינען קיין טויזנט-חלק נישט פון די, וואָס איך האָב אין מיין מחשבה,

וועלכע קענען געווינט זיין אָנצושרייבן א גרויסן בוך, דערפאר וועל איך מיינע פּאַטירונגען פון דער זייט ים אזוי פארקירצן, אז נאָר די הויפּט־פונקטן, וואָס זיינען נייטיק פאר די, וועלכע אינטערעסירן זיך צו וויסן, אז מיין אמאָל־פּלאַמיקער ווילן צו ליטעראַטור און וויסנשאַפט איז נישט אויסגעלאָשן געוואָרן אין דעם גאַנצן פערטל יאָרהונדערט פון מיין זיין אין אפריקע.

אויפן אַנטלאַנטיק האָב איך אָנגעשריבן פיל לירישע לידער.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין קייפּטאַון האָב איך זיך באקענט מיטן שרייבער הער נ. ד. האָפמאַן. ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים געבן א פינף און צוואַנציק לידער אָפּצודרוקן. איך בין געווען מלא שמחה. ער האָט דאָס אָפּגעדרוקט, נאָר מיט אזוי פיל גרייזן, אז פון גרויס פאַרדרוס האָב איך עס דן לשרפה געווען, בלויז עטלעכע עקזעמפּליארן זיינען מיר איבערגעבליבן.

זייענדיק פאַרזונקען אין האנדל־תהום, וואָס שלינגט אין זיך איין די הייליקסטע און צאַרטסטע געפילן און אידעאַלן, האָב איך געשריבן די פאָלגענדיקע שורות:

א האַנט א האַמעטנע פון לעבן
האָט פאַרפּלאָנטערט מיין נשמה אין א קאַלטן;
זי האָט געריסן זיך, געפּלאַטערט און געצאַפּלט
צו באפרייען זיך . . . נאָר עס האָט איר נישט געגאָלטן
פאַרשטויסן זי האָט יענע האַנט די גראָבע
אין כף־הקלע—מיט א מאַסשטאַק א באַגאָלטן
עס ציט זי, נעבעך, צו אנדערע וועלטן
אַרויסצוגיין פון תהום, אָבער האָט איר שוין נישט געגאָלטן.

. . . .

די ערשטע אַכט יאָר אין אפריקע האָב איך געאַרבעט עבודת־פרך, געלעבט אין א קליין שטעטל האָופּטאַון (קייפּ פּראָווינץ), געהאַט א קליין געשעפטל, געטראָגן פעק פעלן אויף די פּלייצעס, די ערשטע צייט—געאַרבעט אויטאָמאַטיש, איבער די כוחות א צוועלף־פערצן שעה אין מעת־לעת. אונטער אַזעלכע שווערע באדינגונגען האָט זיך מיר איינגעגעבן זיך דורכ־צולעבן און צו שטיצן מיינע נאָענטסטע און ליבסטע, וועלכע האָבן זיך גענייטיקט אין מיין הילף, ווי אויך צו שטיצן אלע נייטיקע נאציאָנאלע און צדקה־אַנשטאַלטן. פאַרשטייט זיך, אז וועגן שטודירן סיסטעמאַטיש

האָט קיין רייד נישט געקענט זיין, פונדעסטוועגן האָב איך אונטער דער צייט געקראָגן א לערער—מיר די ענגלישע און אפריקאאנשע שפראכן צו לערנען. דער לערער מיינער איז געווען א פריסט, א הויכגעלערנטער מאַן, וואָס, צו מיין גליק, האָט זיך אים פארוועלט לערנען העברעיש; האָב איך אים מיט העברעיש באַצאָלט פאר זיין לערנען מיר די אויבנדערמאָנטע שפראכן, אין וועלכע איך האָב געטאָן א גרויסע פעולה. אין א פּאָר יאָר צייט האָב איך באהערשט די דאָזיקע שפראכן. איך בין געווארן גוט באַקאנט מיט די ענגלישע הויפט-קלאסיקער. ווי אין מיין יוגנט האָב איך זיך א נעם געטאָן מיט ברען צו לערנען אויף אויסוויינִיק דיכטער. איך האָב פיל מאָל איבערראָשט ענגלישע סטודענטן מיט מיין רעציטירן לאנגע מאָנאָלאָגן פון שעקספּירס „האמלעט״, „מידסאָמער־נייטס דרים״, די „הענריס״, „ראָמעאָ און דזוליעט״, „עז יו לאַיק איט״ א.א.וו. אויך לאָרד בייראָנס, טעניסאָנס און לאָנגפעלאָס. איך האָב שטודירט מיט אפּעטיט די ענגלישע און אפריקאאנשע היסטאָריעס, געלערנט אויך פלייסיק לאָטיין און איבערראשט די לערער פון דער דאָרטיקער שול מיט מיינע קענטענישן אין דער דאָזיקער שפּראך. מיט גרויס ענערגיע האָב איך זיך א נעם געטאָן, ווי אמאָל אין דער אלטער היים, צו פארטיפן זיך אין פילאָסאָפישע ווערק. איך האָב מיר איינגעשאַפן א ביבליאָטעק, אויסגעשריבן יידישע, העברעישע, רוסישע און ענגלישע צייטונגען און זשורנאַלן. איינגעשאפט זיך אויך די ספרים פון רמב״ם, וואָס איך האָב אזוי פיל געלערנט און האָלט געהאט אין מיין יוגנט, און א ש״ס און שפּעטער עס אָפּט געלערנט כדי עס נישט צו פארגעסן.

איך האָב געגרינדעט א ציוניסטישע חברה אין האָופטאון און בין געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אויפהאלטן דאָס יידישע וואָרט אין אָט דעם פאַרוואָרפענעם, גאָט־פארגעסענעם ווינקעלע.

איין יאָר פאר דער וועלט־מלחמה (1913) בין איך געפאָרן קיין בערלין, אָבער נישט מיטן געדאַנק צו שטודירן (פונדעסטוועגן האָט זיך מיר איינגעגעבן דאָרט דורכצומאכן ראַקאָווס אינסטיטוט פאר בוכהאלטעריע), נאָר צו באגעגענען דאָס וווּנדערבארע מיידל, וועלכע איך האָב אזוי הייס און געטריי געליבט די גאנצע צייט פון מיין סאַמע יוגנט אָן און וועלכע האָט מיך גליקלעך געמאַכט מיט איר קעגן־ליבע. דאָס איז געווען אַן אמתער האר-ציקער ראָמאַן מיט א צען־יאָריקע קאָרעספּאָנדענץ פון עטלעכע הונדערט בריוו, וועלכע אנטהאַלטן א סך פיינעם מאטעריאל פאר א גרויסער און פיינער נאָוועלע.

מיר האָבן חתונה געהאַט אין קעניגסבערג אַפּריל 1914 און נאָכן פאַרברענגען כמעט א יאָר אין בערלין, קעניגסבערג, לייפּציג, לאָנדאָן און נאָך אַנדערע אייראָפּעישע שטעט בין איך מיט מיין געליבטער פרוי געקו־מען קיין האָופּטאַון. נאָך א דריי יאָר לעבן אין דעם דאָזיקן פאַרוואָרפענעם מדבר־שטעטל האָט זיך מיר איינגעגעבן אַלץ צו פאַרקויפן און אַריבער־צוציען קיין דע־אַאַר, ווו אונדזער מאַטעריעלער צושטאַנד האָט זיך פיל פאַרבעסערט. ליידער אָבער בין איך אַזוי שטאַרק אַריינגעצויגן געוואָרן אין מסחר־הוהאַ, מיטן גאַנצן גערויש און טומל, מיט דער גאַנצער משא־ומתן־קאָפּ־דרייעניש, מיט „מערטשענס" און מיט קונדן, אז עס איז מיר קיין צייט נישט געבליבן צום לערנען, לייענען און שרייבן.

מיין טאַניע אָבער האָט ניט גערוט, זי האָט איינגעאָרדנט א שרייב־צימער, וועלכן מיר האָבן גערופן: „בית־מקדש־מעט", און זי האָט זיך באַמיט א צייט אָפּצושטעלן פאַר מיין שרייבן, צו וואָס זי האָט מיך שטאַרק און הארציק געוועקט און געמונטערט.

זייענדיק אז די קהלשע און ציוניסטישע אַרבעט (איך בין געווען פאָרזיצער פון די אויבן דערמאָנטע חברות פאַר עטלעכע יאָר כסדר) נעמען אוועק צופיל צייט און גרויס געווינס פאַרן אידעאַל, האָב איך עס אַלץ אָפּגע־געבן מיט כבוד צו אַנדערע און געזאַמלט כחות כאָטש א פּאָר שעה אין דער נאַכט עפּעס וואָס אָנצושרייבן. און מיר האָט זיך איינגעגעבן אָנצושרייבן א ריי לאַנגע עפּישע, ווי אויך דראַמאַטישע פּאָעמען און סאָנעטן אונטערן נאָמען „וואָגלונגס-קלאַנגען", וועלכע זיינען געדרוקט געוואָרן, אין בוך־פאָרם, אין וואַרשע אין 1935 אונטער דער אויפזיכט פון דעם באַוווּסטן זשורנאַליסט נחמן מייזל. דאָס בוך האָט מיר פאַרשאַפט גרויס כבוד און פרייד, ווייל איך בין באַגליקט געוואָרן צו האָבן גוטע און דערמוטנדיקע רעצענזיעס: פון ליטעראַרישן גיגאַנט נחום סאָקאָלאָוו, פון דאָקטאָר פּראָפ. י. ל. לאַנדאו, מלך ראַוויטש, יודעלאָוויטץ, מאַיראָווסקי, ריבקאַ א.א.וו. דאָס בוך איז אויך גוט אָנגענומען געוואָרן ביים ברייטן עולם לעזער.

איך האָב אויך געשריבן „צייט־עכאָס" אין לייכטן סטיל. א סך פון זיי זיינען געדרוקט געוואָרן אין דער „אַפריקאַנער יידישע צייטונג", יאָהאַנעס־בורג און איך האָף דאָס אַלץ אַרויסצוגעבן אין בוך־פאָרם.

אין דער זעלביקער צייט האָב איך אויך אָנגעשריבן ניין ספורים אין העברעיש מיט די פאָלגענדיקע נעמען:

תקיעה שבלבלה; צדקה האם; יהודי זר; אותות האגדה; אפיזודים; נחום סוקולוב (שיר בפרוזה); חסד; תשליך; נפסק הקול.

כמעט אלע זיינען שוין געדרוקט געווארן אין דעם חודש־זשורנאל „ברקאי" און איך האָף אלע דערציילונגען צו דרוקן אין בוך־פאָרם.

דאָ נישט לאנג האָב איך פארענדיקט און פאַרטיק געמאכט צום דרוק אין יידיש דעם איצטיקן בוך „אונטער אַפריקאַנער זון".

איצט בין איך באשעפטיקט מיט איבערזעצן פון העברעיש אין יידיש „נאפאָלעאָן פון דער געטאָ", אן עפּאָפּייע פון יידיש-פוילישן לעבן, אין פופצן בענדער, וואָס נחום סאָקאָלאָוו האָט לעצטנס אָנגעשריבן און מיר פאַרטרויט די דאָזיקע קאָלאָסאלע און זייער פאראנטווארטלעכע ארבעט.

איך וויל צוגעבן, אז כאָטש מיין שיקזאל האָט מיך געצוווּנגען צו פארברענגען מיינע בעסטע יאָרן אין קליינע שטעטלעך, אין וויסטענישן און אין עטיקנדיקער סביבה, ווייט פון אינטערעסאנטער געזעלשאַפט, פארשטויסן פון גייסטיקן לעבן, צו וועלכן מיין הארץ האָט זיך אלע מאָל געריסן מיט דראַנג און שטורעם,—האָב איך, צום גליק, די שטאַרקייט געהאט, מיט דער הילף פון מיין געליבטער פרוי, נישט מסיח־דעת צו זיין פון דער הייליקער ארבעט, וואָס האָט מיין נשמה נאָך אין דער יוגנט באַוועגט און געטריבן,—צו שטודירן און שרייבן. און איצט פיל איך גאָר, אז ס'האָט זיך אויפגעעפנט אין מיר א פליסיקער קוואל פון מחשבות און געפילן, וועלכע איך האָף נאָך אויסצוגיסן אויפן פאַפיר, און דאס האלט איך פאר א גרויסער ברכה.

דע־אַאַר, דרום אפריקע, 1938.

א קרבן

(ד ע ר צ יי ל ו נ ג)

סידני ווינער פון שימלדאָרף וואונדערט זיך אויף זיך אליין, וואָס מיט־אמאָל האָט ער אזוי האָלט געקראָגן די נאָטור. פאר די גאנצע זעקס און דרייסיק יאָר פון זיין לעבן האָט ער זיך כמעט קיין מאָל ניט אָפּגעשטעלט צו באטראכטן און באוואונדערן די שיינקייט פון א זונאונטערגאַנג, למשל. אלץ איז אזוי געווײנטלעך און אומבאַמערקט צוגעגאַנגען. פארשיידענע נאטור־פּראַכטקייטן האָט ער זיך שוין געננוג אָנגעזען אין פארשיידענע לענדער: צוערשט אין זיין געבורטשטאָט, קרעמענטשוג, מיט די ארומיקע ברייטע ווייטע פעלדער, באשפּרענקלטע מיט אלערליי בלומען, מיט די סודותדיקע וועלדער אין האָריזאָנט, מיט די גרינע בערג און טאָלן און מיט די זילבערנע טייכלעך, אין וועלכע ער פלעגט זיך יעדן זומער פּליוסקען און שטיפן, זיך פאַרמעסטנדיק מיט זיינע חברים עטלעכע מאָל אריבערצושווימען, און ווינטער פלעגט ער מיט זיינע חברים און חברטעס אויף די זעלביקע טייכלעך זיך גליטשן מיט אזא פרייד, מיט אזא גרויסער הנאה, דאָס פּנים גערויטלט פון בייסעדיקן פראָסט, די יונגע ברענעדיקע אויגן אין זיך איינזויגנדיק די בלאַנקעדיקע ווייסקייט פונעם צאַרטן שניי, וואָס באַדעקט מיט מילך־ווייסער קאָלדרע אלע פעלדער און וועלדער, וועלכע שלאָפן דאָרטן, אונטער דער שניי־דעקע, און חלומען וועגן ליבן פרילינג, ווען זיי וועלן אויפשטיין תחית־המתים.

נאָכדעם האָבן אים זיינע עלטערן אוועקגעשיקט קיין אנטווערפּן, צו זיין פעטער א דימענט־שלייפער, וועלכער האָט אים ווי אַן אייגן קינד אנטפאַנגען און אים געלערנט דימענט־שלייפעריי. דורך די דריי יאָר, וואָס ער איז דאָרטן געווען, איז אים אויך אויסגעקומען גענוג שיינקייטן פון דער נאָטור אָנצוקוקן, אָבער ער האָט זיך קיינמאָל ניט באַמיט גוט זיך צוצוקוקן צו דעם און איז קיינמאָל ניט באַגייסטערט און ניט אַנטציקט געווארן פון דעם.

און ווען ער האָט געמוזט אנטווערפּן פארלאָזן צוליב זיין פעטערס געשעפטן, וואָס זיינען אונטערגעגאנגען, און ער איז דערנאָך קיין אפריקע

אָנגעקומען, זייענדיק איין און צוואַנציק יאָר אַלט, און ער האָט פאַר זיך דערזען א נייע וועלט מיט ברייטע, ברוינע פעלדער און ווייטע האָריזאָנטן, אין וועלכע אנשטאָט וועלדער, הייבן זיך אויף מיט גאוהדיקער פוילקייט הויכע פעלזן־בערג, וואָס שפּאַרן אזש אין די וואָלקנס אריין, און אלץ איז באַגאָסן מיט ברענענדיקן זונגאָלד—איז אים דאָס אלץ אויסגעקומען נייע און פרעמד, אָבער עס איז אים אויך ניט איינגעפאַלן אפּצושטעלן זיך צו באוווּנדערן און נתפּעל צו ווערן פון די נייע אינטערעסאַנטע נאַטור־בילדער.

און מיטאַמאָל איז ער פאַרענדערט געוואָרן עפּעס אזוי ווי דורך א כישוף! אזוי ווי ערשט היינט וואָלט ער צום ערשטן מאָל דערזען די זון, זיך פאַמע־לעך אויפהייבנדיק איבער די הויכע שפּיצן פון די מעכטיקע ריזן-בערג; פלוצלונג בלייבט ער גאָר שטיין פאַרפלעפט פון אנטציקונג פון א שקיעה און קען זיינע אויגן ניט אפּרייסן פון די צעפלאַמטע וואָלקענדלעך, אין וועלכע די צעהיצטע זון רוקט זיך אריין און ווערט פאַרשוווּנדן.

הונדערטער מאָל איז ער שוין פאַרבייגעגאַנגען פרידגאָלדס גרויסע הויז און געזען אויף דער באַבלומטער וואַרענדע, אונטערן שאָטן פון צוויי גרויסע הויכע פּאַלמעס, א גרינע שטייג, אין וועלכן ס׳פלעגן ארומשפּרינגען עטלעכע גאָלדענע קאַנאַריקלעך, זינגענדיק און פּייפּנדיק, אָבער ער האָט קיינמאָל די טרחה נישט גענומען זיך אָפּצושטעלן און זיך איינצוהערן מיט אזא חשק, איינצושלינגען, איינצוזאַפּן אין זיך דאָס ליבלעכע געזאַנג פון אָט די דאָזיקע קאַנאַריקלעך,—ווי ער טוט עס איצטער.

וואָס איז עס, אייגנטלעך, די סיבה פון דעם פלוצלונגדיקן דערוואַכן פון זיינע געפילן?

ער פּרוּווט זיך אליין עס דערקלערן:

צו פיל פאַרהאָרעוועט איז ער אלץ געווען פאַר די גאַנצע פופצן יאָר, זינט ער איז אין אפריקע. צו שווערע יאָכן האָט ער אויף זיך געטראָגן אין די ערשטע צוויי יאָר, נאָכדעם ווי פון זיך באַליבטער מלאכה, דימענטן־שלייפעריי, האָט זיך גאָר נישט אויסגעלאָזן; ווייל ער האָט דערפון קיין לעבן נישט געקענט מאַכן, איז ער א לאַנגע צייט ארומגעגאַנגען ארבעטסלאָז און ס׳איז אים אויסגעקומען זיך אָנצולוידן עלנט, דחקות און הונגער, ביז ס׳איז אים געלונגען צו קריגן א שטעלע אין אַן אנגראָ־געשעפט ווי א פּראָבן־רייזנדער, און דאס האָט געמיינט: נייע אומגעהייערע שוועריקייטן און קוים צו פאַרדינען אויף די נייטיקסטע באַדערפעניש און א פּאָר פונט אהיים צו שיקן, פאַר זיינע אָרעמע עלטערן מיט דער פאַמיליע, וואָס איז

באשטאַנען פון דריי שוועסטער מיט זיינע צוויי יינגערע ברידער, וועלכע האָבן אויף זיין שטיצע געוואַרט ווי אויף זייער איינציקן אַנהאַלט אין לעבן.

ערשט נאָך זעקס־זיבן יאָר פון שטענדיקער שווערער האָרעוואַניע האָט ער זיך דערשלאָגן צו זיין יוּוועליר־געשעפט, צו וואָס זיין האַרץ האָט תמיד געצויגן—צו דעם ליכטיקן גלאַנץ פון גאָלד, שיינענדיקע דימענטן און בריליאַנטן. צו זיין געשעפט האָט זיך געפאָדערט צו קענען אויף זייגער־מאַכעריי, האָט ער זיך אין אַ געוויסער צייט אויסגעלערנט, זיינע פאַרדינסטן האָבן זיך פון טאָג צו טאָג געמערט און זיין פאַרמעגן געשטיגן.

אָבער צוזאַמען מיטן שטייגן פון זיין הכנסה האָט זיך אויך אָנגעהויבן פאַרגרעסערן זיין הוצאה: גרויסע סומען אָן אַ סוף אַהיים צו שיקן. די קרענקלעכע מאַמע אין קור-ערטער צו שיקן; דעם פאָטער—אויף עפּעס אַ געוועלבל, כלומרשט, פון וועלכן די סחורה פלעגט אַזוי ווי אויסגערונען ווערן, אַזוי אַז ער האָט באַדאַרפט האָבן יעדן האַלב יאָר אַ נייעם רומל, וואָס האָט געמיינט אַ נייעם גרויסן „דראַפּט"; דער עלטערער שוועסטער צוערשט אויף נדן, נאָכדעם אויף אַן אויסשטייער; אַלעמען באַקליידן, באַנייען, בקיצור: די חלה האָט נישט געקלעקט אויף דער „המוציא".

סידני ווײַנער האָט אָבער די משא מיט געדולד און גוטמוטיקייט גע־טראָגן. זיין באַלוינונג פלעגט ער האָבן זייער אָפט: אין אַ ליבלעכן בריוועלע פון דער מאַמען, באַנעצט מיט טרערן פון דאַנקבאַרקייט און הייסער ליבשאַפט; אויך אין אַ בריוול פונעם טאַטן, געשריבן מיט פּערל-אותיותלעך מיט רש״י־כתב, וואָס פלעגט זיך אַלע מאָל אָנהייבן מיטן זעלביקן נוסח: „לכבוד בני מחמד נפשי" — — —

ער האָט די דאָזיקע בריוו געהאַלטן טייער, ווי אַן אוצר, אין אַ שטאָ־לענעם שרענקל אַריינגעפּאַקט, און אין די ליידיקע טעג אַשטייגער אין אַ זונטאָג אָדער אַ „האָלידעי", פלעגט ער זיך מיט די דאָזיקע בריוועלעך פשוט לאָבן.

צום חשבון פון זיינע „באַלוינונגען" זיינען נאָך צוגעקומען די איינ־לאַדונגען פון זיינע שוועסטער, איינער נאָך דער צווייטער, צו זייערע פאַר־לאָבונגען און חתונות, און אויך אָט די איינלאַדונגס-בריוו פלעגן זיין אָנגעפילט מיט שבחים און לויב־געזאַנגען.

— — —„אונדזער מלאך הגואל ביסטו, ברודערל"—פלעגן די ברי־וועלעך זיך לייענען—„פאַרדינסט אַזוי ערלעך אונדזערע תהילות, תשבחות און אַלע קאָמפּלימענטן, ווייל דו ביסט דער איינציקער ברודער אונדזערער, וואָס לעבט אויף גאָטס וועלט... אָט האָבן מיר דריי ברידער, איינער

סאָלאָמאָן, ווענען דו האָסט געשטיצט און אויף דיינע פּלייצעס געטראגן, מיט דיין בלוט און שוויס געלאָזט שטודירן, ביז ער איז דאָקטאָר מעדיצין געווארן, לעבט אין זשיטאָמיר, האָט געמאכט א גלענצנדע קאריערע, איז גליקלעך, אָבער א מוראדיקער עגאָיסט און א בעל גאוה, נישט נאָר העלפט ער אונדז נישט, נאָר ער האָט אפילו קיין אדלקייט ניט טאָטע־מאַמען עפּעס א מתנה ווען עס איז צו שענקען. — דער צווייטער ברודער, היימאַן, איז א גוטער בוכהאַלטער און א פּעיקער זשורנאליסט און שרייבט געלונגענע לידער און רוסישע זשורנאלן, פארדינט גוט, אָבער לעבט אויך נאָר פאר זיך אליין, גיט אויס אלץ אויף זיינע מיידלעך און אין א קערטל האָט ער אויך הנאה א שפּיל צו טאָן, קליידט זיך פראנטיש און שפּריצט זיך מיט די טייערסטע פּארפומען; אונדז אָבער גיט ער קיין ניקל נישט און האָט זיך תמיד אזא ווערטל: „איך בין נישט אין אפריקע און האנדל נישט מיט קיין דימענטן. דאָס טוט אונדזער ברודער סידני—טאָ זאָל ער געבן!...“ נאָר דו, ליבער סידני, ביסט דער איינציקער אידעלער גוטער מלאך. ווי גליקלעך וועט זיין יענע פרוי, וואָס וועט זוכה זיין דיך פאר איר מאַן צו האָבן!“ — — —

* * *

„ווי גליקלעך וועט זיין יענע פרוי!“—הילכן אים אָפּ א סך מאָל די דאָזיקע ווערטער. „גוטער מלאך פון הימל!...“ ווי ליב די ווערטער קלינגען! ווי גרויס איז מיין באלוינונג פאר מיין גוטסקייט צו מיין פאמי־ליע“—טראַכט סידני מיט א ליכטיקן שמייכל אויף זיינע אָפענע ווייכע ליפּן און ער פארטיפט זיך אינעם בריוול און לייענט עס איבער נאָך א מאָל.

„ווי גליקלעך וועט זיין יענע פרוי“—דרינגען די ליבלעכע ווערטער נאָך א מאָל, נאָך הונדערטער מאָל, אין זיין הארצן אריין...

„יענע פרוי“ — — —

איז דאָ געווען איינע — סיידי לוסטמאַן... זיי האָבן זיך בײדע האָלט געהאַט, צוזאמען זיך פארבראַכט, צוזאמען שפּאצירט. ליבלעך איז זי געווען און באַזעסן א געזונטן פאַרשטאַנד. א מחיה געווען אין איר גע־זעלשאפט צו זיין. ער פלעגט זיך פאַר איר ס'הארץ אויסריידן וועגן זיינע גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן פאר זיינע עלטערן מיט דער פאמיליע, ווענען ער מוז אויף זיך טראָגן, ווענען ער האָט בדעה אהער ארונטערצו־ברענגען ,און ער האָפט אז זי, סיידי, וועט צו זיי זיין ווי א גוטע איבער־געגעבענע טאָכטער און שוועסטער.

—„סיידי, ס'וועט אלעמען אזוי גוט זיין, מיר וועלן זיין א גליקלעכע פאמיליע, מיינע עלטערן וועלן דיך אזוי ליב האָבן״.

זי פלעגט אָבער צו אים טענהן, אז א מענטש, וואס לאָזט זיך עקספלואַ־טירן, איז א שוטה. — יעדער דאַרף זאָרגן פאר זיך. ארבעטן אינגאַנצן פאר דער פאמיליע, זיין פאר זיי א קרבן — איז איבערנאַטירלעכע גוטסקייט, וועלכע דערגרייכט ביז אידיאָטישקייט. גוטסקייט איז מלאכשאפט, אָבער פאר א קרבן האָט מען קיין מלאך נישט געבראַכט, פאר א קרבן האָט מען גאָר א שעפס אָדער אַן אָקס געבראַכט . . .

אָפט פלעגט איר געדולד פּלאַצן, ווען אירע טענות האָבן סידנין נישט גערירט. ער פלעגט נאָך אלץ אָנהאלטן שטיצן זיין פאמיליע מיט א פולער א האַנט, אלע צדקה־קלייבער, יידישע און קריסטלעכע, וואָס פלעגן אים

א האַנט, אלע צדקה קלייבער, יידישע און קריסטלעכע, וואס פלעגן אים

באלאגערן ; באזונדערס יעדן פרייטאָג, וואָס ער האָט איינגעפירט אלס צדקה־טאָג, ווען זיין יוועליר־שאָפּ פלעגט פול ווערן מיט הינקעדיקע און בלינדע, ווייסע און שווארצע, ווענען סידני פלעגט מיט אזא הנאה טיילן נדבות — — —

...און ווען זי האָט חתונה געהאַט מיט א רייכן ספּעקולאנט, האָט סיידי לוסטמאן צו דעם אָנגעברוגזטן, אָנגעווייטאָגטן, געקרענקטן סידני ווייגערן אָט אזוי געזאָגט :

—„הער זיך איין, ליבסטער סידני, ווערטער קענען בשום אופן נישט אויסדריקן ווי ליב איך האָב דיך געהאַט און ווי טייער דו ביסט מיר נאָך עד היום, נאָר איך האָב אזוי פחד און אזוי פיינט דחקות ; און איך בין געוועזן צו שוואַך צו ריזיקירן, ווייל איך ווייס, אז דו וועסט בלייבן אַן אביון, הערסט ? אַן אביון !—כל זמן דו וועסט זיין א קרבן פאר דיין פאמיליע, פאר דער גאַנצער וועלט. א קרבן, כאָטש איך ווייס גוט, ביסט א מלאך !

* * *

א פארזאָרגטער, א דערשלאָגענער, האָט ער זיך דאַן געטרייסלט און מיט א פאַרקלעמטן הארצן האָט ער צו זיך אליין געשריען :

—„ניין, קיינער האָט קיין רעכט ניט מיר פאַר א קרבן צו מאכן. גענוג ! פון היינט אָן וואַרף איך אראָפּ דעם יאָך פון מיינע פּלייצעס און כ'נעם אר־בעטן בלויז פאר זיך !״

אָבער דווקא צו יענער צייט איז אים אָנגעקומען א קלאָג־בריוו : דער טאַטע געשטאָרבן. די מאמע קראַנק. די עלטערע שוועסטער האָט זיך

גע׳גט מיט איר מאַן, וועלכער האָט זיך ארויסגעוויזן צו זיין א לומפּ, זי איז געבליבן מיט דריי קינדערלעך ברויטלאָז. די אנדערע שוועסטער, וועלכע האָבן יע פיינע מענער געקראָגן, זיינען אָבער אָרעם־הויל, איינער ארבעט אין א פאבריק, דער צווייטער איז ארבעטסלאָז און ס׳איז ביטער ווי דער טויט. זיין יינגערער ברודער היימאַן, וואָס האָט זיך קונה שם געווען מיט זיין קענטשאַפט און גלענצנדע המצאות אין בוכהאלטעריי, לידט אויף דער ברוסט אין דאָקטוירים האָבן אים פאראָרדנט א ווארעמען קלימאַט, הכלל, איין איינציקער וועג איז פאַר זיי געבליבן, און דער וועג פירט קיין אפריקע.

סידני וויינער האָט זיי געשיקט א „דראפט״ און זיי זיינען קיין אפריקע אָנגעקומען. דאָ האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן נייע צרות... ניטאָ קיין סוף צו זייערע הוצאות. ס׳געשעפט איז טאַקע גלענצנד, אָבער קען דען קלעקן פאַר אלעמען? קען מען דען א לעכערדיקן זאַק אָנפילן?

„וואָס וועט זיין, סידני, וואָס וועט ווערן פון דיר, סידני? פרעגט ער זיך אָפּט. און הונדערטער קולות קלינגען אים אין די אויערן מיט א שטימע פון סיידי לוסטמאַן:

—„אַן אביון, אַן אייביקער אביון, א קרבן, כאָטש א מלאך״...

—„ניין, — שרייט ער פאַרביטערט — „ניין, כ׳וועל קיין קרבן נישט זיין״... ער מאכט צו זיינע אויגן, און ס׳דוכט זיך אים, אז זיין מאמע גלעט אים דאָס פּנים מיט אירע ווייכע הענט און, אין די אויגן אים ארייג־קוקנדיק, רעדט זי שטיל און ליבלעך:

—„געוויס, געוויס, מיין קינד, פון געבן ווערט מען נישט אָרעם; פון העלפן נויטבאדערפטיקע קען קיין בייז נישט ארויסקומען... ס׳קען נאָר אויסקומען א ביסל מער, א ביסל שווערער צו ארבעטן, אודאי א רחמנות אויף דיר, נעבעך, מיין פאַרהאָרעוועט קינד, אָבער געוויס וועט דייך באלוי־נונג זיין גרויס!...״

—„יע, א ביסל מער און שווערער ארבעטן, דאָס געשעפט פאַר־גרעסערן, ס׳וועט זיין גוט״—טראכט ער זיך—„כ׳מוז עס טאָן צוליב מיר, צוליב מיין פאמיליע און צוליב דער ליבסטער, בעסטער מיידל אין דער גאנצער וועלט, צוליב מיין טייערסטער, מיין הייס געליבטער פּעדאָרא פרידגאָלד״.

* * *

פּעדאָרא פרידגאָלד איז דאָס די, וועלכע האָט סידני וויינערס געפילן אזוי שטאַרק אויפגעוועקט. זי איז דאָס די סיבה פונעם דערוואַכן פון

זיינע אלע חושים, פון זיין פלוצלונגדיקן באַגער מיט ליבשאַפט ארומצו־אַרעמען דעם גאנצן ארום, דאָס איז אויך די סיבה פון זיין פארטראכטן זיך אזוי אַפט, פון זיין אַנקוקן מיט ברייט־צעעפנטע אויגן די ליכטיקע שיינע וועלט, מיט דער פראַכטיקייט פון דער גאנצער נאטור ארום און ארום...

דריי און צוואנציק יאר איז זי, די איינציקע טאָכטער פונעם יידישן אַפּ־טייקער דזשעימס פרידגאָלד. מיט א יאָר זעקס צוריק, ווען זי האָט זיך אויסגעצייכנט אין איר „מעטריק״, און נאָכדעם, ווען זי האָט איר מוטער פארלאָרן, האָט ער, דער פאָטער זי געשיקט קיין ענגלאנד צו זיינער א שוועסטער. געמיינט האָבן זיי, אז זי וועט שטודירן מעדיצין, אָבער אין ענגלאנד איז איר אריין אין מוח א מחשבה: זי וויל קיין מעדיצין נישט לערנען, וואָס דען? זי וויל „עלעקיושן״! ס׳העלפן נישט קיין טענות ומענות און קיינע דערקלערונגען, זי איז פארעקשנט און מיט לייב און לעבן האָט זי זיך איבערגעגעבן צו דער דראַמאַטישער קונסט. זי האָט פלייסיק גע־לערנט און איר ציל דערגרייכט. זי איז אַן אויסגעצייכנטע קינסטלערין, אָבער צו א תכלית איז זי דורך דעם נישט געקומען. איבעריקנס, האָט זי זיך קיינמאָל נישט פאַרגעשטעלט און נישט דערוואַרט דורך דער דראַמאַטישער קונסט א קאריערע פאַר דער צוקונפט זיך צו פאַרשאַפן. און אז זי איז צוריק אהיים געקומען, האָט זי געגעבן קאָנצערטן לטובת צדקה־אנשטאַלטן.

סידני ווינער האָט זיך פארליבט אין איר צוליב א לידל, וואָס זי האָט צוערשט רעציטירט און דערנאָך געזונגען פאַר אַן אימפּאָזאנטן פובליקום.

„... אויף שטיקלעך וועל איך אייך,
געליבטע, ס׳הארץ מיינס, אַ, צעטיילן
און טאָן קענט איר דערמיט דאָן אַלץ,
וואָס איר וועט זיך אויסדערוויילן.

ווער פון אייך עס האָט מיין הארץ ליב,
דער קען צו זיין ברוסט עס שטעלן,
איר קענט עס פארווונדן און פיין אָנטאָן—
אויב נאָר דאָס וועט אייך געפעלן,—

ווייל גרויס איז מיין ליבע צו אייך, מיינע פריינד,
פיל מער ווי איך קען אייך דערציילן,
דערפאַר, אויב דאָס קען פארגעניגן אייך טאָן,
וועל איך אייך מיין הארץ צעטיילן״ — — —

און ווען דאָס פובליקום איז אין גרויס התפעלות אריינגעקומען און מיט אומענדלעכע אפלאָדיסמענטן איר נאָך א מאָל און נאָך א מאָל אויף דער בינע ארויסגערופן, האָט זי דעם פובליקום מהנה געווען מיט נאָך א קורץ לידל, אליין צושפילנדיק אויף דער פיאַנאָ, און איר לירישע סאָפּראַנאָ האָט זיך אזוי ליבלעך איבערן גרויסן זאַל צעגאָסן:

„— — — טאָ וואָס זאָל איך טאָן, אז די ראָזולעכע ליפּלעך
און דאס ליבלעך קליין מיילכל טוען
אזוי ווי די ליפּן און מויל פון א מלאך
מיט הימלשן חן אזוי שייגען!

טאָ וואָס זאָל איך טאָן, אז די אייגעלעך דיינע,
וואָס ברענען מיט פייער א שווארצן —
זיינען די אויגן פון טייוול, פון טייוול,
און צינדן א פלאַקער אין האַרצן!! — — —"

* * *

ביז איצט האָט סידני פון אזעלכע סענטימענטאַלע געפילן קיינמאָל ניט געוווסט. די מיידלעך, וואָס ער האָט געקענט, האָט ער באטראַכט ווי גוטע פריינד, וואָס גאָט האָט געבענטשט מיט ווארעמער צערטלעכקייט. ער האָט געטראכט פון זיי ווי פון גרויסע לעבעדיקע בלומען, אמתע בלומען, וואָס די נאַטור האָט באשאָנקען מיט צאַרטע ראָזע ארעמס, וועלכע ציען צו זיך דעם מאַן מיט איבערמענטשלעכער קראפט...

אָבער אזוי גערירט און באווירקט צו ווערן, אזוי ווי ער איז געוואָרן דורך זיין ווונדערלעכער ליבע צו פעדאָראַן, האָט ער זיך קיינמאָל נישט געקענט פאָרשטעלן. ווארעם און ליכטיק ווערט אים אין האַרצן, ווען ער זעט זי אויף דער ווארענדע שטייענדיק, פיטערנדיק די קאַנאַריקלעך און צוברומענדיק דעם ערשטן טייל פונעם „טרוים-וואַלצער". און ווען ער זעט זי שפּאַצירנדיק מיטן האָלענדישן דאָקטאָר פאַן-גריפּ, וועלכער איז איר יוגנט-פריינד, צוזאמען אין סקול געלערנט און אַן אָפטער גאַסט ביי איר אין הויז, און זיין הויכע, שלאַנקע פיגור בייגט זיך אָן צו איר מיט א געלעכטער און זי ענטפערט אים אָפּ מיט א פריינדלעכן שמייכל, ווערט אים אין הארצן קאַלט און וואַרעם פון קנאה און אויפרעגונג.

מיט איר פאָטער קען זיך סידני פון „מיטינגס" וועגן קהלשע ענינים. זיי זיינען אין זייער פריינדלעכע באציונגען און ס'איז סידנין לייכט אַנגע-

קומען צו ווערן אַן אָפטער איינגייער ביי פרידגאָלדן אין שטוב. אין פעדאָ־ראס קעגנווארט איז סידני גליקלעך, ער פילט דאן, אז די גאַנצע וועלט איז אָנגעפילט מיט פרייד. ווען ער האָט איר אמאָל אָפנהארציק, האלב תמעוואטע, א זאָג געטאָן, ווי אייפערזיכטיק ער איז זי צו זען אין פאָן־גריפס געזעלשאַפט, האָט א העל בלאָע פלאַם א פלאַקער געטאָן אין אירע הימל־פאַרביקע אויגן, אירע ראָזיקע בעקלעך האָבן א נערוועישן ציטער געטאָן, און א הייב דערלאַנגענדיק אירע צאַרטע רונדע פלייצעס, האָט זי זיך צע־שמייכלט און געזאגט:

—„וואָס הייסט, ער איז דאָך אזוי צוגעטאָן ווי א ברודער. מיר האָבן זיך דאָך צוזאמען אויסגעהאָדעוועט, צוזאמען דאָ אין סקול געגאנגען, ער איז א דזשענטעלמען, אין וועמענס געזעלשאפט עס איז א כבוד און פארגעניגן צו זיין. אָבער קיין ראָמאן איז נישטאָ צווישן אונדז. ער איז נישט דער העלד פון מיין אמביציע".

—„אין דען דאָ אַן אַנדער כישוף־פרינץ?"

—„געוועזן אמאָל — — — ע, נישטאָ מער, יוגנט־חלומות — — —"

סידניס האַרץ האָט געשטורעמט און געקאָכט און זיך געהויבן.

קען ער פאַרטרעטן דעם אָרט פון אירע „אמאָליקע יונגע חלומות?" קען ער ווערן איר אמביציע?...

ווער איז ער און וואָס איז ער אין פארגלייך מיט איר? א פשוטער בחור, וואָס האָט אין „דער היים" קוים געענדיקט „רעאלנאָיע אוטשי־לישטשע" און האָט די אלע קענטענישן שוין כמעט פארגעסן; ווייניק איז אים אויך געבליבן פון זיין העברעישער בילדונג פון זיין יוגנט. ענגליש האָט ער זיך יע אויסגעלערנט ביי א פריוואַט־לערער, שרייבט און רעדט אויסגעצייכנט, האָט די קלאסיקער געלייענט, אויך די מאָדערנע ראָמאנען, אָבער צו איז דאָס דען א בילדונג, וואָס זי זאָל אנערקענען? רייכטום? אויסער זיין בלאַנקענדיקער סחורה אין זיין פיינער „שאָפ", וועלכער זיכערט אים מיט א געמיטלעכן לעבן, האָט ער נישט. די פעטע פארדינסטן, וואָס וואָלטן אים געוויס א גרויס פארמעגן געגעבן, האָט די פאַמיליע איינגע־שלונגען. זיין אויסזען? דער שפיגל ווייזט אים צו זיין א חניקער בחור פון מיטעלן וווקס, פעסט געבויט, שווארצע האָר, ברוינע ערלעכע אויגן, א בלאַסקייט, צומישט מיט גנאָדיקייט און גוטמוטיקייט, שפילט זיך אויפן לאנגלעכן פנים. צי דען קען זי ליב האָבן אזא טיפּ?

ווער קען עס וויסן? ווי קען ער דאָס דערגיין? — — —

און ווען זי האט אים געגעבן אנצוהערעניש, אז איר געפעלט זיין תמימות, זיין אפנהארציקייט און ערלעכקייט און אז זי פילט, אז ער וועט זיין דער טרייסטער, הארציקסטער, איבערגעגעבנסטער מאן אויף דער וועלט— האט ער פשוט געפילט, אז זיינע כחות גייען אים אויס פון נחת. און שפע־טער צו, ווען ער איז געוואר געווארן, אז פון זייער אפטן צוזאמענקומען האט זיך ביי איר אן אמתע ליבע אנטוויקלט, אז זי האט אים מיטן גאנצן הארצן האלט און זי בענקט נאך אים און פארלאנגט אין זיין געזעלשאפט צו זיין, האט ער שוין געוואגט מיט איר גאנץ אפן דורכצורעדן זיך וועגן א תכלית, וועגן פאראייניקונג — — —

זי האט אים מיט א זעלטן־חניקער מינעלע געענטפערט: „סידני, ביסט אן אמתער ליבלינג! אבער ביסט א צו גוטער, דו לעבסט דאך נאר פאר אנדערע. ביסט פשוט א קרבן. אמת, ביסט א מלאך פון גוטסקייט, אבער מיט א מלאך וועט קיין מיידל נישט וואגן חתונה צו האבן — — —"

ער האט געפרווט טענהן:

—„פעדארא, אין אמתן איז עס דאך קיין קרבן נישט. צו העלפן מיין פאמיליע איז דאך א הייליקער חוב און דערצו נאך אזא פארגעניגן. אז מען זאל נישט העלפן דעם צווייטן, וואס נייטיקט זיך אין דער הילף, איז דאך פשוט נישט כדאי צו לעבן. אן רחמנות, אן הילף קען די וועלט נישט בײַשטיין.

זי האט שטיפעריש אירע אויערן צוגעדריקט מיט אירע צארטע הענט, א שאקל געטאן דעם קאפ, די געשארענע בלאנדע האר אויף איר מארמאר־נעם שטערן ארויפגעווארפן און גענומען פילאזאפירן:

—„וואס רעדסטו, סידני? די וועלט שטייט דאך גראד אויף אכזריות... אין באשעפעניש לעבט דאך פון דער אנדערער. כמעט יעדער געבײַדע איז דאך אויפגעבויט פונעם אנדערנס חורבן... זע, די פיש אין וואסער שלינגען איינער דעם צווייטן איין, זע, סידני, די מיליאנען לעבנס פון עופות, שעפסן, רינדער, וואס ווערן טאג־טעגלעך אויפגעפרעסן מיט אזא ברוטאלן אפעטיט אום אונדזער לעבן אויפצובויען, אויפצוהאלטן, צו פארשטארקן..."

—„מ׳דארף זיין א גרויסער חכם מיט דיר זיך אויסצוטענהן, פעדארא ליבסטע, ביסט אין א סך פונקטן גערעכט, אבער רחמנות ליגט אין נאטור פון מענטשן, אזוי אויך אין נאטור פון שטומע באשעפענישן. זע, פעדארא, ווי ארעמע אפגעריסענע, פארהונגערטע קאפערס צעטיילן צווישן זיך א שטיקל ברויט, וואס איינער קריגט ביי עמעצן א נדבה, זע, ווי דאס פיי־

געלע מוטערל קאַרמעט אירע אומבאהאָלפענע, שוואכע עופהלעך אין זייערע שנעבעלעך אריין...״

די דאָזיקע גוטע רייד ווירקן אויף פעדאַראַן, אירע קלוגע אויגן ווערן פייכט און עס שיינט אויף איר פנים. איר גוטמוטיקער שמייכל דרינגט סידנין אריין אין האַרצן, ווען זי לייגט איר האַנט אויף זיין פלייצע און זאָגט:

„ס׳וויזט אויס, ביסט אנטשלאָסן מיט די ארגומענטן מיך צו גע־ווינען — — —״

און באלד זעצט זי זיך ביי דער פיאַנאָ און ס׳צעקלינגט זיך איר זיסע שטימע:

„...אויף שטיקלעך וועל איך פאַר אייך,
געליבטע, ס׳הארץ צעטיילן
און טאָן קענט איר דערמיט, אַ, אלץ,
פיל מער, ווי איך קען אייך דערציילן...״

איר געזאנג און שפילן באגייסטערט אים, ער לאָבט זיך דערמיט. זי וואַרפט אויף אים א ליכטיקן בליק און זינגט איר אייגענע פארפאַסטע באלאדע:

„געווען אמאָל א ליבער תם,
געלעבט אין דחקות, זאָרגן,
געחלומט אלץ, אז א גרויסער גליק
פאַר אים וועט קומען מאָרגן.

און טויזנטס מאָרגנס שוין פארביי
און מיד איז ער פון וואַרטן,
מיד פון עלנטקייט און נויט,
פון צער דעם שווערן, האַרטן.

און ווען אַ וואונדער־מאַן האָט אים
געוואָלט מיט גליק פאַרזאָרגן,
געענטפערט האָט ער אים: ער וואַרט
אויף ס׳גליק, וואָס ס׳קומען מאָרגן — — —״

סידני הייבט פאמעלעך זיינע ביידע הענט אויף זיין קאָפּ און שפּאַרט זיך אָן אויפן ווייכן שטול און אין די אויערן קלינגען אים די ווערטער ווי א גלאָק: „דאָס גליק וועט קומען מאָרגן—“

„מאָרגן? ניין! אָט שוין מוז דאָס גליק קומען. פעדאָרא ליבסטע, כ׳בין אַנטשלאָסן אויף מיין גליק נישט לאַנג צו וואַרטן.

* * *

דורך עטלעכע שלאָפלאָזע נעכט האָט ער אויסגעאַרבעט א פּלאַן ווי צו זיין גליק צו קומען, מיט פעדאָראַן זיך צו פאראייניקן.

ער וועט עפענען א געשעפט פאַר זיין ברודער און שוועסטער, א באַזונדער הויז פאַר זיי נעמען, די מאמע וועט ס׳הויז אין אָרדענונג האלטן.

היימאַן, זיין ברודער, איז שוין פולקאָם געזונט, דער אפריקאַנער קלימאַט האָט אים אינגאנצן אויסגעקורירט, ער איז פיזיש זייער גוט אנטוויקלט, א ספּאָרטסמען, א גוטער טעניס־ און פוטבאָל־שפּילער, זייער פּאָפּולער אין שימלדאָרפּ און אַן איינגייער ביי די חשובסטע ענגלישע און האָלענדשע בירגער אין שטאָט און נאָענט באפריינדעט מיט זייערע טעכטער, וועלכע זיינען אזוי אויפגעלעבט און גליקלעך אין זיין געזעלשאַפט.

זיין דערפּאָלג ביי פרויען נעמט זיך פון זיין פלינקייט און פון דער רירעוודיקייט פון זיין הויכער, שלאַנקער פיגור, פון זיין חוצפּהדיק פרייַלעכער לעבנס־לוסט, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין זיינע גרויסע ברוינע אויגן, און פון דער אויסערגעוויינטלעכער זויבערקייט פון זיינע קאָסטבאַרע מלבושים: נישט ווייניקער ווירקן אויף זיין גוט טאַנצן און זיין ריידעוודיקייט, וואָס באלעבט יעדע געזעלשאַפט ווו ער געפינט זיך.

סידני האָט היימאַנען זייער ליב און שטאָלצירט מיט אים, ער איז זיכער אז אינעם נייעם געשעפט, וואָס ער וועט פאַר היימאַנען מאַכן, וועט היימאַן האָבן דערפּאָלג און דורך דעם וועט שוין סידניס לעבן אָננעמען גאָר א נייעם כאראקטער; באפרייט ווערנדיק פון זיינע שווערע פאראנטוואָרטלעכקייטן, וועט ער קענען לייכט קומען צו זיין ציל—זיין צוזאמען מיט זיין הארציקער פעדאָראַן.

אלץ איז אוועק אויף א גוטן דרך. די הצלחה־זון האָט אויפגעשיינט איבער היימאַנס געשעפט. צופרידנקייט און פרייד פאַרזיסן זייער לעבן. זיי קומען זיך אָפּט צוזאמען ביי פרידגאָלדן אין הויז, וואָס ווערט באַזוכט פון יונגוואַרג, און מען פאַרברענגט דאָרט לעבעדיק, לוסטיק. פעדאָרא

זינגט און שפּילט, היימאַן רעציטירט זיינע אייגענע פּאָעמעס, און אַז ס'ווערט אַ געהויבענע שטימונג, לאָזט מען זיך אוועק טאַנצן. סידני האָט קיינמאָל קיין צייט נישט געהאַט צו לערנען זיך טאַנצן. אויף קריסטלעכע הוליאַנקעס האָט מען אים אַ פּאָר מאָל אריינגעשלעפּט אין וואלצערס און אין „באַרנדענסעס", ער האָט כלומרשט מיטגעטאַנצט. נאָכדעם האָט ער זיך אליין געלערנט צו שטעלן טריט נאָכן געזאַנג פון אַ גראַמאַפאָן און ער האָט געמיינט, אַז ס'וועט אים געלינגען צו ווערן אַ גוטער טענצער, אָבער איינמאָל אויף אַ חתונה, ווען ער האָט זיך אוועקגעלאָזן אין אַ וואַלץ מיט אַ שיין אויסגעפּוצט מיידל און ער האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן אין מיטן, ווייל ער האָט געפילט, ווי אומגעלומפּערט ער איז געווען, האָט ער דער־שפּירט אַז טאַנצן איז נישט פאַר אים געשאַפן.

דאָ נישט לאַנג, ווען פעדאָרא האָט איינגעאָרדנט אַן אָוונט פון ליטע־ראַטור, מוזיק און טענץ, האָט סידני געבעטן זיין ברודער היימאַנען, ער זאָל אים טאָן די טובה און מערסטנטיילס טאַנצן מיט פעדאָראַן.

און אַזוי איז טאַקע געווען.

סידני האָט אויף דעם דאָזיקן אָוונט גוט אויסגעזען אין די נייע עלע־גאַנטע מלבושים. ער האָט גערן אָנגענומען פעדאָראַס בקשה, ער זאָל זיין דער אָנפירער פון אָוונט, דאָס פּראָגראַם איינצוטיילן און אָרדענונג צו האַלטן. ער האָט אַלץ גוט און פּינקטלעך דערפילט, נאָכגעקוקט אויפן סאַרווערן, די געסט אויף די געהעריקע ערטער אויסצוזעצן און אַלעמען באַקוועם צו מאַכן.

זיין געליבטע פעדאָרא, היימאַן און נאָך עטלעכע טאַלאַנטפולע ארטיסטן האָבן זיך אין פּראָגראַם באַטייליקט.

אַ יונגע אַפריקאַנערין, די דריטע אויפן פּראָגראַם, אַן אויסגעצייכנטע קאָנטראַלטאָ, האָט דעם עולם פאַרשאַפט פאַרגעניגן מיט בורישע פאָלקס־לידלעך:

„— — — היינט אָוונט גייען יינגלעך קאָרן שניידן,
קאָרן שניידן, קאָרן שניידן — — —
מיין ליבלינג היינגט זיך אָן אַ צווייגל אָן,
אָן אַ צווייגל אָן, אָן אַ צווייגל אָן . . .
דער בוים האַלט אויף מיין ליבלינג גוט,
ער האַלט אים אויף, ער האַלט אים אויף . . ."

„...אין יאקלספאַנטיין, אין מאגדעפאַנטיק,
דאָרט רינט א שטראָם וויין,
אין יאקלספאַנטיק, אין מאגדעפאַנטיין
דאָרט ווילט זיך מיר זיין,
דאָרט ווילט זיך מיר זיין,
וויל דאָרט רינט א שטראָם וויין,
דיק, רויט און פיין;
און מיין ליבסטער פריינד
קומט דאָרט אריין...״

פעדאָרא האָט געזונגען א סעריע אלטע ענגלישע פאָלקס־לידער און רעציטירט שטיקער פון שעקספירס „מיטנזומערנאַכט־חלום״ און „שטורעם״.

היימאַן האָט פאָרגעלייענט זיין לאַנגע פאָעמע: „פון שניי־פעלדער צו זונען־שפע״, וועלכע האָט דעם עולם באגייסטערט און מ׳האָט אים פשוט פון דער בינע נישט געוואלט ארונטערלאָזן. ער האָט זיך פריי און היימיש אויף דער בינע געהאַלטן, און ווען ער איז צום לעצטן מאָל ארויסגערופן געווארן, האָט ער דעם פובליקום אן אמתן תענוג אָנגעטאָן, לייענענדיק זיינע הומאָריסטישע לידער, דער עולם האָט געקייכט פון געלעכטער, און סידניק, וואָס האָט געלאכט ביז טרערן, האָט זיך געגלוסט אויסצושרייען: „איך האָב אזוי האלט מיין ברודער היימאנען! וואָס פאר א גרויסע באַ־לוינונג דאָס איז פאר מיר, וואָס איך האָב זיך אזוי פיל געלאָזט קאָסטן אים אזא פיינע בילדונג צו געבן, כ׳בין גליקלעך!״

* * *

צום אינטערוואל איז סידני זייער פארהאָוועט געווען מיטן אכטונג געבן אויף דער אָרדענונג און מיטן צוגרייטן אלץ צום טאַנץ. אין איילעניש איז ער אריין אין א זייטיקן צימער ארויסצונעמען פון דאָרט א פלאַש וויין. פארביילויפנדיק האָט ער דערהערט א שושקעריי און א שעפטשן פון א דערבייִיקן צימער, וואָס איז געווען פארהאַנגען מיט א דיקן פארהאַנג. נישט ווילנדיק האָט ער זיך צוגעהערט און זיינע אויערן האָבן געכאפט די ווערטער:

—„ווי זיס דו ביסט, ווי ליב דו ביסט, פעדאָרא!...״

ער האָט נישט געוואָגט דעם פאָרהאנג אינגאנצן צו עפענען... נאָר עטוואָס האָט ער עס געעפנט און גוט געזען זיין פעדאָראַן, זיין געליבטע

פעדאָרא, איינגעקלאַמערט אין זיין טייערסטן ברודערס אָרעמס... ביידנס מיילער צוזאַמענגעגאָסן, ווי אין טיפן חלום, אָן דער גאַנצער ארומיקער וועלט פאַרגעסן — — —

* * *

...נאָך דריי טעג ליגן צו בעט אין משונהדיקן צושטאַנד פון האַרץ־קרענק און פארשטומטקייט, אפילו זיך נישט צו קלאָגן אויף עפּעס א ווייטאָג, האָט דער דאָקטאָר אים פאראָרדנט באַלד צו פאָרן קיין דערבן, דאָרטן זיך אָפּרוען און פריי און לוסטיק זיך פארברענגען, פארגעניגן האָבן און א סך אין ים זיך צו באָדן. יע, ער מוז פארגעסן, פארגעסן אָן אלץ, ארויסשלאָגן זיך פון זיינע געדאנקען, וואָס קוועלן אים און מאַכן א חורבן פון זיין הארצן.

זעקס וואָכן איז ער אין דערבן פארבליבן. ארומגעשפאצירט און ארומגעפאָרן באקוקן די שענסטע פונקטן פון דער דאָזיקער געבענטשטער שטאָט און ארומיקן געגנט, געווען ביים מויל פון טייך „אומגעני", ווו ער גיסט זיך אריין אין אָקעאַן מיט א געררויש און געפּילדער, באַגלייט מיט עכאָס פון די ארומיקע בערג און טאָלן, וואָס צעקלינגען זיך אין א הארמאָ־



דער טאָל פון טויזנט בערג נעבן דערבן.

נישן „לכו נרננה..." ער איז געווען אין „ריווערסייד" ווו די הונדערטער מאַלפּעס פּרוכפּערן זיך און האָדעווען זיך, מער אָנגעזעטיקט און צופרידענער ווי די דערביייקע שווארצע מענטשן — — — ער איז געווען ביי די טונעלן פון דעלוווד און מארינהיל, ווו ס'פליסן אייביקע וואסער־שטראָמען פון

מעכטיקע פעלזן. א גרויסן איינדרוק האט אויף אים געמאכט דער „טאָל פון טויזנט בערג", איבער וועלכע גאָטס גייסט שוועבט ארום. צוויי מאָל א טאָג האט ער זיך געבאָדן אין ים און געלאָבט זיך מיט די ווארעמע הויכע כוואַליעס. איין אָוונט איז ער זיך אזוי פארחלומט געשטאַנען ביים ברעג ים, אנגעשפארט אָן א שטיינער־וואַנט און געקוקט אָן א סוף אויף די הויכע כוואַליעס, וואָס שטויסן זיך און טראָגן זיך צום ברעג, ווי הויכע ווייסע הייזער.

מיט א געוויש, מיט א ליארעם הייבן זיך די צעווילדעוועטע וואַלן אריבער איבער דער מעכטיקער שטיינער־וואנט, פארפלייצן דעם גאנצן וועג ביים ים און באגיסן די מענטשן מיט אלץ, וואָס געפינט זיך דאָרטן.

אפשאַקלענדיק פון זיך דעם שטראָם ים־וואסער, האט זיך סידני פאר־קוקט ווייטער אויפן צעברויזטן ים און גערעדט צו זיך אליין:

—„אַ, אין אזא וועלט פון אזעלכע וואונדערבארע נאַטור-פראכטקייטן,— וואָס פארא ווערדע האָבן די קליינע מילבן־מענטשעלעך, מיט אלע זייערע אינטריגעס און פארדאָרבנקייטן?... עס לוינט זיך גאָר אפילו ניט א טראַכט צו טאָן וועגן זיי!..."

• • •

קומענדיק צוריק קיין שימלדאָרף, האט סידני זיין ברודער היימאנען באגריסט, ווי ס׳וואָלט קיין זאך גאָר נישט פאסירט, און שטיל אים אָנגע־קוקט מיט זיינע גוטע ברוינע אויגן. פלוצלונג האט היימאן זיך אויף די קני אראָפגעלאָזן און געכאפט קושן סידניס האנט, באגעצנדיק זי מיט טרערן און בעטנדיק עפּעס וועגן מחילה. סידני האט אים אויפגעהויבן און ארויסגערעדט געלאסן, מיט אַן אנטשלאָסענעם טאָן:

—„היימאן, איך פארגין אייך ביידן דאָס גליק, איך וועל אייך אין וועג נישט שטיין און אייך נישט שטערן, כ׳האָב א טעות געהאט אין פעדאָראן, כ׳האָב אָבער אויסגעפונען אין צייט, אז איך בין צו קליין פאר איר. איר געהערט זיך ביידע צו איינאנדער."

—„סידני, סידני, דאָס קען קיינמאָל נישט פאסירן".

—„פאַר וואָס נישט?"

—„סידני ווייסטו דען ניט, וואָס מיט פעאָדאָן האט געטראָפן?"

—„וואָס איז דען? זאָג, היימאן, רייד גיך, דערציילן!"

היימאנס קאָפּ איז ארונטערגעפאלן צו דער ברוסט, זיינע אויגן— אראָפּגעלאָזט צו דער ערד און פארשוואכט, פאמעלעך האט ער דערציילט:

זאלבעפערט זיינען זיי ארויסגעגאנגען וויט אין פעלד, ביז זיי זייגען אָנגעקומען צום „בריק פון די פאַרליבטע״, צופוסנס פונעם „העלפאַנט־באַרג״, זעקס מייל פון שטאָט. א פולע קלאָרע לבנה האָט זיי נאָכגעקוקט און די לופט איז געווען שטיקנדיק ווארעם. פלוצלונג איז טונקל געווארן און א שפריי־רעגן האָט געגומען פאַלן צוערשט זיך פוילנדיק, אָבער באלד האָט ער זיך פארשטאַרקט מיט רוגזה.

זיי האָבן זיך געלאָזט אין איילעניש גיין אהיים, ווען פון הינטער א גרויסן פעלז זיינען ארויסגעשפרונגען פינף שטאַרקע הויכע קויל־שווארצע קאפערס.

ווי טיגערס זיינען זיי באַפאַלן די צוויי בחורים, מיט שטעקנס איבער די קעפּ זיי דערלאַנגט, נאַקעט אויסגעטאָן, מיט שטיקער פון זייערע צעריסענע קליידער זייערע הענט און פיס זיי געבונדן און פאר זיי אין די אויגן פעדאַראן מיט איר חברטע פארפייניקט אין ברוטאלסטן אופן פון גוואַלד—ווי צעבושעוועטע ווילדע חיות — — —

—„ווי, ווי, מיר האָבן אָט די שענדלעכע אכזריות מיט אונדזערע צעשלאָגענע אויגן צוגעזען — — — און אונדזערע האלב־טויטע הערצער האָבן עס נאָך געקענט אויסהאַלטן!...״

טויט בלאס האָט זיך סידני ארונטערגעלאָזן אויף דער קליינער סאָפקע און, די האָר פון קאָפּ זיך רייסנדיק, האָט ער געמורמלט:

—„פעדאַרא, אומגליקלעכע נשמה מיינע.״

און פלוצלונג האָט ער אויסגעפּלאצט מיט א געשריי:

„ווו איז זי?!״

און ווי א לייב האָט ער זיך א הייב געטאָן און זיך געלאָזט לויפן.

—„סידני, ווארט, זי איז אין האָספּיטאַל. מיט א וואָך צוריק איז זי פון קראנקן־בעט אראָפּ. מען לאָזט קיינעם צו איר ניט צו, זי וויל קיינעם נישט זען...״

קוים אויף די פיס זיך האלטנדיק, זיך שאָקלנדיק ווי א פארשכורטער, האָט סידני זיין ברודער ביי דער האנט אָנגענומען און צוזאמען מיט אים, פארשוואכטערהייט, אויף דער סאָפקע זיך צוריק אראָפּגעלאָזן.

—„ברודער מיינער, הימאן ליבער, זע באמי זיך, לויף, זע זי, רייד צו איר, דו מוזט איר אומגליק לינדערן, נעם זי, ווארט נישט, האָט ביידע חתונה! — — —״

—„וואָס, סידני! ווי פאַרלאַנגסטו גאָר אַזאַ זאַך פון מיר! ווי קען דאָס זיין, נאָכדעם ווי איך האָב אַלץ מיט מיינע אויגן צוגעזען?! — — — ניין! דאָס וועט קיינמאָל נישט פּאַסירן!"

—„אַך, דו, אַכזריותדיקער ברוט!" האָט סידני אַרויסגעפּלאַצט— „מנוול דו! אַרויס פון דאַנען, מיינע אויגן זאָלן דיך קיינמאָל מער נישט זען, אַרויס!"

און אין ווילדער משוגעת האָט סידני זיך דורך דער טיר אַרויסגעשפּאַרט.

* * *

— — — זיצנדיק לעבן דער בלאַסער קרענקלעכער פעדאָראַן, אויף אַ שטרויענעם שטול, אין דער „מייטראַנס" פּריוואַטן צימער, ביים האָספּיטאָל, האַלטנדיק אירע ביידע הענט, פיבערהאַפטיק ברומענדיק און זי האַליובענדיק און קושנדיק, האָט סידני ווייכער געזעדט שטיל, יעדעס וואָרט ציענדיק, פול מיט טרייסט, צערטלעכקייט, ווייכער ליבשאַפט:

—„פעדאָראַ, טייערינקע, קיינער אויף דער וועלט וועט אונדז נישט צעשיידן... פונעם ערשטן מאָל, וואָס מיין נשמה האָט דיין ליבלעכקייט דערשפּירט, האָב איך געוווסט, אַז דו ביסט פאַר מיר געשאַפן. אונדזערע לעבנס־אָטעמס געהערן זיך צו איינאַנדער. בייזע שדים, ווילדע כאַמעס האָבן צווישן אונדז זייערע טייוולשע לאַפּעס אַריינגעשטעלט און אונדז געוואָלט פאַרווונדן, צערייסן, פאַנאַנדערשיידן... אָבער מיר זיינען דאָך איין פליש און איין נשמה, און אַ וווּנדערבאַרע געטלעכע האַנט האָט אונדז צוזאַמענגעבונדן. אויב אַן אומגליק איז דיר באַפאַלן, איז עס אונדזערביידנס מזל, דיין ווייטאָג איז מיינער. ביסטו דאָך אַ טייל פון מיר. פעדאָראַ, ליבסטע, מאָרגן וועלן מיר דאָס גליק אינגאַנצן האָבן. מאָרגן, מאָרגן וועט אונדזער חתונה זיין. מאָרגן—ניט שפּעטער. יע, אונדזער חתונה! מיר וועלן גליקלעך זיין, גליקלעך צוזאַמען לעבן. וועסט מיר זינגען, פעדאָראַ, וועסט מיר שפּילן, וועסט מיר זינגען דיינע נשמה־דערקוויקנדיקע לידער..."

און זי?

זי האָט נאָך קיין כוח נישט געהאַט צו וויינען, זי האָט אַפילו די אויגן אירע נישט געקענט אויפהייבן... נאָר פאַלנדיק אויף זיין ברוסט אַ פאַר־חלשטע האָט זי געכליפּעט, געכליפּעט... מיט אירע מידע ווייסע ווייכע הענט האָט זי זיך אָנגעכאַפּט אָן זיין האַלדז און ווי אַ פאַרשמאַכט קינד האָט זי שטיל גערעדט:

—„ביסט דער ליבסטער, דער בעסטער אויף דער גאנצער וועלט!! ביסט א קרבן אויפן מזבח פון געטרייער ליבע און טיפן רחמנות...״

מיט זיינע צעברענטע ליפן האָט ער איר צוגעמאַכט איר האַלב־געעפנטן מויל:

זי האָט זיך פעסטער צוגעדריקט צו זיין ברוסט און געשעפטשעט:

—„בארויק זיך, טייערינקער״

—„ליבסטער, א קרבן...״

אַדאָניסעס אייפערזוכט

(ס ק י צ ע)

קנייטשנדיק זיין אפגעניצטן הוט אין זיינע געזונטע קויל־שווארצע הענט, האָט דער דרייסיקיאָריקער קאָפער אדאָניס שטיל, אָבער האַרט געזאָגט צו זיין באַלעבאָס, הערש וואלדמאַנען דעם פּראָדוקטן־הענדלער:

„באָס, נאָך דעם חודש וועל איך אָפּאַרבעטן."

דער הויכער מאָגערער פינף און פערציק־יאָריקער בחור וואלדמאַן האָט זיינע ברוינע אויגן פאַרוואונדערט אויסגעשטעלט:

„און נאָכדעם, אדאָניס?"

„נאָכדעם וועל איך גיין זוכן ארבעט אנדערשוווּ".

„פאַרוואָס ווילסטו עפּעס פּלוצלונג אוועקגיין? קריגסטו ניט גענוג עסן? קריגסטו ניט באַצאָלט?"

אדאָניסעס פינגער פון דער רעכטער האַנט האָבן זיך נערוועז געשפּילט מיטן קופּערנעם אויריגגל פון זיין ברייטן רעכטן אויער און די גרויסע ווייסלעך אין זיינע אויגן האָבן אַ בלאַנק געטאָן און באַלד האָט ער זיין פעך־שווארצן געפּאַרפלט־האָריקן קאָפּ אַרונטערגעלאָזן:

„ניין, באָס, דו באַצאָלסט מיר גוט און איך האָב גענוג צו עסן, און דו גיסט מיר גענוג קליידער, און דו באַהאַנדלסט מיר בעסער, ווי אַנדערע באַלעבאַטים, אָבער איך וויל אוועקגיין..."

„ביסט משוגע, אדאָניס!"—האָט וואלדמאַן מיט אַ געקיכצלטן שמייכל אַרויסגעברומט.

„אפשר בין איך טאַקע משוגע"—האָבן אדאָניסעס דיקע ליפּן געמורמלט—„אָבער איך וויל גיין, באָס..."

וואלדמאַנען האָט די מעשה געבריט און געטאָטשעט אין האַרצן, אָבער פאַרשטיין האָט ער גאָרניט געקענט.

* * *

שוין באַלד צוואַנציק יאָר, ווי אדאָניס ארבעט ביי אים. וואלדמאַן געדענקט עס גוט. אדאָניס איז צו אים אָנגעקומען אין דער צייט פון דער „פלו"־עפּידעמיע, וואָס האָט דאַן געבושעוועט אין שטאָט און אומ-

געבראכט מאסן מענטשן. פון די דאָקטורים זיינען דעמאָלט אויך א סך אומגעקומען. אין „לאָקיישן" זיינען די שווארצע געפאלן ווי די פליגן, און די ביים לעבן געבליבענע זיינען אין זייערעביידלעך געלעגן קראנק. די ווייסע זיינען צוליב דעם געווען אומבאַהאָלפן אָן זייערע ארבעטער און דינער, וואָס מען האָט פשוט פאר קיין געלט ניט געקענט קריגן. וואלדמאן איז דעמאָלט אויך געלעגן קראַנק אין זיין צימער—אָן עלנטער, אַ פארלאָזענער, ניט געווען ווער ס׳זאָל אים אפילו א גלאָז וואסער דערלאנגען. פלוצלונג אזוי ווי דורך א נס האָט וואלדמאַן מיט זיינע האַלב־געשלאָסענע אויגן פאר זיך דערזען א הויכן שוואַרצן יונג, עפּעס ווי א כישוף־האַנט וואָלט אים אין זיין צימער אריינגעבראכט און לעבן זיין בעט אוועקגעשטעלט.

דער אפגעשוואכטער וואלדמאן האָט זיך דעמאָלט פון אומגעריכטקייט אזש צעוויינט.

„ווער ביסטו, ווער האָט דיך אהער געבראכט?"—האָט וואלדמאן, שטיל כליפּנדיק געפרעגט ביים קאַפער.



א קאַפערשע הייזל פון אייל־בלעכלעך און זעק.

„איך בין אדאָניס, איך בין אנטלאָפן פון „לאָקיישן", אלע שווארצע שטאַרבן דאָרטן אויס... אין אונדזער ביידל זיינען צוויי קראנקע מענטשן געלעגן אויף שטרוי־זעק, צוגעדעקט מיט אַלטע שמאַטעס, מיין טאַטע און מיין מאמע זיינען געשטאָרבן. צוויי הויכע ווייסע „באַסעס" זיינען

צו אונדזער ביידל געקומען מיט א גרויסן וואָגן ארויסצונעמען די טויטע, האָבן זיי פאראיינס גענומען שלעפּן די קראנקע לעבעדיקע אויך... צוויי פון די קראַנקע האָבן אויפגעציטערט און אויסגעשריען: וואָס שלעפּט איר אונדז פאר די פיס?" „מיר דארפן די טויטע באגראָבן"—האָבן די ווייסע געענטפערט. „אָבער מיר לעבן דאָך נאָך?!" „טאָ מאכט עס גיכער, מיר האָבן קיין צייט ניט!" — האָבן די ווייסע קברות־לייט געשריען. איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקן און בין אנטלאָפן. לויפנדיק פארביי דיין הויז, האָב איך זיך דערמאָנט, אז איך האָב ביי דיר אמאָל עטלעכע פעלן געזאַלצן און דו האָסט מיר געגעבן א האַלבן לעבל ברויט מיט א שטיק פלייש... און איצט בין איך אזוי הונגעריק... שוין צוויי טעג ניט געגעסן...

פון דאַן אָן איז אדאָניס אריין אין וואלדמאנס ווערטל... פאַר די אלע יאָרן וואָס ער ארבעט ביי אים, איז קיין בייז וואָרט צווישן זיי נישט געפאלן. וואלדמאן ווייס, אז צווישן די עטלעכע מענטשן, וואָס ארבעטן ביי אים אין געשעפט, איז אדאָניס דער געטרייסטער און איבערגעגעבנסטער. דער שווארצער האָט עס וואלדמאנען איין מאָל געגעבן צו פילן אויף אזא אופן:

געווען ביי אים אין געשעפט פאַר עטלעכע יאָר איינער אָן אויס־זעער, וואָס האָט דורך כיטרע ריידעלעך און חניפות געהאַט געוואונען וואלדמאנס צוטרוי. דורך זיינע הענט איז דורכגעגאנגען דער גאנצער מסחר מיט אלע חשבונות מיט אלע סודות. נאָר אדאָניס האָט אים פיינט געהאט און האָט וואלדמאנען געווארנט:

„באָס, היט זיך פאַר דעם דאָזיקן מענטשן, ער איז א „שקעלעם" (גנב).

„סטייטש, וואָס רעדסטו, אדאָניס?"

„יע, ער איז ניט טריי דעם באָס... איך האָב אליין געזען, ווי ער האָט געשיקט עטלעכע זעק מיליס צו א קרעמער און האָט ניט פארשריבן אין בוך..."

„האָסט א טעות, אדאָניס."

„באָס, איך בין זיכער... ווען יענער קרעמער קומט, שושקען זיי זיך ביידע און סודען זיך ווי גנבים. שפּיר זיי נאָך, וועסטו זען..."

וואלדמאנען איז עס אריין אין קאָפּ. און נאָכשפּירנדיק האָט ער טאַקע אויסגעפונען, אז ווען ניט אדאָניס, וואָלט ער בדלות געוואָרן.

אלע וואלדמאנס ווייסע אָנגעשטעלטע האָבן געוווסט, ווי געטריי און ערלעך אדאָניס איז געווען צום באלעבאָס, און זיי האָבן דערפאר געפילט צו אים א גוואַלדיקע שנאה.

„א שוואַרצער כלב דאָס איז!... קריגט ער דען וואָס, אפּנים, פאַר זיין הינטישער געטריישאַפט?..."

און וואַלדמאַן האָט טאַקע זייער ווינציק געגעבן אַדאָניסן פאַר זיין דינען אים מיט לייב און לעבן; כאָטש ער האָט אָפט געטראַכט, אז ס'איז גאָר קיין שיעור און קיין ערך נישטאָ צו דער ווערדע פון אזא געטריישאַפט, קומט אים אָבער אויס גאַנץ נאַטירלעך, אז אַדאָניס דאַרף מער נישט האָבן... וואָס איז, דאַרף ער דען אויך זאָרגן פאַר א צוקונפט, פאַר א תכלית— וואָס?...

אַדאָניס ווידער פאַרלאַנגט זייער ווייניק פאַר זיין שווערער אַרבעט און פאַר זיין טיפער געטריישאַפט: א פּאָר גוטע ווערטער פון „באָס"

זיינען אים טייערער פאַר געלד, ער איז גרייט דערפאַר צו קושן דעם „באָס" די פיס און אים אַרומטראָגן אויף זיינע געזונטע ברייטע פּלייצעס.

אַדאָניס ווייס אויך, אז זיין האַר האָט אים ליב, ער ווייס, אז דער באָס זיינער איז דאָך אויך עלנט און איינזאַם... און ער האָט גיט קיין עלטערן, קיין פרוי, קיין שוועסטער און קיין ברידער... ס'וואָלט דעם איינזאַמען „באָס" זיינעם געוויס געווען זייער אומעטיק אין הויז אָן אַדאָניסן און אָן פּרינצן—דעם גרויסן געלן הונט, וועמען דער „באָס" האָט אזוי שטאַרק ליב...

יאָרן לאַנג האָט אַדאָניס געהאַלטן אין טראַכטן וועגן דעם, וועמען פון זיי ביידן האָט דער באַלעבאָס ליבער—אים אָדער פּרינצן?... ווייסן ווייס ער גוט, אז פּרינץ שפּילט א גרויסע ראָלע ביי זיין האַר, א שיינער

און קלוגער הונט איז ער; מאַכט זעלטענע קונצשטיק, וואָס ער און דער „באָס" האָבן אים אויסגעלערנט: שפּרינגט דורך א רייף און שטייט עטלעכע מינוטן אויף די הינטערשטע פיס; ווען דער „באָס" זאָגט: „גוד מאָרנינג", „גוד נייט", „העלאָ, פּרינץ", הייבט דער הונט אויף זיין פאָדער־שטע רעכטע פוס און דערלאַנגט זי באַלד דעם „באָס" אין דער רעכטער האנט אריין. „גיי שלאָפן, פּרינץ!" נעמט דער הונט אראָפּ א קישעלע פון א שטול אין מויל אריין, לייגט עס אוועק לעבן וואלדמאנס בעט און ציט זיך אויס, לייגט אוועק זיין מאָרדע אויף די צוויי פאָדערשטע פיס און שלאָפט איין. אדאָניס קוקט זיך צו, ווי וואלדמאן קוועלט אָן פון נחת, ווען פּרינץ שטעלט זיך אוועק אויף זיינע הינטערשטע פיס, פארלייגט זיין ברוין־געלן קאָפּ אָן א זייט און מאַכט הנעוודיק צו איין אויג און מיט דעם אנדערן אָפענעם אויג קוקט ער שעלמיש אויפן באלעבאָסעס קעשענע, ווו—ער ווייס —ס׳געפינט זיך פאַר אים אַלע מאָל א שטיקל שאָקאָלאד...

אדאָניס טראַכט, אז פּרינץ האָט א רעכט געליבט צו ווערן, נישט ווייניקער פאַר אים, ווייל אַקוראַט ווי ער, איז דער הונט אויך אריינגעקומען אין זיין „באָסעס" לעבן עלנט, איינזאַם, הונגעריק און פארשמאַכט און האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אויף זיין „באסעס" עסן און וווילטאָג. דאָך האָט זיך אים תמיד געוואלט וויסן, ווען פאַרט האָט דער באלעבאָס מערער האָלט.

און דאָ נישט לאַנג איז אים דאָס קלאָר געוואָרן:

פאַר א סך יאָרן איז וואלדמאן נישט ארויסגעפאָרן פון שטאָט. ער האָט אזוי לאנג געאַרבעט און געהאָרעוועט, ביז ער האָט גענומען ליידן פון א שטאַרקן ווייטאָג אונטערן האַרצן און דער דאָקטאָר האָט אים שטרענג פאראָרדנט אוועקצופאָרן אויף א פּאָר חדשים פון דער היים צום ים זיך דאָרטן גוט אויסרוען. אדאָניסן האָט די צעשיידונג מיטן באלעבאָס זייער ווייי געטאָן. פּאַקנדיק די פּעקלעך פאַר זיין האַרס נסיעה, ווען פּרינץ איז ארום אים ארומגעלאָפן, דרייענדיק מיטן ווידל, גערוועז זיך רייבנדיק אָן אים און באַשמעקנדיק די פּעקלעך מיט מאָדנער נייגעריקייט, האָט אדאָניס מיט א טיפן עגמת נפש געבורטשעט:

„איי, וועט עס אונדז ביידן זיין אומעטיק אָן אונדזער באָס!..."

און פארן אָפּפאָרן האָט עס פּאסירט. וואלדמאן האָט זיך פארן ארויס־גאנג פון שטוב ארומגעקוקט האלב צעטראָגן אין אלע זייטן, דאַן האָט ער עפּעס אזוי קאַלטלעך א זאָג געטאָן צו אדאָניסן פון דער ווייטנס:

„גוד ביי, אדאַניס, גיב אכטונג אויפן הויז, אויף די ביזנעס און אויף פרינצן...״

און פרינצן האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט, אַנגענומען זיין רעכטע פאָדערשטע פוס און זי לאַנג געדריקט מיט אזא ווארעמער ליבשאַפט... אַדאַניס האַרץ איז דעמאָלט שיעור נישט צעפּלאַצט געוואָרן פון ביטערער צעפּרעסנדיקער איפּערזוכט...

ווען וואלדמאַן איז געווען שוין אוועק און אדאַניס איז געבליבן אליין מיט פרינצן אין הויף אונטערן גרינעם פעפער-בוים, האָט אדאַניס דעם פאַראומערטן הונט בייז אַנגעקוקט און ביטער געמורמלט:

„דו פאַרפלוכטע שטומע באַשעפעניש!... דער „באָס״ האָט דיך ליבער פאר מיר, דיך גריסט ער מיט דער האַנט, מיך אָבער ניט... דיינע פיר דינע פיסלעך, מיט דיין נאַרישן ווידל זיינען אים ליבער... פּגרן זאָלסטו!...״

אָבער זיין פעסטן באַשלוס האָט אדאַניס אַנגענומען, ווען וואלדמאַן איז צוריקגעקומען. א געזונטער און פריילעכער, האָט וואלדמאַן פון ווייטנס נאָר אויסגעשריען צום שווארצן: „וואָס מאכסטו, אדאַניס?״, אָבער פרינצן האָט ער ארומגענומען מיט גרויס ליבשאַפט און נישט אויפגעהערט צו שאָקלען און דריקן די לאַפּע זיינע מיט אזא פרייד... דעמאָלט האָט אדאַניס מער נישט געקענט אויסהאלטן פון שניידנדיקער ביטערער קנאה און האָט שטילערהייט צו זיך אליין גערעדט:

„איצט זע איך, אז דער „באס״ האָט דעם כלב מער האָלט ווי מיך... איך גיי אוועק...״

וויפיל וואלדמאַן האָט זיך ניט אַנגעשטרענגט איבערצורעדן אדאַניסן, ער זאָל ביי אים פארבלייבן, האָט ער ניט געווירקט. שטום, שטיל און גלייכגילטיק האָט אדאַניס זיך צוגעהערט צו וואלדמאַנס צוזאגן זיין גע־האַלט צו העכערן, נייע קליידער אים צו קויפן. א בלאַסער שמייכל, אויס־געמישט מיט טונקעלן צער, האָט געפלאַטערט אויף זיינע דיקע ליפן און פון זיינע פאַרוואָלקנדיקע אויגן האָט ארויסגעשטאַרצט א פּייכטקייט. ער האָט געשוויגן פארשטיינערט און בלויז געדרייט לאַנגזאַם מיטן קאָפּ—אויף „ניין...״

וואלדמאַן איז פון כעס און פאַרדרוס צעשפּרונגען:

—„א בייזע משוגעת איז אין אים אריין!״

אַ פרעמדער ייד

(ס ק י צ ע)

— „ס׳ווייזט אויס, כ׳בין קראַנק“ — האָט א גערדאנק געגעבערט רעוור־רענד בוכמאַנס מוח — „כ׳קען דאָך אפילו אַן אויג נישט צומאכן, נישט אויף איין מינוט איינגעשלאָפן“.

ער האָט די אויגן צוגעדריקט און די הענט האַסטיק אויפן ווייסן קישן אויסגעשפרייט און האָט זיך שווער אפגעזיפצט און אויפגערעגטערהייט האָט ער דעם ליילעך איבערן קאָפּ אריבערגעצויגן. באלד אָבער האָט ער דעם ליילעך ווידער אראָפּגעצויגן און נערוועיש זיך גענומען גלעטן און רייבן דעם קאָפּ, און צופּנדיק זיינע געדיכטע שווארצע לאָקן, האָט ער געעפנט זיינע טריבלעכע אויגן און יאושדיק אָנגעקוקט די שלאַנקע זיילן פון דער קליינער וואַרענדע פון זיין הויז, וואָס שטייט לעבן דער יידישער שול אין באָביאַנסקראַנץ.

דאָ שלאָפט ער אַלע זומערדיקע נעכט פאַר די גאַנצע זיבן יאָר, וואָס ער איז דאָ רעווערענד, דאָס הייסט: חזן, שוחט און לערער.

— „אזא ליכטיקע נאַכט, אזא קלאָרע לבנה!“ — טראַכט בוכמאַן.

די נאַכט איז ריין און שטיל. דער הימל זעט אויס ווי אַן אויסגעשפרייטע דינע בלאָלעכע דעקע. די לבנה שווימט שטאָלץ, חשיבותדיק און שוויגנדיק...

— „מיינע נערוון, ווייזט אויס, זיינען צעבראָכן און ס׳איז קיין רפואה פאַר מיר נישטאָ“ — האָלט בוכמאַן אין איין טראַכטן.

ער דערמאָנט זיך, וואָס ער האָט אַמאָל געהערט, אַז ציילן די שטערן איז א סגולה צום שלאָפן. ציילט ער די שטערן און ס׳דוכט זיך אים אין דער רגע, אז טאַקע נאָר צוליב דעם זיינען באַשאַפן געוואָרן די דאָזיקע גאָלדענע פונקען, וועלכע ווינקען און רופן אים מיט ליבשאַפט און רחמנות...

— „איינס, צוויי, דריי... וואָרט ווו איז דאָרטן דער מילך וועג? און ווו איז דאָרטן דער פלאַנעט מאַרס?...“

די שאָטנס פון די הויכע עקאַליפּטוס־ביימער ביים הויז האָבן זיך צעשפּילט אויף זיין ווייסער דעקע, און אויף דער ווייסער וואַנט פונם הויז האָט די לבנה געפלאָכטן גראַלעכע קעסטעלעך, נעצן און טרעפּלעך, וועלכע האָבן זיך ארומגעוויגט און ארומגעטאַנצט... און אַז בוכמאַן האָט זיך צו דעם צוגעקוקט און די אויגן האָבן אים זיך שוין גענומען קלעפּן, האָט ער זיך גענומען באַרויקן:

— „וואָס פאַר א בטלן איך בין צו מיינען, אַז כ'בין קראַנק. כ'בין געזונט. נישט מער, כ'בין אַזוי שטאַרק אויפגערעגט פון דעם, וואָס מיין טייערע בתשבעלע מיט אונדזער ליבן בן־יחידל מנשהלע זיינען היינט געקומען. נאָך אלעמען בין איך דאָך אָנגעמאַטערט פון דער נסיעה אויך. געווען דאָך אין קייפּטאַון און זיי פון דער שיף אראָפּגענומען, גאַנצע צוויי טעג אָנגעהאַלטן אין איין ריידן און אויסדערציילן אַלץ, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן פאַר די גאַנצע זיבן יאָר!... יע, כ'בין געזונט און אַלע מיינע גלידער זיינען שטאַרק און פול מיט לעבנסיוגנט..."

* * *

גאַנצע זיבן יאָר האָט ער געוואַרט אויף דער באַגעגניש מיט זיינע טייערע.

זיבן שווערע יאָרן זיינען עס געווען!

זיין קליין שטעטל אין דער ליטע האָט ער פאַרלאָזן צוויי יאָר נאָך זיין חתונה. מען האָט אים דאָרט געהאַלטן פאַר א „זיידענעם יונגנמאַנטשיק", פאַר אַ בעל־תורה, אַ משכיל, אַ מושלם. אַנקומענדיק אהין פון דער מירער ישיבה, האָט ער געקראָגן איינגאַנג אינעם הויז פונעם רייכן סוחר נחמן זיידל, ווו ער האָט באַגעגנט די שלאַנקע, גאָלד־האָריקע, בלאָאויגיקע בתשבע, רב נחמנס באַליבטע בת־יחידה, — א פריילעכע, א קלוגע און א געלערנטע, וואָס אויסער איר גרינדלעכער שול־בילדונג מיט טיפער קענטעניש אין עטלעכע אייראָפּעישע שפּראַכן, האָט זי נאָך געהאַט גרויס לוסט צו לייענען און האָט דורך דעם זיך דערוואָרבן ברייטע ידיעות אין דער וועלט־ליטעראַטור. די מיידל איז פאַר בוכמאַנען געוואָרן א טייערע חברטע, און ס'האָט לאַנג נישט געדויערט צווישן זיינע ערשטע ליבעדערקלערונגען און איר איינוויליקונג זיין כלה צו ווערן. ווייל אחוץ דעם וואָס זיין פּערזענלעכקייט, זיין האַלטונג און זיין אַרט ריידן זיינען איר געפעלן געוואָרן; און אחוץ דעם וואָס אין זיינע שטראָמיקע הייסע ליבע־רייד האָט זי אזוא ערנסטקייט, אזא איבערגעגעבענע ריין-האַרציקייט

דערקענט — האָט דערצו נאָך איר פאָטער, וועלכער האָט זיך פשוט פארליבט אין בוכמאַנס תורה־פלפולים און השכלה־וויכוחים, צוגעגעבן דער טאָכטער חשק און מוט צו דעם ווונדערבאַרן שידוך, און אין גיכן איז געוואָרן די גליקלעכע חתונה.

אין ריינער פרייד האָבן זיי געלעבט אין פאָטערס הויז. רב נחמן זיידל איז געווען איבער גליקלעך די צוויי געליבטע נפשות ביי זיך צו האָבן, און די שמחה איז אינגאַנצן פארפולט געוואָרן מיטן געבורט פונעם צאַרטן, ליבן מנשהלען.

אָבער גאָר גיך איז געקומען די טרויעריקע צעשיידונג. א גרויסע צרה האָט געטראָפן. די רעגירונג האָט אויף זיידלען ארויפגעלייגט אומגעהייער גרויסע באַלאַסטונגען, וואָס זיינע עסקים האָבן בשום אופן נישט געקענט דערגרייכן, און זיין רייכטום איז צערונען געוואָרן. פון עגמת־נפש איז זיידל געשטאָרבן און אופן יונגן פאָר פאָלק האָט זיך ארויפגערוקט דער פינצטערער וואָלקן פון דחקות. און ווען ס'איז זיי געקומען „פון בריק אין וואַסער", האָט אים אַ פריינד אין נויט אויסגעהאָלפן מיט אַן עצה און מיט א הלוואה—צו פאָרן קיין אפריקע. בתשבע מיט מנשהלען—האָט מען באשלאָסן—וועלן אינעם פריינדס הויז בלייבן, ביז בוכמאַן וועט זיך איינאָרדענען אינעם גאָלדענעם לאַנד און וועט זיי דאַן צו זיך ארויפנעמען.

נאָך איצט דריקט אים דאָס הארץ ביז געוויין בעת ער טראַכט וועגן יעמאָלטיקער צעשיידונג. זיין נשמה ווערט נאָך איצט צעריסן פונעם טרויעריקן בילד, ווי דאָס עופהלע, מנשהלע, האָט זיך מיט די ווייכינקע הענטלעך אָנגעכאפט אָן זיין האַלדז און מיט צעשראָקענע אייגעלעך אים טיף אין פנים ארייַנגעקוקט, באַבלענדיק און ברומענדיק, אזוי ווי עס וואלט פאַרשטאַנען די טראַגעדיע פון דער דאָזיקער צעשיידונג. און ווען די מוטער האָט מנשהלען געמוזט פון זיינע אָרעמס ארויסנעמען, האָט זיך ס'קינד אזוי מוראדיק צעשריען, אז זייערע הערצער האָבן שיעור נישט געפּלאַצט!

ער פילט נאָך עד היום יענע לעצטע געזעגעניש־קושן, די האלדזונגטרערן און דאָס געוויין... נאָכדעם די רייזע—די שיף, דער שטורעמדיקער אַטלאַנטיק... די ים־קראַנקייט, די נאָגנדיקע בייַנקשאַפט אין הארצן... און שפּעטער דאָס לעבן פון אַן איינזאַמען, עלנטן, פרעמדן נע־ונדניק אין א פרעמדער, פרעמדער סביבה... דער פרעמדער אַרט לעבן... אפריקע!

וואָס ס'איז אים אין זכרון באַזונדערס בולט געבליבן שטעקן פון די ערשטע טעג פון זיין אָנקומען אין אפריקע—איז דער וועג פון קייפּטאַון פאַרנדיק, וועלכער בייגט זיך און דרייט זיך ווי אַ שלאַנג ארום מעכטיקע הויכע בערג, וואָס קוקן אראָפּ אין א טיפן תהום, וועמעס שרעקלעך צע־שפּרייטער מויל שטייט ברייט צעעפנט אַלץ אין זיך צו פארשלינגען . . .

דאַן זיינען געקומען די ערשטע יאָרן אין באָביאַנסקראַנץ.

ווי אַ שוואַך ווערעמל האָבן אים די „אויסגעגרינטע" באַלעבאַטים באַטראַכט. אין א צעקאַליעטשעטן קיך־ענגליש, געמישט מיט פאַרגרייזטן אפריקאאנס, האָבן די דאָזיקע „געלע" זיך אָפּט געוויצלט און אָפּגעלאַכט פון זיין „היימישן" ריידן. וואָס פאַר אַ צער און פּיין ער האָט געטראָגן פון דעם, וואָס ער האָט נישט געקענט קריגן קיין אנדער באַשעפטיקונג, ווי נאָר צו ווערן א העברעישער לערער און א שוחט. וואָס דען האָט ער געזאָלט טאָן? צו מסחר, וואָס ער האָט געהאַסט, האָט אים אי דאָס הארץ נישט דערלאָזן, אי ער האָט פּשוט נישט געקענט צוקומען. צו ווערן א רעווערענד האָט מען אים שטאַרק צוגערעדט, האָט ער עס געטאָן. אָבער וויפיל צרות, קלעמעניש און באַליידיקונגען האָט ער פאַר די ערשטע ביטערע גרינע יאָרן געהאַט אויסצושטיין, שוין אפילו פון דעם בעסערן מין באַלעבאַטים, וועלכע האָבן זיך צו אים כלומרשט געקרובהט און אים מיט א שמייכעלע פארזיכערט „אויף זייער וואָרט", און געשוואָרן „ביי זייער לעבן", אז זיי גיבן אים נאָר א „טשאַנס" . . . ווייל זיי ווייסן גאַנץ גוט, אז העברעישע לימודים ווערן באַטראַכט דורך די קינדער ווי א נאַרישע, נוצלאָזע ארבעט, ווייל אויך זיי אליין באַדאַרפן עס, ווי א לאָך אין קאָפּ, לעבנדיק אין דער סביבה פון אזא מעכטיק רייכער שפּראַך און ליטעראטור ווי די ענגלישע! . . .

—„א רעווערענד דאַרפן מיר?"—האָט א קרעמער זיך אָפּט געוויצלט— „אויף כפרות דאַרפן מיר אים . . . נאָר כ'ווייס, ס'גייען ארום אין די גאַסן בעק, איזלען, מויל־אייזלען, זאָל שוין ארומגיין א רעווערענד אויך" . . .

אָט אזוי האָט ער זיך עס אָנגעליטן פון זיינע באַלעבאַטים, די ברויט־געבער, וועלכע האָבן זייער פארמעגן אָנגעקליבן, לעבנדיק קאַרג יאָרן לאַנג אין ווייט פארוואָרפענע ערטער פון דער מדינה, צווישן אומאַנט־וויקלטע פאַרמערס, אין וועמענס הינטערשטעליקע דרכים זיי האָבן זיך איינגעלעבט . . . אזוי פיל משונהדיקע דיבורים האָט ער זיך פון זיי אָנגעהערט, אזוי פיל פלוידערייען און ניבול־פּה און אזוי פיל לעכערלעכע

מעשהלעך! ער האָלט עס פאַרשריבן אין א בוך פון הונדערטער זייטלעך, און ווען ער לייענט עס, שטוינט ער נאָך איצט פון זייער אמאָליקער קאָמישער רויקייט און פון זייערע נאַרישע מעשים.

ער האָט אָנגעווענדט אַ סך מי זיי צו לערנען, צו שאַפן ביי זיי אָרדענונג. ער האָט אויפגעשטעלט די קהילה, האָט ניט גערוט ביז זיי האָבן אויפגע־בויט א שול. דאַן האָבן זיך אָבער אנגעהייבן מחלוקת, רייסעניש און בייסעניש צוליב א ביסל כבוד, צוליב עליות, גבאות. דערגאנגען אפילו צו משפטים, בזיונות, חלול-השם. ער האָט אזוי פיל יסורים דערפון גע־טראָגן און א פרעמדער האָט ער זיך געפילט צווישן זיי, א פרעמדער!

נאָר געדולדיק האָט ער זיך געטרייסט מיט די ווערטער: „די באַלוי־נונג וועט זיין נאָכן צער נאָך"... און די באַלוינונג האָט ער געזען אין דעם סוד, וואָס האָט אים אין דער שטיל געפרייט: א חוץ דעם וואס ער האָט דורך די ערשטע יאָרן געקענט אהיים שיקן געגוג אויף אַלץ, וואס זיי האָבן דאָרטן נייטיק געהאט—האָט ער, קאָרג לעבנדיק און אפשפאָרנדיק פון זיך, באוויזן אוועקצולייגן אין פאָסט א פאָר הונדערט פונט, וועלכע זיינען געוועזן זיין „לעבנס־פאָנד" אראָפּצוברענגען אהער זיין בתשבען און מנשהלען. ווי גרויס איז אָבער זיין עגמת נפש געווען ווען איינער פון זיינע באַלעבאַטים, וואָס מענטשן האָבן אים געהאַלטן פאר א גרויסן גביר און אַן ערלעכן מאַן, האָט פון אים ארויסגעקראָגן דעם סוד וועגן זיינע אָפּגעשפּאָרטע הונדערטער און ער האָט אים איבערגערעדט אריינצולייגן דאָס געלט אין עפּעס א בשותפותדיקן געשעפטל, וואָס האָט כלומרשט געזאָלט ברענגען א גוטן רווח, און נאָר א דריי וואכן נאָכן אויסנאַרן פון אים דאָס געלט איז דער דאָזיקער „גביר" געגאנגען געבראָכן...

אויף ס'ניי האָט רעוורענד בוכמאַן זיך גענומען צו זיין שווערער אר־בעט. אויף ס'ניי האָט ער גענומען קאַרגען נאָך מיט מער חשק, מיט א שטאַרקערן מוט און האָט פאַרעקשנט, מיט אַן אייזערנעם ווילן און מיט פאַרביסענער אכזריות קעגן זיך, אפּגעשפּאָרט פון זיך דאָס נייטיקסטע, פּעני צופּעני האָט ער געקליבן. דערווייליע איז די קהילה געוואקסן. זיין מצב האָט זיך פאַרבעסערט, די באַלעבאַטים זיינען אידעלער געוואָרן, האָבן זיך צוגעוויינט צו אים און אים ליב באַקומען. גערופן מיטינגס, געשריען, געפּילדערט, געקריגט זיך צווישן זיך און דאָך באַשלאָסן פאַר זייער רעוורענד א הויז דערביי לעבן שול צו בויען. הכלל—זיין באַגער איז דערפילט געוואָרן. ס'איז אים געלונגען ענדלעך זיינע טייערע נפשות אהער צו ברענגען.

* * *

ווי גוט און ווי וואויל עס איז אים! א סוף צו דער עלנטקייט און איינזאַמקייט, גענוג צו זיין א פרעמדער!...

ווי גליקלעך ער האָט זיך געפילט, ווען ער איז געפאָרן קיין קייפּטאון זיי באַגעגענען. און ווען ער איז געשטאַנען אין האַפן און פון דער ווייטנס דערזען די שיף דערשיינענדיק אויפן האָריזאָנט, איז זיין האַרץ שיעור נישט צעשפּרונגען פון אומגעדולד, ער איז פשוט אין שטאַנד געווען אין ים אריינצושפּרינגען און זיך לאָזן שווימען דער שיף אנטקעגן... און ווען די שיף איז צום האַפן צוגעשוואומען און ער האָט דערזען בתשבען, געקליי־דעט אין א מאָדערנעם ברוינעם קאָסטיום, אזוי געשמאַקפול פּאסיק צו איר שלאַנקער פיגור, אין א געשלייערטן קליינעם ברוינעם היטעלע אויף איר גאָלד־לאָקיקן קאָפּ, מיט איר בלאַסלעכן, פון רייזע־מידן פּנים פון וועלכן ס'האָט זיך נישט אָפּגעטאָן די שיינע אידלקייט; און ער האָט דערזען, ווי זי זוכט אים מיט אירע לעבעדיקע אויגן צווישן גרויסן עולם אויפן ים־ברעג, האַלטנדיק מנשהלען ביים הענטל און פאַרטראַכטערהייט באַוועגנדיק אירע ליפּן, ווי זיי וואָלטן זאָגן: „ווו איז ער?"—האָט בוכמאַן זיך שוין מער נישט געקענט באהערשן און זיך פונאנדערשרייענדיק ווי א פּרא־אדם, נישט קימערנדיק זיך וועגן דעם געלעכטער, וואָס זיינע קולות האָבן דער־וועקט ביי די מענטשן ארום אים—איז ער ארויפגעשפּרונגען אויף דער שיף אריינכאַפּנדיק זי אין זיינע אָרעמס, און האָט זיך צעכליפּעט, ווי א קליין קינד.

און ווען בוכמאַן האָט ווי א באַנומענער ניט אויפגעהערט צו קושן און האַלדזן בתשבען, איז מנשהלע געשטאַנען א שוויַיגנדיקער און א צעשראָ־קענער אָן א זייט און ניט אראָפּגענומען די אויגן פון דער מוטערס צע־רויטלטן פּנים. מיטאַמאָל האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן איר קלייד און מיט כעס א געשריי געטאָן:

—„מאמע, וואָס וויל דאָ דער דאָזיקער ייד פון דיר!"...

—„וואַרט, מנשהלע ליבנקער, וועסט מיך נאָך ליב האָבן"—האָט בוכ־מאַן, מיט באַהאַלטענער זאָרג און צער און א ביסל פאַרשעמט, א זאָג געטאָן צום קינד.

און צו בתשבען האָט ער שטיל געזאָגט:

—„איך קען שווערן, אז דו האָסט פאַר דעם קינד פאַנטאַסטיש מיך געשילדערט ווי עפּעס א ראָמאַנטישן העלד, וואָס איז אויעקגעפאָרן אין ווייטע לענדער פאַנגען לייבן און לעמפּערטן... און אז אנשטאָט דעם

האָט זיך באוויזן א געוויינטלעכער ייד מיט א בערדל, זע איך ביי אים אויס ווי א פרעמדער... נאָר וואַרט איך בין א גוטער פעדאַגאָג. אלע קינדער האָבן מיך ליב. וועסט זען, אז איך וועל אונדזער זונעלע צו מיר צוציען און ער וועט מיר ליב האָבן...

פאר די ערשטע עטלעכע טעג האָבן מאַן און פרוי נישט אויפגעהערט צווישן זיך צו שמועסן און זיך פון די הערצער אראָפּצורידן די בערג פאסירונגען און איבערלעבונגען, וועלכע האָבן זיך אָנגעקליבן דורך די לאנגע איינזאמע טרויעריקע יאָרן.

אַנדערהאַלבן טעג האָבן זיי פארבראכט אין צוג. אהיים קומענדיק האָבן זיי געפונען כמעט אלע באלעבאטים מיט די ווייבער און קינדער, וועלכע זיינען זיך צוזאמען געקומען אָנצוקוקן זייער „רביצין", וועמען זיי האָבן געפונען, צו זייער גרויס וווּנדער, גאָר א „מאָדערנע, אריסטאָקראַ־טישע פרוי". און ווען זיי האָבן איר געשטעלט די געוויינטלעכע באַנאַלע פראַגע:

—„נו, ווי געפעלט אייך אפריקע?"

האָט זי געענטפערט מיט איר גוטמוטיקן שמייכל:

—„דעם אמת זאָגנדיק, איז דער ערשטער איינדרוק וואס אייער מדינה האָט אויף מיר געמאַכט, נישט גאָר קיין גוטער"...

—„ס'טייטש, ווי אזוי?"—האָבן זיך אָפּגערופן עטלעכע שטאָלצע „לעידיס" מיטאַמאָל.

—„האָט קיין פאַריבל נישט"—האָט זיך בתשבע נאָך מער חנ'יק צע־שמייכלט — „יע... אזעלכע ברענעדיקע היצן... נישט זונענשיין, נאָר פשוט זונענפלאַם האָב איך דאָ געפונען און אזעלכע ווירבלווינטן!... און מערקווירדיק, די מוראדיקע הויכע, האַרטע פעלזן־בערג, די אויסגעקרימטע, צעדרייטע וועגן און שטעגלעך איבער די ווילדע בערג און טרוקענע טאָלן, די היילן ארום און ארום און די פאַרברענטע פעלדער מיט די געפאַרפלטע פאַרווילדעטע דערנער־גראָז, אַקוראַט ווי די געפאַרפלטע האָר פון די נע־גערס,—זיינען ריכטיקע צייכנס צו באווייזן, אז דאָס לאַנד איז פון „בראשית" אָן געשאפן פאַר ווילדע מענטשן"...

* * *

ווען די געסט זיינען זיך צעגאַנגען און זיי זיינען ביידע אליין געבליבן, האָבן זיי זיך צוגעקוקט צו מנשהלען, וועלכער איז אין זייער בעט געלעגן און אומרויק זיך ארומגעדרייט אויף אלע זייטן, און בוכמאַן האָט ווייך און צערטלעך געזאָגט:

—„ביסט אזוי מיד, בתשבע, גיי רו זיך אָפּ. שלאָף די נאַכט מיטן קינד און איך וועל נאָך שלאָפן אויף דער וואַרענדע. גיי לייג זיך צו, און אז דאָס קינד וועט רואיק איינשלאָפן, וועל איך אריינקומען איך געוואָר ווערן"...

—„גוט, גוט, מיין מאַן"—האָט בתשבע מיט איר חנ׳יקסטן שמייכל געענטפערט, און א ליכטיקייט האָט איבער איר פנים א שיין געטאָן.

דאָס סודותפולע פלעמל, וואָס האָט זיך אין אירע קלוגע אויגן אזוי ליבלעך צעשפילט, גייט אים פון זינען נישט ארויס...

ווי נערוועיש, ווי אויפגערעגט ער איז!..

...ער איז אויפגעשטאַנען און האָט גענומען ארומשפּאצירן איבער דער וואַרענדע און אומרויקערהייט האָט ער צו דער לבנה ארויפגעקוקט. ס׳דוכט זיך אים, די לבנה איז איצט נאָך העלער געוואָרן, זי קוקט אים אָן מיט פּיקחות, זאָגנדיק:

—„שוטה דו, וואָס חלומסטו דאָ? גיי אריין צו איר"...

ער האָט געדרויכערט איין ציגאַרעטל נאָכן אנדערן, פּאַרצויגן מיט גרויסער לוסט דעם דיקן רויך, כדי זיינע צעדודערטע נערוון און ברע־נענדיקע פּאַרלאַנגען צו שטילן... דאַן איז ער פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צו דער טיר פון שלאָפצימער, זי אויפגעעפנט און אין צימער איז גאנץ ליכטיק געוואָרן.

מיטאַמאָל האָט מנשהלע צעעפנט די בלאָע אייגלעך און זיך פונאנדער געשריען מיט משונהדיקע קולות:

—„אוי, מאמע, דער פרעמדער ייד, ווידער דער פרעמדער ייד!..."

דער דערהויבענער ציל

(ד ע ר צ יי ל ו נ ג)

.1

„ס'איז אזוי ביטער און שווער צו טראָגן אויף די יונגע פּלייצעס דעם יאָך פון פיינלעכער אָרעמקייט און שטיקעדיקער דחקות" — האָט די מיטלוווקסיקע שלאנקע צוואַנציקיאָריקע לילי גרינבלום, זיפצנדיק שטיל געדעדט צו איר חברטע, וואָס איז א פּאָר יאָר עלטער פאר איר, — דער גראַאויגיקער, שאָטענהאָריקער בורנטאַכטער, מיטן בלאַסלעכן פּנים, באַהויכט מיט פרישער ראָזקייט, — דאָראָטי שקו־מאַן — „ס'איז אזוי נישט יושרדיק, פאר וואָס קומט עס אונדז אזוי צו לײדן ?"

דאָראָטי האָט זיך א קער געטאָן צו לילין און, אריינקוקנדיק אין אירע פאַרחלומטע שוואַרצע אויגן, וועלכע קוקן אוועק אין ווייטע וועלטן, האָט זי מיט געמאַכטער מונטערקייט געענטפערט :

— „און דאָך זיינען נאָך דאָ אָרעמערע פאר אונדז ביידן".

און ברייט עפענענדיק אירע מילדע אויגן, פול וואַרעמקייט און ארויסשטאַרטשעדיקער גלוסטונג צו לעבנספרייד, האָט זי איר קאָפּ א שאָקל געטאָן לאַכנדיק :

— „קום, לילי, כ'וועל דיר ווייזן, וואָס אונדז איז געבליבן פון אונדזער רייכטום".

און אָננעמענדיק לילין ביי דער האַנט, האָט זי איר אריינגע־פירט אין איר פאָטערס וואָגן־הויז, וואָס איז געשטאַנען טיף אין הויף און מיטן פינגער אָנווייזנדיק צו דער וואַנט, האָט זי געזאָגט :

— „זעסט, לילי, אָט דאָס איז אַלץ, וואָס איז אונדז פארבליבן א זכר פון מיין פאָטערס אמאָליקן גרויסן רייכטום !"

לילין האָט א קאַלטער שוידער דורכגענומען, בעת זי האָט דער־זען צוויי גרויסע הילצערנע, גלאַנציק־פּאָלירטע טרונעס באַזילבערט, באַ־פּוצט מיט צאַצקעס, קרוינען און צלמימלעך. און ווען זי איז גיך ארויס־געלאָפן פון וואָגן־הויז, האָט איר נאָכגעקלונגען דאָראָטיס שטימע :

— „דאָס איז אַלץ וואָס איז אונדז געבליבן...״

לילין האָט עס אָנגענומען בײַם האַרצן. זי האָט דאָך געוווּסט, ווי רײַך דאַראַטיס פאָטער, פראַנץ שקומאַן, איז געווען. אַ סך הײַזער געהאַט אינעם שטעטל ווילדפאַנטײַן און דערבײַ לעבן שטעטל — צוויי גרויסע פאַרמס רײַך באַוואַסערט און באַבוימט, מיט צענדליקער טויזנטער מערינאָ־שעפּסן און אַ סך פּי, וואָס אַ פּאַרוואַלטער האָט אויפגעפּאַסט. די פאַמיליע שקומאַן האָט זיך רײַך געלעבט אין ווילדפאַנטײַן, נאָר די גרויסע טריקעניש האָט אויסגעבראָכן און פון אַלץ איז אַ תל געוואָרן, און זײַענדיק צו שטאָלץ צו בעטן הילף בײַ דער רעגירונג, האָט דער חשובער שקומאַן אַלץ בזול פאַרקויפט, פּרובירנדיק שפּעטער זײַן גליק אין מסחר, האָט ער ביז אַ פּעני פאַרלאָרן. אַזוי איז אַלץ צערונען געוואָרן און נאָר די צוויי שיינע טרונעס זײַנען אים געבליבן פון די גוטע צײַטן, ווען ער האָט גרויס הנאה געהאַט זיי אָנצוקוקן יעדן מאָרגן... „און אפילו איצט פאַרפעלט ער ניט״ — האָט געזאָגט דאָראָטי — „יעדן מאָרגן צו באַטראַכטן מיט צופרידנהייט די דאָזיקע פּראַכטפולע טרונעס, וואָס ער האָט זוכה געווען אין די פעטע יאָרן זיך אײַנצושאַפן...״

— „און מײַנע עלטערן״ — האָט לילי אַרויסגעזיפצט מיט אַ שמייכל

— „וואָלטן געוויס אוועקגעשטאָרבן פון שרעק, זעענדיק זייערע אייגענע ארונות!... מיר האָבן נישט אַזעלכענע געזונטע נערוון... דערפאַר טאָקע קומט אונדז אָפּט אויס צו שטאַרבן אין פרעמדע תכריכים... ווייסטו, וואָס אונדז איז איבערגעבליבן פון אונדזער אַמאָליקן רײַכטום?״

— „וואָס?״

— „אַ סך שיך!״ — האָט לילי געלאַכט פאַרביטערט.

לילים פאָטער, טשאַרלי גרינבלום, איז געצוווּנגען געוואָרן דורך די קרעדיטאָרן זײַן קאָלאָסאַלע שאָפּ צוצושליסן און באַנקראָטירן. און בלײַבנדיק ברויטלאָז, האָט ער זיך געכאַפּט צו אַלערלײַ פּרנסות, וועלכע האָבן אים געבראַכט נאָר אַנטוישונגען און האַרצווייטאָג, קוים קוים זיך צוגעשלאָגן צו אַן אַגענטור פון לעבנס פאַרזיכערונג ־געזעלשאַפט, צוליב וואָס ער איז תמיד געווען „אין וועג״, נע־ונד, און זײַן אומענדלעכע אַרבעט האָט אים געקלעקט קוים אויף דערנערן די פאַמיליע זײַנע, וואָס איז באַשטאַנען פון פינף נפשות: אירע עלטערן, צוויי ייִנגערע שוועסטערלעך, און זי אַליין, וואָס האָט געהאָלפן דעם הויז אויסצוהאַלטן דורך דעם, וואָס זי האָט געקראָגן אַ שטעל אין אַ „לאָיערס״ ביוראָ.

— „אָ, דאָראָטי, וואס צרות איך האָב שוין אריבערגעטראָגן אין מיין יונגן לעבן!" — האָט לילי גרינבלום, שווער זיפצנדיק און בשעת מעשה האָט איר געשניטן אין הארצן די סצענע פון דער צייט פון זייער באנקראָט־חורבן, ווען דער „שעריף" איז צו זיי אין הויז געקומען אלע מעבל און קאָסטבאַרע זאכן אָפצושרייבן.

אָט שטייט פאַר איר נאָך איצט דער גראָב־פּנימדיקער, דיק־גוידער־דיקער „שעריף", מיט א בייזער מינע באַטראַכט ער שוויגנדיק אלץ ארום, צייכנט, שרייבט און אָפט בורטשעט ער און פרעפלט... פּלוצלונג דערזעט ער דעם פולן אַלמער קליידער און דערביי א סך שיך, אזוי פיל שיך, וואָס די מוטער האָט אלע מאָל געהאַלטן אין איין אריינברענגען פון שאָפּ צו פארזאָרגן די פאמיליע מיט א פולער האנט. און ער דערלאַנגט א הייזעריק געשריי:

— „ווי מען בעט זיך אויס, אזוי שלאָפט מען!..." ווען איר וואָלט אזוי פיל סחורה פון שאָפּ נישט ארויסגעשלעפּט, וואָלט איר נישט דארפן באנקראָטירן — — —"

און ווען די מוטער האָט זיך פונאנדערגעוויינט, האָט דער „שעריף" ווידער א בורטשע געטאָן:

— „דארפסט נישט וויינען, די קליידער און שיך טאָר מען פון אייך נישט צונעמען, הייסט עס: איר בלייבט רייכע אביונים מיט א סך שיך..."

— „ווייסטו?" — האָט דאָראָטי זי פּלוצלונג איבערגעשלאָגן — פאַר מיר אַרט מיך נישט אזוי די דחקות אונדזערע. נאָר מיר פלאַצט מיין הארץ פאַר מיין ברודער סטעפּאנוסן, וואָס פון זיין קאריערע האָט זיך א חושך אויסגעלאָזן".

ביי ביידע חברטעס זיינען די אויגן פייכטלעך געווארן.

2

זייער אָפט האָבן די חברטעס גערעדט וועגן סטעפּאַנוסן און לילי האָט אויף אים גרויס רחמנות געהאַט. זי האָט געוווּסט, וואָס פאַר א גוט יינגל ער איז, ווי טייער ער איז אלע מאָל געווען ביי זיינע עלטערן און ווי באליבט ער איז געווען אין „סקול", ווו ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער שילער און די לערער האָבן אים תמיד געלויבט אי פאַר זיין גוטער ארבעט, אי פאַר זיין אַנשטענדיקן אויפפיר.

אָפט פלעגט מאַדאַם שקומאַן מיט א נחתדיקן שמייכל זאגן:

— „ס'איז קיין חידוש נישט, וואָס אלע האָבן סטעפאַנוסן ליב. אלע זעען דאָך דייטלעך, אז ער וואַקסט צו זיין א גרויסער אַפריקאַנער פּער־זענלעכקייט. ער וועט געוויס א הויכן ציל דערגרייכן".

— „וואָס אזוינס איז א הויכער ציל?" — האָט סטעפאַנוס איין מאָל ביי א שמועס נייגעריק א פרעג געטאָן.

— „א פּרעזידענט צו ווערן איז א הויכער ציל, מיין קינד", — האָט די מוטער געענטפערט — „ווייל ער איז אליין דערהויבן און דערהייבט די אלע, וואָס פאָלגן אים צום ליבן גאָט".

— „אָבער, מאמע, כ'קען נישט גלייבן, אז א פּרעזידענט איז אזא גע־הויבענער מענטש, ווייל ער טוט אליין נישט, וואָס ער הייסט אנדערע טאָן. ער מוסרט אלעמען, מען זאָל אום זונטאָג רוען, מ'זאָל אפילו קיין פוטבאָל און קיין טעניס ניט שפּילן, און ער אליין מאַכט זיין לעבן, פאַרדינענדיק זיין געלט, אום זונטאָג..."

— „נו, גוט, גוט, סטעפאַנוס, אויב אזוי טאָ זיי זשע, לכל הפחות, דער פּרעמיער פונעם אפריקאנער מיניסטאָרן־קאבינעט" — האָט זיך די מוטער געוויצלט, בשעת מעשה טראַכטנדיק, אז ס'מאַכט נישט אויס, וואָס ער וועט זיין, אָבער צו א הויכן ציל וועט ער געוויס קומען. און אזוי האָט עס דאָך אויסגעזען פון זיין פיינער באנעמונג, נאַטירלעכער אַנשטענדיקייט, פאַרשטאַנד און פלייסיקער צוגעטאַנענקייט צום לערנען, און פאַר די דאָזיקע מעלות זיינע האָט לילי אים אזוי פאַרערט און האָט געהאט אזא מאָדנעם פאַרגעניגן צו זיין אין זיין געזעלשאפט, צו הערן זיין קלאָרע שטימע, ארייַנקוקנדיק בשעת מעשה אין זיין אָפענעם ליכטיקן פנים און באוווג־דערנדיק זיינע געזונטע ברייטע פלייצעס און די גראַדקייט פון זיין הויכער פיגור. זי פלעגט זיך נישט באמיען זיך אליין צו דערקלערן, צי זי האָט אים האָלט ווי א ליבן חבר, אָדער נאָר מחמת ער איז דער ברודער פון איר טייַ־ערער חברטע. איינס האָט זי יא געוווסט, אז ווען דאָראָטי פלעגט שעלמיש מיט אן אויג א ווונק טאָן און א זאָג טאָן שמייכלענדיק: „אָ, לילי, וואָלסטו נאָר וויסן, ווי ליב סטעפאַנוס האָט דיך!" — פלעגט איר הארץ אזוי שטאַרק זיך באוועגן און אזא ליכטיקייט און וואַרעמקייט פלעגט זי ארומ־נעמען.

און איין מאָל, גייענדיק מיט אים פון טעניס־פּלאַץ, ביידע געקליידט אין ווייסן, פריי, פריילעך און אויפגעלעבט, און ער האָט איר דערציילט, אז אלע נאַכט זעט ער זי אין זיינע חלומות און דאָס איז אים אזוי ליב, —

האָט זי זיך נישט געקענט באַהערשן ניט אַרויסצוווייזן, ווי טיף געריִרט זי איז פון די דאָזיקע ווערטער.

און דאָך האָט זי זיך אָנשטעלנדיק געזאָגט:

— „סטעפאַנוס, שלאָג זיך אַרויס פון קאָפּ אַזעלכע חלומות. חלומות וועגן מיידלעך קענען אַמאָל שטערן אין לערנען. פאַרגעס ניט דיין מו־טערס ווילן, אַז דו זאָלסט קומען צו אַ דערהויבענעם ציל...“

— „דאָס וועל איך קענען דערגרייכן נאָר דאַן, ווען דו וועסט זיין נאָענט צו מיר“ — האָט ער געזאָגט — „פאַרלאָז מיך נישט, לילי, זיי מיר נאָענט“.

און זי האָט אים געפּרעסן מיט אירע פאַרחלומטע אויגן, אויסשטעלנדיק אירע חניק־אויסגעפּיילטע ליפּן מיט אַ קינדערשער מינע, ענטפערנדיק:

— „אָ, סטעפאַנוס, איידער ס׳וועט פון דיר נאָך עפּעס רעכטס ווערן, וועסטו שוין האָבן געפונען אַ סך ליליס...“

אַן אומעטיקער, אַ פאַרקלעמטער, האָט ער געמורמלט:

— „טוסט מיר שטאַרק ווייַ...“

זי האָט נישט געקענט אויסהאַלטן זיין אָנגעברויגזקייט, און איידער זי האָט נאָך באַוויזן אַ טראַכט צו טאָן, האָבן אירע געריוויטלטע בעקלעך גערוט אויף זיין וואַרעמען פּנים און ביידנס הייסע טרערן פון פרייד און פון ליבשאַפט האָבן זיך אויסגעמישט...

— „ס׳איז אַזוי גוט“ — האָט ער לייכט גערעדט — „וועסט זען, לילי, ס׳וועט קומען אַ צייט, ווען דו וועסט זיין שטאָלץ מיט מיר. כ׳זאָג דיר צו, כ׳וועל נישט רוען, כ׳וועל אַרבעטן מיט אַלע כחות דורך דיין דערמונטע־רונג“.

אָבער די ביטערע אָרעמקייט און די מוראַדיקע דחקות האָבן זיך אַריינגעמישט. סטעפאַנוס איז אוועקגעריסן געוואָרן פון זיין לערע און איז געצוווּנגען געווען צו זוכן אַרבעט, וואָס איז אים נישט אַזוי לייכט אָנ־געקומען צו געפינען. דורך אַ פריינדס רעקאָמענדאַציע איז ער ענדלעך אָנגעקומען אויף אַ שטעלע אין איינעם פון די וועלדער אין דער מזרח־פּראָווינץ פון קאַפּלאַנד.

* * *

עטלעכע מאָל האָט לילי איבערגעלייענט זיין האַרצרייסנדיקן בריוו, וווּ ער האָט געשילדערט די עבודת־פּרך פון די פאַראָרעמטע, כמעט פאַר־ווילדעטע ווייסע וואַלד־אַרבעטער מיט זייער מישטיינס־געזאָגטן לעבן.

„די אַפריקאנער זון דארף פארפינצטערט ווערן פון חרפה און צער, צוזעענ־דיק דעם שווערן מצב פון די ווייסע, וועלכע ארבעטן אַקוראַט אזוי שווער ווי די שווארצע און לעבן, אויך אזוי ווי זיי, אין גרעסטן אָרעמקייט, אָפּ־געלאָזנקייט און נויט. געדענקסט דאָך, לילי, מיין מאמעס האָפענונגען וועגן מיין גלענצנדיקער צוקונפט? מיר גייט עס פון געדאנק נישט ארויס. און איך זאָג דיר, טייערע, אויב מיין איצטיק לעבן איז עס מיין איינציקער תכלית, איז געוויס בעסער טויט! הגם אז דו וואָלסט מיר איצטער זען, וואָלסטו זיך געוויס געוויצלט, אַז איך האָב פאָרט דערגרייכט א זיכערע הויכקייט אין מיין לעבן... וויל איך ארבעט אויף א הויכער קופּע אָפּ־געזעגטע ביימער מיט קלעצער. מיינע הענט זיינען פול מאזאָלעס פון האַק און זעג, דער מוח איז פאַרטעמפּט און פארטומלט פון זעגעניש און האַקעניש און ס׳דוכט זיך מיר אָפט, אז כ׳בין אליין אויך א שטיק האָלץ, א קלאָץ געוואָרן... און פאַל איך ביי נאַכט ווי א סנאָפּ און שלאָף איין, זע איך אין חלום: ס׳הייבן זיך אויף טויזנטער ביימער און קלעצער מיט אומגעלומפּערטע הילצערנע מענטשן־קעפּ, מיט הילצערנע פיס, און בייגן זיך און דרייען זיך און לאָזן זיך אוועק אין א קלאַפּעדיקן פאָקס־טראָט, מוראדיק בראַזגענדיק און בריקנדיק... און יעדער בוים און יעדער קלאָץ גלאָצט אויס א סך, א סך משונהדיק גרויסע אויגן, אזוי פיל אויגן, ברייט־צעעפנטע, ווילדע אויגן... און קוקנדיק אויף מיר, שרייען זיך די קלע־צער פונאנדער: „זעג און האַק, האַק און זעג!...״ לילי, ס׳איז פשוט נישט אריבערצוטראָגן. אָט ווי איך זאָג דיר: מיר דוכט זיך, אז כ׳בין אליין א קלאָץ געווארן... כ׳וועל זיך אויספרווון: אויב איך בין נאָך נישט קיין שטיק האָלץ, וועל איך זיך ארויסרייסן פון דאנען, אנטלויפן ווו די אויגן וועלן מיך טראָגן — — —״

3

פון אַן אנדער בריוו, וואָס לילי האָט באקומען פון סטעפאַנוסן מיט עטלעכע חדשים שפּעטער, האָט זי זיך דערוווסט, אז ער האָט דעם וואַלד פארלאָזן און איז אוועק צוזאמען מיט אנדערע קיין יאָהאַנעסבורג, ווו ער האָט געהאָפט צו קריגן ארבעט. דאָרט האָט ער זיך ארומגעדרייט לײדיק א לענגערע צייט, ביז ער האָט אַן אַנטוישטער אָנגענומען פאר גוט אָנצו־קומען ארבעטן צו א קאָמפּאניע וועג־בויער. אָבער די דאָזיקע שוואַרצע ארבעט איז פאר אים צו שווער געווען, איז ער קראַנק געווארן און ער האָט דורכגעמאַכט א שרעקלעכע צייט. נאָר שווערער פון אלץ איז אים געווען

די יסורים פון דער גוואַלדיקער בענקעניש נאָך זיין היים, כאָטש איין קוק צו טאָן אויף זיינע עלטערן, דאַראָטין און לילין... יאַ, וואָס וואָלט ער ניט געגעבן זיי צו זען! אָבער בשום אופן וואָלט ער ניט געוואָלט, אז זיי זאָלן אים זען אין זיין שפּלדיקן צושטאַנד, אזוי נידערשלאָגן, אזוי פאַר־אָרעמט... ניין, קיינמאָל וועט ער צו זיי נישט קומען ווי אַ צעבראָכענער אביון... ער האָט געפילט, אז סוף סוף וועט זיך אים איינגעבן ווי עס איז צו קומען צו זיין פארלאנגטן „הויכן ציל", וואָס איצטער האָט עס געמיינט פאר אים גאָר עפּעס אנדערש ווי אמאָל... אמאָל האָט עס געמיינט: לערע, וויסנשאַפט, אַ הויכע קאַריערע, אליין דערהויבן צו זיין און אויך אנדערע צו דערהייבן...

„...אָ, לילי," — האָט ער געשריבן צו איר — „דאָס מיאוסע, גראָבע, האַרטע לעבן האָט באשפּיגן און פארניכטעט דעם דאָזיקן געדאַנק... איצט הייסט ביי מיר „אַ דערהויבענער ציל" נאָר געלט, געלט, רייכטום, גרויסער פארמעגן, הערסטו לילי?... און איך פיל איך וועל עס דערגרייכן".

איר לאנגן בריוו, אין וועלכן זי האָט אריינגעשטעלט אזוי פיל שכלדיקע רייד וועגן איר אנטוישונג, וואָס ער איז אזוי פארענדערט געוואָרן, וואָס ער איז געוואָרן אזוי להוט נאָך געלט האָט זי באקומען צוריק מיט אַן אויפ־שריפט: „דער אדרעסאט איז אוועק און קיין נייעם אדרעס ניט געלאָזן".

* * *

זיין אנטשוויגן ווערן אויף אזא לאנגער צייט, ווי ער וואָלט אין וואסער אריין, איז געווען אַ שווערע רעטעניש פאר זיין פאמיליע, אזוי ווי פאר לילין. און נאָך צוויי יאָר צער, קאָפּברעכעניש און אומזיסטער זוכעניש, ווען סטעפאַנוס איז שוין באטראכט געווארן ווי אַ פארלאָרענער, אַן אָפּגעט־ווינטער — איז לילים האַרץ, איין פרימאָרגן, שיעור ניט צעשפּרונגען גע־ווארן פון אויפרעגונג און דערשטוינונג, בעת זי האָט באקומען פון אים אַ רעגיסטרירטן בריוו פון פּרעטאָריע, צוזאמען מיט אַ פּראַכטיקן גאָלדענעם רינג, אין וועלכן ס'האָט געשטראַלט און געפלאַקערט אַ רויט־פלאַטיקער רובין... זי זאָל אים מוחל זיין — האָט ער געבעטן — פאר זיין לאנגן שוויגן. אין זיין ליידן צרות, עלנט און אומדערטרעגלעכן דלות, זייענדיק דערנידעריקט און צעטראָטן ווי אַ וואָרעם, האָט ער פון זיך ניט געוואלט לאָזן הערן. נאָר ס'האָט פּאסירט, אז דווקא ווען ער איז אריינגעפאלן אין טיפסטן שווארצסטן יאוש, וואָס האָט אים געטריבן צו מחשבות וועגן אַ סוף צו מאַכן צו זיין לעבן — האָט אים אָפּגעגליקט צו דערשלאָגן זיך צו עפּעס

רעכטס. ער איז געזונט און שטאַרק און פאַרדינט אַ סך געלט און איז אין שטאַנד זיין פאַמיליע געהעריק צו שטיצן. ער שיקט איר דעם רינג מיט דעם פּלאַמיקן רובין ווי אַ צייכן פון זיין פּלאַמיקער ליבשאַפט, וואָס ער האָט צו איר אַלע מאָל געהאַט, און ער האָפט צו הערן פון איר אויפמונטערנדיקע ווערטער אויף האָפענונג און אמתער ליבע...

* * *

אינעם אויפגעלעבטן הויז פון דער דערפרייטער שקומאַן־פאַמיליע האָט די פאַרטראַכטע לילי צוזאַמען מיט דער פריילעכער דאַראָטין זייער אָפט גערעדט וועגן דעם ליבן גוטן סטעפּאַנוסן, וואָס האָט סוף כל סוף מצליח געווען אין זיין לעבנס־וועג און ס'איז אים געלונגען דעם מצב פון זיין פאַמיליע אַזוי אויפצוהויבן, אַזוי פיל גוטסקייט זיי אַרויסצווייזן און פיל געלט זיי איבערצושיקן. אָפט האָבן זיי לייכט איבערגערעדט, וואָס אויף זייערע פראַגעס מיט וואָס ער באַשעפטיקט זיך דאָרטן, האָבן זיי קיינ־מאָל קיין געהעריקן ענטפער ניט געקראָגן. „מסתמא האַלט ער עס פאַר קינדישע נייגעריקייטן" — פלעגן זיי אָפט באַמערקן, — און וואָס אייגנט־לעך, איז די נפקא מיניה, וואָס ער טוט?" — האָט די מוטער אָפט פרומלעך אַ זאָג געטאָן. אונדזער סטעפּאַנוס איז גוט קלוג גענוג אויסצוקלייבן פאַר זיך אַ בכבודיקע באַשעפטיקונג און מיר דאַרפן זיך וועגן דעם ווייניק וואָס באַקימערן". נאָר לילין האָט די דערקלערונג ניט באַרויקט און נאָך אַ לאַנגן טראַכטן האָט זי אים דייטלעך און שאַרף אין אַ קורצן בריוו אָנ־געפרעגט וועגן דעם, און זי האָט ניט צו לאַנג געדאַרפט וואַרטן אויף זיין ענטפער: ער דינט אין דער פּאָליציי. „כ'שטעל זיך מיר פאָר, אַז דו וועסט זיין אַנטוישט, טייערע", — האָט ער פאַרענדיקט זיין בריוו זיך ווינצלענדיק — „ווייסנדיק, אַז אַ פּאָליציאַנט, מיט די בלאַנקענדיקע קנעפּ, מיט זיין שווערן מונדיר, איז ניט צו פיל באַליבט ביים עולם... דערפאַר אָבער איז אין אַ געוויסן זין דערפילט געוואָרן אַ העלפט פון מיין אַמביציע: צו דערגרייכן צו אַ „ציל פון דערהייבונג..." אמת, אַליין בין איך ניט שטאַרק דערהויבן, אָבער אַנדערע זינדיקע מענטשן דערהייב איך דאָך — צום אויסבעסערן און פאַרריכטן זייערע חטאים..."

די חברטעס האָבן אָפט געלאַכט פון די דאָזיקע ווערטער און איצטער זיינען זיי באַהערשט געוואָרן מיטן פאַרלאַנג צו זען, ווי ער קוקט אויס אין זיין אוניפאָרם, און זיי האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף זיין בילד, וואָס ער האָט צוגעזאָגט צו שיקן, און איין מאָל, אין מיטן טאָג, ווען לילי איז

געווען שטאַרק פארנומען אין אָפיס און זי האָט דערזען דאָראָטין אריינקו־
מענדיק אין גרויסער איילעניש, מונטער, אויפגעלעבט, האָט לילי אויסגע־
שריען: „אַ בילד פון סטעפאַנוסן — האַ?!"

— „ניין, לילי, נאָר א טעלעגראם".

— „אז וואָס?"

— „אז ער קומט אויף צען טעג צו גאַסט!"

.4

לילין איז געווען אומפאַרשטענדלעך, פארוואס איר האַרץ האָט געקלאפט
ווי א האַמער און זי איז געווען אזוי אויפגערעגט, בעת זי האָט סטעפאַנוסן
באגעגנט אין דער סביבה פון דער פאמיליע שקומאן, ווו ס'האָט שוין לאנג
אזא פריילעכע שטימונג ניט געהערשט, ווי איצט צוליב דעם טייערן גאַסט.
וואָס זאָל באדייטן אָט דער מאָדנער פחד, וועלכער צעברויזט אירע געפילן,
ווען ער האלט אָן אין קוקן אויף איר? איז ער דען פארענדערט? דאַכט
זיך, אז ניט. דער זעלביקער געזעצטער געזונטער בחור, די זעלביקע
מילדקייט און גוטמוטיקייט אויסגעגאָסן אויף זיין קלאָרן שטאַרקן פנים,
די זעלביקע העפלעכקייט און צוגעטאָנענקייט. נאָר עפּעס העכער און
ברייטלעכער געווארן און א ביסל ערנסטער, געשטעלטער. און זי באַ־
מערקט אָפט זיין פארטראכטן זיך, ווען א פּאָר לייכטע קנייטשעלעך צעלי־
ניענען א ווילע זיין גרויסן שטערן און דערציילן פון ליידן און דער־
פארונגען...

די ערשטע עטלעכע טעג האָט ער אָנגעהאַלטן דערציילן קליינע עפּי־
זאָדן פון זיינע ערשטע שווערע צייטן.

— „אָבער דערצייל אונדז עפּעס פון דיינע פּאסירונגען פון דער לעצ־
טער צייט" — האָט דאָראָטי געמאָנט.

— „ווועסט גיך אלט ווערן, דאָראָטי, אז דו ווועסט אלץ וויסן... ווארט,
ס'איז נאָך דאָ געגנוג צייט".

און פאר די לאַנגע שעהן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט מיט לילין אליין,
האָט ער געהאַט ערנסטערע זאַכן פון וואָס צו ריידן; דאָס זיינען געווען
זיינע פּלענער אויף דער צוקונפט, וועלכע ער קען זיך ניט אנדערש מאָלן
ווי צו זיין מיט איר אויף אייביק צוזאמען. א לאנגע צייט, האָט ער געזאגט,
האָט ער זי באַטראכט ווי א שוועסטער, ווי דאָראָטין, נאָר פאר די לעצטע
פּאָר יאָר טראַכט ער פון איר טאָג און נאַכט ניט אנדערש ווי פון זיין גע־
ליבטער, פון זיין כלה. ער פילט, ער קען זי גליקלעך מאכן, ער האָט

אָפּגעשפּאָרט א סך געלט און פאַרדינט א סך און קען איר געבן אַלץ, וואָס איר האַרץ געלוסט, ס׳וועט איר קיין זאַך אין דער וועלט ניט פעלן.

— „אָבער, סטעפאַנוס, פאַרדינענדיק אַזוי פיל געלט, קענסטו דען דאָרטן, ווו דו ביסט, קיין בעסערע כלה ניט קריגן?" און האָסטו דען קיין אַנדערע ניט געליבט אונטער דער צייט?..."

אַרומנעמענדיק זי מיט זיינע פעסטע אָרעמס און מיט ליבשאַפט זי קושנדיק, האָט ער געשוואָרן, אַז הגם ער האָט א סך מיידלעך באַגעגנט און מיט איניקע אַפילו אין נאָענטער פריינדשאַפט געווען, האָט ער אָבער ניט געפונען קיין איינע, וועלכע ער זאָל אַזוי האָלט האָבן, און ער האָט זיך געבעטן, זי זאָל אָננעמען זיין ליבע, איר אַנטזאָגונג וועט ער ניט אַריבער־טראָגן.

— „כ׳האָב דיך זייער ליב, סטעפאַנוס, — האָט לילי שטיל גערעדט, זיך צוטוליענדיק צו אים — „דו ווייסט עס. כ׳האָב נאָך דיר אַלע מאָל געבענקט און אין מיין שמאַכטן צו דיר האָב איך מיך אָפט געטרייסט מיט דיין רינג, וואָס דו האָסט מיר געשיקט, כ׳האָב עס אָפט געקושט און געדריקט צו מיין האַרצן... דאָך, יינגל ליבסטער, דערלאָזט מיך ס׳האַרץ עפּעס ניט צו ריידן וועגן א ציל... כ׳פיל, ס׳איז נאָך צו פרי צו ריידן וועגן אונדזער צוזאמענלעבן... לאָמיר נאָך ראָמאַנסירן ווי גאַנץ יונגע פאַרליב־טע, וועלכע זיינען נאָך פריי פון זאָרג, לאַסט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט. מיר קענען זיך דאָך נאַר ווי קינדער; אָבער ווי דערוואַקסענע מענטשן קענען מיר זיך דאָך נים. מיר ווייסן דאָך ניט, צי וועלן מיר זיך אין אַלע לעבנס-אַנגעלעגנהייטן פאַרשטענדיקן, א חוץ דעם וואָס עס זיינען דאָ אַזוי פיל גיגאַנטישע שטיינער אין אונדזער וועג..."

— „אָ... דו מיינסט עס אוודאי אונדזערע באַזונדערע רעליגיאָנען?

— האָט ער געזאָגט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, אַנטוישט — „לילי, זיינען מיר ביידע דען ניט פריי און פאַרשטענדיק? אָטעמען מיר דען ניט אין זיך די זעלביקע אַפריקאַנער זונענוואַרעמקייט און די לינדע אָוונט־ווינטלעך, וועל־כע צערטלען אַלעמען גלייך?... וואָס פאַר אַן אונטערשייד איז דען דאָ צווישן אונדז?"

— „ס׳איז ליב צו הערן דיינע וואַרעמע ווערטער, פון וועלכע ס׳קוועלט אַרויס חכמה, אָבער ס׳קלינגט טיף אין מיר אַן אומפאַרשטענדלעכער רוף: ניט אַרויסצוזאָגן נאָך מיין באַשלוס, איך וויל נאָך באַטראַכטן..."

און, ווי זיך אויפכאַפּנדיק פון א חלום, האָט זי געזאָגט שמייכלענדיק, אים אַריינקוקנדיק אין זיינע גוטמוטיקע אויגן:

— „און אפשר איז עס א טייל צוליב מיך זיין ניט איינפארשטאנען מיט דיין געדאנק, וואָס דו האָסט אין דיין בריוו ארויסגעזאָגט, אז דיין גאנ־צער ציל אין לעבן איז געלט... ווייסטו סטעפאַנוס, איך שטים ניט איין מיט אזא מחשבה... אגב, האָסטו דאָך נאָך גאָר ניט דערציילט וועגן דיין לעבן פאר די לעצטע יאָרן און אין וואָס ס׳באַשטייט, אייגנטלעך, דיין ארבעט אין דער פּאָליציי, דאָס אלץ אינטערעסירט מיר דאָך אזוי...״

פארן שיין פון דער קלאָרער האלבער לבנה האָט זי אָנגעקוקט זיין ריינעם, מאָטן פּנים און זיינע שמייכלענדיקע ליפּן האָבן געפּרעפּלט:

— „יע, יע, ביסט גערעכט, כ׳האָב עס טאַקע פארפעלט צו דערציילן איךביידן, די צוויי ליבסטע נפשות, דיר און דאָראָטין, איר ביידע ווילט עס אזוי וויסן, הגם אין אמתן איז עס דאָך ניט וויכטיק. טאַקע, וואָס, אייגנט־לעך, איז דער חילוק, וואָס מען ארבעט?... אבי דאָס דערלאַנגט דיר, וואָס דו האָסט נייטיק און דערפילט דיינע פארלאנגען. נאָר זיי זיכער, כ׳וועל איך שפּעטער ביידן דערקלערן״.

.5

און דערקלערט האָט ער מיט א פּאָר טעג שפּעטער, אינעם זומער־ביידל, אויסגעפלאָכטן פון צעדרייטע, אויסגעקרימטע פייגן־ביימער און וויינטרויבן־ביימער אין שקומאַנס גאָרטן.

אויף שטרויענע שטולן ארום א שטרויענעם טיש איז לילי מיט שקומאַנס פאמיליע צו טיי געזעסן.

דורך די דינע שפּעלטעלעך פון דעם גרין באבלעטערטן דאָך פון די געפלאָכטענע צווייגן האָבן זיך דורכגעריסן איניקע זונענשטראַלן, אויס־פלעכטנדיק גאָלדענע קרענצלעך אויף די קעפּ פון די צוויי חברטעס, דאָ־ראָטי און לילי, וועלכע זיינען געווען געקליידט אין צאַרט־ווייסע זייד־לינען מיט איידל־געהאַפטע אונגארישע רויט־בלאָ־טאַנגאָ קראַגנס, וואָס האָט אזוי פיל חן צוגעגעבן צו זייערע שיינענדיקע פּנימער. סטעפאַנוס האָט זיינע אויגן געווענדט צו לילין, דערציילנדיק עפּיזאָדן פון די לעצטע צייטן.

איין זאך וואָס ער קען ניט פארגעסן, איז, וואָס ביי אַן אַקט פון פאל־מעסן א טויטן ארעסטאַנט, אונטער דער אויפזיכט פון דער פּאָליציי, האָט איין דאָקטאָר, בשעתן שניידן, א זאָג געטאָן צום צווייטן:

— „זיי ווערן דאָ א פּנים, גוט אויפגעפּאַסט, די דאָזיקע ארעסטאַנטן, זיי האָבן משמעות געהעריקע פלעגע, טו נאָר א קוק, ווי פעט דער דאָזיקער פארשוין איז, הוילער שמאַלץ״.

— „יע, טאַקע, פּעט ווי א חזיר" — האָט געענטפערט דער צווייטער — „און א מאָדנע זאַך דאָס איז, ווען איך שנייד א פּעטן מענטשן, גלוסט זיך מיר צו עסן פּעט פליישׁ..."

ס'צעקלינגט זיך א געלעכטער און סטעפּאַנוס האָט ווייטער גערעדט:

— „וואַרט נאָר א ביסל, באַלד וועט איר האָבן פון וואָס מער צו לאַכן". און ער האָט דערציילט, אז מיט עטלעכע וואָכן צוריק איז א קאַפּער פאַר־משפּט געוואָרן צום טויט פאַר דערמאָרדן זיין ווייב. א פּאָר טעג פאַר זיין געהאַנגען ווערן איז א פּרעדיקאַנט אים געקומען באַזוכן און מיט ווייכע טרייסט־ווערטער האָט דער פרומער גייסטלעכער אים געזאָגט, אז אויב ער וועט זיך איבערגעבן צו דעם אלמעכטיקן גאָט מיטן גאַנצן האַרצן, וועט זיין זינד פאַרגעבן ווערן און ער וועט באַלד נאָכן טויט אין הימל אריינקומען".

דער קאַפּער האָט צום פּרעדיקאַנט א קער געטאָן זיינע גרויס־ווייסל־דיקע אויגן און מיט א קלאָרער שטימע א פרעג געטאָן:

— „און מיין ווייב, וואָס איך האָב דערמאָרדעט, וווּ איז זי?"

— „זי, די אַנגעליטענע אָרעמע נשמה, איז געוויס אין הימל, אין גן־עדן".

— „אויב אזוי, וועל איך זיך ניט איבערגעבן גאָט, ווייל אויב זי איז אין הימל, וויל איך בעסער זיין אין העל..."

דאָראָטי און די עלטערן האָבן זיך צעלאַכט און סטעפּאַנוס האָט באַ־וועגט זיינע ברייטע פּלייצעס, באַקוקנדיק לילין מיט א שמייכל:

— „דו לאַכסט גאָר ניט, לילי? וועל איך דיר דערציילן א בעסערע זאַך: מיט עטלעכע חדשים צוריק האָבן מיר געפירט צו דער תליה א יונגן מערדער, וואָס האָט דערשטאָכן זיין כלה. דער מערדער איז געווען צעדולט און צעטומלט אזוי, אז ווען א קאָנסטאַבל האָט אויף אים אָנגעשטעלט א קאַ־מערע צו פאָטאָגראַפירן, האָט דער מערדער אויסגעשריען: „אָ, איר דער־שיסט מיך גאָר?!" און באַלד האָט ער ווי א קלאָץ צו דר'ערד א פאַל גע־טאָן אין חלשות, אזוי אז ס'האָט אונדז גענומען א לאַנגע צייט אים צו דער־מינטערן, גיסנדיק אויף אים עמערס קאַלטע וואַסער!"

— „און וואָס איז נאָכדעם געווען?..." — האָט לילי אויסגעשריען, בלאַס ווערנדיק ווי איר צאַרט־ווייסע לינען־קלייד.

— „אויפגעהאַנגען!" — האָט געענטפערט סטעפּאַנוס.

— „אכזריותדיקע רציחה" — האָט געמורמלט לילי...

— „וואָס הייסט?" — האָט געטענהט מאַדאַם שקומאַן — „דער מער־דער האָט דאָך זיין טויט פאַרדינט".

דאָראָטי האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר סטעפּאַנוס האָט איר איבער־געשלאָגן:

— „וואַרט א ווײַלע, דאָראָטי, נאָך א קאָמישע זאַך, וואָס האָט פּאַ־סירט בײַ אונדז, וויל איך אײַך דערציילן: א מיטליאָריקער קאַפער, וואָס האָט דערהרגעט א ווייסן מענטשן, איז אַרויסגעפירט געוואָרן צו דער תליה. פלוצלונג איז אָנגעלאָפן זײַנער א זון און האָט געבעטן, מ'זאָל אים צולאָזן זען זײַן פאָטער. מען האָט אים דערלויבט. איז ער האַסטיק צוגעלאָפן צום פאָטער און אויסשרייענדיק:

— „טאַטע, וואָס זאָל איך טאָן מיט דעם רויטן אָקס, וואָס דו האָסט איבערגעלאָזן בײַ דײַן באַלעבאָס?"

— „נעם אים צו, מײַן זון, כ'גיב אים דיר אוועק א מתנה".

— „א דאַנק, טאַטע, — האָט דער זון געזאָגט — „איצט באַרויק זיך, טאַטע, זאָרג ניט, די ווײַסע מענטשן זײַנען גאָר ניט שלעכט... דו האָסט דערהרגעט א ווייסן מענטשן, דערפאַר דערהרגענען זיי דיך, אָבער א דאַנק גאָט, דעם אָקס דערהרגענען זיי ניט... און מיט די ווערטער איז ער פאַר־שווונדן געוואָרן".

— „און ניט געבליבן צו זען, ווי מען הענגט זײַן טאַטן?" — האָט געפרעגט מאַדאַם שקומאַן דערשטוינט.

— „מילא, מיר וואָלטן אים סײַ־ווי־סײַ ניט צוגעלאָזן צו בלײַבן, אָבער דאָס שענסטע אין דעם איז, וואָס דער זון זיך האָט אַזוי געאײַלט אוועקצו־לויפן פול מיט שמחה וועגן זײַן ירושה..."

— „און דו, מײַן זון, זעסט עס צו מיט דײַנע אויגן, ווי מען הענגט מענטשן?" — האָט די מוטער געפרעגט, אויסשטעלנדיק אויפן זון א רחמ־נות-פּנים.

— „און דער תלין איז געוויס א שטאַרקער, א ווילדער, א ברוטאַלער גזלן, העי?" — האָט דאָראָטי א צערודערטע, איבערגעשלאָגן דער מוטערס רייד.

— „אַן אמתער רוצח מוז ער זײַן!" — האָט לילי אויסגעשריען מיט צאָרן.

— „ס'הייבט זיך גאָר נישט אָן — — —" האָט סטעפּאַנוס געענט־פערט געלאַסן — „ער איז דווקא אַן אײדעלער, א גוטהאַרציקער מענטש, אַלע זאָגן, אַז דער דאָזיקער תלין איז אַן עכטער דזשענטלמאַן" — האָט סטעפּאַנוס געשמייכלט, דעם קאָפּ אויף א זײַט בייגנדיק און מיט ברייט־צעעפנטע אויגן אָנקוקנדיק לילין...

— „ווי זעט ער אויס ?" — האָט לילי געפרעגט מיט א פעסטער שטימע און מיט אָנגעשטרענגטער נייגעריקייט.

— „איך בין עס" — — — האָט סטעפאַנוס געענטפערט קאַלטבלוטיק.

אוי, גוטע הימלען !" — האָבן אויסגעשריען לילי און דאָראָטי אויפ־אמאָל, און די פנימער זייַנען ביי זיי געווארן בלייך ווי קאַלך און א שרעק האָט אָנגעפילט זייערע אויגן — „סטעפאַנוס, דו ? א תלין ?..."

— „וואָס זייט איר אזוי דערציטערט ?" — האָט סטעפאַנוס גערעדט, ציילנדיק זיינע ווערטער — „לילי, לילי, זע, ביסט טויט־בלאָס !" — האָט ער מיטאמאָל א געשריי געטאָן, זיך דערנענטערנדיק צו איר. זי האָט זיך קוים אויפגעהויבן און א פארשוואכטע, אויף די פיס זיך וויגנדיק, האָט זי זיך אָנגעשפארט אויפן דיקן צעקרימטן פייגן־בוים אין זומער־ביידל, מיט אירע בלאַסע הענט האָט זי ארומגעכאַפּט דעם קאָפּ און די אויגן צוגעשלאָסן.

— „לילי, בארויק זיך" — האָט סטעפאַנוס געשריען, וועלנדיק זי אין זיינע אויסגעשטרעקטע מעכטיקע אָרעמס אָנכאַפּן ; זי האָט זיך אָבער ארויסגעגליטשט און איז צו דר׳ערד געזונקען.

* * *

... דער דאָקטער האָט ליליס מוטער פארזיכערט, אז עס דראָט לילין קיין סכנה נישט. זי מוז אָבער אירע דערשיטערטע נערוון אויסרוען, נאָכ־דעם וועט זי זיכער קענען גיין צו איר ארבעט. דערווייַלע זאָל קיינער צו איר ניט צוגעלאָזן ווערן, א חוץ דער מוטער און איר טרייַער חברטע דאָ־ראָטי. ווען זי איז בעסער געווארן, האָט דאָראָטי איר געזאָגט : „צעבראָכן און עלנט איז סטעפאַנוס געווען, ווען ער איז אוועקגעפאָרן. דעם דאָזיקן בריוו האָט ער מיך געבעטן דיר איבערגעבן".

אין בריוו האָט ער לילין געפרווט דערקלערן, אז ער טוט דאָך נאָר זיין פליכט צו דער רעגירונג... די דאָזיקע מיאוסע ארבעט, אָט ווי שרעק־לעך זי איז, מוז דאָך זיין אימיצער ווער ס׳זאָל עס טאָן... ער איז ניט שולדיק אינעם טויט פון די פארמשפטע, שולדיק אין דעם זיינען דאָך די געזעצגעבער און די ריכטער..."

... שפעט ביינאכט האָט זי אים אין א קורצן בריוו געענטפערט און מיט פארוויינטע אויגן האָט זי עס פאר זיך איבערגעלייענט :

„ס׳איז אפשר פאראנען אמת אין דיינע ווערטער, אזוי ווי דער פינצ־טערער טויט איז אמת... אָבער קיין פונק גערעכטיקייט געפין איך ניט

אין דיינע מעשים. דער פאַקט, וואָס פארשאפט מיר אזעלכע גרויסע יסו־
רים, איז דאָך, אז דו ביסט א תלין.... דו, דו, א תלין!...

אומזיסט פרווו איך אוועקשטויסן פון זיך די דאָזיקע אימהדיקע מחשבה, וועלכע האָט זיך איינגעגעסן אין מיין לייב און אין מיין נשמה, מיט גיפטיקע שאַרפע ציינער... דיין רינג, וואָס כ'האָב תמיד טייער געהאַלטן, דרייט זיך איצטער פאַר מיינע אויגן ווי א טויט־פעטליע, וואָס דו לייגסט ארום דעם האלדז פון דעם אומגליקלעכן געפאַנגענעם... א מיאוסער, פיינלעכער האלדזבאַנד, וואָס שטיקט און ווערגט, איז מיר דיין ליבעס־רינג... און דער רויטער רובין איז דאָס שרייענדיקע בלוט פון דיינע קרבנות, וואָס איז פארשטיינערט געווארן... איך שיק עס דיר אָפּ, כ'קען עס ניט אָנקוקן... מיין הארץ ווערט צעפּלאַצט פון יסורים...״

* * *

...לילי לייגט דעם בריוו אין קאָנווערט אריין, גייט צום פענצטער צו, און אָנלענענדיק אירע בלאַסע עלנבויגנס אויפן קאַרניז, פילט זי פּלוצלונג, ווי ס'רייסן זיך איר טיף אין מוח אריין די ווערטער, וואָס סטעפאַנוס האָט איר אמאָל געשריבן: „אמת, אליין בין איך ניט שטאַרק דערהויבן, אָבער כ'דערהייב אנדערע, זינדיקע, צו אויסבעסערן און פארריכטן זייערע חט־אים...״ ערשט איצטער פארשטייט זי די דאָזיקע שפיזיקע ווערטער מיט זייער גאנצער ברוטאלער נאַקעטקייט... זי ציטערט אויף, זי לייגט איר מידן קאָפּ אין אירע ווייסע הענט און שלוכצט שטיל:

— „יע, אוודאי דערהייבט ער אנדערע... צו דער תליה דערהייבט ער זיי — — —“ מורמלט זי קלאָגנדיק.

דורך דער טיר דערגרייכט צו איר איר מוטערס צערטלעכע שטימע:

— „לילינקע, זע, ס'איז דאָך שוין אזוי שפעט, פארוואָס שלאָפסטו ניט?“

זי ענטפערט ניט... לאנג בלייבט זי שטיין ביים פענצטער, בייסנ־דיק די ליפּן, פארשטומט, פארזונקען אין מחשבות, דורך האַלב־געשלאָסענע אויגן דערזעט זי די שיינענדיקע קלאָרע האלבע לבנה, וואָס ציט זיך פאמע־לעך, ווי אויסקוקנדיק עפּעס, וואָס זי האָט פארלאָרן... ווי זוכנדיק איר צווייטע אָפּגעבראָכענע העלפט — — —

דעם קאָפּ פאַרלאָרן

(דערציילונג)

1

איבער דעם הויכן קרומרוקנדיקן באַרג, וואס זעט אויס ווי א ריזיקער קאַמעל, האָבן זיך עטלעכע קאָלירן צעשפּילט. דער שפּיץ פונעם באַרג, וואס האָט זיך געטונקט אין שקיעה־שטראַלן, האָט אויסגעזען ווי באשפּריצט מיט גאָלד; א ביסל נידעריקער האָבן ארומגעטאַנצט ברוינלעכע שאָטנס; נאָר דער אונטערשטער טייל פונעם באַרג איז געווען טונקל־בלאָ, און די בלאָקייט האָט זיך רחבותדיק אויסגעשפּרייט אויפן וועג, וועלכער ציט זיך פאַזע דעם בארג און ווערט פארשווונדן צווישן מאַסן נידעריקע געדיכטע ביימלעך.

אונטער א פּאָר ביימלעך צופוסנס פונעם באַרג האָט געברענט א שוואַך פייערל צווישן צוויי שטיינער, אויף וועלכע ס'איז געשטאַנען א קאָכעדיק קענדל קאַווע. ביים פייערל זיינען געזעסן דריי יונגע קאַפּערס: מיד, פאַרשטויבט, אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, און האָבן זיך געקוויקט מיט דער הייסער קאַווע, זופּנדיק מיט גרויס הנאה פון צעבויגענע בלעכענע קריגלעך.

דער יינגסטער פון די דריי, הויך און דין, מיט אן אלטן רויטן שטריימל אויפן קאָפּ, האָט זיך אונטערגעאיילט אויסצוטרינקען די קאַווע, און אָפּלעקנדיק זיינע דיקע ליפּן און האַסטיק אָפּווישנדיק ס'מויל מיט זיין צעריסענעם ארבל, האָט ער פון דר'ערד אויפגעהויבן זיין אלטע פארשטויבטע גיטאַרע, און צומאַכנדיק זיינע קליינע אייגלעך, האָט ער זיך צעשאָקלט און גענומען שפּילן צוזינגענדיק ס'בוריש לידל:

„אַן עוף איז דאָ, וואָס לייגט קיין אייער ניט...
„אַן עוף איז דאָ, וואָס לייגט קיין אייער ניט...
דאָס איז דער האָן,
דאָס איז דער האָן,
דאָס איז דער האָן, וואס אויפן קירך־טורעם שטייט...

א פערד איז דאָ, וואָס לויפט קיין „רייסעס" נישט...
א פערד איז דאָ, וואָס לויפט קיין „רייסעס" נישט...
דאָס איז דאָס פערד,
דאָס איז דאָס פערד,
דאָס איז דאָס פערד, וואָס אויפן „ווישקי"־פלעשל שטייט...

א בהמה איז דאָ, וואָס קעלבט זיך קיינמאָל נישט...
א בהמה איז דאָ, וואָס קעלבט זיך קיינמאָל נישט...
דאָס איז דער אָקס,
דאָס איז דער אָקס,
דאָס איז דער אָקס, וואָס אויפן „באָוריל"־פלעשל שטייט...

פלוצלונג איז צווישן די געדיכטעביימלעך ארויסגעשוומען א מאן אויף א מאָטאָר־וועליסאָפּעד מיט א קאָרב־וועגעלע ביי דער זייט, אין וועלכן ס'איז געזעסן א מיידל, געקליידט אין ווייסן. מיט ברייט־צעעפנטע קלאָרע, ברוינע אויגן האָט זי אָנגעקוקט דעם מאַן, וואָס האָט זיך אריבערגעבויגן איבער די הענטלעך פון זיין וועליסאָפּעד, כדי אים אָפּצושטעלן.

— „ווי ווייט איז פון דאַנען צו לינדענבערגס פּאַרק?" — האָט זיך דער מאן געווענדט צו די קאָפּערס. צוויי פון זיי האָבן זיך פויל אויפגעהויבן פונעם פייערל און, האלטנדיק די קריגלעך אין די הענט, זיינען זיי פאמעלעך צוגעגאנגען צו די רייזנדע, איבערלאָזנדיק זייער חבר מיט דער גיטאַרע, וואָס האָט עפּעס אונטערגעברומט אָנגעברוגזט צוליב דעם, וואס זיין געזאנג איז איבערגעריסן געוואָרן אינדערמיטן...

— „אומגעפער צען מייל, „באָס" — האָבן די קאָפּערס געענטפערט דעם מאַן.

— „ס'מוז זיין א טעות" — האָט דער וועליסאָפּעדיסט האַרט ארויסגערעדט, אזוי ווי מאָנענדיק: — „ס'איז דאָך נאָר אַכט און צוואנציק מייל פון קייפּטאַון און ס'איז שוין, דאכט זיך מיר, אזוי לאנג, ווי מיר האָבן די שטאָט פארלאָזן".

— „יע, באָס", — האָבן די קאָפּערס דערקלערט — „איר האָט אָבער גענומען א פארקערטן וועג; איר האָט געדאַרפט נעמען דעם וועג אויף יענער זייט וועלדל ביי דעם שטיינערנעם בריקל".

דער יונגערמאַן האָט פאַררויכערט א ציגארעט און זיך גענומען צו די העגטלעך פון זיין מאַשין, ווען די קאַפּערס האָבן מיט הכנעה געבעטלט:

— „באָס, גיב אונדז א שטיקל פונעם ציגארעטל“.

צוואַרפנדיק א בליק פון פאראכטונג אויף די פאַרשמאַכטע, אויסגע־מאַטערטע, מיט לופּעטעס באַהאַנגענע קאַפּערס, האָט ער זיי א וואָרף געטאָן זיין פאַררויכערט ציגאַרעטל. נאָר דאָס מיידל אין קאָרב־וועגעלע האָט זיך מיט איר בלאַסן לענגלעכן פּנים אומגעקערט צום מאַן און, אויסשטעלנדיק אירע דיקלעכע רויטע ליפּן, האָט זי מיט רחמנות געצויגן די ווערטער:

— „בילי, פוי, ס'איז א חרפּה, בילי, גיב זיי דאָך עטלעכע ציגאַרעט־לעך“, און עפּענענדיק איר האַנט־טאַש, האָט זי ארויסגענומען פון דאָרטן א גאַנצן פּעקל ציגאַרעטן און עס דערלאַנגט די קאַפּערס, וועלכע זיינען צעשפּרונגען געוואָרן פון שמחה און מיט אומענדלעכן בוקן און בייגן זיך האָבן זיי אויסגעדריקט זייער דאַנקבאַרקייט.

דער מיטלוווקסיקער, שלאַנקער ווייספּנימדיקער בילי האָט מיט זיין לינקער האַנט א גיכן גלעט געטאָן די פון ווינט צעשפּרייטע האָר איבער זיין שטערן, האָט עס אונטער זיין גראָען הוט פאַררוקט און, האַסטיק אָפּפאָרנ־דיק, האָט ער אויף א הויכער שטימע קלאָר געזאָגט:

— „ליזי, זאָלסט וויסן זיין, אז וואָס מער מען גיט א קאַפּער, אַלץ מער פאַרלאַנגט ער. איבערהויפּט האָב איך אויסגעפונען, אז יידן באַהאַנדלען די קאַפּערס צו גוט, אָבער די הינטישע קאַפּערס אָנערקענען עס ניט און שעצן געוויס ניט געהעריק אָפּ. די פאַרדאַמטע קנעכט, אָט די שוואַרצע, האָבן שוין אזא נאַטור, גיב זיי נאָר גוט פרעסן און צעקלאַפּ זיי גוט די זייטן און זיי וועלן דיר געטריי דינען!“

— „בילי, פוי... אפילו א הונט פאַרשטייט דאָך אויף דאַנקבאַר און טריי צו זיין דעם, וואָס באַהאַנדלט אים גוט, און ווייס ווי צו האַסן און בייסן א שונא“.

— „א הונט איז אַנדערש“ — האָט בילי געטענהט, ווען זיי זיינען אין טאָל אריינגעפאָרן.

זי האָט אַלץ געשמייכלט און אים אָנגעקוקט האַלב פאַרטראַכט, האַלב פאַרוווּנדערט.

און ווען זיי זיינען ארויסגעפאָרן פון טאָל און ארויפגעקומען אויף א בערגל אויפן ברייטן ווייסן וועג, האָט ליזי אויסגעשריען:

— „בילי, דאָרט זעט זיך לינדענבערג'ס פּאַרק!“

2

אַנקומענדיק צום הויז אין רעכטן מיטן פּאַרק, האָבן זיי געפונען א סך געסט, יונגוואַרג, וועלכע זיינען געקומען צום טאַנץ, צו וועלכן דער אייגנ־טימער פונעם פּאַרק האָט דאָס פּובליקום איינגעלאַדן.

אויף דער ברייטער וואַרענדע, אויף וועלכן ס'זיינען געווען אויסגע־שטעלט א סך קליינע טישלעך און בענקלעך, האָבן ברוינע מיידלעך, גע־קליידט אין ווייסן, געסאַרווערט אַוונטברויט. נאָר מערסטנס האָבן זיך גע־וואָרפן אין די אויגן די פיל פלעשער משקה אויף די טישן, ביי וועלכע יונ־גע פּאָרלעך זיינען זיך געמיטלעך געזעסן, געטרונקען און געלאַכט און די פּנימער האָבן זיי געברענט פון פאַרגעניגן און פרייד.

ליזי מיט בילין, וועלכע האָבן א ביסל פאַרשפּעטיקט, האָבן אויף גיך אויפגעזוכט אַן אָרט ווו אַוועקצוזעצן זיך, באַשטעלט א פּרוכט־געריכט און א פלאַש ביר און האָבן בריהדיק באַוויזן מיט אַלעמען גלייך פּאַרטיק צו ווערן צום טאַנץ.

מיטאַמאָל האָט זיך פון ראַדיאָפאָן דערהערט א „פאָקסטראָט”, וואָס מעשענע אינסטרומענטן האָבן הילכיק צעברומט, און דער עולם איז אוועק טאַנצן.

ליזיס ברענעדיקע אויגן זיינען געווען צוגעשמידט צו ביליס ברוסט און זיין מאָרדע האָט גערוט זיכער אויף ליזיס שוואַרצע וואַליקע האָר. זיי האָבן געטאַנצט פעסט צוגעדריקט איינער צום צווייטן, זיין שלאַנקע פיגור איינ־געבויגן, זיינע אויגן האַלב געשלאָסן פון מתיקות און זיינע ליפּן האָבן אָפּט אַנגערירט איר שיינעם קאָפּ, מורמלענדיק:

— „ביסט א זיס מיידל, ליזי!”

* * *

ביים אינטערוואַל האָבן די צעהיצטע טאַנץ־פּאָרלעך זיך אוועקגעלאָזן איבערן פּאַרק זיך אָפּקילן און שפּאַצירן.

דער פּאַרק איז זייער לאַנג און ברייט. הויכע געדיכטצווייגיקע דעמ־בעס און עקאַליפּטוס־ביימער ציען זיך פון ברייטן באַרג אין טאָל אריין, הייבן זיך ווייטער אויף א באַרג אַרויף, דאָרט ווו פון א מעכטיקן פעלדז שלאָגט אַרויס א דיקער שטראָם וואַסער, וואָס פאַלט אַראָפּ מיט געפּילדער אין א שמאָלן טייכל, ווו עס רוישט און ברומט דאָס שוימיקע וואַסער, ווייס ווי שניי. א ביסל ווייטער אָבער איז דאָס וואַסער שוין קלאָר און

דורכזיכטיק, מען קען זען יעדער פישעלע און איטלעכס שטיינדעלע אויפן גרונט פונעם טייכל, וואס ציט זיך ווייט־ווייט אוועק אין אט דעם לאנגן פארק.

„נישט אומזיסט איז לינדענבערגס פארק אזוי באליבט!" — האט ליזי לוסטיק געזאגט צו בילין, — „סאראַ פראַקטיקע לאנדשאפט, בילי!"

„זייער פיין" — האט ער פארטראכטערהייט געענטפערט — „ווי קומט עס, וואס מיר זיינען דאַ פריער קיינמאל נישט געווען? ס'איז דאך נישט צו ווייט פון שטאט און די יוגנט פארט דאך אהער אזוי אפט צו פארברענגען א „וויקענד".

— „בעסער שפעטער איידער קיינמאל נישט!" — האט ליזי פריידיק איר האנט אין בילים שטארקן ארעם ארייגגעדריקט, און ביידע, ווי קינדער, האבן זיך געלאזן לויפן פון גרינעם בארג מיט הונדערטער נאטירלעכע שטיינערנע טרעפ אראפ, צום פרוכט־גארטן.

פון די שטיינערנע טרעפ זיינען איבערן טייך אריבערגעלייגט עטלעכע שמאלע הילצערנע בריקלעך, פאנטאסטיש געדרייט און געבויגן מיט געפלאכטענע פארענטשעס און צאצקעדיקע טויערלעך, געבויט פון דיקע צווייגן. אריבערגייענדיק די בריקלעך, קומט מען ווייטער ארויף איבער אויסגעהאקטע שטיינערנע טרעפ אויף א הויכן גרינעם בארג, ארום וועלכן עס דרייט זיך ווייטער דער קלארער טייך, זשוזשענדיק און ברומענדיק און שווענקענדיק די ברעגעס ביים בארג, אויף וועלכן עס חנדלען זיך פאר־טראכט עטלעכע זומער הייזלעך מיט שטיינערנע פארסודעטע טישלעך און בענקלעך. פון אט די זומער־הייזלעך שלענגלען זיך א סך קרומע שמאלע שטעגעלעך אין פרוכט־גארטן אריין.

„אט דעם רויטן עפל, וואס הענגט איבער אונדז, וואלט איך וועלן האבן" — האט ליזי געזאגט — „ער איז אבער אזוי הויך, אז אפילו דו וועסט אים נישט דערגרייכן..."

„איך האב א פלאן" — האט בילי געענטפערט: ער האט זי אויפגע־הויבן אויף זיינע קרעפטיקע ארעמס און זי האט אנגעריסן עטלעכע פיינע עפל.

געגעסן האט מען די עפל זיצנדיק אין א זומער־הייזל פעסט צוגע־דריקט איינער צום צווייטן. בילי האט צווישן איין ביס און אנדערן גע־קושט ליזין אן א צאל. ליזי איז מיטאמאל געווארן פילאזאפיש געשטימט:

„זאג מיר, בילי, ליבסטער דו, ווי מיינסטו, וועסט מיך האלט האבן, אפילו ווען איך וועל זיין אלט?"

בילי האָט זיך צעשמייכלט און, אָפּבייסנדיק א שטיקל עפּל, האָט ער די אַנדערע העלפט איר צוגעלייגט צום מויל און אליין מיט א פולן מויל געענטפערט:

— „אַ, אַ, דו ביסט אַקוראַט ווי די מוטער חוה, וואָס האָט געזינדיקט מיט אַן עפּל... ווייסטו אין וואָס איר זינד איז באשטאנען?" אָט אין דעם טאָקע, וואָס אנטשטאָט צו עסן דעם עפּל, האָט זי גאָר געהאלטן אין פלאָפּלען... דו ביסט אויך אזוי, האָסט אָפּגעריסן א גוטן עפּל און עסט גאָר ניט, נאָר דו רעדסט, כ'האָב מורא, דאָס וועט אויך פירן צו זינד..."

באַלד האָט ער זי ארומגעכאַפּט נאָך הייסער, און קושנדיק איר האלדז און פנים, האָט ער איר ארייַנגעאָטעמט:

— „זיי זיכער, ליזי, כ'וועל דיך שטענדיק האַלט האָבן ווי זיך אליין. אָבער וואָס איז די פּעולה, — איז ער ערנסט געוואָרן, — אז דיינע עלטערן האָבן מיך דאָך אזוי פיינט. כ'בין דאָך פאַר זיי נישט מער ווי א נבזהדיקער גוי".

מיט אירע ווייכע הענט האָט זי צוגעמאַכט זיין מויל:

„רייד נישט וועגן דעם. וואָס דאַרף דיר אַרן די באַציונג פון מיינע על־טערן?! פאַר פרייע מאָדערנע מענטשן איז נישטאָ מער קיין חילוק צווישן איין נאַציע און דער אנדערער. און נאָך וויניקער רעכנט זיך מיט דעם מיין ליבע צו דיר, דערין גלייבסטו דאָך געוויס..."

און שטיפעריש האָט זי זיך א וואָרף געטאָן אויף זיין ברוסט און איז אזוי געבליבן ליגן שטיל, די אויגן האַלב צוגעמאַכט. אין קאָפּ ביי איר האָבן זיך געגומען פלאָנטערן מחשבות, ווי דאָקוטשנע קאָמאַרעס.

3

אוודאי האָסן אים אירע עלטערן; אוודאי וועלן זיי איר נאָך א סך צרות צוטיילן, וועלן נאָך געוויס וועלטן איבערקערן איר פון איר גליק צו שטערן. אָבער — וואָס פאַר א רעכט האָבן זיי איר צו זאָגן דעות, וואָס פאַר א רעכט האָבן זיי זיך ארייַנצומישן אין אירע אנגעלעגנהייטן? א סך גוטס און פרייד האָבן זיי איר פארשאַפט אין אירע צוויי און צוואנציק יאָר? גאָר נישט! אין אירע קינדער־יאָרן האָט זי ביי זיי אין הויז געהאַט נאָר צרות און דחקות. איר פאָטער, א גאַליציאַנער היכער געזונטער ייד אין די פופציקער, וואָס זעט אויס פיל יינגער פון זיינע יאָרן, מיט א ברוינעם געזיכט, מיט א דיקער נאָז, גרויסע בייזלעכע אויגן און שווערע פארשפיצטע וואָנצעס, שטאָלץ, הויך דעם קאָפּ פאררייסן, שטאַרק צופרידן מיט זיך, — האָט זיין גאנצע

יוגנט פארבראַכט אין ארומוואנדערן פון מדינה צו מדינה, ביז ער איז אריינגעפאלן אהער, קיין אפריקע, און גראַד דאָ איז אים דאָס וואנדערן מיאוס געווארן. עפּעס ווי אלע וועגן וואלטן פאר אים פארשלאָסן געווארן, איז ער דאָ געבליבן און שוין גאנצע פינף־און־צוואנציק יאָר ווי ער פּרו־בירט אלץ אויס זיין מזל אין פארשיידענע אונטערנעמונגען, וואס לאָזן זיך אלע מאָל אויס א בוידעם. ער מאכט א שווער, ביטער לעבן פון עפּעס וועז א מציאה אויף אַן אוקציאָן, א שטיקל קאָמיסיע, פון מיטהעלפן „בוקיס" אויף „רייסעס". פון קלעמעניש און פון פארביטערקייט האָט ער זיך גע־האָט גענומען צום פלעשל, פלעגט קומען אהיים שפּעט ביי נאכט. איר גוטע מאמע, מיטן לענגלעכן בלאָסן פּנים, האָט דערפון שטאַרק געליטן, גערעדט מיט גוטן, מיט תחנונים, שלוכצן, טרערן; נאָכדעם האָט זי אויך מיט בייזן אָנגעפאנגען, מיט געשרייען, זידלערייען, קללות, סקאַנדאַלן. אָט די סצע־נעס האָבן ליזין און אויף אירע צוויי יינגערע שוועסטער מיט איר עלטערן איינאיינציקן ברודער איזידאָר געלאָזן אן אומדערטרעגלעכן איינדרוק. די לאגע האָט זיך א ביסל פארבעסערט, ווען איזידאָר איז אונטערגעוואקסן, געקראָגן א שטעלע ביי א באוווסטער אקציאָנערן־געזעלשאפט און גענומען שטיצן די עלטערן. דער פאָטער האָט דעמאָלט בושה געקראָגן פאַרן זון און זיך גענומען פירן לייטישער.

ליזי האָט מיט איר ברודערס הילף באוויזן „מעטריק" און נאָכדעם קאָמערץ־קורס גלענצנד דורכצומאכן. אירע אטעסטאַטן און גוטע רעפע־רענצן האָבן איר געהאָלפן קריגן א שטעלע פון הויפּט־בוכהאַלטערין אין א רייכער „אנגראָ־שלאַכטערס־קאָמפּאניע", ווו זי ארבעט שוין יאָרן ביי גוטער באהאַנדלונג און פיינעם געהאַלט. נאָך איר ברודערס חתונה איז זי געבליבן כמעט די איינציקע שטיצערין פון אירע עלטערן, לאָזט אירע יינגערע שוועסטער בילדן און טראָגט אויף זיך די גאַנצע לאַסט פון הויז. טאָ וואָס פאר א רעכט האָבן אירע עלטערן איר צו שטערן אין איר גליק?

„איז דען בילי נישט א גליק פאר איר?" — האָט ליזי ווייטער גע־טראכט, האלב־דרעמלענדיק אין איר בילים אָרעמס, לאָזנדיק זיינע ברייטע הענט ארומוואנדלען איבער איר קערפּער. — איז בילי דען ניט דער איינ־ציקער, וואָס פארדינט איר ליבע? און אז ער איז נישט קיין ייד איז וואָס? מיט וואָס איז דען דאָס קריסטלעכע ווייטער ווי דאָס ידישע? פון ידישע ענינים האָט זי, אין אירע עלטערנס הויז, קיינמאָל נישט געהערט, רעליגיע־זע און נאַציאָנאלע סענטימענטן זיינען איר פרעמד, מיט קיין ידישע בחורים איז איר קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו פארברענגען. עפּעס יאָ געוועז

עטלעכע מאָל אויף בעלער, אויף „פיקניקס“, ווו זי האָט זיך באגעגנט מיט זיי, אָבער זי האָט אלע מאָל געפילט אין זייער באנעמונג און האַלטונג עפּעס א מין פּרעמדקייט און תמיד האָט זי געשפּירט אין זייער באציונג א מאָדנעם גאוודיקן אָנשטעל. איר פלעגט דערפון שוידערן און פרעסט־לען... זי ווייסט נישט די סבה, פאר וואָס דאָס איז אזוי, פארוואָס טאָקע האָט אויף איר קיין ידישער בחור קיינמאָל קיין איינדרוק נישט געמאַכט? און זי איז דאָך אזוי סענטימענטאַל! אָט האָט דאָך איר א ווונדערלעכער כח אזוי שטאַרק צוגעצויגן צו איר געליבטן בילין.

זי דערמאָנט זיך די ערשטע באגעגעניש מיט אים:

אין א הייסן זונטאָג נאָכמיטאָג איז זי צוזאַמען מיט א באקאַנטער מיידל ארויף אויפן „פּיר“ אין קייפּטאַון. עטלעכע יונגע בחורים, צווישן זיי אויך בילי דשובערט, אין באַד־קאָסטיומען, זיינען אריינגעשפּרונגען אין ים און זיך אוועקגעלאָזן שווימען איבערן טיפן גרינעם וואַסער־שפּע. נאָך א פינף מינוט שווימען האָט איינער פון זיי אויפגעהויבן די הענט אין דער הייך, אויסשרייענדיק: „ראַטעוועט, כ׳טרינק זיך!“ און איז באלד אין וואַסער ארייַנגעזונקען. בילי דשובערט האָט מיט אימפּעט זיך ארונטער־געלאָזן אונטערן וואַסער און א רגע שפּעטער איז ער ארויפגעשווומען, האַלטנדיק דעם כמעט דערטרונקענעם שווימער פאַר די האָר. נאָכדעם ווי מען האָט דעם דערטרונקענעם געבראַכט צום לעבן, האָט מען דערזען, אז בילים האַנט, צעקלאַפּט אָן א צעמענטענעם סלופּ, איז געווען שטאַרק צעבלוטיקט. ליזי איז האַסטיק געלאָפן, געבראַכט א קרוג וואַסער, האָט ארומגעוואַשן בילים ווונדן און אים דערנאָך פארבאנדאזשירט. נאָכדעם האָבן זיי אין קאַפע אויפן „פּיר“ צוזאַמען טיי געטרונקען, שפּעטער צו „ראָבין איילאַנד“ זיך געשיפט — און דערנאָך אין שטאָט אָונטברויט גע־געסן. שפּעט ביינאַכט האָט ער זי אהיים באגלייט. זי האָט אים געבעטן ווען עס איז צו איר אין הויז אריינצוקומען און פון דאַן אָן איז ער געוואָרן ביי איר אָן אָפטער גאַסט און האָט זי אָפט ארויסגענומען צו אמוזירונג־פּלעצער.

וועגן זיין לעבן האָט ער דערציילט אין קורצן:

זיינע עלטערן — לאַנג טויט. אַן אָרעמער פעטער האָט אים דערצויגן. ער האָט באוויזן צו לערנען ביז „מעטריק“. געקראָגן ארבעט אין האַפן. ווען זיין פעטער איז אוועק קיין ראָדעזיע, האָט ער באקומען א צימערל ביי באקאַנטע אָרעמע ארבעטער, ווו ער לעבט זיך איינזאַם און רויק. צו לייע־נען האָט ער קיין לוסט נישט, די ביבל ווייס ער גוט, דאָס האָט ער געלערנט

אין דער יוגנט אויפן באַפּעל פונעם פעטער. קיין גרויסער ספּאָרטסמען איז ער אויך נישט, האָט אָבער זייער ליב צו שווימען, וועליסאָפּעד פאָרן און א סך שפּאַצירן.

אין זייער פרייער צייט קלעטערן זיי צוזאמען אויף בערג, שווימען אין קליפטאָן און קעמפּס־ביי, דערנאָך גייען זיי צופוס אהיים איבער בערג און טאָלן פון דער פּראַכטפולער קייפּטאָונער געגנט. מיינסטנס רעדט זי, ער שטעלט זיינע שווערע טריט און שפּרייזט שוויגנדיק. זי איז פאַרליבט דווקא אין זיין שוויגעדיקייט, שטילקייט און זיין רויקייט, וואס קומט פון גבורה.

טרעפט אמאָל, ליזי טראַכט אזוי: מ׳זאָגט, אז די שטילע שווייגעדיקע האָבן אין זיך באהאלטענע אכזריות, און ווען דאָס פּלאַצט ארויס, איז סכנות. מיט בילין איז עס אָבער אנדערש. ער שווייגט, שוויגט און באלד הייבט ער אויף זיינע בלאָע אָפענע אויגן און די בליקן ריידן, ריידן . . אָט די ריידנדיקע בליקן לעבן אין איר הארצן. זי פילט, אז זי קען ניט לעבן אָן דער געזעלשאפט פון אָט דעם שוויגעדיקן גבור, וועמען זי איז גרייט זיך אוועקצוגעבן, ווי זי שטייט און גייט.

און זינט יענעם פרימאָרגן, ווען ער איז צו איר געקומען בלאָס און פאַריאָמערט איר דערציילן, אז ער האָט פאַרלאָרן זיין שטעלע און איז געבליבן אָן ארבעט און איר איז דאָן געלונגען אין דעם געשעפט ווו זי ארבעט, פאַר אים צו קריגן א שטעלע, איז צו איר פרייד קיין גרענעץ נישטאָ. זי איז שטענדיק צוזאמען מיט איר בילין. אינאיינעם קומען זיי אלע אינדערפרי צו דער ארבעט, צוזאמען גייען זיי אהיים און דער ארבעטס־טאָג פאַרלויפט אזוי גיך; און וואס מער זי איז מיט אים צוזאמען, אלץ ליבער האָט זי אים.

אין עוולה האָט זי יע אויף איר געליבטן: אָן עוולה, וואָס גייט איר פון קאָפּ נישט ארויס שוין לאַנגע חדשים: עס האָט געטראָפן, אז די יאַטקע, ווו זיי ארבעטן, האָט באדאַרפט גיך צושטעלן א סך געשלאַכטע עופות פאַר א באנקעט אין א האָטעל. ס׳איז געווען קורץ אין ארבעטער, האָט בילי זיך אליין אָנגעבאָטן צו העלפן. דעמאָלט האָט זי געזען, ווי ער האָט די צענדליקער עופות ארונטערגעהאַקט די קעפּלעך מיטן שווערן שאַרפן האַקמעסער אויפן יאַטקע־קלאָץ אזוי פלינק און פלייסיק, אזוי שוויגנדיק און רויק, אָט פּונקט אזוי ווי בעת ער פאַררויכערט א ציגארעטל, דערביי האָט ער נאָך צוגעשמייכלט מיט עפּעס אזא מאָדנער הנאה . . .

און ווען זי האָט אים א פרעג געטאָן:

„בילי, ווי קענסטו עס ביי זיך פועלן אזא שרעקלעכע אַרבעט אזוי גלייכ־גילטיק צו טאָן ?"

האָט ער געלאָסן געענטפערט :

— „איך טו עס דאָך גיך און די עופות פילן עס ניט, וואָלסטו אָבער וויסן די יסורים, וואָס די אָרעמע עופות שטייען אויס אונטערן מעסער פון א יידישן שוחט, ווען ער פּידלט איבער די העלדזלעך אהין און אהער — דאַן וואָלסטו ערשט וויסן, וואָס עס מיינט אכזריות !"

זי האָט זיך נישט געקענט אָפּהאלטן פון צו ריידן וועגן דעם אין דער היים. און ווען דער פאָטער האָט עס דערהערט, האָט ער ווילד אָנגעקוקט און געזאָגט :

— „ע, ע, ער געפעלט מיר גאָר ניט, ער מוז זיין א ברוט".

און מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט איר מוטער, ביים טיש זיצנדיק, א מורמל געטאָן :

— „ווייסטו, מיין קינד, מיר געפעלט גאָר ניט דיין האלטן זיך מיט בילין. וואָס איז עס פאר א תכלית ? מען ווערט נאָכדעם בארעדט..."

ליזי האָט איר אין די אויגן אריינגעקוקט און זיך צעלאכט, אָבער די עלטערן האָבן נישט אויפגעהערט צו ריידן פון דאַן אָן און האָבן איר לעבן אַלץ פאַרביטערט מיט זייערע מוסר-רייד און מיט זייער קרעכצן און זיפצן :

— „טאָכטערל, טאָכטערל, וועסט אונדז אין קבר אריינברענגען, אויב דו וועסט זיך ניט אָפּטשעפּן פון בילין".

— „טאָכטערל, קענסט דאָך קריגן א פיינעם יידישן יונגנמאַן, וועלכער וועט דיך גליקלעך מאכן".

און מיט די דאָזיקע טענות האָבן זיי איר האַרץ גענאָגט און געפרעסן.

זי פילט, אז איר האַרץ האַלט ביים פּלאצן. זי קען שוין מער נישט שווייגן. ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועט זי זיי ארויסזאָגן, וואָס זי דענקט וועגן זיי, די פאַנאַטיקער וואָס זיי זיינען ! זי וועט זיי שוין דער־לאנגען א גאָב פאר זייערע אלטפרענקישע קאפּריזן און דאן וועט זי טאָן, וואָס איר האַרץ גלוסט.

4

די ביימער אינעם פּרוכטגאָרטן האָבן שטילשווייגנדיק געחלומט אין דער לינדער רויקער העלער נאָכט. קיין צווייגל האָט זיך נישט באוועגט

און די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט ריינער פרישקייט און מחיהדיקע ריחות פון פעלד און פרוכט.

אירע ווייכע וואַרעמע בעקלעך האָבן זיך פארטרוילעך פעסט צוגעדריקט צו זיין הארטפעליקן פנים, איינגעקלאמערט אין זיינע אָרעמס, און שטיל־שווייגנדיק, האַלב דרעמלענדיק, האָט ער זי אויף זיין שויס געהאַלטן. פון א שטאַרקן טרייסל אויף זיינע קני האָט זי זיך א זעץ געטאָן און אירע אויגן האָבן זיך ברייט געעפנט, פארקוקנדיק זיך אויף דער פולער לבנה, וואָס האָט דורך די געדיכטע צווייגן דורכגעשיינט איבער ביידנס קעפּ. זי האָט פארחלומטערהייט דערזען אין דער לבנה קווייטן און שטריכן פון עפּעס א צורה. און וואס מער זי האָט אָנגעהאלטן קוקן, אלץ בולטער האָט זיך די צורה ארויסגעקוקט, ס'איז ממש דאָס פנים פון איר פאָטער מיט די פאר־שפּיצטע וואָנצעס מיט דער שטענדיקער שטאָלצער ערנסטער מינע, אזוי ווי ס'וואָלט זאָגן:

— „ליזי, טאָכטער, פארליר נישט דיין קאָפּ... ליזי, וואס איז עס פאר א פנים צו ליגן אין די אָרעמס פון א פרעמדן בחור אין א פרעמדן פארק אזוי שפּעט ביינאכט? וואָס איז עס פאר א תכלית?... פארליר נישט דיין קאָפּ! — — —"

זי האָט זיך ס'קלייד צורעכט געמאכט, פאררויכערט א ציגארעט און אים אין מויל אויך א ציגארעטל אריינגעשטעקט און עס אָנצינדנדיק האָט זי געזאָגט:

— „בילי, מיר דארפן נישט פארגעסן, אז מאָרגן פרי מוזן מיר אין געשעפט גיין, — ווען פאָרן מיר אהיים?"

אנשטאָט אן ענטפער האָט ער זי צו זיך צוגעצויגן און געמורמלט:

— „מיט א שעה שפּעטער פאָרן מיר. נאָר פארן פאָרן האָב איך דיר עפּעס צו פרעגן, ליזי טייערע, דו וועסט דאָך מיר געוויס דעם אמת זאָגן".

— „אוודאי וועל איך דיר דעם אמת זאָגן. וואָס איז עס, וואָס דו ווילסט וויסן?"

— „זאָג מיר, ליבסטע, איז טאַקע דאָ א ביסל אמת אין דעם, וואָס די יידן־פרעסער שרייבן אין זייערע צייטונגען און בלעטלעך, אז די יידן האָבן א געהיימע אָרגאניזאציע, וואס האָט זיך געשטעלט דעם ציל די קריסטן צו פאַרניכטן, און אז דער האַס פון די יידן צו די גויים איז א ביטערער און א מוראדיקער!?"

— „וואָס פאַלט דיר איין, בילי?" — האָט זי געענטפערט, טיף איינ־שלינגענדיק דעם דיקן רויך פון איר ציגארעט און אים דערביי מיט שרעק

אַנקוקנדיק — „דו ווייסט דאָך, אז אין ייִדישע ענינים ווייס איך נישט א סך מערער פאר דיר. אָבער פאר מיינע עלטערן, פאר אלע מיטגלידער פון מיין פאמיליע און פאר אלע ייִדן, וואָס איך קען, קען איך שווערן ביי מיין לעבן, אז זיי טראָגן נישט קיין שנאה צו קריסטן. אדרבא, אז א קריסט ווייזט זיי עפעס א פריינדלעכע מינע, קוועלן זיי פשוט אָן פון נחת און שטאָלץ און קוויקן זיך מיט יעדן וואָרט, וואס גייט ארויס פון זיין מויל".

— „אַי, ליזי טייערע, ווייסטו דען גאָר ניט פונעם בוך „תלמוד", וואס דערקלערט פאר א מצווה צו רױבירן און רוינירן די קריסטן ?"

זי האָט שטיפעריש מיט איר שטערן זיין פנים געאָקערט און גערעדט מיט א שמייכל און מיט א טאָן, ווי מ'רעדט צו א ליבלעכן קינד :

— „אזא זאך ווייס איך ניט, און איך גלייב ניט, אז ייִדן זאָלן זיין אזוי נאַריש אזא בוך צו דרוקן, אפילו אז אזא אידיאָטישער דין וואָלט געווען ביי ייִדן, וואָלטן זיי דאָך די העזה און שטות ניט באוועסן אזא דין צו פּובּ־ליקירן, זייענדיק אזא קליינע הייפעלע שוואַכע מענטשן צווישן אזא גרויסער צאָל גוים".

— „אזא קליין הייפעלע זאָגסטו ?" — האָט ער זיך אָפּגערופן — „פונ־דעסטוועגן האלטן זיי אין האַנט די רעדער פון דער גאנצער מאַשין פון לאנד און אין זייערע הענט ליגן אלע וויכטיקע אונטערנעמונגען".

— „מילא, וואָס קענען מיר טאָן, אז ס'זיינען דאָ ייִדן, וועלכע האָבן פאַרט גוטע כוחות און ס'געלינגט זיי גרויסע געשעפטן צו אנטוויקלען און קאַפּיטאַלן אָנצוקלייבן ? "

אָבער די „גראָע העמדער" זאָגן דאָך, אז די ייִדן שאַפן זייערע קאַפּיטאַלן נאָר פון באַשווינדלען די גוים מיט דער הילף פון די געבאָטן פון די ציו־ניסטן און קאָמוניסטן, וואס פארשפרייטן די לערע פון „תלמוד" און פון „כל נדרי" און די „זקנים פון ציון" — פארשטייסטו ?..."

— „זע, בילי, ליבער ייִנגל מיינער, אָט ארבעטן מיר בײדע אין א גרוי־סער ייִדישער פירמע, נו, האָסטו עפעס באַמערקט שווינדל אָדער רויב אין דער דאָזיקער קאָלאָסאלער פירמע ? דו ווייסט דאָך, אז דורך מיין האנט גייען דורך אלע קאָרעספּאָנדענציעס, און איך גיב דיר מיין ערנוואָרט, אז מיר האָבן קיינמאָל נישט באקומען א בריוו פון עפּעס באַשווינדלען וועמען עס איז".

— „אָבער צווישן זיך ריידנדיק קען מען דאָך נישט אָפּשטרייטן, אז ס'זיינען דאָ ייִדן, וואָס מאַכן פאַלשע באַנקראָטן, און אפילו אזעלכע, וואָס צינדן אליין אונטער זייערע געשעפטן" — האָט בילי ווייטער געזאָגט.

— „בילי, ליבער, איז וואס ? נו, און אז עס געפינען זיך יידן שווינד־לער, איז דען געדרונגען דערפון, אז אלע יידן זיינען רויבער ? אין יעדער נאַציע געפינען זיך אויסוואורפן. אָט האָבן מיר, למשל, דאָ ניט לאַנג גע־לייענט, אז אַן עכטער אפריקאנער האָט זיין מאמען באגאָסן מיט פּעטראָ־ליום און זי מיט דער גרעסטער אכזריות פארברענט ; אָדער אז אן עכטע אפריקאנערין האָט אירע דריי מענער מיט א זון פארסמט כדי זייער פאר־זיכערונגס־געלט צו קריגן ; אָדער אויך אז אן אפריקאנער האָט זיין כלה פארפירט און מיט שוידערלעכער רציחה זי אונטערן באַן געוואָרפן און זי דערמאָרדעט — נו ? וועט דען ווער עס איז האָבן די חוצפה צו זאָגן, אז ווייל די שענדלעכע מערדער זיינען אפריקאנער, איז דאָס גאנצע פאָלק אַיין מאסע פון ברוטאלע רוצחים ? דאָס וואָלט דאָך געווען אן אמתע משוגעת אזוי צו טראכטן !"

— „ביסט גערעכט, ליזי... איבעריקס רייד איך דאָך נאָר דאָס, וואס איך האָב מיט אייניקע טעג צוריק געלייענט אין די פּראָקלאמאציעס... דאַרפסט אויף מיר נישט זיין בייז. דאָך א סך אמת געפין איך אין זייערע שריפטן..."

— „דהיינו ?"

— „אָט שרייבן זיי, למשל : יידן האָבן אַלע בעסטע פּרנסות, אלע זיי־נען רייך, גליקלעך ; און די אפריקאנער זיינען אזוי אָרעם, אויסגעמאָ־גערט, שטייען אין ברענענדיקער זון מיט לאָפּעטעס און ברעך־אייזן אין די הענט, האַקנדיק שטיינער, בויענדיק וועגן, — האָסטו שוין געזען, ליזי, יידן זאָלן טאָן אזעלכע שווערע, שווארצע ארבעט ?"

— „וועגן דעם האָב איך קיינמאָל ניט געטראכט, אָבער איין זאך בין איך זיכער, אז ס'איז א בייזער ליגן צו זאָגן, אז אלע יידן זיינען רייך און גליקלעך, ווייל לויט ווי איך ווייס, זיינען די מערהייט יידן אָרעמעלייט, קליינ־הענדלער, וועלכע מאַטערן זיך אין זייערע שאָפּקעס אויף אויסצוקלאַפּן א דלות־לעבן. אַי וואָס ? ס'זיינען דאָ אויך רייכע און עטלעכע גאנץ גרוי־סע קאפּיטאליסטן, אָבער וואָס פאר א באַטרעף, וואָס פאר א ווערדע האָבן זיי אנטקעגן די אמת רייכע פּאַרמערס און אנטקעגן די גאָר גרויסע געשעפט־לייט ? — האָט ליזי געטענהט, אירע אויגן צו דער קלאָרער לבנה אויפ־הייבנדיק און מיט נאָך מער אַפּעטיט איינשלינגענדיק דעם דיקן רויך פון איר ציגארעט. נאָר באלד האָט זי זיך געוואָרפן אויף זיין פּלייצע און, ארומכאַפּנדיק זיין האַלדז מיט דער לינקער האנט, האָט זי געזאָגט לאכנדיק :

— „אלנפאלס, אויף צו להכעיס די „גראָע העמדער" לאָמיר זיך ביידע שטאַרק האַלט האָבן און איבערצייגן די וועלט, אז ס'איז דאָ אמתע ליבע צווישן יידן און קריסטן..."

ער האָט שטיל מיטגעלאַכט און ארויסגעמורמלט:

— „גוט, ליזי, כ'בין גרייט, נאָר מיר האָבן זיך צו לאנג פאררעדט, כ'בין זיכער, דו וועסט שוין כאַפּן א חלק פון דיין טאטע־מאמען פארן אוועקבלייבן אזוי לאַנג. קום לאָמיר פאָרן אהיים?"

5

א וואָלקן, ווי א דיקע קאָלדרע, האָט צוגעדעקט דעם „טייבל מאָונטן", פון וועלכן די הויכע שטאָלצע פעלדזנוועגט קוקן אריבער איבער דער קורצער ריינער גאַס, וואָס רייסט זיך משופעדיק בארג ארויף, וווּ ס'שטייט דאָס הויז פון ליזיס עלטערן.

די איינציקע דיקע פאלמע אינעם גערטנדל, ביים ווייסן גאַניק פון הויז, און די פארשלאָפענע פראָטייעס אויף די קיילעכדיקע בייטן זיינען געווען פייכט פון טוי, עטלעכע שעה פארטאָג, ווען ליזי איז אהיים געקומען.

זי איז שטילערהייט אריין אין איר צימער און, רויכערנדיק איין ציגארעט נאָכן אנדערן, האָט זי זיך אומזיסט געמאטערט איינצושלאָפן. די פארגאַנגענע נאַכט האָט איר איבערגעלאָזן עפּעס א משונהדיקן נאָכטעם. זי האָט ניט געקענט באגרייפן, וואָס באַמבלט זיך עס בילין אין קאָפּ, פון וואנען קומט אזא מין ריידן און צי האָט זי אים גוט געענטפערט? און וואס טראַכט ער פון איר ענטפער? אין איינס איז זי געווען זיכער: אז זי איז געווען איידל מיט איר באַציונג צו זיינע פראַגעס און אז מיט איר צוגעטאָנקייט צו אים האָט זי באוויזן, אז זי איז אים געטריי. און ביי דעם דאָזיקן געדאנק איז זי איינגעשלאָפן און באוויזן אזוי צו רוען עטלעכע שעה, ווען די שווארצע דינסט האָט איר אריינגעטראגן א קריגעלע הייסע קאווע און באלד האָט אין איר צימער אריינגעטאַנצט אויך לאָטי, איר יינגערע שוועסטער.

— „אָ, ליזי, איך האָב דיר וואס צו דערציילן!"

— „לאָטי, כ'בין אזוי שלעפעריק" — האָט זיך ליזי געפּרוווט אָפּווערן — „מיר וועלן שפּעטער ריידן".

— „אָבער הער זיך נאָר איין איין וואָרט" — האָט לאָטי צעוואָרעמט און שיינענדיק אָנגעהאַלטן — „נעכטן בין איך אויף א פיקניק געווען אין „וואַנדערשטעטל"־וואַלד און כ'האָב זיך באקאנט מיט א פיינעם יונגנמאַן,

א סטודענט, כ'האָב מיט אים פארבראכט די גאנצע צייט און ער האָט מיך געבעטן, כ'זאָל זיך מיט אים אָפּט טרעפן!"

— „נו... גליקלעך ביסטו!... פריי זיך, פריי זיך, נאָר פארליר נישט דעם קאָפּ פון גרויס שמחה" — האָט ליזי איילנדיק געענטפערט.

— „ליזי, הער זיך איין, מיר זיינען ביידע געלאַדן צו קומען צו א גרויסער פארזאמלונג צוצוהערן זיך צום רעפעראַט פון א באוווסטן ענגלישן ציוניסט, אליין איז ער א קריסט, נאָר ער איז א גרויסער־יידן־פריינט און אן איבערצייגטער אָנהענגער פון דער יידישער נאציאָנאלער באוועגונג. ער איז, ווי מען זאָגט, א גלענצנדער רעדנער, מיר וועלן זיך גוט פארוויילן. זיי א טייערינקע און קום מיט מיט אונדז.

* * *

אומגעפער א האלבע שעה שפעטער, ווען זי איז אריינגעקומען אין געשעפט, האָט זי געפונען בילין אן אויפגערעגטן. ס'האָט געשיינט, אז ער האָט געהאט אן איבערריד מיט זיין באלעבאָס. ער האָט זיך שטילערהייט געקלאָגט אויף דער עוולהדיקער באנעמונג מצד דעם באלעבאָס, וואָס האָט אים באליידיקט, און קראַנקנדיק אן אויער האָט בילי אָנגעברויגזט פארענדיקט:

— „נאָר וואס קען מען דערוואַרטן פון א גראָביונגערישן יידן?"

— „איך האָף, אז דו האָסט זיך ניט באנוצט מיט די דאָזיקע ווערטער ריידנדיק צום באלעבאָס" — האָט ליזי געזאָגט מיט א זעלטענעם שמייכל, אין וועלכן ס'האָט זיך אויסגעמישט א שווערער צער.

— „מיינסטו, אז ער פארדינט ניט, כ'זאָל עס אים פערזענלעך אָפן זאָגן?" — האָט בילי געענטפערט, זיך טרייסלענדיק פון כעס און באמיענדיק זיך צו בלייבן גלייכגילטיק — „דער כלב טרינקט דאָך אונדזער בלוט און ס'בלוט פון זיינע קונדן! אין זיין דיקער בויך, וואָס זעט אויס ווי א באַרג, און אין זיין פעטן קאַרק ווי פון אַן אָפּגעקאָרמעטן אָקס איז אריינגעפאַקט דאָס געזונט און פראַצע, וואָס מיר גיבן אוועק דעם דאָזיקן פאַראַזיט פאַר א ציבעלע און פאר אַן עפּל!..."

ליזי האָט אים אָנגעקוקט מיט דערשטוינונג. פון וואנען נעמט זיך עס ביי איר שטילן שוויגענדיקן בילין אזא לשון?... און איידער זי האָט באוויזן א פרעג צו טאָן, האָט ער ווייטער געזאָגט:

— „נאָר איך האָף, אז די צייט וועט אין גיכן קומען זיך אָפּצורעכענען מיט אלע בלוטזייגער און מיט דעם דאָזיקן היפּאָפּאָטאָמוס אויך..."

זי האָט געוואָלט אויף דעם ענטפערן, ווען דער טעלעפאָן האָט זיך פונאנדערגעקלונגען. זי איז האַסטיק צוגעלאָפן צום טעלעפאָן און נאָך א פּאָר מינוטן ריידן האָט זי פריילעך אויסגעשריען

— „בילי, איזידאָר, מיין ברודער, איז איצט געקומען פון טראנסוואל און פארלאנגט, איך זאָל קומען אהיים צו מיטאָג — אָ, אָבער דאָס מיינט, אז מיר וועלן היינט, ליידער, נישט קענען צוזאמען עסן" — האָט זי אומעטיק פארענדיקט.

* * *

ווען זי איז אהיים געקומען, איז די שמחה אין הויז געווען גרויס. די גאַנצע פאַמיליע האָט זיך געפרייט מיט איזידאָרן, וועלכער האָט זיך צום גוטן פאַרענדערט אונטער די צוויי יאָר, וואָס ער האָט געלעבט אין טראנס־וואל. האָט אויסגעזען דיקער און געזינטער און ס׳פּנים האָט געשיינט פון גליק.

— „געוויס פיל איך זיך גליקלעך" — האָט ער געענטפערט אויף די באמערקונגען פון זיין פאמיליע וועגן זיין גוטן אויסזען — „נישט נאָר אויסערלעך בין איך פארענדערט; מיין גאנץ לעבן האָט אָנגענומען א גאנץ אנדער כאראקטער. איר וועט געוויס זיין פארוואונדערט צו הערן, אז אונ־טערן איינפלוס פון מיין אידעאליסטישער פרוי בין איך געווארן א סאָ־ציאַליסט".

— „אָ, דזי!" — האָט לאָטי אויסגעשריען — „איך בין אויך געוואָרן אן אידעאליסטקע, מיין אידעאל איז ציוניזם".

— „הייסט עס, אז אונדזער פאמיליע וועט מאַכן א גאנצע רעוואָלו־ציע" — האָט ליזי זיך אָפּגערופן מיט איר חנ׳יקן שמייכל אויף איר ראָזן פּנים — „נאָר איך, אָרעמינקע, פארבלייב שוין, ווייזט אויס, אן איגנאָ־ראנטע קאָנסערוואַטיווע בירגערין, אָבער איך פארלאָז זיך אויף אייך, אז ווען אן איבערקערעניש וועט קומען, וועט איר מיך באשיצן פון אלע געפארן..."

די עלטערן האָבן זיך פונאנדערגעלאכט אויפן קול און לאָטי איז אויפגע־שפּרונגען, טייטלענדיק מיט א ווייסן פינגער:

— „וואַרט ליזי, מאָרגן גייען מיר אלע צו דער ציוניסטישער לעקציע, און ס׳קען נאָך פאסירן, אז דו וועסט נאָכדעם אנדערש ריידן, יע, וואַרט א ביסל".

און אויף מאָרגן אין אָוונט זיינען ביידע שוועסטער מיט זייער ברודער איזידאָר געגאנגען צו דער לעקציע.

דער רעפערענט, א מאַן פון אַכט און פערציק, הויך און דיק מיט א ליכטיקן אינטעליגענטן פנים, האָט דעם עולם גענומען מיט זיין כח הדיבור און מיט זיינע לאָגישע ארגומענטן. זיין אריינדרינגען טיף אין די הערצער פון דעם צווייטוויזנט קעפּיקן עולם איז געווען צו באמערקן פון די אָוואציעס, וואָס מען האָט אים געמאַכט.

מיט פייער האָט ער גערעדט וועגן תהו ובהו אין דעם יידישן גייסטיקן און מאטעריעלן לעבן; וועגן דער גלייכגילטיקייט פון די עלטערן און אויך פון דער יוגנט צו דעם ציוניסטישן געדאַנק; וועגן די שווארצע כוואליעס פונעם צעבושעוועטן „נאַציזם", וואָס מיט א געפּאנצערטער אכזריותדיקער מאַכט פארשפּרייט ער זיך איבער דער גאנצער וועלט און אז אויב נישט ציוניזם וועט דאָס יידיש פאָלק פארבלייבן אָן אפונק פון האָפענונג אויף דער צוקונפט, און האָט געענדיקט מיט די ווערטער:

— „אָט איצט איז טאַקע די רעכטע צייט, אלע יידן זאָלן זיך אויפהייבן, פאראייניקן זיך און העלפן אויפבויען זייער אייגענע נעסט אין זייער נאַציאָנאלן לאנד, וואס וועט מוזן בלייבן זייערס".

ווען דער רעפעראט האָט זיך געענדיקט, האָבן זיך אָנגעהויבן פראגעס און דיסקוסיעס. איזידאָר האָט זיך אויך אויפגעהויבן עפּעס צו פרעגן:

— „אויב די יידישע רעטונג באשטייט אין האַרטן קעמפן און זיך מקריב זיין פאר אַן אידעאל, טאָ פארוואָס זשע נישט בעסער שוין קעמפן צוזאמען מיט דעם אלוועלטלעכן פּראָלעטאריאט, כדי צו ענדערן די מיאוסע אָרדענונג פון דער צעפוילטער געזעלשאפט, אזוי אז צוזאמען מיט דער דערלייזונג פון דער גאנצער מענטשהייט וועלן יידן שוין אויך ווערן באפרייט פון אלע חרפהדיקע עוולות, וואָס זיי האָבן אויסצושטיין".

— „מיין פריינד" — האָט געענטפערט דער רעפערענט — „מיר האָבן אזעלכע דערפארונגען, אז די עכטע סאָציאליסטן פון פארשיידענע לענדער ווערן זאָגאר עקסטרעם נאציאָנאליסטיש געשטימט, קוים ווערן זייערע נאַציאָנאלע אינטערעסן אטאַקירט, און איבערהויפּט מוז יעדער פאָלק אויף דער וועלט האָבן זיין אייגן לאנד און מוז קעמפן פאר דעם".

— „זיינען מיר דען אויך א פאָלק מיט אייגענע נאציאָנאלע אינטערעסן?" — האָט איזידאָר ווייטער געפרעגט — „זיינען מיר דען נישט נאָר א סעקציע אָדער גרופּע, וואָס דארף זיך צוזאמענשמעלצן מיט די מענטשן, מיט וועלכע מיר לעבן צוזאמען".

— „קינדהייט!“ האָט דער רעדנער געענטפערט — „אָט דאָס איז די צרה, וואָס פיל יידן האַלטן זיך נידעריקער און נישטיקער, ווי אנדערע שונאים האַלטן זיי. די יידישע שונאים האַלטן די יידן פאַר א גרויסער און מעכטיקער ראסע, פאר אן אייביק אומאסימילירבארער נאציע, נאָר דווקא די דאָזיקע יידן, וואָס זיינען אייגנטלעך גרייט צו ווידמען זייער לעבן פאר דער גאולה פון דער מענטשהייט, זיינען אזוי גלותדיק פארקנעכט, אז זיי צווייפלען, אויב יידן זיינע א נאציע“.

די וויכוחים האָבן זיך נאָך געצויגן לאנג. איזידאָר האָט באמבארדירט מיט פראַגעס:

— „פארוואָס, אייגנטלעך, זאָלן מיר זיך ארײַנלאָזן אין אוואַנטורעס און אוטאָפּיעס צו שאַפן א נייע „יציאת מצרים?!“ — האָט איזידאָר סאַרקאַס־טיש געטענהט — „פאר וואָס ניט לעבן מיט דער צייט?“

— „מיט דער צייט לעבן? געוויס לעבן מיר מיט דער צייט“ — האָט דער רעדנער געזאָגט — „איז איצטער דען ניט די צייט, ווען אלע גרויסע און קליינע נאציעס האָבן זיך מיט אימפעט א הייב געטאָן, כדי זייערע נאציאָ-נאלע ענינים צו פארשטאַרקן?“

פון א הינטערשטער באַנק האָט עמעצער אויסגעשריען:

„אלע שרייען, אז זיי לעבן מיט דער צייט, אי די קאָמוניסטן, אי די ציוני־סטן, און אפילו די ווולגאַרע פאשיסטן און נאציס שרייען, אז נאָר זייערע באנעמונגען און גענג הייסט: לעבן מיט דער צייט!“

באמערקנדיק, אז די וויכוחים קענען זיך פארציען ביז שפעט אין דער נאַכט, האָט זיך דער עולם גענומען פונאנדערגיין.

אהיים גייענדיק האָט ליזי געזאָגט, אז עס טוט איר הנאה, וואָס זי איז געווען אויף דער פאַרזאַמלונג, נאָר דעם אמת זאָגנדיק ווייס זי נאָך אַלץ ניט, וועלכער איז דער ריכטיקער וועג.

— „נאָר כ׳וועל זיך נאָך גוט באדענקען“ — האָט זי הילכיק ארויסגע־רעדט, אָננעמענדיק איזידאָרס אָרעם.

6

דורך די צוויי וואכן, וואס איזידאָר איז געווען צוגאַסט ביי זיינע על־טערן, איז זייער הויז געוואָרן א מין מיטינג־פּלאַץ. יעדן אָוונט פלעגן צו איזידאָרן קומען ארבעטער, סאָציאַליסטן, און סתם ראַדיקאַלע חברים און חברטעס. צו ליזין האָט אָנגעהויבן ארײַנקומען די ציוניסטישע יוגנט. מען

האָט זיך פארבראכט אין דיסקוסיעס און אָפט האָט אין הויז געטומלט פון די היציקע דעבאטן.

בען קריינינס, ליזיס פאָטערס, גאווהדיק פנים מיט די פארשפיצטע וואָנצעס האָט געשיינט מער ווי תמיד. ער פלעגט זיך פארנעמען א פלאַץ אויבן־אָן און רייכערנדיק א קרומע פיפקע, פון וועלכער עס האָט ארויסגע־שפּאָרט א דיקער בלאָלעכער רויך, זיך אויפהייבנדיק און צעדרייענדיק זיך אין אַ זיגזאַג, פלעגט ער צוזאַמענלייגן די הענט אויף דער ברוסט מעשה אומאָפּהענגיקער באלעבאָס, צושליסן אַן אויג חשיבותדיק און זיך צוהערן מיט כוונה צו די וויכוחים.

— „פּאַפּאַ, זיי דו דער ריכטער" — האָט איין מאָל געזאָגט ליזי לאכנ־דיק — „משפט דו, ווער איז גערעכט".

קריינין האָט אָנגעשטעלט א פנים פון אַן אויטאָריטעט און נאָך א רגע טראַכטן האָט ער געזאָגט:

— „פון מיין פראקטיקע אין „רייסעס" ווייס איך, אז גערעכט בלייבט דאָס פערד, וואס געווינט... און געווינען געווינט דאָס פערד, וואָס קען בעסער לויפן. און בעסער לויפן קען דאָס פערד, וואָס איז געזונט... אלזאָ, נאָך מיין מיינונג קומט אויס, אז דאָ זיינען גערעכט די, וואָס טענהן, אז דאָס יידישע פאָלק מוז אָננעמען אזא הילף, וואָס קען קומען צום גיכערסטן, נישט לאנג צו ווארטן... איך גלייב, אז אין די „רייסעס" צווישן די ציו־ניסטישע פערד מיט די סאָציאליסטישע וועלן די ציוניסטישע געווינען, ווייל דאָס וועט גיכער קומען. דאָס לאנד איז דאָך שוין דאָ און די יידן זיי־נען דאָך אויך דאָ, אָבער סאָציאליזם, הע... איז נאָך זייער ווייט! אפשר מיט טויזנט יאָר שפּעטער וועט עס פּאסירן, טאָ צו וואָס זיך ברעכן דעם קאָפּ וועגן דעם, וואָס ס׳וועט זיין מיט טויזנט יאָר שפּעטער? נארישקייט!"

איזידאָר איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט:

— „דאָס וואָלט אפשר געווען גוט, אָבער מען לאָזט דאָך די פערד ניט לויפן... די ענגלישע רייטער האָקן דאָך זיי אונטער די פיס... און משיח׳ס ווייסער אייזל איז דאָך געווויס צו שוואַך און צו פויל די „רייסעס" צו געווינען".

אלע האָבן געלאַכט, ליזי האָט מיטגעהאַלטן, אָבער דאָס לאכן איז איר נישט איינגעגאנגען. ס׳האָט איר געפיניקט דער געדאנק, אז צוליב די פארווילונגען אין דער פריילעכער חברה איז זי דערוויטערט געוואָרן פון איר בילין. און אז ער וואָלט אהער געקומען? ווי וואָלט ער זיך דאָ גע־האַלטן? זי איז געווען זיכער, אז ס׳וואָלט אים דאָ געווען נודנע און ער

וואָלט איר ווינקען, זי זאָל ס'הויז פאַרלאָזן און מיט אים אוועקשפּאַצירן ווייט-ווייט איבער בערג און טאָלן... ס'האָט איר אויך אַזוי ווי געטאָן, וואָס זי האָט ניט געקענט מיטפּילן מיט קיינעם פון די פאַרזאַמלטע און איר האַרץ האָט נישט געקלאַפּט מיט ענטוזיאַזם פאַר זייערע אידעאַלן; כאָטש זי האָט זיך זייער גוט צוגעהערט צו זייערע אַרגומענטן, איז זי דאָך געבליבן אַזוי גלייכגילטיק צו זייערע טעאָריעס. דאָך, ווען די וויכוחים זיינען אַריבערגעגאַנגען צו דער פראַגע וועגן די „גראָע העמדער", האָט עס איר אָנגערירט ביים האַרצן און זי האָט גערעדט מיט געפיל און דערקלערט, אַז זי שטימט איין מיט איר פריינד דעם דאָקטער ראָטמאַן, וועלכער האָט ניט אויפגעהערט צוריידן, אַז די חוצפּה פון די „נאַציס" האָט שוין אַרי־בערגעכאַפּט די מאָס; אַז זייערע מיאוסע העצעס קעגן די יידן איז נישט אַריבערצוטראָגן; אַז זייערע גיפטיקע בלבולים שניידן ס'האַרץ פון יעדן מענטשן, וואָס האָט אַ שטיקל געפיל; אַז זייערע שוואַרצע מעשים־תעתו־עים זיינען שוידערלעך און אַז די רעגירונג שטעלט אויס אַ טויבן אויער און קוקט צו צו תמעוואַטע צו דער טיירולשער אויפפירונג פון די באַנדיטן, וואָס זיינען אין לוין ביי די דייטשע נאַציס; און אַז אויף יעדן פּראָטעסט מצד די יידן קעגן דעם וואָס די רעגירונג דערלאָזט אַזאַ נידערטרעכטיקע חברה צו באַליידיקן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אַזוי שענדלעך און וואַרפן אויף די יידן ברודיקע זלזולים — ענטפערט די רעגירונג, אַז ס'איז נישטאָ אַזאַ געזעץ אין דעם לאַנד צו פאַרבאָטן זלזולים אויף אַ גאַנץ פאָלק, כאָטש באַליידיקן אַ יחיד איז פאַרבאָטן.

— „וואָס הייסט ?" — האָט ליזי אויסגעשריען אויפגערעגט — „אויב ס'איז ניטאָ אַזאַ געזעץ, זאָל עס די רעגירונג מאַכן !"

— „האָבן דאָך טאָקע אַנדערע רעגירונגען אין זייערע לענדער פאַר־באָטן די טיירולשע העצעס פון די „נאַציס".

— „עס בלייבט נאָר איין מיטל" — האָט לאָטיס יונגער קול געהילכט. — „מיר אַליין זאָלן זיך פאַראייניקן אַנטקעגן די מנוולים, מיר דאַרפן ווייזן, אַז מיר זיינען נישט קיין פּחדנים. אונדזער מאָטאָ מוז זיין „אויב מיר זאָלן פאַר זיך אַליין זיך נישט אָננעמען — ווער דען ?" און יעדער ייד וואָס האָט אַ נאַציאָנאַלן געפיל, מוז זיך אָנשליסן אָן אַזאַ זעלבסט־פאַרטיידיקונג־געזעלשאַפט".

— „שוועסטערל" — האָט איזידאָר געזאָגט — „נישט נאָר יידן אַליין דאַרפן זיך אָנשליסן אָן אַזאַ געזעלשאַפט, נאַציזם איז דער ביטערסטער שונא פון דער גאַנצער מענטשהייט, דער שוואַרצסטער פאַרביסנסטער פיינט

פון אלץ, וואָס איז פריי און הייליק, און איך בין זיכער, אז ס׳וועלן זיין צענדליקע טויזנטער, וואָס וועלן זיך אָנשליסן אָן אזא באוועגונג״.

— „אוודאי״ — האָט ליזי געזאָגט מיט איבערצייגונג און בשעת מעשה געטראַכט: „וואָס וואָלט בילי זאָגן דערצו?...״

אָבער מיט בילין איז איר נישט גיך אויסגעקומען צו ריידן וועגן אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען.

פאר דער גאנצער צייט זיינען זיי ביידע באשעפטיקט געווען און ס׳איז זיי קיין צופיל צייט נישט געבליבן צו ריידן און ראָמאנסירן.

ליזי איז כמעט נישט ווילנדיק ארײנגעצויגן געווארן אין דער חברה „אנטי־פאשיסטן״, וואָס דער יונגער דאָקטער ראַטמאַן איז געווען איינער פון אירע גרינדער.

א קרעפטיקער ברונעט פון מיטעלן ווּקס איז געווען דער דאָקטער. זיין ביינערדיק פּנים, זיין ברייטע מאָרדע און קלוגע שוואַרצע אויגן, וועל־כע האָבן געקוקט פאָרשעריש דורך זיינע גרויסע ברילן, האָבן אויסגע־דריקט אנטשלאָסנקייט און באפעל.

ווען ער האָט אדרעסירט אן עולם האָט ער גערעדט מיט היץ, פייער און פלאַם! אָבער פריוואט האָט ער גערעדט ליבלעך און שטיל און זיך גוט צוגעהערט צו דער פערזאָן, וואָס האָט צו אים גערעדט.

ליזי האָט האָלט געהאט צו ריידן מיט אים און אָנצוקוקן די פיינע מינעס, וואָס זיין פּנים האָט אויסגעדריקט, ווען ער האָט זיך צוגעהערט צו איר ריידן און בשעת מעשה ארויסגעוויזן זיינע צוויי רייען שניי ווייסע ציינער.

צו אָפט האָט ער קיין מעגלעכקייט נישט געהאט ארײנצוקומען צו די קריינינס, זיין פּראָפעסיאָנעלע ארבעט איז צו גרויס און פאראנטווארטלעך געווען, איז ער נאָר א פאָר מאָל א וואָך ארײנגעקומען זיך דורכצוריידן וועגן די געשעענישן, וואָס זיינען דעמאָלט פארגעקומען. און ווען ער פלעגט אוועקגיין, פלעגט פון מאדאם קריינין אלע מאָל קומען איין און דער זעלבער פּזמון:

— „ליזינקע, וואָלסט וויסן, ווי דער דאָקטער ראטמאן איז מיר איינ־געבאקן אין הארצן!...״

און בען קריינין פלעגט זאגן:

— „אַיי, אַיי איז דאָס א מאַן!״

ליזי פלעגט דאַן צומאכן איין אויג שעלמיש און שפּאַסן:

— „ער איז א טייערער, אן עכטער „טאָרעבּרעד״ רייסעס פערדל — פּאַפּא?!״

— „וואָס רעדסטו, ליזי ? ס׳מיידל, וואָס קריגט אים פאר א חתן, איז אזוי מזלדיק, אז זי דארף אלע רייסעס־פערד אויף כפּרות !״ פלעגט ער ענט־פערן, דרייענדיק זיין קאָפּ מיט התפעלות.

שלינגענדיק דעם רויך פון א ציגארעטל, פלעגט דאן ליזי אויפהייבן אירע פּלייצעס מיט א געמאכטער יאוש־תנועהלע :

— „ע, ווער האָט עס אזא מזל אים צו קריגן ?״

אין אמתן אָבער האָט זי געטראַכט, אז קיין געפיל פון ליבע, ווי צו א מאַן, וואָלט ער אין איר הארצן קיינמאָל ניט דערוועקט. ס׳האָט עטלעכע מאָל געטראָפן, אז ער האָט זי אהיים געבראכט, שפּעט ביינאכט, פון א מי־טינג. אָרעם אין אָרעם זיינען זיי געגאַנגען פאר שעהן. זי האָט געפילט, אז ער צעגייט פשוט פון ליבע צו איר. זי האָט זיך אָפּט געוווּנטשן, אז הלוואי וואָלטן אין איר בלוט אויך געפלאַסן אזעלכענע וואַרעמע געפילן צו דעם דאָזיקן ליבלעכן מענטשן. מער ווי קאַלטע אכטונג האָט איר הארץ פאַר אים נישט געטראָגן, כאָטש זי האָט ליב געהאַט זיין פריינדלעכן זיך און זיין מילדן צערטלען זיך צו איר.

ווי אנדערש איז איר געפיל געווען אין בילים קעגנוואַרט, ווי פאַרשי־כורט פלעגט זי ווערן אין זיין מחיצה...

צי דארף זי עס דערקלערן בילין. אים איבערצייגן, ווי גרויס איר ליבע איז צו אים, אזוי אז קיין אנדער מאַן אינטערעסירט איר גאָר ניט ? זי ווייס פון ביכער און פון שמועסן מיט אנדערע פרויען, אז ס׳איז א סכנה א מאַן צו מאַכן אזעלכע דערקלערונגען, וואָס קענען אים איינבילדן, אז זיין שטאָלץ זאָל אים נישט אוועקטראָגן ווי א צעווילדעוועט אויסגעזעצט פערד... זי וועט אָבער יע דערציילן איר טייערן בילין, זאָל ער וויסן, ווי געטריי זי איז אים !

פאסירט אָבער האָט אַ זאך, וואָס האָט פאַרענדערט אירע מחשבות.

א מיטוואך נאָך האלבן טאָג זיינען זיך די קריינינס אין גרויסן עס־צי־מער צו טיי געזעסן. ווען פון דרויסן האָט זיך דערהערט א שטארק גערויש פון רעדער און א בראַזגעריי פון צעבראָכענע שויבן און פּלוצלונג האָבן זיך דערהערט קולות פון א דערבייִיקן צימער, ווו קריינינס מוזינקע, די פופצניאָריקע איידין, דער ליבלינג פון הויז איז געווען. אריינלויפנדיק אין איר צימער האָט מען זי געפונען אין א לוזשקע בלוט ; דאָס בלוט איז געררו־נען פון איר קאָפּ, וואָס האָט געקראָגן א גרויסע וווּנד פון א שטיין, וואָס איז דורכגעפלויגן דורכן גאַס־פענצטער. ס׳איז געוואָרן א געשריי, א ליאַ־רעם, מענטשן האָבן געשריען, אז זיי האָבן געזען א גרויסן מאָטאָר־וואָגן,

באפוצט מיט גרויסע „סוואַסטיקעס" און פאָנען פון „גראָע־העמדער". דער וואָגן איז געווען פול געפאַקט מיט כוליגאַנעס, וועלכע האָבן געשריען מיט ווילדע קולות: „א טויט די יידן!" און האָבן געוואָרפן שטיינער אין עט־לעכע יידישע הייזער.

ס'איז געוואָרן א טרעוואָגע — א געלאף, אָבער דער מאָטאָר־וואָגן מיט די כוליגאַנעס איז פארשוווּנדן און די פּאָליציי האָט זיי ניט געקענט געפינען . . .

פייל פון בויגן איז דאָקטער ראַטמאַן געקומען, די פארוווּנדעטע איירין פארבאַנדאַזשירט און זי אריינגעלייגט אין בעט. „מען וועט מוזן דאָס לינ־קע אויגל אָפּערירן" — האָט ער געזאָגט — „ס'איז פארלאָפן מיט בלוט און איך האָב פּחד, אז זי וועט ס'אויג פארלירן".

לאַנג האָט עס אים גענומען די פארקלאָגטע עלטערן צו בארויקן. נאָכדעם איז ער צו א ספּעציעלן מיטינג געלאָפן און האָט אויך ליזין אי־בערגערעדט מיטצוגיין מיט אים. אויפן צוריקוועג אהיים, זיינען זיי גע־גאַנגען דורך דער שטאָט־אַלייע. דאָקטער ראַטמאַן האָט גענומען איר אָרעם און האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אין ריידן צו איר. זי האָט ניט געוואָגט אים מיט א וואָרט איבערצושלאָגן, כאָטש זי האָט געהאַט פראַגעס צו שטעלן.

אין מיטן וועג האָט ליזי פּלוצלונג באַמערקט אויף א באַנק, וואָס שטייט טיף צווישן הויכע געדיכט־צווייגיקע ביימער, דריי יונגע בחורים פירנדיק א געשפּרעך אויפן קול. דער מיטעלער פון זיי איז געווען בילי!

ווי שטיקער אייז זיינען אירע קני געוואָרן און די ערד אונטער איר האָט געזונקען. וווּ קריגט זי מוט — האָט זי געטראַכט — אים אין פּנים אריינצוקוקן?

ער האָט זיך צוזאַמען מיט זיינע חברים א הייב געטאָן און זיי זיינען פארשוווּנדן צווישן די ביימער.

7

אַזאַ שווערע, שלאָפלאָזע נאַכט האָט זי נאָך אין איר לעבן נישט געהאַט. זי האָט פאַר זיך נאָר חושך געזען. זי האָט זיך באַמיט איינצושלאָפן און אירע אויגן געשוואָלן פון געוויין, האָבן זיך ווי שטיקער ליים געלייגט. א מינוט האָט זיך איר געדוכט, אז זי דרעמלט איין, פּלוצלונג האָט דערלאַנגט א שטאַרקער, געשווינטער צוק אין איר קאָפּ און האַרץ און זי איז ווייטער וואַך געוואָרן, באָדנדיק זיך אין הייסע טרערן.

פאַרוואָס האָט זי דערלויבט דעם דאָקטער ראַטמאַן אַזוי נאָענט צו איר צו זיין? ווען בילי איר דערקלערונג גלייבן, אַז זי האָט צום דאָקטער קיין ליבע־געפיל ניט? וועט ער זי אויסהערן און פאַרשטיין? האָט ער גע־נוג ליבע פאַר איר דאָס צו טאָן?

די נאַכט איז פאַרבייגעקראָכן אויף פוילע אומגעלומפּערטע בלייענע פיס. בלאַס, טריב און שולדיק איז זי צו דער אַרבעט אַוועק אין יאַטקע. שטיל, פאַרשעמט און טרויעריק האָט זי אירע פייכטע אויגן אויפגעהויבן:

— „בילי, זאָלסט נישט בייז זיין... ער איז מיר אַבסאָלוט גאָר־נישט... כ׳וועל דיר דערקלערן: מיר געהערן צו א חברה, וואָס איז ניט לאַנג געגרינדעט געוואָרן אום זיך צו פאַרטיידיקן פון אָנפאַלן. מיר זיינען נאָר חברים, אָבער גלויב מיר, איך שווער דיר ביי מיין לעבן, ביי אונדזער ליבע, אַז ער מיינט צו מיר גאָרנישט״.

זיין אכזריותדיק שוויגן האָט איר האַרץ צעבראָכן. קוים וואָס ער האָט זיינען ליפּן געעפנט און אַרויסגעמורמלט:

„איך בין געווען נאַריש צו גלויבן, אַז דו ביסט די איינציקע יידישע פּערזאָן, וואָס קען נישט באַטריגן. איך בין אָפּגענאַרט. און נאָך גרעסער איז מיין אַנטוישונג, וואָס איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט דאָס איינציקע יידישע טאָכטער, וואָס איז נישט קיין קאָמוניסטין. איצטער האָסטו מיר אַליין אויסגעזאָגט דעם אמת, אַז דו ביסט אויך איינע פון זיי. הייסט עס, אַז ס׳איז אמת וואָס די „גראָע־העמדער״ טענהן, אַז אַלע יידן זיינען קאָ־מוניסטן״.

אַן אָפּגעבריטע, א פאַרקלעמטע און באַליידיקטע איז ליזי הינטערוויי־לעכס אָפּגעשפּרונגען. קומענדיק צו זיך, האָט זי דערפילט אַז ער מיינט געוויס ניט די יידן צו באַליידיקן, נאָר זיין איבּערזיכטיקייט צו איר רעדט פון אים אַרויס, ער וויל עס איר ווי טאָן, באַליידיקן און קרענקען. נייער מוט און קראַפט האָט אין איר גענומען שטראָמען, די קרענקונג און פּיין צו טראָגן פון איר איבּערזיכטיקן געליבטן, וואָס האָט נאָך אַלעמען, א רעכט זי חושד צו זיין אין אומגעטריישאַפט, נאָכדעם ווי ער האָט זי געזען, אַזוי נאָענט צוגעטאָן, אין דער געזעלשאַפט פון אַן אַנדער יונגנמאַן.

און נאָך עטלעכע טעג ריידן און אים דערקלערן איר געטריישאַפט צו אים איז איר געלונגען זיין איבּערזוכט איינצושטילן.

— „איך בין דיר מוחל און גלייב אין דיין ערלעכקייט״ — האָט ער גע־זאָגט — „נאָר דו מוזט מיר צוזאָגן, אַז דו וועסט מער קיין מגע ומשא מיט די קאָמוניסטן נישט האָבן, און איך וואָרן דיר — און געדענק מיין וואָרנונג

— אז אויב איך טרעף דיך אין דער געזעלשאַפט פון דעם דאָזיקן קאָמו־ניסט, וועט זיין א ביטערער סוף צו אלץ!״

גוט, זי איז געווען צופרידן. זי האָט זיך אונטערגענומען ערלעך אָפּצוהיטן זיין פארלאַנג מיט דאָקטער ראטמאַנען, צו וועמען ער איז אזוי איפערזיכטיק, מער זיך נישט צו טרעפן. זי איז געווען זיכער, אז בילים באַציונג צו איר איז די זעלביקע ווי פריער, כאָטש טיף אין איר נשמה האָט געפלאָטערט א פּחד פאר זיין וואָרנונג... פון וואנען האָט זיך עס בכלל גענומען צו דעם דאָזיקן שטילן, גוטן בחור אזא טעמפּעראַמענט, וואָס שטויסט מיט אימפּעט צו באַשלוס, צו שטרענגקייט, צו וואָרענען מיט א ביטערן סוף.

און זי האָט עס אליין פארענטפערט: ס׳איז נאָר זיין גרויסע ליבע, וואָס פאַראורזאַכט איפערזוכט, און דאָס שאַפט שוין כישופדיק נייע כחות, נייע פעיקייטן, — ליבע!

8

עטלעכע וואָכן זיינען פארלאָפן אין שווערער ארבעט, איניקע מאָל איז איר אויסגעקומען צו ארבעטן א פּאָר שעה איבער דער געוויינטלעכער אר־בעט־צייט. און איינמאָל, ווען בילי איז געשיקט געוואָרן צו א נאָענטן שטעטל וועגן געשעפטס־זאכן, האָט דער באַלעבאָס אריינגערופן ליזין אין זיין „אָפיס״ און איר געזאָגט:

— „אפשר וועסטו מיר דעם כבוד אָנטאָן מיט מיר אין טעאַטער היינט אָוונט גיין?״

ליזי האָט אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. וואָס זאָל די דאָזיקע פריינד־לעכקייט באַדייטן? וואָס פאר א ציל ליגט הינטער דער העפלעכער אָנ־באָטונג? — האָט זי געטראַכט, בשעת אירע פאַרשנדיקע אויגן האָבן ארומ־געשוועבט איבער דער גאַנצער שווערער פיגור פון איר באַלעבאָס.

ער איז געווען א פּופּציקיאַריקער בחור, וואָס אפילו אין זיינע יונגע אָרעמע יאָרן, ווען ער איז נאָך געגויט געווען ארומצולויפן צופוס איבער די דערפער א בהמהלע אָדער א שעפּסל צו קויפן כדי עטלעכע שילינג צו פאַר־דינען, האָט ער זיין גוף ווילטאָג געגעבן, און בפרט שפּעטער, ווען אים איז געלונגען פון קצבות רייך צו ווערן, האָט ער געוויס דערלאַנגט זיין מעכטיקן קערפּער אלץ, וואָס זיינע אויגן האָבן נאָר געזען און באַגערט. ער האָט געהאַט גרויס חן ביי א געוויסן סאָרט פרויען, וועלכע האָבן אים גערן אונטערגעטראָגן זייער ליבע.

צו איר, צו ליזין, האָט ער זיך מיט דער גרעסטער אַכטונג באַצויגן; ער האָט זי תמיד באַטראַכט העכער פון זיך, ווייל ער האָט געזען, אז זיין מענלעכקייט אינטערעסירט איר גאַנץ ווייניק, און ער האָט באַגריפן, אז די שווערע, געטרייע און ערלעכע ארבעט, וואָס ער קויפט פון איר פאַר גוט געהאַלט, איז די איינציקע זאַך, וואָס האלט זי אין זיין סביבה. זי האָט געגנוי געוווסט זיינע געדאַנקען וועגן איר, טאָ וואָס זאָל פאַרט די דאָזיקע איינלאַדונג באַדייטן?

— „א גרויסן דאַנק, מיסטער דיימאָנד, נאָר עס טוט מיר לייד, איך בין שוין איינגעלאַדן דורך אַן אנדערן פון פריער".

— „מיר פאַרדריסט עס זייער, ווייל כ'האָב עפּעס וויכטיקס מיט אייך צו ריידן".

— „אפשר איצטער ריידן?"

— „אָ, יע, כ'קען טאָקע. כ'האָב וועגן אייך זייער א גוטע מיינונג. איר געפעלט מיר זייער, ווי איר פאַרשטייט און גלייבט מיר געוויס, האָב איך געטראַכט: כ'וועל אייך א פרעג טאָן... כ'מיין... פאַרן פרעגן קומט דאָך קיין פּאַטש נישט... טאָמער נישט, איז נישט געפידלט... איך האָב אייך געוואָלט פרעגן: אפשר וועל איך אייך געפעלן, ווי איך געפעל אנדערע פרויען, וואָלט איך וועלן, אז אנשטאָט ארבעטן אין אָפיס זאָלט איר גאָר ווערן מיין באַלעבאָסטע אין מיין היים — מיין ווייב".

שטום האָבן אירע אויגן געזוכט אן אָרט אויף דר'ערד ווו איר פּנים צו באַהאלטן, קוים וואָס זי האָט געענטפערט פאַרלאָרן:

— „אזוי פלוצלונג, מיסטער דיימאָנד, וואָס פאלט אייך איין?"

זיינע רויטע באַקן האָבן זיך אָנגעבלאָזן, זיינע קליינע אויגן האָבן אריינגעדרונגען אין איר פּנים.

— „כ'ווייס, איך בין אקעגן אייך אַן אומגעבילדעטער פאַרשוין, אָבער איר וועט זען, א „קווין" וועט איר ביי מיר זיין! אויב איר וועט נאָר וועלן, וועט איר אויף גאָלדענע טעפּיכער ביי מיר טרעטן. קליידער? — נעמט פינף־פונטיקע אסיגנאַציעס, גאַנצע פּעקלעך, נעמט נייט אייך אויף דערפון די בעסטע קליידער, די טייערסטע בריליאַנטן קויפט, ליזי!"

— „דאָס פאַרלאַנג איך גאָר ניט".

— „פאַר וואָס זשע נישט? טאָ וואָס דען זשע?... ליבע וועט איר פון מיר האָבן מער ווי פון בילין... און מיין פּנים איז, דוכט זיך מיר, אויך שענער און לייטישער..."

— „וואָס פאַרא דיבורים זיינען עס? וואָס פאַר אַן אומזין איז עס בילים נאָמען דאָ אריינצושלעפּן אין אייער משונהדיקן געשפּרעך, צו וואָס די באַליידיקונגען?"

— „כ'רייד עס פון אייער טובה וועגן, ליזי, זייט ניט בייז. כ'ווייס, אַז איר האַלט בילין פאַר א גוטן פריינד, איר האָט אָבער א טעות, איך קען אים בעסער. כ'וואָלט אים שוין לאַנג ארויסגעבריקעט פון דאַנען, ווען ניט דאָס, וואָס ער ארבעט דאָ צוליב אייער רעקאָמענדאַציע".

אירע ליפּן האָבן זיך לאַנגזאַם געעפנט פון דערשטוינונג. אירע בליקן זיינען געפאַלן אויף זיין רעכטער האַנט, וועלכע האָט זיך באַוועגט פון אויפ־רעגונג און דאָס אַש פון זיין ציגאַר איז געפאַלן אויף זיין זשאַקעט אַרויף. אָפּשאָקלענדיק דאָס אַש האָט ער ווייטער געברומט:

— „איר מוזט נאָך אוודאי געדענקען, אַז מיט עטלעכע חדשים צוריק האָב איך מיט בילין געהאַט א צאַנקעריי..."

— „יע, איך געדענק, — וואָס האָט דאַן פּאַסירט?"

דיימאָנד האָט זיך געריבן דעם שטערן און גערעדט:

— „זיצנדיק אין מיין אָפיס יענעם מאָרגן האָב איך דורך דעם האַלב־אָפענעם פענצטער באַמערקט א יונגנמאַן, וועלכער האָט בילין ארויסגע־רופן אין דרויסן. נישט ווילנדיק האָב איך זיך צוגעהערט צו זייער געש־פּרעך. זיי האָבן מיך נישט געקענט זען. דער יונגערמאַן האָט ביי בילין געבעטן געלט לייען. בילי האָט אים צוגעזאָגט צו העלפן מיט א פּאָר טעג שפּעטער, אים דערקלערנדיק, אַז איצטער האָט ער קיין פּענע נישט ביי זיך. דער פרעמדער האָט א מורמל געטאָן: „בעט ביי דיין יידישער מיידל א פּאָר פונט". בילי האָט געזאָגט, אַז ער קען עס ניט טאָן, האָט זיך יענער אָפּגערופן: — „טאָ אויף וועלכע צרות דאַרפסטו זיך ארומשלעפּן מיט א בלו־טיקן טיויול?..." בילי האָט געשוויגן... נאָר זיין פריינדס בלוט האָט זיך נאָך נישט באַרויקט און האַלב לאַכנדיק־האַלב שרייענדיק, האָט ער ארויסגעפּלאַצט: „דו באַרימסט זיך דאָך תמיד, אַז דו האַלסט זי נאָר כדי אירע מטבעות ארויסצוקריגן" — און ביי די ווערטער האָט ער זיך אָפּ־געטראָגן...

איך האָב דאַן בילין אריינגערופן אין אָפיס און אים געזאָגט:

— „מיך וווּנדערט זייער, וואָס יענער שוייק, וואָס האָט דיך צוזאַמען מיט דיין פריינדין באַליידיקט, איז אוועק מיט גאַנצע ביינער! איך האָב דערוואַרט צו זען א פּאָר שווערע פּעטש פון דיר, אַזוי אַז ער זאָל שוין קיינ־מאָל זיין מויל נישט קענען עפענען — — —"

איז ער אויף מיר אָנגעפאַלן ווי א צערייצטער הונט:

— „יידן האָבן אַלץ ליב צו שפּיאָנירן. וואָס האָט דאָס צו דיר, אייגנט־לעך, וואָס איך האָב צו טאָן מיט א פריינד? ...“

— „אמת, איך האָב בילין דערלאַנגט א גאָב, ווי ער פאַרדינט, און איך האָב אים געזאָגט, אז נאָר כדי אייך נישט צו פאַרשאַפן פאַרדרוס וועל איך אים נישט ארויסטרייבן פון דאַנען. אָבער מיין בלוט קאָכט אין מיר די גאַנצע צייט און איך קען עס נישט פאַרבאָרגן פון אייך“.

— „ס'מוז דאָ זיין עפּעס א טעות“ — האָט ליזי געזאָגט שטיל — „נאָר מיר וועלן נאָך ריידן וועגן דעם — — —“

— „און וועגן מיין פאָרשלאַג און ביטע צו אייך וועט איר אויך א טראַכט טאָן און מיר געבן אַן ענטפער?“

— „אָ... אפשר... שפּעטער... אָ, נאָך ניט, נאָך ניט...“ — האָט זי געשטאַמלט א צעטומלטע, אַן אָפּהענטיקע, און איר פּנים איז גע־וואָרן צונטער רויט און אירע שיינע אויגן פייכטלעך...

ער האָט נאָך עפּעס געהאַט צו ריידן, נאָר פון איר אָפיס האָט זיך דער טעלעפאָן פונאַנדערגעקלונגען.

ס'האָט גערעדט דאָקטער ראָטמאַן. ער מוז זיך מיט איר זען. זייער וויכטיקע נייעס האָט ער איר צו דערציילן און זיך בּאַראַטן מיט איר וועגן פאַרשיידענע אָנגעלעגנהייטן.

דער טראַמוואַי, אין וועלכן זי איז פאַרנאַכט אהיים געפאָרן פון דער אַר־בעט, איז געווען געפּאַקט און זי האָט געמוזט שטיין לעבן טיר. א יונגער ענגלישמען האָט איר פריינדלעך זיין אָרט אָנגעבאָטן. זיין נאַטירלעכע העפלעכקייט איז געווען באַגלייט מיט אַזאַ אידעלער מינע, אז ליזי האָט ניט געקענט ביישטיין און זי האָט זיין פריינדלעכן אָנבאָט נישט פאַרשוועכט. אים דאַנקענדיק מיט א שמייכל אויף אירע ליפּן, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט, ארויסקוקנדיק דורכן פענצטער צו די הויכע אייכן־ביימער ביי ביידע זייטן פונעם באַרג, אויף וועלכן דער טראַמוואַי האָט זיך ארויפגעשפּאַרט, זשומענ־דיק און ברומענדיק, וואָס האָט אין איר מוח אָפּגעהילכט און זיך אויסגע־מישט מיטן באַסאָוון קול פון דיימאָנטן, מיט דער קלינגענדיקער שטימע פון דאָקטער ראָטמאַן און מיט דער שטילער, קאַלטער, אָבער אידעלער אויס־שפּראַך פון איר בילין... ס'איז איר געווען קלאָר ווי דער טאָג, אז פון דיימאָנטס ווערטער איז נישטאָ קיין אַכט צו נעמען, ס'איז פּשוט א געמיינער ליגן, פאַראורזאַכט דורך נאַרישער אייפערזוכט... וואָס זאָל זי טאָן צו דעם מאָדנעם קאַפּריז פון איר באַלעבאָס? הייסט עס: אז זי און בילי

וועלן פאַרלירן זייערע שטעלעס. זאָל זיין, וואָס עס וויל, זי וועט אָפּן זאָגן דיימאָנטן, אַז ער זאָל וועגן איר נישט טראַכטן. אָבער וואָס פאַרא וויכ־טיקס האָט דאָקטער ראַטמאַן איר צו דערציילן? אפשר זאָל זי זיך גאָר ניט זען מיט אים? מער פעלט איר נישט, בילי זאָל זי ווייטער דערזען מיטן דאָקטער... און ווי זאָל זי זיך באַגיין מיט אים? זי וועט אים דער־קלערן דעם גאַנצן צושטאַנד. ער וועט זי פאַרשטיין — האָט זי צו זיך אליין גערעדט, פאַרטיפט אין געדאַנקען און אָנקוקנדיק די מענטשן אויף דער סטאַנציע, וואָס האָבן געוואַרט אויף דעם טראַם. צווישן די מענטשן האָט זי דערקענט ראַטמאַנען, וועלכער איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן טראַם און, זי דערזעענדיק, איז ער צוגעגאַנגען צו איר און האָט איר געזאָגט שטיל:

— „אַן אַנגענעמע איבערראַשונג! ס'איז אַזוי גוט, וואָס איך האָב אייך דאָ געטראָפן, וועלן מיר זיך טאַקע קענען אַ ביסל דורכריידן, ווען איך וועל אייך באַגלייטן אַהיים אַראָפּגייענדיק פונעם טראַם.

— „ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן וויכטיקע דאָקומענטן" — האָט ער איר דערציילט, וואָס מען האָט געפונען און וואָס מען האָט פון זיי קלאָר און דייטלעך געקענט באַווייזן, אַז די „גראָע־העמדער" זיינען געטרייע דינער פון דעם בערלינער אַנטיסעמיטישן פּראָפּאַגאַנדע־הויז. דאָרט האָט זיך גערעדט וועגן די פינצטערע פּלענער, וואָס די נאַציס האָבן צוגעגרייט אַנט־קעגן דעם דרום־אַפריקאַנער יידנטום.

— „ס'איז אונדזער פליכט אַלץ קלאָר אויפצווייזן דעם אומוויסנדיקן פּובליקום, וואָס לאָזט זיך פאַרפירן פון די פאַרקויפטע נפשות".

— „ווי אַזוי" — האָט ליזי געפרעגט, אויפהייבנדיק די אויגן צו דעם דאָקטערס אויפגערעגטן פּנים.

— „מיר וועלן ריידן צום פאָלק, מיר וועלן שרייבן מיט אַ קלאָרער, דייטלעכער שפּראַך, מיר וועלן באַזוכן זייערע פאַרזאַמלונגען, מיר וועלן זיי צעברעכן מיט אונדזערע דערקלערונגען, מיט אונדזערע אַרגומענטן".

איר מילדער שמייכל האָט אים צוגעגעבן היץ און ענטוזיאַזם, און ער האָט איר נאָך שטילער געזאָגט:

— „זיי האַלטן אַ גרויסן מאַסן־מיטינג אויפן „פּאַרייד" היינט אָוונט אַכט אזייגער, צען פון אונדז וועלן קומען, וועט איר מיטגיין?"

— „גוט, כ'וועל מיטגיין".

און שטייענדיק ביים טויער פון איר הויז, האָט ער איר צוגעזאָגט זי צו קומען נעמען צו דער באַשטימטער צייט צום מיטינג.

ווען ער איז געקומען, האָט ער זי שוין געפונען וואַרטנדיק אויף אים. די עלטערן, אַז זיי האָבן דערהערט, ווהין זיי קלייבן זיך צו גיין, האָבן זיך געבעטן ביי זיי, זיי זאָלן ניט גיין צום מיטינג פון די ווילדע חיות. בלויז די קליינע בלאַסע איירין, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו די אַרגומענטן, האָט זיך אָפּגערופן:

— „גיי, גיי, ליזי טייערע, און רעכן זיך אָפּ מיט די גזלנים פאַר מיין אויג, וואָס זיי האָבן מיר צעשעדיקט!..."

מיט טרערן אין די אויגן האָט ליזי איירינען, איר ליבלינג, אָנגעקוקט און מיט א געמאַכטן שמייכל איז זי אַרויס מיט ראַטמאַנען.

זיי האָבן געפונען דעם מיטינג אין פולן גאַנג. א פּאָר טויזנט מענטשן זיינען געשטאַנען אַרום א גרויסן קאַסטן, וואָס האָט געדינט פאַר א פּלאַט-פאָרם.

אומזיסט האָט דאָקטער ראַטמאַן פּרובירט דורכשלאָגן זיך א וועג נעענטער צו די רעדנער. דאָס פּובליקום איז געווען צו גרויס און צו נייגע־ריק און האָט זיך קיין ריר נישט געגעבן. זיי זיינען בידע געבליבן ווייט פון פּלאַטפאָרם, פון וועלכער ס'איז געווען שווער צו זען דייטלעך, אָבער די רעדעס האָבן זיי געקענט הערן.

א געל־האָריקער פאַרשוין מיט א רויטער גראָבער נאָז, ווי געשוואָלן מיט ווילדער רציחה האָט זיך געריסן די האַלדז, שרייענדיק אויף זיין הייי־זעריקן קול:

„— — — איר ווייסט דאָך אַלע, אַז טויט איז דער סוף פון אַלץ אויף דער וועלט, איז דאָך געוויס א ריכטיקע סברא, אַז מען דאַרף פאַראורזאַכן אָט דעם טויט צו די, וואָס פאַרדינען עס מערסטנטיילס... און ווער פאַר־דינט עס אַזוי ריכטיק, ווי די יידן... יידן זיינען גנבים, רויבער, און אַלע צרות, וואָס פאַרשוואַרצן די גאַנצע וועלט, קומען נאָר פון יידן, איז עס דאָך אַן אמתע מצוה דעם דאָזיקן פּעסט, די יידן, אין ים אַריינוואַרפן! די אָרעמע אַפריקאַנער באַפעלקערונג וועט דאַן פּשוט אָפּלעבן און עסן זאַט דעם ביסן ברויט, וואָס די יידישע בלוטזויגער רייסן אַרויס פון זיין מויל! און די גאַנ־צע וועלט, וואָס די יידן באַהערשן, וועט זיך פריַיען. איר ווייסט דאָך, אַז דער פאַרפלוכטער יידישער קהל האַלט אין איין וועבן דעם גרויסן פּלאַן — די גאַנצע מאַכט פון דער וועלט־הערשאַפט צו פאַרכאַפּן!..."

די וויניקע יידן, וואָס זיינען ביים מיטינג געווען, האָבן די קעפּ צו דר'ערד געבויגן און גרויס איז געווען זייער צער און חרפה און ווייטאָג צו צוהערן זיך צו די שרעקלעכע זלזולים און שענדלעכע בלבולים, וועלכע

האָבן געהאָגלט איבער דעם יידנטום אומגעשטערט, אָן א ברעקל פּראָטעסט, אָן א קעגן־געשריי... און ווען דער כוליגאַן האָט נאָך זיין בושעווען און פּילדערן זיינע סם־המות־דיבורים אויסגעשריען: — „כ'בין זיכער, אז אלע צוהערער שטימען איין מיט מיר... ווער עס איז קעגן מיינע באשוליקונגען אויף די יידן, זאָל אהער קומען און זאָגן!", איז געוואָרן א טויטע שטילקייט אויף א פּאָר מינוטן, און דאָס דאָזיקע שטילשווייגן איז ליזין און ראַטמאַנען אזוי, ווי די אנדערע עטלעכע יידן, פיל שרעקלעכער און שווערער געווען ווי די גאנצע כאַמעשע דרשה.

— „לאָזט מיך צו, איך וועל ענטפערן!" — האָט דאָקטער ראַטמאַן א צעקאָכטער אויסגעשריען.

„קיין פּאַראַזיטישער ייד זאָל זיין מויל נישט עפענען" — איז געקומען אַן ענטפער פון דער פּלאַטפאָרם.

— „אַהאַ, איר פינצטערע שווארצע נפשות, איר האָט פחד דעם ליכטיקן אמת צו הערן!" — האָט דאָקטער ראַטמאַן געשריען.

— „לאָזט דעם יידן שטעלן נאָר עטלעכע פראַגעס" — האָט איינער פון פּובליקום אויסגעשריען — „וויזט, אז איר זייט נישט קיין פחדנים!"

— „גוט!" — האָט ראַטמאַן געזאָגט — „איך פרעג: פאַרשטייט איר דען ניט, איר „גרעי־שערטס", אז איר מאַכט חוזק פונעם אַפריקאַנעם פאָלק, אז איר באַטראַכט עס פאַר א געזינדל פון אידיאָטן, אז א נאַציע פון באַלד צוויי מיליאָן מענטשן זאָל מורא האָבן פאַר א הייפל פון זיבעציק טויזנט יידן, וועלכע איר ווילט דערשטיקן? צווייטנס, ווייסט איר דען ניט, אז איר זייט די גרעסטע באַטריגער און פאַררעטער פון לאַנד מיט אייער גיפטיקן אויפרוף צו א גרויסער מערהייט צו צעטרעטן און צעברעכן א קליינע מינדערהייט; מיט אייער שווארצער האַס־אַגיטאַציע וויזט איר דאָך דעם ביישפּיל פאַר די שווארצע ראַסן, זיי וועלן זיך דאָך אָפּלערנען פון אייך א מינדערהייט צו פאַרניכטן... זיי, די שווארצע, מאַכן דאָך אויס די גרויסע מערהייט פון צוועלף מיליאָן מענטשן אַנטקעגן דער קליינער צאָל ווייסע!..."

— „ייד, גיי קיין פּאַלעסטינע דאָרטן וועסטו באַקומען א דערקלערונג!"

— איז געקומען דער ענטפער פון פּלאַטפאָרם, דערטרונקען אין כוואַליעס פון געלעכטער.

דאָקטער ראַטמאַן האָט זיך נישט פאַרלאָרן און זיין הילכיקע שטימע האָט זיך ווידער געלאָזט הערן:

— „איר פאשיסטן, טענהט, אז איר ווילט פארהיטן די קריסטן, טאָ ווי קומט עס, וואָס איר זייט די טרייע חברים און תלמידים פון די דייטשישע אויסגעשפּראָכענע אנטי־קריסטוס פירער, וועלכע פּרעדיקן אָפן געצנדינסט און וואַרפן שמוציקע זלזולים אויף דער ביבל און אפילו אויף דעם שעפער פון קריסטנטום צוליב זיין יידישער אָפּשטאַמונג? ווי שעמט איר זיך ניט צו רופן „קריסטן״, ווען איר טרעט מיט ברודיקע פיס די קריסטלעכע לערע פון שלום, אמת און ליבע?״

— „קיין יידן ענטפערן מיר ניט״ — האָט ווידער געדונערט פון פּלאַט־פאָרם.

און ניט בעסער איז געווען דער מזל פון די אנדערע פּראַגעס, וואָס ראטמאן האָט געוואָרפן איינע נאָך דער אנדערער.

— „שעמט זיך, מיאוסע ליגנער!״ — האָט ער שוין האַלב היזעריק געשריען — "איר פארשפּרייט שווארצע שקרים, אז יידן האָבן די גאנצע וועלט־מאכט, ווען איר ווייסט, אז זיי האָבן אפילו ניט די מעגלעכקייט צו פּועלן ביי דער רעגירונג אייערע נידערטרעכטיקע ליגנס צו פארבאָטן!״

— „ייד, גיי קיין פּאלעסטינע! — — —״

— „ייד, פּגר!״ — האָבן כוליגאַנעס פון פּלאַטפאָרם געדונערט.

פּלוצלונג האָט זיך דערהערט א פעסטע, קלאָרע שטימע פון אן אלטן מאן און אויף דער פּלאַטפאָרם האָט זיך באוויזן א גרוי־בערדיקער געזעצ־טער בור, וועלכער אויפהייבנדיק די האַנט, האָט געהאַמערט שטאַלענע ווערטער:

— „ברידער אפריקאנער, איר באגייט זיך שענדלעך און גראָב. קיין ענטפער קענט איר נישט געבן דעם יידן, שרייט איר אומגעלומפּערט: „גיי קיין פּאלעסטינע!״ — פארגעסט אָבער ניט, אז מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק האָט מען אונדז פון דער דאָזיקער פּאלעסטינע שוין געגעבן דער־קלערונגען, וועלכע זיינע אונדז הייליק און טייער און נויטווענדיק ווי ברויט און זאַלץ, נאָר איר באשמוצט עס. אָט די דאָזיקע דערקלערונגען, וואָס זיי־נען געקומען פון פּאלעסטינע און מיר האלטן עס טייער ווי אונדזער לעבן, זיינען עס פון אונדזער האַר און משיח, וואָס איז געקומען פון שבט יהודה... א ייד, ווערמען איר באליידיקט און באשפּייט!״

— „אָ, א פאררעטער, אנגעדונגען פון די יידן, רעדט עס!״ — האָט א פּערשוין אויסגעשריען.

— „ניין, אן ערלעכער קריסט!״ — האָט ווייטער געקלאַפּט די זעלבי־קע שטאַלענע שטימע פון עלטערן בור — „פוי, ברידער, פוי, חלשות!

געדענקט, מיר וועלן טייער באַצאָלן פאַר אַזאַ פאַרברעכן. פאַרגעסט ניט, אַז טאַקע פון דער דאָזיקער פּאַלעסטינע, וואָס האָט אונדז דערלאַנגט נבי־אים און געטלעכקייט, קען נאָך אַרויסוואַקסן אַ נייער נביא, אַ נייער דוד, וועלכער וועט שאַפן נאָך אַ „תהילים", וואָס וועט פאַרדאַמען צו אייביקער העל און פאַרוויסטונג די גאַנצע געמיינע ווילדע חברה, וואָס באַגייט זיך אַזוי לומפּיק אַנטקעגן די ברידער פון אונדזערע אַפּאָסטאָלן און קריסטוסן!"

— „ברידער „גראַע־העמדער" ! — האָט געליאַרעמט איינער פון פּלאַט־פאָרם — „שרעקט זיך ניט, פון יידן קענען שוין קיין נביאים ניט אַרויס־קומען. דער סוף קומט שוין אויף זיי אין גיכן. אָנגעהויבן האָבן די ריינע גוטע דייטשן צו ברענגען אויף זיי די מפּלה און מיר, גוטע אַפריקאַנער, מוזן עס מיטהעלפן, מיר וועלן דערין באַגליקן, ברידער!" — האָט ער גע־רעוועט, פּאַכנדיק מיט זיינע לאַנגע אָרעמס — „ברידער, די אַלטע לייט אונדזערע, אַזוי ווי דער אַלטער, וואָס האָט דאָ געפּלאַפּלט, האַלטן אין אויס־שטאַרבן און מיר, יונגע, מוזן זיך אָפּרעכענען מיט די יידן, אונדזערע גרעס־טע שונאים, פאַר דעם מיאוסן בונד, וואָס זיי האָבן געשלאָסן אויף דער גאַנ־צער וועלט, אונדז קריסטן צו פאַרניכטן!"

ליזי קריינין האָט זיך פּלוצלונג דערלאַנגט אַ צאַפּל און, זיך פעסט אָנ־האַלטנדיק אָן דאָקטער ראַטמאַנס פּלייצע, האָט זי זיך אויף אירע שפּיץ פוס־פינגער געשטעלט זיך בעסער איינצוהערן צום יונגנמאַנס קול, און פאַרפּלעפט, דערשטוינט אָנקוקנדיק מיט ברייט־צעעפנטע ווילדע דערשראָ־קענע אויגן, האָט זי אויסגעשריען:

— „גוטער הימל! — ס'איז דאָך בילי! — — —"

און ווי אַ שטיק בליי איז זי צו דר'ערד געזונקען.

9

— „עס איז ראַטזאַם, איר זאָלט זיך אָפּרוען, נישט גיין צו דער אַרבעט אַ טאָג אָדער צוויי" — האָט דער דאָקטער העפלעך גע'עצה'ט ליזין. זי האָט געפּאָלגט און טעלעפאָנירט דיימאָנטן, אַז זי פילט זיך ניט געזונט, און צום ערשטן מאָל פאַר דער גאַנצער צייט פון איר אַרבעט האָט זי דעם טאָג פאַרפּעלט צו קומען.

געוויינט צו איר אַרבעט, האָט זי זיך אין דער היים קיין אָרט נישט געקענט געפינען. זי האָט זיך שטאַרק באַמיט זיך צוזאַמענצונעמען, ליי־נען אַ בוך. זי האָט אָבער קיין איינציקן געדאַנק ניט געקענט צונויפקלעפּן

פון די ווערטער, וועלכע האָבן זיך געדרייט שווינדלענדיק און שאָקלענדיק זיך פאַר אירע פאַרקלאָגטע אויגן.

א קליין ווייס קעצעלע, בלויז עטלעכע מאָנאטן אלט, איז פון אונטער א סאָפע ארויסגעקראָכן און זיך פאמעלעך געלאָזט גיין צו דער בלאסלע־כער ווייס געקליידטער ליזין. דאָס חנ׳יק קעצעלע האָט אויפגעהויבן די גראָע אייגעלעך, צווייפלענדיק צי זי זאָל וואָגן צוצוגיין נעענטער און אפשר אויך אָנרירן די דאָזיקע גרויסע באשעפעניש... א רגע האָט זי זיך אָפּ־געהאַלטן און מיט חשד און פחד עפּעס צוריקגעטראָגן זיך, נאָר באלד האָט עס באשלאָסן פאַרט צו וואגן און זיך אָנגעטרויען דער מעכטיקער בריאה, עס איז געקראָכן נעענטער און מיט אירע נעגעלעך ליזיס קלייד באַרירט און באלד מיט אימפעט זיך געלאָזט קלעטערן אויף דער מיידל און געבליבן זיצן אויף איר פּלייצע, ס׳קליין קעפּעלע צודריקנדיק צו איר טרערן פייכטן פנים.

גלעטנדיק דאָס קליינע ווארעמע חיהלע, איז ליזי אויף דער וואַרענדע ארויס א מידע, און טריבע האָבן אירע אויגן אוועקגעקוקט איבער דער ברייטער וויט־שטחדיקער לאנדשאַפט, וואָס האָט זיך געצויגן פון א דריי־עקיקן שטיק „טייבל־מאָונטן״, באדעקט מיט געדיכטע וועלדלעך, וואָס האָבן געגרייכט ביזן ים, וועלכער האָט זיך געשפּרייט אין בלאָער שפּע ווי א גיגאַנ־טישער שפּיגל, וואָס איז ביים ברעג געווען אָן טעם, קרום אויסגעהאקט אין עטלעכע ערטער. נישט ווייט פון ברעג האָבן גערוט צוויי גרויסע שיפן, רחבותדיק, ווי חשובע געסט, וואָס זיינען געקומען פון א ווייטן וועג, און ארום זיי זיינען ארומגעשוווּמען אהין און אהער א סך קליינע שיפלעך מיט הינטישער חניפה, הכנעהדיק מקבל פנים צו זיין די מעכטיקע הערשערישע שיפן... און דאָרטן ווייטער, אויף א שטיק פונעם ים־ברעג, האָבן זיך גע־הויבן אויף א קייט הויכע בערג, און בערג איבער בערג, איבער וועלכע ס׳האָבן געבלאַנקט אין זונען־פייער ברוין־געלע פעלדזן אין פארשיידענע פאָרמען. איין פעלז האָט אויסגעזען ווי א מעכטיקער טיגער, מיט אַן אכזריותדיקן פּראָפיל, מיט זיין לאנגן עק פארדרייט, אָט־אָט שפּרינגט ער אראָפּ מיט א ווילדן אימפעט און באַפאַלט דעם גאנצן באַשטאנד אונטערן בארג און מאכט פון אלץ א תל...

נאָך א בארג האָט אויסגעזען ווי מאָנומדיקער הויכער טורעם, אויף וועלכן ס׳איז אזוי מייסטערהאפט ארויפגעשטעלט געווען א רונדער פענצ־טער צווישן צוויי שפּיציקע שטיינער און דורך דעם דאָזיקן פעלזן־פענצ־טער האָבן ארויסגעקוקט מיסטישע פנימער פון אנדערע וועלטן... און

דערביי זיינען פּינקטלעך און פאַרזיכטיק געווען אוועקגעלייגט עטלעכע גרויסע פעלזן איינער אויפן צווייטן און גאָר אויבן איז איינער געווען אקוראַט ווי אַ ברוינלעכע טרונע מיט אַ מאסע קרענץ פון אויבן...

אַ מאָדנער פּראַסטיקער שוידער איז דורכגעגאנגען דורך אירע בלוטן. פאַרוואָס האָט זי דאָס אַלץ קיינמאָל ניט באמערקט, ווען זי פּלעגט אין אירע פרייע טעג אויף יענע בערג קלעטערן און פאַרברענגען לאנגע שעהן מיט בילין? ? זי וועט רופן בילין, אים ווייזן די דאָזיקע וואונדערבאַרע פעלזטרונע אויף יענע הויכע בערג... זיי וועלן צוזאמען אַרויפקלעטערן, זי וועט דאָרטן ביי דער אומעטיקער טרונע בלייבן, אויף אייביק, שטיל, טרויעריק, באטריבט, פאַרשטומט, פאַרשטיינערט... און זאָל ער גיין... אָפּטרעטן זאָל ער, פאַרשווינדן, קיינמאָל זאָל זי מער זיין פּנים ניט זען!...

אַ פיינד, אַ בלוטיקער שונא פון איר פאָלק האָט ער זיך דאָך אַרויסגעוויזן צו זיין! קען ער דען האָבן אַ פונק פון ליבע צו איר, דער טאָכטער פון פאָלק, וואָס ער האָט אַזוי פיינט מיט אַזאַ שווארצער מיאוסער שנאה! ווי זאָל זי אים איצטער באַגעגענען? ווי זאָל זי אים אָנקוקן?

— „אַזוי פאַרטיפט זייט איר אין געדאנקען?“ — האָט זי איבעררַאשט דאָקטער ראטמאַנס שטימע — „קומט, זייט מיך בעסער מכבד מיט אַ קריגעלע טיי און לאָמיר אביסל שמועסן“.

זיצנדיק ביי אַ קליינעם טישל אויף דער וואַרענדע, איז דער קלוגער פּראַקטישער ראטמאַן פון איר דערגאנגען אַלץ, וואָס האָט געדריקט ביי איר אויפן הארצן. פון אויפרעגונג איז ער אָן לשון געבליבן, נאָר אין זיין מוח האָט ער געוועבט אַ ראַט און פּלאַן ווי זי צו דערמוטיקן און באַרויִקן.

— „מיר וועלן זיך נאָך דורכריידן, דערווייל‏ע באַרויקט זיך“.

— „אָ, אָט קומט ער דאָך!“ — האָט ליזי אויסגעשריען — און האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן סלופּ, אָן וועלכן איר שטול איז געווען אָנגעשפּאַרט.

— „זאָל איך אייך לאָזן אַליין?“ — האָט דער דאָקטער שטיל אַ פרעג געטאָן.

— „יע, כ'בעט אייך“ — האָט זי געענטפערט נערוועזיש, רייכערנדיק אַ ציגאַרעט.

ביים טירל פון דער וואַרענדע האָבן זיך די צוויי מענער באגעגנט. זי האָט באמערקט די שווארצע בליקן פון ברענענדיקן האַס, וואָס ס'האָט אַרויסגעשפּאַרט פון איינעם צום צווייטן, און אין איר מוח האָבן געהאַמערט געדאנקען:

— „הימל, העלף מיר, כ'זאָל זיך קאָנטראָלירן מיין קאָפּ ניט צו פאַר־לירן".

— „ליזי, כ'האָב געהערט דו בינסט קראַנק, בין איך געקומען דיך גע־וואָר ווערן... ערשט דו זיצסט און אמוזירסט זיך מיט דעם פאַסקודנעם קאָמוניסט!"

— „קיין וואָרט נישט מער, פאַלשער בייזער נאַצי! ער איז מיין בעס־טער פריינד!"

צוזאמענקוועטשנדיק די פויסטן און גיפטיק בייסנדיק די ליפּן, איז בילי שווייגנדיק פארשווונדן.

זי איז פון אָרט אויפגעשפרונגען און געוואָלט אים צוריקרופן, נאָר שטאַרק צושליסנדיק אירע טריבע אויגן האָט זי זיך צוריקגעהאַלטן. „פאָרט דעם קאָפּ פארלאָרן..." — האָט זי זיך אויפגעוואָרפן — „איצט האָב איך אים נאָך מער צערייצט און ער וועט נאָך גיפטיקער און שענדלעכער ווערן... נאָר אפשר וועל איך געפינען א וועג ווי אזוי אים פון די פּעס־טיקע ברוטאַלע נאַציס אוועקצורייסן?"

אָבער אויף מאָרגן, ווען זי איז צו דער ארבעט געקומען, איז ער ווי א שטיינערנער באַרג געשטאַנען און זיינע אויגן זיינען געווען פאַרריסן. ליזי איז אריין אין אָפּיס. דיימאַנט האָט איר הכנעהדיק באַגריסט, נאָר זעענדיק ווי בלאַס, מיד און טריב זי איז, איז אין זיין מחשבה אריין: „זי האָסט מיך אָן א שיעור, כ'וועל זי צורו לאָזן", און בײַם זאָגנדיק: איך גיי אוועק אויפן גאַנצן טאָג וועגן ביזנעס", איז ער ווי אן אפּגעבריטער אוועק־געגאַנגען.

זי האָט גענומען אין אָרדענונג ברענגען די ארבעט, וואָס האָט זיך אָנ־געקליבן פון נעכטן. זי האָט איבערגעקוקט א וויכטיקן בריוו, א צווייטן, א דריטן און פון די אויגן האָבן טרערן געטריפט, געטריפט און באַנעצט דאָס פּאַפּיר.

— „א רשע איז ער, מיין בילי געוואָרן" — האָט ליזי געטראַכט — „ווי קען ער עס רויק דאָרט בלייבן נישט אריינצוקומען? — א רשע!"

זי האָט באַמערקט א ראָזן קאָנווערט אויף דעם שרייב־טיש, אַדרעסירט צו איר. זי האָט עס געעפנט, אויפן ראָזן פּאַפּיר — דיימאַנטס שלעכטע האַנטשריפט: ליזי, איך האָב דיך ליב, און איך וויל דיך גליקלעך זען, איך ווייס, דו קענסט מיך נישט ליבן, דו דאַרפסט עס מיר אָבער אָפן זאָגן, דאַן וועל איך זיך אפשר באַרויקן און דיר דער זעלביקער גוטער פריינד בלייבן, נאָר איך וואָרן דיך, האָב נישט צו טאָן מיט דעם, וואָס דו האָסט

אין זינען..." זי האָט צעריסן דאָס בריוול אויף פּיצלעך און עס אריינגעוואָרפן אין קערבל אריין. זי האָט צוגעמאַכט די אויגן און אומגעריכטערהייט האָבן געגומען פאַר איר שוועבן די פעלזן־בערג, אויף וועלכע זי האָט נעכטן אַזוי לאַנג געקוקט... אָט איז דער פעלזן־טיגער... אָט איז די פעלזן־טרונע!..."

זי האָט עס געוואָלט פאַרטרייבן, פאַרנעמען זיך מיט די געשעפט־בריוו, אָבער עס איז ניט געגאַנגען.

— „אָן אמתער אכזר איז געוואָרן מיין בילי" — האָט זי געוואָלט אויסשרייען — „אָבער ס'איז גוט אַזוי, איין מאָל פאַר אַלע מאָל ווייס איך, אַז אַ צורר פון מיין פאָלק קען נישט ליבן קיין טאָכטער פון מיין פאָלק!"

מיטאַמאָל האָט זי דערהערט זיין שטימע:

— „ליזי, קום אַהער!"

זי איז אַרויסגעגאַנגען פון איר אָפיס און האָט אים דערזען, ער איז געשטאַנען אַ בלאַסער, אַ פאַרשטיינערטער און אין זיינע האַלב געשלאָסענע אויגן האָט געברענט אַ ווילד שוואַרץ פייערל.

זי איז צוגעגאַנגען צו אים, הויך דעם קאָפּ אויפהייבנדיק, און אויף אירע ליפּן זיינען געהאַנגען די ווערטער: „ביסט פאַר מיר אַ פרעמדער, אַ טויטער!..."

— „קום אַהער... נעענטער... ליזי, דערציייל מיר, האָסטו זיך עפּעס גוט אריינגעלעבט מיט דיין ליבן קאַמעראַד, דעם פאַרדאַמטן קאָמוניסט? האָט איר זיך שוין גוט באַראַטן ווי צו דינען דעם יידישן קהל?... און ווען איר האָט זיך געקושט און די לייבער איינאַנדער געוואָרעמט, האָט איר זיך בשעת מעשה מישב געווען ווי אונדז צו פאַרניכטן?... זאָג מיר, זאָג, דו בלוטיקע יידישע פאַרפירערין!..."

— „שטום, שטום, מנוול! איך ווייס, ווער דו ביסט, איך האָב דיך אויפן נאַצי־מיטינג דערקענט... דערפאַר איז מיר קיין ווונדער ניט, וואָס דו וואַרפסט מיר אין פּנים אַ חוצפּהדיקן, ברודיקן שקר! וואָס קען מען אַנדערש דערוואַרטן פון אַ מיטגליד פון אַ שמוציקער חברה, וואָס איז באַגרינדעט אויף שקר, באַטרוג און מאָרד?!..."

ער איז צוגעשפּרונגען צו איר ווי אַ צעבושעוועטער טיגער, זיין ערד־פאַרביק פּנים איז געווען איין שטיק אכזריות, זיינע אויגן האָבן געשפּריצט רציחה, ער האָט זי אָנגעכאַפּט, און געשלעפּט צום יאַטקע־קלאָץ...

פּלוצלונג האָט זי זיך דערפילט שטאַרק און בראַוו, און ראַנגלענדיק זיך מיט אַלע כחות, האָט זי אויסגעשריען:

— „ברוט! האסט דיין קאָפ פארלאָרן?...“

— „גיין, נאָר דו, פאלירסט עס באַלד!...“ האָט בילי געברומט, פארקריצנדיק די ציינער ווי א חיה רעה, זיינע אויגן אויסגלאָצנדיק מיט ווילדער משוגעת... און מיט אימפעט א כאַפּ טוענדיק דעם גרויסן שארפן האַקמעסער... וואָס גייט ער דאָ טאָן?... ווי מיאוס און גרויליק זיינען זיינע גלעזערנע אויגן!... זיי דריקן אויס העסלעכקייט און גרויל פון טויט“ — האָט געדונערט אין ליזיס מוח א געדאנק, ווען ער האָט זי ברו־טאַל געשלעפּט פאר די האָר און א שליידער געטאָן איר קאָפּ אויפן קלאָץ...

— „איז דאָס דער סוף פון אלץ?... וואָס פאר א חרפּהדיקע אָפּגע־נארטקייט! — האָט זי נאָך באוויזן ארויסצושעפּטשען... באלד האָט זי אויפגעשווידערט און געפּילט, ווי איר הארץ ווערט צעשמעטערט... ס'האָט זיך איר געדוכט: א האמעטנער פעלז, דער פעלזענער טיגער פון בארג, רוקט זיך אָן אויף איר, שטויסט זי, דריקט זי צו צו דר'ערד. דריקט און פרעסט און פרעסט פון איר אלע כחות ארויס...

ער האָט ווילד אויפגעהויבן דעם האקמעסער און מיט איין אימהדיקן זעץ האָט ער איבערגעהאַקט איר ווייכן צארטן האלדז, פון וועלכן ס'בלוט האָט אַ שפּאָר געטאָן און זיך צעשטראָמט אויף אלע זייטן...

העסלעכקייט און גרויל פון טויט!... דאָך שיין איז נאָך ליזיס קאָפּ געווען, וואָס איז געבליבן אויפן קלאָץ... די אויגן, אָפן, האָבן אויסגע־דריקט שטאָלצן שפּאָט... נאָר די בלאַסע ליפּן זיינען אין איין ווינקל עטוואָס אָפן געווען, געגרייט ארויסצופּלאצן א נישט דערזאָגטן מוראדיקן וואָרט... א שוידערהאַפטן געשריי...

אַ תקיעה

ווען די דריי זיינען צוגעקומען צום אייזערנעם טויערל פון שול, אין שטעטל באַביאַנקראַנץ, קאַפּלאַנד, ראש־השנה אין דער פרי, האָבן די צוויי יונגעלייט זיך אָפּגערוקט אָן א זייט, איינער האָט דאָס אייזערנע טירל געעפנט און האָט דעם אלטן מיסטער אהרן רייכמאַנען העפלעך געוויזן אריינצוגיין צוערשט.

דער אומגעפער זעכציק יאָריקער מיטל־וווקסיקער ברייט־פּלייציקער אהרן רייכמאַן מיטן קיילעכדיקן פּנים איינגעפּאַסט אינעם שווארצן באָרד, וואָס ווייסלט זיך שוין — האָט זיך א קער געטאָן צו די צוויי, ס׳הייסט: זיין זון באַרני רייכמאַן, אַן אויסגעצייכנטער באַגליקטער דאָקטער; און דער שיינער בחור ריימאָנד שטיין, דעם אלטנס צוקונפטיקער איידעם, — און אריינדרינגענדיק זיינע באַברילטע גרויסע אויגן אינעם דאָקטערס פּנים האָט דער אַלטער ארויסגעברומט:

— „אַ, מען דאַוונט שוין״.

— „קיין בייז נישט, מיר קימערט עס ווייניק״ — האָט דער הויכער, ראָז־פּנימדיקער דאָקטער שמייכלענדיק א זאָג געטאָן, מיט זיינע פארחלומטע ברוינע אויגן דעם פּאָטער אָנקוקנדיק — „הלואי זאָל שוין זיין איינגאַנצן אָפּגעדאַוונט... . אין אמתן גלויב איך דאָך ניט אין דער גאנצער נארישקייט...״

— „טע, טע, טע...״ האָט דער אלטער אָפּגעענטפערט מיט איינגעהאַלטענעם כעס, בשעת מעשה זיך אונטעראיילנדיק אויף די טרעפּלעך פון שול גיך ארויפצוגיין — „דעם רמב״ם, וואָס איז געווען דעם סולטאַנס דאָקטער, איז געווען גרעסער פאר דיר אין חכמה און אין דאָקטאָריע, פונדעסטוועגן איז ער געווען א פרומער ייד און האָט זיך נים געשעמט צו פארפאַסן דעם „אני מאמין״, פארשטייסטו, מיין זון״.

דעם דאָקטערס ענטפער איז געבליבן הענגען אויף זיינע דיקלעכע ליפּן, ווייל זיי זיינען שוין אריינגעקומען אינעווייניק און באטראכט די שול אָנגעפּילט פונעם גרויסן עולם פון שטעטל און אויך פון די אורחים, וועלכע זיינען לכבוד ראש־השנה אריינגעקומען פון די דערבייאיקע דערפער און שטעטלעך, און רייכמאַן האָט זיך ברייטלעך א זעץ געטאָן אויפן בכבודיקן

שטול, וואס איז פאר אים אוועקגעשטעלט, אלס פרעזידענט פון דער קהילה און אין זיין מוח האבן זיך געצויגן מחשבות. מיט א באזונדערער הנאה האט ער א טראכט געטאן וועגן דעם כבוד, וואס זיין קהילה האט אים אנגע־טאן אויסווײלנדיק אים שוין צום צענטן מאל אלס פרעזידענט. א קלייני־קיט, צען יאר!... די צייט לויפט, די יארן... די יוגנט איז פארבײ... דאס לעבן פארשווינדט ווי א שאטן, א פוסטער חלום..." אט טאקע היינט אין דער פרי, ביי דעם טעפל קאווע, האט ער זיך אזוי דורכגערעדט מיט זיין קלוגער ווייב: „די יארן, דבורה'לע, פליען פארביי, ס'לעבן ווערט צערונען, א הבלדיקער זייפנבלאז..."

און ווען זי האט אים פארשנדיק אנגעקוקט האט ער מיט אן אויסגע־צויגענעם זיפץ אנגעהאלטן טענהן:

— „זע, דבורהלע, אין אונדזער יוגנט, ווען מיר האבן געהאט די פרישע כחות הנאה צו האבן פון לעבנספרייד און פון אלע פארגעניגנס, האבן מיר עס ניט געקענט באהויפטן, צוליבן דלות; און איצטער, אז מיר קענען זיך גוט דערלויבן צו קויפן אלע פארגעניגנס, גייט עס אונדז נישט איין צוליב די אלטקייט, וועלכע לויערט אויף אונדז מיט איר גאנצער טונקלקייט, אנווארפנדיק אזא בייזן שרעק, וועגן דער צייט פון אפגעשוואכטקייט און ווילן, אן פארלאנגען..."

זי האט אים א גלעט געטאן מיט אירע ווייכע הענט איבערן פנים, זיך אפרופנדיק מיט איר קלוגן שמייכל:

— „זע, אהרן, הער אויף מיט דיינע קלאגלידלעך... דו זינדיקסט מיט די דאזיקע ווערטער דיינע, זאג איך דיר, אלטקייט שמאלטקייט! וואס פאר א נארישקייט! זע נאר, ס'זיינען דאך דא בחורים אין דיין עלטער, וואס דרייען זיך נאך אויפן קנאפל, זיך פלייסנדיק פאר יונגעטשקע מיידלעך מיטן געדאנק מיט זיי חתונה צו האבן און נאך ערשט אנהייבן לעבן אויף דער וועלט!..."

...ווי קלוג זי איז — טראכט ער — די אשת־חיל זיינע; ווי האלט ער האט איר! די גאנצע צייט פון זייער צוזאמענלעבן איז זי אים אזא טרייע חברטע. אין די ערגסטע צייטן האט זי פאר אים אלץ א געהעריקן טרייסט־ווארט געפונען. און שלעכטע ביטערע צייטן האט ער שוין געהאט גענוג דא אין אפריקע. אזוי פיל זיך אנגעליטן, אזוי פיל צרות אויסגע־שטאנען. ווי אזוי ער האט אלץ געקענט דורכמאכן. אריבערלעבן אלע שוועריקייטן, קען ער זיך גאר ניט פארשטעלן. וואס האט ער שוין דא ניט איבערגעטראגן? וואס האט ער שוין נישט פארזוכט צו ארבעטן, אן עבד

לעבדים שוין געווען... פלאַשן אין א האָטעל שוין געריניקט פאר עט־
לעכע שילינג א וואך; שעפסן שוין אַנגעטריבן ווי א קאפער; א שמויזער
געווען, צופוס געשלעפט זיך, צוזאמענגעקאָרטשעט איינגעבויגן אונטער
א גרויסן פאַק סחורה, ווו א טאָג ווו א נאַכט, א סך טעג הונגעריק און
דאָרשטיק, ס׳לעבן איז געווען אזוי מיאוס, אזוי אומדערבארעמלעך... דורך א
צופאַל האָט ער דאָ זיין גוטן פלאַץ געטראָפן, מצליח געווען, אין אלץ איז אים
פלוצלונג א מזל־ברכה אריין. האָט א שאָפּ אלערלייענע סחורה: „פון
א נאָדל ביז אן אנקער״, אויך א סך הייזער און אומבאבויטע פּלעצער.
הכלל ס׳איז אים געלונגען אויסצופירן די עצה פון די חכמים: צו צע־
טיילן זיין קאפיטאל אין דרייען, א דריטל אין ערד, א דריטל אין סחורה
און א דריטל אין מזומן. פון די קינדער זייערע האָבן זיי אויך נחת. דער
עלטערער זון, דער דאָקטער גיט אים כבוד און גדולה; דער יינגערער
פערצן יאָריקער יינגל וועט געוויס זיין אַן „אַטערני״, זעלטענע כשרונות
האָט ער. זייער טאָכטער עדנאַ, וואָס דורך איר שיינקייט האָט זי זיך דער־
וואָרבן דעם נאָמען „די קאָרו־בלום״ — האָט פול געמאַכט די מאָס פון זייער
נחת מיט א קייף און ער האָט זיך אויף אן אמתן גליקלעך געפילט און טאַקע
צוליב זיין גליקלעך זיין האָט ער אזוי שטאַרק האָלט דאָס לעבן...

— „ה־א־ל בת־ע־צו־מות עו־זך״ — האָט דער חזן זיך צעזונגען פאר־
דבקהט אויסדריידלענדיק הויכע טענער, וואָס האָבן רייכמאַנען אויפגעוועקט
פון זיינע געדאַנקען און אַנקוקנדיק אנטקעגן איבער זיין זון בארניך, וועל־
כער זיצט ארייִנקוקנדיק אין „מחזור״ פּרעפּלענדיק; און ריימאָנד נאָענט
צוגערוקט צו זיין זון שווייגנדיק און שטייף גאָר אָן באוועגונג — דערלאַנגט
רייכמאַן א טראַכט:

— „ווי א האָן אין „בני אדם״ קוקט ריימאָנד. עפּעס ווי א גולם אזא...
עפּעס האָט ער גאָר קיין פונק פון יידישקייט אין זיך ניט... פוי, אזא מין
פּראָסטאַק!... אָט טאַקע נעכטן אָוונט למשל, נאָך מעריב, ווען אלע יידן
האָבן זיך ליבלעך און ברידערלעך באגריסט און זיך איינאנדער געווונטשן:
„לשנה טובה תכתבו״ — איז ער, ריימאָנד, געשטאַנען ווי א תם, ווי א אי־
דיאָט, ווי עפּעס א פּרא־אדם אלעמען אָנקוקנדיק, אָט ווי פון א פרעמדער
וועלט אראָפּגעקומען״.

* * *

און צו דער זעלביקער צייט האָט ריימאָנד שטיין עפּעס אויך גע־
מחשבה׳ט:

— „קלוג זיינען די יידן, דאך איז מיר געלונגען זיי אפצונארן... איך אן אמתער גוי, זיך מיך צווישן זיי, ווען מיין בייזער מזל האט אויס־געטראגן זיי צו דינען און זייער ברויט צו עסן — און זיי האלטן מיך פאר א יידן. איך זיך מיך אזוי זיכער אין זייער גאסט־הויז און זיי ווייסן גאר ניט, אז כ׳האב זיי אמת פיינט געהאט ביז איך האב באגעגנט די „קארו־בלום", די שיינע עדנא, וועלכע איז מיר געלונגען אזוי נאענט צו מיר צו־צובינדן..."

זיינע גרינלעכע אויגן האבן א שוועב געטאן אויף אהרן רייכמאנען, זיין צוקונפטיקער שווער, און ער טראכט ווייטער:

— „כ׳ווייס, דער אלטער טייוול האט מיך פיינט. נאר וואס ארט עס מיר? אבי מיט עדנא׳ס ליבע בין איך זיכער. נאך א לאנגע צייט וועל איך איר נאך קענען אפנארן און נאכדעם וועל איך איר אויסזאגן דעם סוד... ס׳וועט זיין אזוי אינטערעסאנט: ווי וועט זי זיך האלטן? וואס וועט זי זאגן?..."

און די זכרונות פון זיין לעבן האבן זיך אין זיין מוח גענומען קייקלען:

אין דארקפאן, אין נאטאל, איז ער געבארן געווארן פיר און צוואנציק יאר צוריק. זיין פאטער: א האלענדער, נידעריק אין וווקס, מיט דיקע געלב־לעכע וואנצעס און א ברייטע מארדע, אן ארעמער ערלעכער סטאלער, א שוויגעדיקער תם, מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן צו זיין ארבעט. אין זיין ליידיקער צייט פלעגט ער לייענען די ביבל און פארטרינקען א גלאז ביליקן וויין... זיין מוטער: א שיינע אבער א בייזע און א שרייערקע, וואס ס׳האט שלעכט געווירקט אויף די צוויי טעכטער און עטלעכע ברידער פון וועלכע ער, ריימאנד, איז דער עלטסטער.

אין זיין יוגנט פלעגט זיין גרעסטער פארגעניגן זיין שטיינער צו ווארפן אויף די דעכער פון די יידישע שכנים און אז די יידן פלעגן קומען זיך קלאגן אויף אים פאר זיינע עלטערן, וועלכע פלעגן זיך נעמען בייזערן אויף אים, פלעגט ער, דער יונגער שנעק, פארביטערט און צוקאכט זיך פונאנדער־שרייען: — — —

— „נו איז וואס? איז וואס, אז איך האב טאקע געווארפן די שטיינער? איך קען די דאזיקע יידן ניט ליידן, זיי האבן די בעסטע און שענסטע הייזער און מיר דארפן לעבן אין אזא נידעריקן און אינגן הייזל!" — — —

אז ער איז געווארן זעכצן יאר אלט איז ער אנגעקומען ארבעטן ביי אן ענגלישן קאמערץ־רייזנדן, ווו ער האט זיך אויסגעלערנט פיין ענגליש ריידן. מיט א פאר יאר שפעטער איז ער פארשווונדן געווארן, און מען האט גע־

רכילות׳ט, אז ער איז געשטרויכלט געוואָרן אין עפּעס אַ פאַרברעכן, נאָכ־
דעם האָט ער זיך איינגעפּונען אין יאָהאַנעסבורג און אַ שטעלע געקראָגן
אין אַ שאָפּ ביי אַ יידן, ווו ער האָט זיך אויסגעלערנט פּלאַפּלען יידיש. ער
האָט באַגערט זיך צו פאַרגלייכן מיט די יידן, האָט זיך געשטאַרעט אַקוראַט
נאָכצוטאָן די יידישע גענג אין מסחר, זייערע דיבורים און תנועות... האָט
געכאַפּט יידישע וויצלעך, וועלכע ער פלעגט איבערדרייען צו חברים, אַליין
ניט וויסנדיק די מיינונג פון זייער שאַרפקייט, יידישע יונגע לייט האָבן אים
מקרב געווען, אָבער ער האָט אָפּט אַרויסגעוואָרפן אויף זיי אַ מין פּחד־
געפּיל מיט זיינע גאַס-וויצלעך, אַנגעזאַפּט פון יידנפיינטלעכע קוועלן און
אָפּט האָט ער ביי דער יידישער חברה דערוועקט אַ מין פריקרען טעם מיט
זיין יידיש פּלאַפּלען... ענדלעך איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ געזעלשאַפט
פון ניט צניעותדיקע פרויען, וועלכע האָבן אים אין אַ סקאַנדאַל אַריינגע־
שלעפּט און צוליב דעם האָט ער זיין שטעלע פאַרלאָרן, האָט ער דאַן באַ־
שלאָסן אַריבערצופאָרן אין אַן אָרט ווו ער איז אומבאַקאַנט און פּרובירן
אָנשטענדיק און אָרנטלעך זיך אויפצופירן.

אויף אַ פאַרם, נאָענט צו באָביאַנקראַנץ האָט ער אַ גוטע שטעלע באַ־
קומען ביי אַ „איריגאַציע געזעלשאַפט", וואָס האָט אַ גרויסן „דאַם" געבויט
פאַר די לאַנגע און ברייטע לוסערן־פעלדער, ווו ס׳אַרבעטן אַ סך מענטשן,
פאַר וועלכע ס׳איז דאָרט פאַראַן אַ שאָפּ און אַ האָטעל, אויף וועלכע ריימאָנד
שטיין איז אויפזעער געווען.

אָפּט פלעגט ער אין שטעטל אַריינפאָרן, אין זיינע באַלעבאַטימס פּראַכט־
פולע קאַר, פאָרן פלעגט ער האַסטיק, ווי אַ וויכער און אָפּשטעלן פלעגט ער
זיך לעבן רייכמאַנס שאָפּ, ווו ער פלעגט קויפן פאַרשיידענע אַרטיקלען.

די רייכמאַנס איז ער געפעלן געוואָרן נאָר מיט זיין פּאָזע און פריילע־
כער דערשיינונג און אויך דערפאַר, וואָס מיט איבערפלוס פון זיין חבר־
לאַפּעשער פריינדלעכקייט, פלעגט ער זיין גוט־ברודערשאַפט אויף זיי
אַרויפדריקן און זיי האָבן אים שטאַרק מקרב געווען און אים געלאַדן זיי
אָפּט צו באַזוכן און ביי זיי אין הויז האָבן זיי זיך „דערוווסט", אַז ער איז
אַ ייד און כסדר האָט ער זיך באַרימט און שטאַרק שטאָלצירט מיט זיין
יידישקייט.

...ביי עדנאַן איז דאָס נישט געווען אַ ליבע „פון ערשטן בליק". אין
אָנהייב ווען אירע באַקאַנטע מיידלעך פלעגן ריידן מיט אַנטציקונג וועגן
דעם ניי אָנגעקומענעם יידישן בחור, וואָס האָט אַזאַ חן מיט זיין שלאַנקער
פיגור, מיט זיין טונקעלן בלאַסלעכן פּנים און מיט זיינע גרינלעכע תאווה־

דיקע אויגן, פלעגט עדנא פילן א נצחונותדיקע גדולה, וויסנדיק, אז אט דער דאזיקער העלדישער בחור, וואס אלע מיידלעך זיינען פשוט פארליבט אין אים — האט זיך אויסגעקליבן דווקא איר געזעלשאפט. זיין חברשאפט איז איר דאן געווען נאר אן אנגענעמע צייט פארטרייב. אבער נאך די עטלעכע חדשים וואס זי האט זיך צוגעווינט צו אים, מיט אים ארומשפאצירנדיק, ארומפארנדיק אין זיין אויטא און צו זיין פארם אויף פערד ארויסרייטן, און מיט אים צוזאמען אין „בייעסקאפ" גיין און איבערהויפט באזוכן אלע בעלער און טענץ, ווו ער האט זיך אזוי אויסגעצייכנט, וואס מיט דעם האט ער זיך קונה שם געווען און האט די מיידלשע הערצער געוואונען, האט זיך דאן עדנא אויף אן אמתן פארליבט אין ריימאנדן און זי האט אנגעהייבן ארומשוועבן אין די „הימלען פון ראמאנטיק" מיט פייער פלאמיקע פארלאנ־גען... און ווען ריימאנד האט איר, בסוד, געקויפט דעם פארלאבונגס־רינג מיטן פילפארביקן בליצענדיקן דיימאנד; און ער האט איר נאכדעם א הונדערט מאל טרייהייט און אייביקע ליבע געשווארן, דאן האט עדנא געפילט, אז זי געהערט ריימאנדן ווי זי שטייט און גייט. עס ארט איר ניט די מוטערס גלייכגילטיקייט, און דעם פאטערס נגע'נען:

— „טאכטער מיינע, וואס פאר א ציל, וואס פאר א תכלית איז עס פאר דיר צו נעמען א קרעמערל, וואס זיין גאנצע חכמה באשטייט נאר אין פוצן זיך און אין טאנצן? איך האב דאך די מעגלעכקייט און דעם רצון דיך גליקלעך צו מאכן, דיר צו געבן א דאקטער אדער אן אדוואקאט פאר א מאן!..."

אויף דעם פלעגט זי ענטפערן מיט כעס, אירע בעקלעך זיך רויט־לענדיק:

„און וואס זיינען דען דאקטוירים און אדוואקאטן? זיי זיינען דאך אויך נישט מער ווי קרעמערלעך און הענדלער, וואס די מטבע שפילט ביי זיי אויך א גרויסע ראלע... איך האב ריימאנדן ליב און ס'איז גאר אן אומזין צו טראכטן, אז מיר וועלן זיך שיידן".

אוודאי קענען זיי זיך נישט שיידן... זיי זיינען צוזאמענגעבונדן, — איין לייב און איין נשמה...

* * *

— — — „אבי־נו מל־כ־נו, חמול ע־לי־נו ועל עו־ל־לי־נו" בעט זיך רחמים דער חזן, אויסזינגענדיק טרויעריק מיט א שוואכלעכע שטימע, וויינ־דיק פארמאטערט פונעם לאנגן שחרית.

און אהרן רייכמאַן האָט זיך א טרייסל געטאָן אזוי ווי די דאָזיקע תחנו־נים־ווערטער וואָלטן אים אין די לונגען ארייגעשטאָכן געוואָרן מיט אן אָנגעברענטן אייזן...

— „מיט וואָס פאר רעכט בעטן מיר דערבאַרעמונג, ווען מיר אליין טוען עס ניט ווו ס'איז נייטיק און אונדזערע הערצער זיינען אזוי האַרט ניט צו וועלן פאַרשטיין און רעכענען זיך מיטן צווייטנס געפילן... ניין, איך טאָר נישט שטערן מיין עדנאַן פון דאָס וואָס זי רופט אָן: „גליק..." איך וועל איר נישט שטערן... כאָטש ריימאָנד איז מיר אזוי דערווידער, אזוי פרעמד מיט זיין קאַלטקייט און וויטקייט פון ייִדישע ענינים — — —"

און עס נעמען רייכמאַנען קלינגען אין די אויערן זיין דבורה'ס פּיקחות־דיקע ווערטער. ווען ער האָט זיך פאר איר צעטענהט און באַקלאָגט זיך אויף ריימאָנדס משונהדיקע אָפּגעפרעמדקייט פון ייִדישקייט האָט זי זיך אָפּגערופן:

— „איי, מיין מאַן, ווי זאָגט מען עפּעס? איינער זאָגט צום צווייטן: „נעם ארויס צווישן דיינע ציינער א שפּענדל", זאָגט יענער: „נעם ארויס פון דיינע אויגן א באַלקן..." אויף זיך זעט מען קיין בער ניט און אויפן אנדערן זעט מען א פליג... וואָס זיינען דען אונדזערע אייגענע קינדער, וואָס געהערט זיך אָן מיט ייִדישקייט? וואָס? פּראַסטאַקעס, אומוויסנדע! שפּראַך, ייִדישע בילדונג און ס'גאַנצע אָנגיין אין לעבן איז דאָך אויך אַקוראַט ווי ריימאָנד שטיינס..."

טאָ וואָס קאָמאַנדעוועסטו?... דאָס איז דאָך די ביטערע איראָניע וועגן וועלכע מיר ריידן שטענדיק: אז אונדזערע בלוטיקע שונאים האַלטן אַלץ אין איין בילן און פּילדערן, אז מיר האַלטן זיך אייביק אָפּגעזונדערט און צעמישן זיך ניט מיט דער ארומיקער באַפעלקערונג, ווען אין אמתן זיי־נען אונדזערע קינדער אַקוראַט ווי ריימאָנד... יע, אַלע, אַלע אזוי, טאָ וואָס מאָנסטו, אז דווקא ריימאָנד זאָל זיין אנדערש?..."

און פּלוצלונג כאַפּט אים א טונקעלער אומעט אָן, אָן איינגעהאַלטענער געוויין שפּאַרט זיך פון זיין הארצן זיך דערמאָנענדיק, אז מיט איניקע טעג צוריק ווען ער האָט זיך אויסגערעדט פאַר זיין פרוי וועגן זיין טאָכטערס שידוך, וואָס איז על אפּו ועל חמתו און ער האָט גרויס עגמת נפש דערפון; און ער איז צוגעפאַלן צו איר זיך בעטנדיק זי זאָל אָנהאַלטן אויספּועלן ביי עדנאַן זי זאָל זיך דערווייטערן פון ריימאָנדן, אים פאַרגעסן, האָט זי, דבורה זיינע, שטילערהייט אַפּאַטיש שוואַכלעך מיט טרערן זיך וועגנדיק געענט־פערט:

— „ס'איז שפּעט, אהרן, שפּעט שוין איצטער... מען מוז מאכן חתונה... און טאַקע וואָס גיכער... פאַרשטייסטו?..."

* * *

ס'איז א טויט שטילקייט אין שול.

קהל איז גרייט צו „תקיעות" הערן. דער בעל־תקיעה שטייט מיטן שופר אין האנט און באלעקט די מויל־ווינקלען, וועלכע ער גרייט צו צום שופר בלאָזן. ארום אים שטייען זקנים איינגעוויקלט אין זייערע טליתים מיט די ספרי־תורה אין די אָרעמס.ביים זייט פון טיש שטייט זיך שטאָלץ אהרן רייכמאן, זיין פּנים בלאָס אומעטיק און לייענט פאָר פון מחזור דעם תוקע מיט א האלב וויינענדיקן ניגון:

— „תקיעה" — — —

און א מעכטיקע תקיעה האָט זיך צעטראָגן אין דער לופטן...

און ריימאָנד שטיין, וועלכער איז געשטאַנען א פארטראכטער פאר־געסנדיק בשעת מעשה ווו ער איז אין דער וועלט, האָט זיך שטאַרק דער־שראָקן, א צעטומלטער, צעדולטער, האָט ער צו בארנין א געשריי געטאָן:

— „צו העל! וואָס פאר א „בלעדי" יידיש שפּיצל איז דאס?... וואס וויל דער „בלעדי" טייוול דאָרט האָבן? — — —"

* * *

...אז זיי זיינען ארויס פון שול האָט דער דאָקטער רייכמאן א זאָג געטאָן מיט כעס צו ריימאָנד שטיין:

— „פארוואָס האָסטו אונדז אזוי אָפּגענארט? איך האָב קיין ספק ניט, אז דו ביסט ניט קיין ייד, זעענדיק ווי דו ביסט א צעדולטער געווארן פון א תקיעה... און ווייסט גאָר ניט וואָס א שופר איז — — —"

און ריימאָנד שטיין האָט אפילו ניט געפּרווט זיך פארענטפערן אָדער לייקענען.

מיט אַן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ איז ער זיך פּאַמעלעך צוגעגאנגען ביזן פּארקן פון שול. נאָכדעם האָט ער זיך א קער געטאָן צום באַן־גאַס און איז פארשוואונדן פון רייכמאנס אויגן, וועלכע האָבן אים מיט פארביטערקייט גע־האָט נאָכגעקוקט, וויסנדיק זיכער, אז דער דאָזיקער אויסוואורף וועט קיין מאָל נישט צוריק קומען... וואָס זאָל ער דאָ טאָן?... ס'האָט אים ארומגעכאפּט א ביטערער רחמנות אויף זיין שוועסטערל... א צעטומל־טער, א פארלאָרענער איז ער געשטאַנען פארשטיינערט און זיינע פויסטן

האָבן זיך צוזאמענגעדריקט... פון אינעווייניק פון שול האָבן זיך געטראָגן די „תקיעות“ פון נאָכן דאוונען... א שרעקלעכע קללה איז פון זיין מויל ארויסגעקומען... ער האָט פארצווייפלט זיינע ליפן געביסן...

און דער געפילדער פון שופר האָט זיך געטראָגן אלץ העכער און העכער...

...און דער ים האָט געשטורעמט

(ד ע ר צ יי ל ו נ ג)

— „הערסטו? א קאַריאַקא איז עס!" — האָט פריילעך אויסגעשריען דאָס מיידעלע, זיך איינהערנדיק צום ראַדיאָ אין נייעם גרינעם בלאַנקנדיקן אויטאָ און זיך טוליענדיק מיט ליבשאַפט צום לינקן אָרעם פון איר פאָטער, וואָס האָט געטריבן דעם אויטאָ.

אים האָט זיך שטאַרק געלוסט דאָס טעכטערל אָנקוקן, נאָר זיצנדיק ביים רעדל האָט ער אויף א רגע נישט געוואַגט די אויגן זיינע פונעם וועג אָפצורייסן און ער האָט ליבלעך א זאָג געטאָן:

— „פאַרזיכטיק, מאַלינקע, דו שאָקלסט מיר די האַנט".

זי האָט זיך אָפגערוקט עטוואָס און איז שטיל געבליבן, אָבער באַלד האָט זי זיך ווידער אָנגעהייבן אומרויק באַוועגן און האָט זיך האַסטיק א דריי געטאָן צו אירע צוויי קליינע ברידערלעך, וועלכע זיינען געזעסן הינטן:

— „איר הערט, איר הערט? דאָס איז א „קאַריאַקא", ווי פיין עס איז, הערט איר?"

און זי האָט זיך ווידער גענומען טוליען צום פאָטער.

— „פאַפאַ, אָ, די מאַמע וועט זיך אַזוי פרייען, וואָס דו האָסט אויסגעביטן אונדזער אַלטע קאַר אויף א נייער, א שיינער! מיט א ראַדיאָ, ס'איז אַזוי וווּנדערבאַר!"

יע, מאַלינקע, ס'וועט איר זיין אַן אַנגענעמע איבערראַשונג".

— „אַי, אַי, פאַפאַ!" — האָבן ביידע יינגלעך דערציטערטע אויסגעשריען, — פאַפאַ, פאַרזיכטיק! דאָס פיינע, ווייסע הינטל, וואָס איז אַרויסגעשפּרונגען פון ווייסן הייזל דאָרטן אין דער לינקער זייט פון גאַס, איז אַרונטערגעלאָפן אונטער דער קאַר!"

די אויטאָ האָט האַסטיק א קער געטאָן, צו ערשט אויף לינקס, דערנאָך אויף רעכטס און מיט א שטאַרקן קרעכץ זיך אָפגעשטעלט. דער ראַדיאָ איז אַנטשוויגן געוואָרן. אַלע זיינען אַרויסגעשפּרונגען פון אויטאָ און מיט פאַרדרוס און שרעק אָנגעקוקט דאָס טויטע הינטל, וואָס איז געלעגן דאָס

קעפל אויף הינטן פארוואָרפן און די אייגעלעך האלב אָפן, ווי זיי וואלטן זאָגן: „זעט, וואָס איר האָט פון מיין יונגן לעבן אין איין בייזער רגע געמאכט!...“

מאָלינקע האָט זיך צעוויינט אויפן קול.

באַלד האָבן זיך א סך מענטשן צונויפגעקליבן.

— „אַי!“ — האָט א מיידעלע פון צווישן די פארזאמלטע אויסגעשריען.

— „דאָס איז „מעפסכען“, דאָס ליבע הינטעלע, וואָס געהערט צו פריילין טערעזע זונין, די פיאנאָ־לערערין“.

מאַרקוס לובאנאָוו, דער אייגנטימער פון דער אויטאָ, האָט א שפרונג געטאָן, ווי פון א שלאַנג געביסן, און זיך שטאַרקנדיק ניט ארויסצוווייזן זיין פארלעגנהייט, האָט ער זיך א קער געטאָן צום בלאָנדן מיידעלע און ליבלעך א פרעג געטאָן:

— „ווי, זאָגסטו, הייסט די לערערין?“

— „טערעזע זונין, זי וווינט דאָרטן אין יענעם ווייסן הייזל, איך קען איך ווייזן, קומט“.

א טרויעריקע איז אים אנטקעגן געקומען פריילין טערעזע זונין. אירע קלאָרע דורכדרינגענדיקע בלאָע אויגן האָבן זיך אויף א ווײַלע אָפּגעשטעלט אויף זיין ברוינעם לאנגלעכן פנים, ווי באַטראַכטנדיק דעם אומגעפער פערציקיאָריקן הויכן, ברייטפלייציקן לובאַנאָוון, וועלכער האָט זיך געפרווט פאַרענטפערן פארן אומגליק, וואָס ער האָט אָקערשט געבראַכט.

נישט אראָפּנעמענדיק זיינע אויגן פון איר בלאסן, אידעלן פנים האָט ער געפרווט איר דערקלערן, אז אויב ער וואָלט די אויטאָ נאָכאמאָל א דריי געטאָן, וואָלט זי זיך איבערגעקערט און ס׳וואָלט אים מיט די קינדער אן אומגליק געטראָפן, און ארויסנעמענדיק פון בוזעם־קעשענע א טשעק־ביכל, האָט ער זייער העפלעך א פרעג געטאָן, וויפיל דאַרף ער פארן היזק באַצאָלן...

דער פריילינס פנים איז פאַרוואָלקנט געוואָרן. ס׳האָט זיך איר געוואָלט פראָטעסטירן, שרייען און אפשר אויך זידלען, דאָך מיט אן איינגעהאַלטענעם צאָרן, האָט זי די איבערשטע לופּ מיט אירע ווייסע ציינער געביסן, האָט דאָס אָנגעבאָטן געלט אנטזאָגט און, מיט געמאכטער העפלעכקייט זיך פאַרנויגנדיק, האָט זי זיך געלאָזט גיין צו איר הויז. זי האָט אָבער נישט געקענט באַהערשן איר פאַרלאַנג זיך אומצוקערן נאָכאמאָל אָנצוקוקן דעם מאַן, וואָס האָט איר געליבטן הינטל אוועקגעהרגעט... זיין שטים איז

איר עפּעס אזוי באקאנט — האָט זי א טראַכט געטאָן, ארויפוואַרפנדיק איר ווייסן שאַל אויף איר צאַרטן האַלדז, און פּלוצלונג האָט זי דערפילט הייסע טרערן איבער אירע בלאַסע באַקן.

מאַרקוס לובאַנאָוו איז געבליבן שטיין פאַרפּלעפט און דערשלאָגן און האָט קיין אָרט פאַר זיינע הענט ניט געפונען. זיינע ברייט־צעעפנטע אויגן האָבן באַגלייט דאָס מיידל, וואָס איר פּנים דערציילט אזוי פיל וועגן א ליכ־טיקער פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז פאַרטונקלט געוואָרן דורך צרהדיקע, חושכדיקע געשעענישן, וועלכע האָבן, ווייזט אויס, נאָך אלעמען ניט גע־קענט אָפּמעקן די געבענטשטע שיינקייט פון איר קלאָרן פּנים. איר פיגור



א קראַל־סצענע.

אין געשמאַקפולן בלאָען „העלפאַנט־זייד" קלייד האָט אים דערמאָנט קויל־באַכס בילד „גרעטכן" אין „פאַוסט" בעת זי גייט ארויף די טרעפּ פון קירך, לאַנגזאַם, שטיל, פאַרחלומט, טראַגנדיק אין האַרצן איר געליבטן צוזאמען מיט איר אייביקן טרויער . . .

— „אָ, אָ, מיר טוט אזוי וויי, וואָס אונדזער נייע קאַר האָט אומגע־בראַכט אַזאַ שיין הינטעלע!" — האָט מאַלינקע געקלאָגט.

אָבער לובאַנאָוו האָט גאָר נישט געענטפערט. ס'הינטל איז אים שוין פון זינען ארויס. אלע זיינע געדאַנקען זיינען געוועזן אָפּגעגעבן דער איי־דעלער שיינער לערערין, וואָס האָט זיך באַוויזן אזוי אומגעריכט און איז אים אין איין אויגנבליק אזוי טיף אין זיין לעבן אריין . . .

זאָל עס טאַקע זיין טערעזע? האָט זי אים דערקענט? ווי אַזוי קומט זי אַהער? יע, דאָס איז זי, אוודאי זי...

2

א מאָדנע בענקעניש איז לובאַנאָוון באַפאַלן. ער קען זיך קיין אָרט ניט געפינען. ס'אַרא וווּנדערבאַרע געשעעניש דאָס איז! זיין טערעזע זונין איז דאָ, אין זיין שטאָט, בלויז עטלעכע הייזער שטייען צווישן אים און איר און ער האָט עס גאַר ניט געוווסט. אַז זיינע קינדער וואָלטן דאַן ניט געווען דער־ביי, וואָלט ער זי געוויס איבערגערעדט, זי זאָל זיך צוהערן צו אים, אָט דאַן ווען ער האָט זיך מיט איר אַזוי צופעליק באַגעגנט, ער וואָלט אויסגעפרעגט אַלץ וועגן אַלע מיטגלידער פון איר פאַמיליע, וועלכע זיינען אים אַזוי נאָענט צום האַרצן און וואָס שוין אַ יאָר צוועלף, ווי ער האָט פון זיי גאָר ניט גע־הערט.

ווען זאָל ער זי איצטער זען און ווי אַזוי?

ער האָט גענומען זוכן פּלענער. מאָרגן דאַרף ער גיין צום האָפן וועגן וויכטיקע געשעפטן; ער קען עס אָבער אָפּלייגן אויף אַ טאָג שפּעטער, וועט ער מאָרגן גיין צו טערעזען... אָבער ווי זאָל ער אָנהייבן זיין שמועס מיט איר? לובאַנאָוו האָט זיך פאַרטראַכט און אין זיין זכרון האָבן זיך, ווי פון אַ קנויל, איינס נאָכן אַנדערן גענומען פונאַנדערוויקלען בילדער פון זיין ערשטער באַגעגעניש מיט טערעזען אין בערלין. דעם פּראָלאָג פון זייער וווּנדערבאַרן ראָמאַן.

דאָס איז געווען אין יאָר 1922. די ערשטע נאַכט פון יענעם ראש־השנה אין הויז פון איר חשובן פאָטער, רודאָלף זונין, איינעם פון די גרעס־טע פוטער־ און פעל־אַנגראָאיסטן, וואָס האָט געוועלטיקט אויף דער לייפּציקער „מעסע״, איז געווען אַ גרויסער תקיף אין דער בערלינער יידי־שער געמיינדע, געשעצט און באַליבט ביי אַלעמען. זיין הויז איז געווען אַ פאַרזאַמלונג־פּונקט פאַר לומדים, משכילים פון אַלע סאָרטן און אויך פאַר דער שטודירנדיקער יוגנט. סטודענטן האָט ער מקרב געווען. יעדן שבת און יום־טוב פלעגן עטלעכע צענדליק סטודענטן עסן ביי זיין טיש. ס'איז שוין געווען זיין געוווינהייט אויף זיך צו נעמען די טרחה נאָכצו־פרעגן און אויסצופאָרשן, ווו ס'געפינען זיך יונגע סטודענטן, וואָס לערנען זיך אין בערלין און האָבן דאָרטן נישט קיין קרוב און קיין גואל, און דער־נאָך זיי בעטן און איינריידן, זיי זאָלן זיין זיינע געסט לכבוד שבת און יום־טוב.

מאַרקוס לובאַנאָווס מזל האָט אים אויך אריינגעבראכט אונטער די ליבלעכע פליגלען פון דעם דאָזיקן טייערן מכניס־אורח און גרויסן ליבהאָ־בער פון אינטעליגענטן.

מארקוס האָט דאמאָלט געוווינט צוזאמען מיט נאָך דריי סטודענטן אין איין צימערל אויף אָראַניענבורגער גאַס. אָנגעקומען קיין בערלין איז ער פון קאָוונע. ער איז דאַן אלט געווען א יאָר צוואַנציק, אָקערשט געהאַט פאר־לאָזן טעלזער ישיבה. פלוצלונג זיינען אים דאַן די עלטערן אוועקגעשטאָרבן און ער איז געבליבן אין זיין היימשטאָט, אין קאָוונע, א הילפלאָזער, אן עלנ־טער אָן ציל און אָן מיטלען אין לעבן. ער האָט זיך איינגעבעטן ביי זיינעם א רייכן קרוב אים צו לייען אויף הוצאות קיין בערלין, וווהין עס האָט אים געצויגן זיין הארץ, ווו ער האָט געהאָפט צו קענען לערנען און שטודירן.

געפונען האָט מארקוס אין בערלין שווערע טעג מיט שטרויכלונגען אָן א סוף. די פינצטערע צייטן פון דעם מאוימדיקן שווארצן האָס האָבן זיך שוין דאַן געלאָזט פילן אינעם לעבן פון די דייטשע יידן.

„אין טירגארטן" — האָט מען זיך שוין דאַן אין בערלין געוויצלט — „זיינען טאַקע נישטאָ קיין חיות, אָבער אין די נאַצי־קלובן זיינען דאָ אזוי פיל בייזע חיות און אזוי פיל גיפטיקע שלאנגען!"

יונגע נאַציס האָבן שוין געוואָרפן שטיינער אויף אלטע יידן אין די גאסן, סאַדיסטישע מעשים תעתועים האָבן שוין פארפירט אין די בתי־מדרשים און פיל מצבות אויף די יידישע קברים זיינען געשענדט און צע־בראָכן געוואָרן דורך די פינצטערע יונגען, וועלכע האָבן אין זייערע „נצחו־נות" איבער דעם הייפל שוצלאָזע יידן געזוכט אויסצוגיסן זייער בייזע גאַל איבער דער גרויסער מפלה, וואָס דייטשלאנד האָט געכאפט אויף די מלחמה־פעלדער.

מארקוס לובאנאָוו האָט געקראָגן ארבעט אין א מעבל־געשעפט. ס'איז אים געווען שווער און ביטער און ס'האָט אים קוים געקלעקט אויף א שטיקל ברויט, אָבער גרויס איז געווען זיין ענערגיע און מעכטיק זיין באגער צו לערנען און ער האָט אָנגעשטרענגט אלע זיינע קרעפטן צו דערגרייכן א ציל. א לעטלענדישער יידישער דאָקטער אין שארלאָטנבורג איז געווען אזוי פריינטלעך, אז ער האָט אים און די אנדערע דריי סטודענטן געגעבן אומזיסטע לעקציעס און זיי אלעמען געגרייט אריינצוקומען אין אוניווער־סיטעט. אזוי האָבן זיי זאלבעפערט צוזאמען געלעבט אין איין צימערל אויף דער אָראַניענבורגער גאַס, אין עלנט און דחקות, און געלערנט אָן א סוף.

אָט אין יענעם ראש־השנה איז דערשינען דער אלטער רודאָלף זונין און אלעמען איינגעלאַדן צו זיך אויף יום־טוב.

מאַדאַם זונין, זייער זון — דאָקטאָר וואָלטער זונין, און זייער אכצניאָ־ריקע טאָכטער טערעזע, וואָס האָט געענדיקט די קאָנסערוואַטאָריע מיט אַן אויסצייכענונג און „מאַכט די פּיאַנאָ ריידן" מיט אירע מלאכ׳שע פינגער — האָבן זיך אַלע געפירט ווי רעכטע דייטשן, ביי וועמען ס׳איז נישטאָ קיין נאַטירלעכע צוגעטאָנענקייט צו פרעמדע. דאָך, צוליב אַכטונג און ליב־שאַפט צום אלטן רודאָלף זונין, וועלכער פירט זיך אויף רעליגיעז ווען עס קומט צו שבת און יום־טוב־היטן — האָבן זיי זיך געמיט צו גיין אין זייך וועג און האָבן אויך מקרב געווען די אורחים, וועלכע זיינען על-פּי־רוב געווען אריבערגעקומענע פון ליטע און זאַמוט.

פאַר מאַרקוסן שטייט אויף, ווי לעבעדיק, דאָס בילד פון דעם ערשטן יום־טוב זיינעם ביי זונינען אין הויז.

א פריילעכע חברה הוליעט דורך די צוויי טעג ראש־השנה. מען רעדט, מען דיסקוסירט און מען דערציילט אנעקדאָטן, אָבער אַלע שמועסן ציען זיך צו איין פונקט: די נייע משונה׳דיקע ווינטעלעך, וועלכע בלאָזן איצטער אין דער באַזיגטער דייטשלאַנד, וואָס ליידט הונגער, דערנידעריקונג און שאַנד...

— „ווו נאָ דו באַגעגנסט זיך מיט דייטשן, וויזט ער דיר ארויס אָפענע שנאה" — זאָגט א רוסישער סטודענט — „גייסט זיך רויק אויף א טראַ־טואַר און ס׳קומט דיר אנטקעגן א דייטש, און קוים דערקענט ער אין דיר א יידן, פוילט ער זיך גאָר ניט דיך ארונטערצושטופּן..."

— „אין „פרידריכסהייך" האָב איך אויך אזא פסק געהאַט" — זאָגט דער דענטיסט ריכטער — „איך שפּאַציר זיך מיט א פריינדין, דאַן גייען מיר אריין אין א קאַפע, זעצן זיך ביי א טישל און באַשטעלן „אַראַבישן קאַפע". פּלוצלונג קומען צו צוויי יונגע דייטשן, זעצן זיך לעבן אונדז, באַליידיקן אונדז און קרימען זיך און דרייען זיך מיט משונהדיקע העוויות, שרייענדיק צום קעלנער:

— „פאַרוואָס לאָזטו ניט אונדז, גוטע דייטשן, טרינקען א גלאָז ביר אין רו?"

— „וואָס פעלט אייך? האָט איר דען ניט גענוג אָרט און רו?" — ענטפערט דער קעלנער הכנעהדיק.

— „פאר וואָס זשע טרייבסטו ניט ארויס פון דאַנען אָט די שמוציקע יידן, וועלכע האָבן פאראורזאכט אונדזער אומגליק ?"

„כ'האָב זיך ניט געקענט איינהאַלטן — דערציילט ווייטער דער דענ־טיסט — און א זאָג געטאָן, אז מסתמא האָבן זיי געליען געלט ביי א יידן, וועלכער בעט זיי באַלד צו באַצאָלן, דערפאר זיינען זיי אזוי אָנגעשטויסן אויף די יידן. די דייטשן האָבן זיך גלייך צעקאָכט, גענומען קלאַפן אויפן טישל און די מיילער האָבן געשוימט :

— „דאָנער־וועטער, פארפלוכטער ייד, קיין פאלעסטינע גיי אָדער פגרן וועט איר דאָ אַלע, ווי די הינט, אין אונדזער שפּרעי !"

די חברה הערט זיך איין צום דענטיסטס דערציילונג, נאָר דאָ דער־לאַנגט זיך דאָקטאָר זונין א שטעל מיט רוגזה און שרייט אויס :

— „איר רוסן, קומט תמיד ארויס מיט רכילות און זלזולים אויף אונדז, קולטור־טרעגער. איר געניסט דאָך, דאכט זיך, גאַנץ גוט פון דער פריי־הייט, וועלכע הערשט אין אונדזער גאָט־געבענטשטן לאנד ; איר אנט־לויפט פון רוסישן גיהנום און געפינט דאָ רו און וויסנשאפט. אזוי אומ־דאנקבאר צו זיין ! פוי, צום טייוול !..."

— „אָבער אום גאָטעס ווילן, וואָלטער" — בייזערט זיך דער אלטער רודאָלף — „וואָס דארפסטו זיך אזוי ערגערן ? אויף די גוטע דייטשן רעדט דער יונגערמאַן דאָך קיין בייז ניט, ער גיט אונדז נאָר איבער אן עפּיזאָד... אין אמתן האָב איך אויך געהערט אזעלכע געשיכטעס, כאָטש איך אליין קען עס ניט גלויבן..."

אָבער פריילין באָום, א לערערין, וואָס איז פארליבט אין וואָלטערן, האָט דאָ געפונען א געלעגנהייט אים א חנפה צו טאָן :

— „און איך מוז זאָגן דעם אמת, אז ס'איז טאַקע פאראַנען א פארבי־טערונג אנטקעגן א געוויסער סעקציע יידן. דאָס זיינען די פוילישע און רוסישע יידן, וואָס האָבן זיך א לאָז געטאָן ווי רויב־פויגלען אויפן קערפּער פון אויסגעמאטערטן דייטשן פאָלק און נעמען צו די בעסטע און שענסטע הייזער און פאלאצן. איז עס דען א וואונדער, אז אָרעמע דייטשן באטראכטן די דאָזיקע יידן ווי פאראזיטן און בלוט־זויגער ?"

— „ס'איז שרעקלעך צוצוהערן אזעלכע פארלוימדונגען !" — מישט זיך אריין מארקוס לובאַנאָוו — „די אריינגעקומענע יידן האָבן דאָך געקויפט די הייזער און פאלאצן פאר גוט געלט, און אויב זיי וואָלטן עס ניט געקויפט, וואָלטן עס אנדערע געטאָן. טאָ וואָס איז דער בייז ? די האנדלונג פון די

„פארביטערטע דייטשן״ דערמאנט מיר א גזלן, וואס האט פארקויפט א גע־וויסע סחורה צו איינעם און באלד האט ער דעם קונה דערמארדעט און צוגענומען די סחורה... און אויב איר, דייטשע פאטריאטן, מיינט, אז נאר פאר די פוילישע און רוסישע יידן שטייט פאר א סכנה, האט איר א גרויסן טעות. באלד ווי די נאצי־פירערשאפט וועט קומען צו דער מאכט, וועט איר די ערשטע זיין פאגראמירט צו ווערן״.

דאקטאר וואלטער קען עס נישט אריבערטראגן, נאר צוליבן פאטער האלט ער איין זיין כעס, אבער הויך דעם קאפ הייבנדיק פארלאזט ער ס׳הויז, ברומענדיק: „ס׳איז אוממעגלעך צו זיין אין איין הויז מיט שונאים...״

נאר טערעזע באוועגט זיך פלינק און באמיט זיך די היציקע ערנסט־קייט אין א הומאריסטישן שפילכל צו פארוואנדלען. מעשה קונדס שטעלט זי זיך אוועק ביי דער טיר אנטקעגן איר ברודער און מיט א מינע פון אן אלטער צנועה און מוסר-זאגערין ווייזט זי א פינגער און רעדט אויף א גע־קינצלט גראבן קול:

— „דער הער דאקטאר זונין מוז מודה זיין, אז אין דער מוראדיקער מלחמה פון היינטיקן אונטס צווישן רוסישן גענעראל לובאנאוו און צו־קינפטיקן רייכסקאנצלער הער דאקטאר זונין, האט דער לעצטער געהאט א פורכטבארע מפלה, כמעט אזוי ווי זיין מעכטיקע רעגירונג האט געהאט דורך דער שרעקלעכער אנטאנטע...״

...און מארקוס לובאנאוו איז אזוי ווי אין חלום. ער האט מנצח גע־ווען... טיף אין הארצן איז אים אריינגעדרונגען דער ווארעמער ליכטי־קער בליק פון דער ליבער טערעזען... און זיינע קלארע אויגן, אזוי ווי זיינע געדאנקען, קענען זיך ניט אפרייסן פון דעם רייצנדיקן מיידל און אין זיין מוח לעבן אויף ווערטער פונעם דיכטער:

„אויב דו האסט ניט געזען די
ריינע פרייד אין פנים פון א פארליבטער,
האסטו קיינמאל קיין פרייד ניט געזען... ״

„...ווען ס׳ציט מיך צו טאנצן און שפרינגען ביזן הימל,
פארזינקט טיף אין העל מיין נשמה, באטריבט...
אמאל האט א פייל שארף אין הארץ מיך געשאסן,
ווי שווער איז די ווונד! איך בין שטארק פארליבט! — — —״

3

איינגעקריצט זיינען אים די דאָזיקע ווערטער אין הארצן, ווו ער גייט און ווו ער שטייט, דוכט זיך אים אן אָרקעסטער פון די פיינסטע אינסטרו־מענטן שאַלט אין ווונדערבארער האַרמאָניע דאָס לידל, וואָס זי, טערעזע זיינע, האָט פארפאַסט, אי די ווערטער, אי די מעלאָדיע, און עס גיסט זיך אזוי זיס פון אירע רויטע ליפן, ווען איר פנים איז באגאָסן מיט הימל׳שער פרייד, איר יונגער בוזעם באוועגט זיך מיט אזא חן און אָטעמט מיט אזא רייץ!

טערעזע, טערעזע!

זיין ליבע איז מעכטיק, דורך אומרויקע טעג און דורך שלאָפלאָזע נעכט ציען זיך דורך זיין פארליבטער נשמה די זיפצן פונעם דיכטער:

„אַי, קענט איר נאָך דאָס אלטע זיסע ליד,
וואָס האָט אמאָל דאָס הארץ דורכגעגליט
אויף שטרונעס ווייכע און טריבע!
מלאכים רופן עס „הימל-פריד״,
שדים רופן עס „העלנלייד״,
די מענטשן רופן עס „ליבע!...״

ער קען ניט אויסהאלטן, ער מוז זי זען אָפט. איר הויז איז אָפן פאר אלע אורחים און צו זיין גליק געפעלט ער אירע עלטערן ווי אן ערלעכער, אידעלער און רירעווודיקער בחור. רודאָלף זאָגט: ער קען פיין תלמוד און האָט וועלטלעכע בילדונג, און אז ער וועט נאָר די מעגלעכקייט האָבן, וועט פון אים געוויס עטוואָס רעכטס ווערן...״ מאדאם זונין זאָגט: „דאָס וואָרט „גליק״ איז אויסגעקריצט אויף מארקוסעס שטערן...״ און די דאָ־זיקע פראַזעס, וואָס מלאכים טראָגן אים אונטער צום טויזנטן מאָל א טאָג, הייבן אים זיין קאָפּ הויך און פארשיכורן אים ווי שטאַרקער וויין. דאָך דאָס אלץ איז גאָרנישט אקעגן דער אמתער פרייד, וואָס טערעזע פאר־שאפט אים, בעת זי גייט מיט אים אין טעאטער אָדער קינאָ. ווי גליקלעך ער איז, ווען ער גייט מיט איר אין קאפע „וויקטאָריא״ אויף „אונטער דען לינדען״, אָדער ווען ער שפאצירט מיט איר דורך דעם „בראנדענבורגער טויער״ צו דער „קעניגלעכער אלייע״; ווי זיס עס זיינען די שעה׳ן, וואָס זיי פארברענגען צוזאמען דאָרטן אונטער די אייכן און פאַנטאַזירן און ריידן פון זייערע האָפענונגען און שטרעבונגען. ער בעט איר, זי זאָל פארריכטן

זיינע פּעלערן אין דער דייטשער שפּראַך. זיין ליבשאַפֿט צו דער דאָזיקער שפּראַך קוועלט אַרויס טיילווייז פֿונעם זיין אַזוי פֿאַרליבט אין טערעזעס וווּנדערשיינער אויסשפּראַך און אין אירע גלענצנדיקע אויסדרוקן. זיי לייענען צוזאַמען די קלאַסישע דיכטער, וועלכע ער האַלט אין לערנען מיט התמדה. שטיקער פֿון שילערס „גלאָקע" דעקלאַמירט זי פֿאַר אים. אָפֿט פֿאַרטיפֿן זיי זיך אין אַן אינטערעסאַנטן געשפּרעך וועגן צייט־פּראָגעס, וועגן אָרדענונג־פֿאַרענדערונגען, וועגן רעוואָלוציע, דאַן קומט באַלד דער כּישוף־שמייכל אויף אירע פּראַכטיקע ליפּן, ווען זי דעקלאַמירט שטיפֿעריש:

„... אַפֿילו דעם מענטשן, וואָס טוט דיר בייז,
שטרעק אויך אויס דיין האַנט, אויב ער בעט דיין הילף;
נאָר וועגן טוי און רעגן און גליק פֿאַר מענטשן —
לאָז פֿאַרן הימל, פֿריינד מיינער, ווי נעכטן, אַזוי היינט..."

און איינמאָל, אויפֿן „קרויצבאָרג" שפּאַצירנדיק, איבערראַשט ער זי מיט זיין דעקלאַמירן געטהעס „רעטונג":

„מיין מיידל האָט זיך מיך צו פֿאַרראַטן באַוווּנען,
דאָס האָט מיך געמאַכט אַ לעבנס־פֿרייד־האַסער,
כ'בין גיך געלאָפֿן צו אַ טייכל וואַסער,
ס'וואַסערל איז זיך ווי תּמיד גערונען..."

.... ער דעקלאַמירט ווייטער מיט גרויס געפֿיל, ווי דער דיכטער איז זיך דאָרט ביים וואַסער געשטאַנען שטום, צעטומלט, צעבראָכן און צעקלאַפּט פֿון ספֿקות און ביטערע פּראָגעס, אַז זיין קאָפּ איז פֿאַרדרייט, פֿאַרשכורט געוואָרן, די גאַנצע וועלט האָט זיך אַרום אים געדרייט און האָט געהאַלטן אין טייך אַריינצופֿאַלן... און פּלוצלונג האָט ער דערהערט ליבלעכע ווערטער: „פֿאַרזיכטיק, דער טייך איז טיף און פֿורכטבאַר!..." און גערעדט האָט עס די שיינע „קעטכען", וואָס האָט אים פּשוט „געראַטעוועט פֿון טויט" און מאַרקוס פֿאַרבייט דעם נאָמען „קעטכען" אויף „טערעזע"...

„... שיינע טערעזע, האָסט מיר לעבן געגעבן,
כ'וועל אייביק דיר דאַנקען, דו מיידל זיס הערלעך!
כ'בין עלנט, צו זיין גאַנץ אַליין איז מיר שווערלעך,
טאָ זיי דו מיט מיר, באַגלייט מיך אין לעבן!..."

און ביי די ווערטער ווערט ער צעוואַרעמט, כאַפּט אירע הענט און קושט זיי אָן סוף, און ווען ער קוקט איר אין די מילדע אויגן אַריין, באַמערקט ער גרויסע טרערן. באַלד אָבער שיינט איר זוניקער שמייכל אויף איר קלוגן פּנים אַרויף, און גלעטנדיק זיין קאָפּ, מאַכט זי מיט אַ מינע פון אַ צעלאָזע־נעם קינד:

— „אַ שוואַכזיניקער פאַרשלאָפענער פּחדן איז געטהעס העלד געווען און זיין ליבע איז אויך געווים שוואַך און אָן טעם געווען... אַז מיין גע־ליבטער וואָלט מיך פאַרראַטן און איך וואָלט געשטאַנען ביים טייך, שפּרינג איך שוין טאַקע אַריין אין וואַסער און — אַ סוף".

דאָס איז מאַרקוסעס גליקלעכסטע רגע אין לעבן! ער ווייס, טערעזע ליבט אים. ווי קען דען אַנדערש זיין נאָכדעם ווי זי האָט אויף זיינע קושן אַזוי הייס מיט אירע ברענענדיקע קושן געענטפערט!

ער פאַרשטייט אַזוי גוט דעם באַדייט פון די ווערטער:

„ווען ס'ציט מיך צו טאַנצן און שפּרינגען ביזן הימל!..."

4

עס גייט לובאַנאָוון פון זינען ניט אַרויס שילערס אַפאָריזם: „וווּנדער־באַרע ליכטיקייט! דו אייביק אײַנציקע, רו זיך ביי דעם אייביק־איינציקן; אָבער די קאַליר, וואָס ענדערסט זיך תמיד, קום ליבלעך צום מענטשן..."

...אָבער אין בערלינער „טיר־גאַרטען" האַלטן זיך אין איין אויסמישן און צוזאַמענשמעלצן די שפע ליכטיקייט מיט די סך קאָלירן. וואָס פאַר אַ שטאַרקע ליכטיקייט, וואָס פאַרא פּראַכטיקע פאַרבן ס'באַהעפטן זיך און מישן זיך אויס און גיסן זיך צוזאַמען! די פילפאַרביקע קדחת־פייגעלעך פלאַטערן איבער די אַלערליי־קאָלירטע בלומען צווישן די סופּלאָזע גרינע ביימער, באַדעקט מיט זונגאָלד־שטראַמען. טערעזע יאָגט זיך נאָך אַ שמעטערלינג. ס'גיט זיך איר איין אָנצוכאַפּן איינעם, און מיר פון לויפן, שפּרינגט זי אַריבער איבער אַ שמאָלן קאַנאַל און לאַכנדיק פריידיק אויפגעלעבט, וואַרפט זי זיך אויף דער גרינער לאָנקע אונטער אַ שווער־שאָטנדיקן זשאַ־לודיעס-בוים.

און מאַרקוס זויגט און זויגט אירע באַלזאַם־זאַפטיקע ליפּן:

— „טערעזע, איז עס אַ חלום? טערעזע, האָסטו מיך טאַקע אמת ליב?"

זיין האַרץ איז אָבער גאַנץ זיכער. זי האָט דאָך אים אַזוי פיל מאָל גע־זאָגט און פאַרזיכערט, אַז דאָס איז איר ערשטע ליבע. האָט זי־ אים דאָך

דערציילט מיט אירע אומשולדיקע מינעלעך אויף איר רייצנדן פּנים, אַז פיל בחורים האָבן זי געמאַטערט מיט זייערע ליבע דערקלערונגען און האָבן אין איר קיין פונק פון געפיל נישט דערוועקט, ביז ער, מאַרקוס לו־באַנאָוו, דער מאָדנער פרעמדער, איז געקומען און האָט זי אינגאַנצן גע־וווּנען און איר האַרץ איז פול מיט שטורעמדיקער ליבע.

„אַ לאַנגע צייט איז פאַרביי", — זאָגט זי — איידער זי האָט געקענט באַשטימען, צי דאָס איז טאַקע די אמתע ליבע, וועגן וועלכער זי האָט אַזוי פיל געלייענט אין פאַרשיידענע ביכער און וועגן וועלכער זי האָט אַליין גע־שריבן און פאַרפאַסט אַזעלכע שיינע לידלעך, וואָס האָבן אַרויסגעקוועלט פון איר האַרץ פול בענקעניש און פאַרלאַנגען אַליין ניט וויסנדיק צו ווע־מען..."

און איצטער איז דאָך שוין מער ווי אַנדערהאַלבן יאָר, ווי זי איז אַזוי שטאַרק איבערגעגעבן צו אים, און נאָר צו אים געהערן אַלע אירע חלומות און מחשבות! ווי אַזוי איז עס? ווי אַזוי איז באַשאַפן געוואָרן אין דער טיפעניש פון איר נשמה אַזאַ מאָדנער פאַרלאַנג, וואָס פלאַקערט ווי אַ פייער: תמיד מיט אים צוזאַמען צו זיין, ווי די געליבטע פאַרלעך דאָרטן אונטער די אייכן...

אין פאָרלעך ליגט זיך דאָרטן די יונגוואַרג פון דער הויך־קולטורעלער בערלין, פאַרטיפט אין ליבע־פרייד און פאַרגעניגן אינעם גייסט פון דער יוגנט פון נאָך דער וועלט־מלחמה...

אונטער דיקע ביימער האָבן זיי זיך אויסגעבעט ליג־פּלעצער פון אַלערליי בלומען און בלעטער, וועלכע האָבן זיך אויסגעמישט מיט די בערג־לעך פאַרוועלקטע בלעטער פון פאַריאָרן, און אין פאַרשיידענע פּאָזעס האָבן זיך די מיידלעך און בחורים פריידיק צעפּאַרעט, אָן אָפּהאַלט און אָן שאַנד, אַזוי ווי זיי וואָלטן באַשלאָסן ביזן דעק אויסצוזופּן דעם גאַנצן בע־כער אויסגעלאַסנקייט, פּונקט ווי זיי וואָלטן אין דער דאָזיקער אויסגעלאַסנ־קייט געזוכט אַ טרייסט פאַר זייערע פאַראומערטע הערצער און באַטריבטע נשמות...

— „ס'אַראַ שרעקלעכער פּלאַץ דאָ איז!" — מורמלט טערעזע ווען זי קוקט זיך גוט צו צו די פאָרלעך, און איר צאַרט פּנים רייטלט זיך פון בושה.

מאַרקוס מאַכט צו אירע אויגן מיט דער לינקער האַנט, ווען מיט זיין רעכטער האַנט ציט ער זיין טערעזן צו זיך און פּרעפּלט איר עפּעס אין אויער אַריין.

זי הויבט אויף אירע וואַרעמע אויגן, קוקט אים אין פּנים אריין און באַ־האַלט באַלד איר קאָפּ אין זיין שויס . . .

אין דער זעלביקער רגע ווערט מארקוסעס פּנים ווייס ווי קאַלך — באמערקנדיק, ווי דאָקטאָר זונין ליגט ניט ווייט אונטער א בוים.

דער דאָקטאָר מאַכט זיך ניט זעענדיק, אָבער זיין ברענענדיקער כעס צעגיסט זיך שטראָמיק איבער זיין פּנים און זיינע ליפּן דרייען זיך און פאַר־קרימען זיך פון אויפרעגונג.

מארקוס דערציילט עס ניט טערעזען. שטיל און פארטראַכט באקוקט ער זי און זיינע פינגער שפּילן זיך מיט די זיידענע האָר פון איר ווארעמען קאָפּ אין זיין שויס . . .

5

פארשכורט פון דער מוזיק און אָנגעזאַפּט מיט דער זיסקייט פון טער־פּסיכארא אין גלאַנץ און פּראַכט פון „פּאַלע־דע־דענס", ווו זיי האָבן לוסטיק פארבראַכט טאַנצנדיק א גאַנצן הארבסט־אָוונט, ביז זיי זיינען אויסגעמאַ־טערט געוואָרן, גייען זיי ביידע אין בופעט אריין, א ביסל זיך אפּרוען און נייע כחות אָנצוקלייבן פאַר די ווייטערדיקע טענץ.

ביי א גלעזל „רהיין"־ווייַן דריקט טערעזע אויס איר פאַרדרוס, וואָס זי קען בשום אופן ניט באַגרייפן די פּלוצלונגדיקע קאַלטקייט, וועלכע וואָלטער, איר ליבער ברודער, ווייזט איר ארויס פאַר די לעצטע עטלעכע וואָכן.

און מארקוס איז איר פותר דעם רעטעניש: וואָלטער האָט זיי ביידן גוט געזען אין „טיר-גארטן" יענעם טאָג, מיט עטלעכע וואָכן צוריק.

טערעזע ציטערט אויף און דערלאַנגט זיך אַ כאַפּ פאַרן קאָפּ:

— „אַך, אזוי? הייסט עס, אז דאָקטאָר זונין איז אונדזערער א שונא געוואָרן. אָ, וואָלסטו נאָר וויסן, וואָס פאַר א נוקם ונוטר ער איז! . . ."

דאָך באַלד באַוועגן זיך אירע הענט מיט דערמוטיקנדיקן זשעסט און זי שמייכלט חנ'ווודיק:

— „נו, ווי זאָגט זיך עס ביי א באַקאַנטן פילאָסאָף?: דער פריינד איז מיר זייער טייער; דאָך ברענגט מיר דער פיינד אויך נוצן. דער פריינד ווייזט מיר, וואָס איך קען טאָן, און דער פיינד לערנט מיך, וואָס איך דאַרף טאָן . . ."

— „וואָס, אייגנטלעך, האָסטו אין זינען צו טאָן, טערעזע?"

— „איך וועל מיינע עלטערן איבעררראשן מיט דער בשורה, אז מיר זיינען פארלאָבט".

— „אָ, טערעזע, זונין־קינד, ליבסטע מיינע!"

דורך דעם שטאַרק־באלויכטענעם דורכגאנג־זאל גייענדיק צו דעם טאַנץ־זאל, וואָס טרינקט זיך אין פיל־פארביקן עלעקטרישן ליכט, וואָס פליסט פון שטערן־פאַרמיקע לעמפלעך אָן א צאָל — זאָגט זי:

— „לאָמיר האָפן אז קיין מענטשלעכע האַנט וועט אונדז ניט וואַגן צו שטערן".

און ביי איר הויז שטייענדיק, צוריק פון טאַנץ קומענדיק, נאָך האלבער נאכט, האלט ער אין איין זיפצן און קרעכצן:

— „ווי שווער מיר איז אָפצושיידן זיך פון דיר!"

מיט טרערן אין די אויגן ענטפערט זי:

— „מארקוס, אָן דיר בין איך אזוי איינזאַם, אזוי עלנט, דאָך טרייסט איך זיך מיט דער דערמוטיקנדיקער האָפענונג, אז אין גיכן וועלן מיר אויף אלע מאָל צוזאמען זיין".

— „טערעזע מיינע, א גאנצע וועלט ליכטיקייט און לעבן איז אין דיינע זיסע ווערטער, ביסט אין גאנצן מיינע!"

אין זיין צימער אריינקומענדיק, געפינט ער א בריוו, אריינגעווארפן דורכן שפּאלט פון טיר. ער בייגט זיך איין, הייבט אויף דעם פאקעט, עפנט עס האסטיק און ווערט בלאַס ווי טויט.

ס'איז א דאָקומענט פון דער פּאָליציי:

„דער הער מארקוס לובאנאָוו מוז אין פיר־און־צוואנציק שעה דייטש־לאַנד פארלאָזן".

ער פילט, ווי א גראָבע האמעטנע האַנט וואָלט אים פארן אָקן אָנגע־כאפּט און אים אין טיפן אָפּגרונט אריינגעווארפן...

* * *

פון זייער אָפשיידס-טאָג זיינען אים אין זכרון געבליבן נאָר די פינצ־טערע וואָלקנס, וואָס זיינען ארומגעשוומען איבערן הימל, און דער שפריי־רעגן, וואָס איז געפאַלן אָן א ציל אויף די ברייטע גאַסן, וועלכע ער איז דורכגעפאָרן מיט טערעזען צו דער סטאנציע. טריב און שווייגנדיק, ווי שטומע, זיצן זיי אין וואָגן, הערן זיך צו צו דער קלאָפּעריי פון די גאלאָפּע־דיקע פערד. אויף דער סטאַנציע האלטן זיי נאָך אָן דאָס שווייגן, מורא האָבנדיק די מיילער אויפצועפענען, טאָמער שפּאַרט זיך ארויס א מאוים'דיק


דורבאַן. דרום אַפֿריקע
WRENS
THE
CHEMISTS
REM
Durban.
P.4.

געשריי קעגן דער אומגליקלעכער צעשיידונג, וואָס האָט זיך אויף זיי ארויפ־געררוקט ווי א פלוצלונגדיקער חושך. ערשט ווען דער צוג איז אָנגעקומען, האָבן זיי זיך אויפגעכאפּט ווי פון א דערשיטערנדיקן שרעק־אָנוואַרפנדיקן בייזן חלום און זיי האָבן זיך אַנאַנדער אין די אָרעמס איינגעקלאַמערט, אויספלאצנדיק אין א ביטערן געוויין.

וואָס איז נאָכדעם געווען ?

א פיינפולע רייזע, וועגן וועלכע זיין טאָג־בוך איז פול מיט בערג און שטריכן און צייכענונגען, און אין וועלכע דער נאָמען טערעזע פיגורירט אזוי פיל. בריוו האָט ער איר געשריבן אלע וואָך, און אָפט — א פּאָר מאָל א וואָך, ווו ער האָט אויסגעגאָסן זיין שטאַרקע בענקעניש.

ווען ער איז אָנגעקומען אין קייפּטאון האָט ער גענומען זוכן ארבעט. ער האָט אָבער נישט געקראָגן. דאָס זעלביקע אין יאָהאנעסבורג. נאָר דאָרטן האָט ער געפונען אין די צייטונגען, אז א דערבענער האָטעל זוכט ארבעטער. איז ער באלד אהין געפאָרן און געקראָגן א שטעלע צו רייניקן שמוציקע פעסער אין פינצטערע קעלערס, שווערע פעסער פון די קעלערס צום שענק ארויפצושלעפּן. ער האָט עס ניט געקענט אויסהאַלטן. צופעליק האָט ער געקראָגן ארבעט אין לאָרי וויינגרויס אנגראָ־געשעפט פון אלער־ליי מאשינעריע, אייזערנע אייזונס און קעסלען.

ער האָט זיך אָנגעשטרענגט, געארבעט אָן א סוף, איז געווען געטריי איבערגעגעבן זיין באַלעבאָס, וועלכער האָט געפונען אין אים דעם בעסטן ארבעטער, וואָס ער האָט נאָר ווען געהאט. מארקוס האָט מיט זיין ענערגיע געהייבן דאָס געשעפט, פארגרעסערט די פארדינסטן. דער באַלעבאָס ווי־דער, פון זיין זייט, האָט מארקוסן זייער מקרב געווען און מיט א פּאָר יאָר שפּעטער אים געמאכט פאר דעם אויפזעער און פירער פונעם געשעפט.

6

פון א חשובער יידישער פאמיליע אין ענגלאנד האָט געשטאַמט דער זעכציק־יאָריקער לאָרי וויינגרוי און האָט מיט זיך פארגעשטעלט אן עכט־ענגלישן טיפּ מיט אלע גענג און באַנעמונגען, מיטן גאנצן אויפּפיר און חשיבותדיקן שטאָלץ.

צוואנציק יאָר האָט ער אָפּגעלעבט מיט זיין געליבטער פרוי, מיט וועלכער ער האָט געהאט צוויי טעכטער, אָבער זי מיט דער עלטערער טאָכטער זיינען אומגעקומען אין א שרעקלעכער באַן־קאטאסטראָפע אין ענגלאנד, ווען זיי זיינען געווען דאָרטן אויף א לוסטרייזע. דאַן איז סיביל,

די ייִנגערע טאָכטער, אים געבליבן דאָס איינציקע טײַערע אין דער וועלט. ער איז איר געווען א פאָטער און א מוטער צוגלייך, און האָלט האָבנדיק זי ווי זײַן לעבן, האָט ער איר אין אלץ נאָכגעגעבן און איר ניט אָפּגעזאָגט אין קיין זאַך, וואָס איר האָט זיך געגלוסט. און געגלוסט האָט זיך סיבלען טאַקע א סך זאכן, וואָס אירע אָפּענע בלאָע ליכטיקע אויגן האָבן נאָר באַמערקט. קאָסטבאַרע קליידער און צירונג אָן א סוף און אין הויז ביי איר האָט זי געמאַכט אָפּטע הוליאנקעס, טענץ און ווײַן-פּאַרטיעס, וועלכע האָבן די צוואנציק־יאָריקע סיבל געטריבן צו שכרות און הפקרות.

מארקוס, וואָס האָט אויף זיך געטראגן די גאנצע פאראנטווארטלעכקייט פארן קאָלאָסאלן געשעפט, האָט זיך גענומען צוקוקן צו אלץ, וואָס גייט אָן ארום סיבלען, און דאָס האָט אים געערגערט און געווייטאָגט.

— „סיבל, דאָס טויג גאָר ניט״ — האָט ער אמאָל זייער העפלעך אויסגערעדט — „אפשר דערלויב איך מיר צופיל צו ריידן מיט מײַן באַלעבאָס טאָכטער, אָבער איך קען זיך ניט העלפן, איך מוז אייך דערקלערן, אז מיט אזא פארשווענדערישער פירונג מאכט איר אייער פאָטער אומגליקלעך און אייער אייגענער צוקונפט דראָט א גרויסע סכנה״. אלס ענטפער האָט סיבל זיך לוסטיק געמאכט און גענומען ריידן צו אים אויף א געמאכטן וויינענדיקן קול, כלומרשט זיך בעטנדיק מיט א רחמנות פּנימל:

— „אוי ווי, הויכגעשעצטער פינאנץ־מיניסטער פון אונדזער הערשאפט, האָט רחמנות, פארגרעסערט דאָך מײַן בודזשעט!...״

און אויסשיסנדיק א געלעכטער, האָט זי אים א פאטש געטאָן אויף דער פּלייצע און א זאָג געטאָן:

— „ס׳טוט מיר לייד, וואָס איר זייט אזא שיינער און ליבער מענטש און מײַן פאָטער האָט אייך אזוי ליב און רעספעקטירט אייך אזוי שטאַרק, ווען ניט דאָס, וואָלט איך אייך שטאַרק פײַנט געהאט!...״ און זי איז גלייך פארשוווּנדן.

אָבער ווען איר פאָטער איז געפערלעך קראנק געוואָרן און אין זײַן צוואה האָט ער מארקוסן געמאכט פאר א שותף אין זײַן געשעפט און פאר אַן אפּעקון איבער סיבלען, איז סיבל צוגעגאנגען צו מארקוסן און, דריקנדיק זײַן האַנט מיט אכטונג און סימפּאַטיע, האָט זי וויינענדיק שטיל געזאָגט:

— „הער לובאַנאָוו, פון הײַנט אָן וועל איך זיך באַמיִען איבערצוקערן א נײַ בלאַט אין מײַן לעבנס־בוך אונטער אייער השפעה.״

זיי זיינען צוזאַמען ארויס אין גאָרטן. מארקוס האָט סיבלען באַדאַנקט און געקליבן זיך מיט איר א לאַנגן ווארעמען שמועס צו פירן, אָבער דאָ האָט מען אים אוועקגערופן צום גוססדיקן וויינגרוי, וואס האָט פארן שטארבן געהאַט עפּעס זייער וויכטיקס אים צו זאָגן.

שטיל האָט זיך וויינגרוי ביי מארקוסן געבעטן, אז ער זאָל אים פאר־זיכערן אין די דאָזיקע לעצטע מינוטן, אז ער וועט זיין ליבלינג, זיין סיבלען, אויפפּאַסן, זי אָפּהיטן און באַשיצן פון אלע געפארן אין לעבן; און אויב ער האָט נאָר א פונק פון ליבע צו איר, זאָל ער זיך אינגאַנצן דערנענטערן צו איר און זי מאַכן פאר זיין לעבנס־פריינדין „אז איך וואָלט וויסן, אז דו וועסט זיין מיין טאָכטערס מאַן, וואלט מיר מיין טויט גאָר ניט געשראָקן" — האָט וויינגרוי מיט די לעצטע כחות ארויסגעשעפּטשעט — „און אז דו פארזיכערסט מיר דאָס, וועט מיר מיין טויט זיין ווי א זיסער קוש..."

נאָר איידער מארקוס האָט באַוויזן זיין ענטפער צו געבן, איז וויינגרוי שוין געלעגן שטייף, שטיל, ווייס־טויט.

* * *

זיין ענטפער, וואָס איז אים אויף די ליפּן געלעגן, האָט געזאָלט זיין אַן ערך אזוי: —

„זיס זאָל דיר דיין אייביקער רו זיין, טייערער, ליבער פריינד. אַכ־טונג צו געבן אויף סיבלען און זי צו באַשיצן פון אלדאָס בייז, וועל איך זיך געוויס באַמיען, אָבער זי צו נעמען פאר א ווייב — אוממעגלעך".

ווייל ער האָט דאָך אין אמתן קיין פונק ליבע צו איר ניט. אָפט קוקט ער אויף איר, ער באַטראַכט זי אין דער פריילעכער געזעלשאַפט פון אירע יונגע פריינד און ס'נאָגט אים ס'הארץ ביים פארגלייכן זיי אלעמען מיט זיין טערעזען. ווי קומען זיי אלע צו איר? זיי האָבן גאָר קיין צורה ניט אנט־קעגן זיין הארציקסטער און אייביק געליבטער טערעזען... גאָר וווּנדער־באַר, ווי ענלעך סיבל איז צו איר אין וווּקס, אין פיגור, אין האָר־קאָליר און אין אירע פלינקע באַוועגונגען...

אָפט זיצן זיי ביידע אין רחבותדיקן „אָפיס" און ריידן וועגן געשעפט, אין וועלכן סיבל איז איצט זייער פאראינטערעסירט און ווייזט ארויס גרויסע פעיקייטן, וואָס האָבן געבראַכט דערצו, אז מארקוס זאָל זיך באַציִען צו איר מיט גרויס פארערונג און באַוווּנדערונג. זי ווענדט זיך אָפט אין פרייער צייט און בעט אים, ער זאָל איר דערציילן פון זיין פארגאַנגענהייט.

ער דערציילט איר אַלץ, און אַלע רייד און דערציילונגען ציען זיך אַלץ צו איין פּונקט: צו זיין טיפער מעכטיקער ליבע, מיט וואָס זיין האַרץ איז אָנגעפילט פאַר זיין טערעזען. פאַר דער גאַנצער צייט האַלט ער אין איין שרייבן בריוו צו איר, אָבער ער האָט אפילו קיין איינציקן ענטפער ניט באַקומען — צו זיין ברענענדיקסטן צער און שרעקלעכע יסורים, מאַרקוס פאַרלירט אַלץ ניט די האָפענונג און שרייבט ווייטער. ביז וואַנען דאָס שרעקלעכסטע האָט פּאַסירט. מיטאַמאָל קומט אים אָן אַ בריוו פון בערלין, אַ קורצער בריוו איז עס געווען, אָבער אַ צעשמעטערנדיקער:

„...אומזיסט פאַרלירסטו דיינע כחות, דיין צייט און געלט, טערעזע איז שוין לאַנג אין בערלין נישטאָ און ווייסט אויף דיין לעבן זי שוין קיינ־מאָל ניט זען און אפילו איר שאָטן ניט אָנקוקן...“

מאַרקוס קלאָגט זיך פונאַנדער ווי אַ קינד און זודיקע טרערן גיסן זיך איבער זיין ברוינעם פּנים.

דאָ האָלט שוין סיבל ניט אויס. זי פאַלט אים אויפן האַלדז:

— „ליבער, האַרציקער מאַרקוס, באַשיצער מיינער! לאָז מיר דיך טרייסטן, נעם מיך, לאָז מיך זיין דיין טריי־איבערגעגעבענע לעבנס־פריינ־דין, איך וועל דיר דיין לעבן פאַרזיסן, איך וועל דיר גליקלעך מאַכן. איך האָב דיך ליב מיט מיין גאַנצן האַרצן!“

* * *

מאַרקוס גייט אַרום אַ צעבראָכענער, זיין האַרץ איז צעריסן. עס קריכן די טונקעלע טרויעריקע טעג, פול חושך און יאוש; עס ציען זיך די פּעכי־קע, שווארצע נעכט, וועלכע צעדריקן זיין נשמה מיט מוראדיקע מחשבות און שרעק־חלומות. „נישט־גוטע“ שטעלן אים אַרויס לאַנגע צינגער:

— „זעסט, טפש איינער, טערעזע, טערעזע, דיין טייבעלע, האָט דיך אוועקגעוואָרפן ווי אַ צעריסענע הענטשקע!

און די גאַנצע מחנות „נישט-גוטע“ שטשירען ווייטער מיט זייערע ברייטע, האַלב אויסגעפוילטע ציינער און לאַכן אים ווילד און בייז אין דער נשמה אַריין:

— „דו שוטה, האָסט זיך איינגערעדט: טערעזע, שמערעזע! זי דאַרף דיך אויף כפרות און טראַכט פון דיר אין אַ פינצטערער נאַכט:

זי האָט דיך אויסגעלאַכט, פאַרראָטן, פאַלש, פאַלש, פאַלש!“

אַזוי לויפט די צייט און מאַרקוס הייבט זיך אָן פילן געטרייסט אין סיבלס קעגנוואַרט. אַלץ פריינדלעכער ווערן די בליקן זייערע, אַלץ וואַ־

רעמער און צוגעלאָזענער — די רייד. און פאַר אלע ארומיקע פריינד ווערט אלץ מער נאטירלעך, זיי זאָלןביידע חתונה האָבן. קען דען אנדערש זיין? איז דען דאָ א גלייכערער שידוך אויף דער וועלט?

איבערהויפּט האָט זיך בלב ונפש אריינגעטאָן דעם שידוך דורכצופירן רפאל הערצבערג, א גרויסער ידיד פון פארשטאָרבענעם וויינגרוי. זייער א ליבלעכער מענטש, א דערפאָלגרייכער קאָמערציאַנט, וואָס נעמט דאָס גאנצע לעבן מיט א שמייכל אויפן פנים און מיט איין וויץ נאָכן אַנדערן. ס׳גאנצע לעבן זיינס זעט אויס ווי אַן אנעקדאָט...

געבאָרן אין דער ליטע, געלערנט, געווען א למדן, א משכיל, געלעבט יאָרן לאנג אין ענגלאנד, אין אמעריקע און אלע מאָל געווען אַן אביון און אלע מאָל פריילעך, לעבעדיק, אויסגעלאכט אלץ און אלעמען, אין אמונה זאכן אַן אפּיקורות — קומט ער קיין אפריקע און דאָ גראָד געפינט ער זיין גליק אין ביזנעס, ווערט א גביר און גאָר א רעליגיעזער מאַן! גייט אין שול, היט אָפּ שבת און יום־טוב, ווערט גבאי און קאָפּ פון אלע צדקה־חברות, איז באליבט ביי אלעמען און זיינע ווערטער פארנעמען אַן אָרט. מען עצהט זיך מיט אים און מען פאָלגט אים.

ער לאָזט עס מארקוסן ניט אָפּ:

— „וואָס ווארטסטו? וואָס נעמסטו סיבלען דאָס געזונט ארויס? איר האָט זיך דאָך ביידע ליב ווי ס׳לעבן! קען מען דען אויף דער וועלט געפינען א שענערער פּאָרל, ווי איר זייט? צוויי דימענטן, בריליאנטן! איר וועט דאָך גליקלעך זיין! זעסט דאָך, אז א פינגער פון גאָט האָט אייךביידן צוזאמענגעבראכט און אייך פאראייניקט. שטעלט א חופה און לעבט אין נחת און אין פרידן!"

מארקוס און סיבל האָבן אים געפאָלגט. ס׳איז געווען א שיינע חתונה.

7

סיבלס פנים האָט געלויכטן פון גליק, בעת זי האָט באַטראַכט די נייע אויטאָ, וואָס איר מאַן האָט איר געבראכט. נאָר פּלוצלונג האָט זי אויפגעציטערט, באמערקנדיק דעם שווערן אומעט אויף מארקוסעס פנים.

וואָס זאָל דאָס באַדייטן? פון וואַנען נעמט זיך אזא טריבקייט?...

— „דאָס איז געוויס דער פּאַרדרוס צוליב דעם הינטל, וואָס די אויטאָ האָט אוועקגעהרגעט!" — מאכט זי מיט א הארציקער רחמנות־מינע — „אָבער, גוטער גאָט! ס׳איז דאָך נאריש אזוי זיך צום הארצן צו נעמען.

— אפשר איז דורך דעם אומגליק, וואָס איז אויסגעגאנגען צום הינטל,

אויסגעמיטן געוואָרן א שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט געלויערט אויף דיין און אונדזערע קינדערס לעבן! מאַך זיך נישט קינדיש און דער־מוטיק זיך" — טענהט זי, ניט וויסנדיק די אמתע סיבה, וואָס האָט זיין פּנים אזוי פּלוצלונג פאַרחושכט...

זי קוקט זיך איין מיט טיפער ליבשאַפט אין זיינע אויגן אריין, לייגט איר קאָפּ צו צו זיין ברוסט און זאָגט:

— „מאַרקוס, הערצבערג האָט טעלעפאָנירט, אז היינט איז אוממעגלעך אייער בשותפותדיקן ענין ביים האָפן אויסצופירן, דערפאַר זאָלסטו זיין גרייט אויף מאָרגן נאָך האַלבן טאָג מיט אים ביים האַפן זיך צו טרעפן, הערסטו?"

— „גוט", — ענטפערט ער גלייכגילטיק — „אָבער כ׳מוז באַלד וועגן דעם זעלביקן ענין אנדערשוואו אליין גיין — — —"

ער פּרוווט מיט אַלע מעגלעכקייטן זיך ארויסצושלאָגן פון דעם שטע־כעדיקן צער און שמאַרצפולע פאַרלאַנגען צו זען טערעזען. ס׳העלפן אָבער ניט די רייד פון סיבלען און די שטיפערייען פון די קינדער ביים טיש. ס׳גייט אים ניט איין דאָס עסן, ער ציטערט פון אומגעדולדיקייט, ער איילט זיך פון טיש אוועקצוגיין און לויפן צו טערעזען. דער וועג איז אים אזוי לאַנג און די גאַנצע צייט קלאַפּן אים אין מוח ווי האַמערס די ווערטער:

„...ווען ס׳ציט מיך צו טאַנצן און שפּרינגען ביזן הימל,\
פאַרזינקט טיף אין העל מיין נשמה באַטריבט!..."

* * *

פאַר די דריי שעה, וואָס ער איז ביי טערעזען געזעסן, האָבן זיך זיינע, פון הייסע טרערן צעשמאָלצענע אויגן, אויף איין מינוט ניט אָפּגעטאָן פון איר און יעדעס וואָרט און יעדער זיפץ זיינען אים אין אַלע גלידער אריינגע־דרונגען. אַלץ איז אים איצט שוין אזוי דייטלעך קלאָר געוואָרן פון דער מאַרטירער־געשיכטע, וואָס זי האָט אים דערציילט מיט איר מוזיקאַלישער, אים אזוי באַליבטער שטימע:

...אַלס מוזיק־לערערין אין בערלינער קאָנסערוואַטאָריע, דורך די יאָרן פון זייער צעשיידונג, איז זי געווען באַליבט און פאַרערט ביי איר גאַנצער סביבה און אין איר אַרבעט האָט זי גרויס טרייסט געפונען אין די שווערע יסורים פון איר טראַגישער ליבע צו דעם איינציקן אין לעבן, דעם טייערן און ליבן מאַרקוס לובאַנאָוו, וועמען יעדער האַרץ־פּלאַטער אירער

געהערט; וועמען יעדן קלאַנג פון אירע געזאַנגען איז געווידמעט. זיין בילד, יע, נאָר זיין ליכטיק בילד האָט זי תמיד אין איר טרייען הארצן געטראָגן!

מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען דער היטלער־חושך האָט גענומען פאַר־פינצטערן דאָס יידישע לעבן אין דעם סאַדיסטן־לאַנד, האָט זי אויך גע־נומען ליידן. איבערהויפּט האָט זיך אויף איר ארויפגעוואָרפן א צרה אין געשטאַלט פון א מנוולדיקן דאָקטאָרל מיטן נאָמען הונדקע, א העסלעכער מענטש, באקאַנט דורך זיינע מיאוסע מעשים. זיין עקלהאַפטע געשטופּל־טע צורה איז איר געווען דערווידער ניט ווייניקער פאַר זיינע פּאַסקודנע לאַנגע לידער, אין וועלכע ער האָט אויסגעגאָסן זיינע ליבע דערקלערונ־גען, וואָס האָבן בפועל ממש, איר דאָס לעבן פאַרביטערט, פּונקט אַזוי ווי זיינע „שטאָלצע" טענות, אז זי דאַרף זיך פילן גליקלעך, וואָס ער, דער גע־הויבענער „אריער", איז געצוואונגען דורך זיין מעכטיקער ליבע זיך ארונ־טערצולאָזן צו די פיס פון איר, דער פרעמדער...

פון שלום וועגן האָט זי געליטן און געטראָגן די באַליידיקונגען, נאָר באַקומענדיק איינמאָל פון אים א לאַנגן בריוו, פול גרימצאָרן, חוצפּה און זידלערייען, פאַר וואָס זי איגנאָרירט זיינע ליבע־דערקלערונגען, וואָס דאַרפן זיין פאַר איר א גרויסער כבוד — האָט זי אים ענדלעך געענטפערט, אז עס דאַרף ניט פּאַסן פאַר אַזא הויכגעשעצטן אריער פון אַזא לייבן־יחוס צו פאַלן צו די פיס פון א פּשוטער פרויענצימער, וועלכע איז דאָך ניט מער ווי א טאָכטער פון מענטשן־קינדער, וואָס ווילדע לייבן און טיגערס און אנ־דערע מוראדיקע חיות האָבן אלע מאָל פיינט געהאַט... דעריבער וואָלט פאַר אים שענער און בעסער געווען, אז ער זאָל זי צורו לאָזן, זי ניט מאַ־טערן מיט זיינע דערקלערונגען און דערביי זיין אייגענעם כבוד צו שאַ־נעווען...

דאַן איז דאָס דאָקטאָרל פאַרשוווּנדן געוואָרן, נאָר ווען די נאַציס זיינען אין רעגירונג־זאָטל אריין און זייער רשעות האָט פאַרפלייצט דאָס יידישע לעבן, — האָבן זיך אין רודאָלף זונינס שיינעם הויז אריינגעלאָזן א צען יונ־גע רויבער און מערדער, אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם דאָקטער הונטקע, אין ברוינעם אוניפאָרם, מיט אייזערנע שטעקלעך אין די הענט און מיט באַרבאַרישע אכזריות האָבן זיי דעם פאָטער און דעם ברודער דאָקטאָר זו־נין געבונדן. דער לעצטער האָט געפּרווּט פּראָטעסטירן, זיך בעטן, שרייען אנטקעגן דער בלוטיקער עוולה, וואָס מען באַליידיקט זיי אַזוי, בעת זיי זיינען פּונקט אַזעלכע גרויסע פּאַטריאָטן, ווי די נאַציס. אָבער אַנשטאָט אַן ענט־

פער האָבן זיי אים אזוי מערדערלעך צעקלאפּט מיט די אייזערנע שטעקנס, ביז ער איז א צעשמעטערטער געפאַלן טויט. זי, טערעזע, איז אין חלשות געפאלן, און ווען זי האָט צוריק צום לעבן דערוואכט, האָט זי זיך געפונען אין א האָספּיטאָל. ארויסקומענדיק פון דאָרטן, האָט זי זיך דערוווסט פון דער גרויסער טראגעדיע, אז דער פּאָטער איז געפונען געוואָרן א דערטרונקענער אינעם „שפּרעי" און אז איר מוטערס האַרץ האָט עס נישט אויסגעהאַלטן און זי איז אוועקגעשטאָרבן.

דער דערשלאָגענער, פארלאָזענער, אומגליקלעכער טערעזען איז גע־לונגען א ביסל פונעם פּאָטערס פארמעגן ארויסצוראטעווען פון די הענט פון די ווילדע חיות און מיט א האלב אויסגעלאָסענער האָפענונג מיט איר מאַר־קוסן זיך צו באגעגענען, כאָטש זי האָט פון אים פאר דער גאנצער צייט אפי־לו קיין איין בריוול ניט באקומען, איז זי געפאָרן קיין אפריקע און איז אָנגע־קומען קיין דערבן. ווען דאָס ביסל געלט אירס איז אויסגעגאנגען, האָט זי זייער שטאַרק געליטן עלנט, נויט און אפילו הונגער. ענדלעך האָט זיך איר איינגעגעבן עטלעכע מוזיק-לעקציעס צו קריגן און איצט לעבט זי זיך ווי עס איז דורך...

„...אָ, אָ,... און אָט האָב איך דיך טאַקע באגעגנט" — — — שעפּטשעט זי און די טרערן רינען, רינען — „און דו האָסט א ווייב מיט קינדער... רייך, גליקלעך..."

זיך טרייסלענדיק, פלאַטערנדיק און פארוואָרגן פון געוויין, בעט ער זיך פארצאָגט און פארקלעמט:

— „טערעזע, טייערע, קום מיט מיר, שוועסטערל ליבסטע, מיין הויז איז דיינס... קום מיט מיר, זיי מיט אונדז..."

— „כ'בעט דיך, מארקוס" — קלאָגט זי שטיל, אירע אויגן צו דר'ערד אראָפּגעלאָזן און איר פנים צעקרימט פון טיפסטן ווייטאָג — „ניין... מארקוס, ניין... ניט איצטער... ווער ווייס?... אפשר... אן אנדער טאָג... אפשר וועסטו מאָרגן קומען..."

8

נאָך א טרויעריקער נאַכט איז אָנגעקומען אן אומעטיקער מאָרגן. א גודנער, פוילער רעגן איז זיך גלייכגילטיק געפאלן פון די בלייענע וואָלקנס, וועלכע האָבן אלץ ארום געמאכט אזוי טונקל, אָט אזוי ווי ס'אים אויפן האַרצן... זיינע בלוטן רעשן, עס קלאפּט שטאַרק זיין האַרץ און ער גע־פינט זיך גאָר קיין אָרט ניט, ער ווערט שיר ניט צעשפּרונגען פון הייסן

באגער ווידער אמאָל טערעזן אָנצוקוקן. אָ, ווי דערלעבט ער שוין אָונט, זי ווידער צו זען, איר דערקוויקנדיקן קול ווידער צו הערן. ער וועט ריידן צו איר, ער וועט זיך בעטן ביי איר, זי זאָל מיט אים גיין צו זיין היים, ער וועט איר געבן אלץ, וואָס זי פארלאנגט. ער וועט זי אָפּהיטן און באשיצן פון אלע געפארן, ער וועט זי אויפפּאַסן און זאָרגן פאר איר. און מיט סיבלען וועט ער ריידן, איר דערקלערן אז ס׳איז נייטיק, ווי דאָס לעבן, זי זאָל טערעזען אין הויז אנטפּאַנגען ווי א גוטע געטרייע שוועסטער...

ס׳דרייט זיך אים דער קאָפּ, ס׳גייט אים ס׳געשעפט און ס׳גאנצע לעבן ניט איין. נאָר העצבערגס אָנקומען דערמאָנט אים וועגן דעם וויכטיקן ענין וואָס זיי האָבן ביידע צו באהאנדלען. א קאָלאָסאלע טראנסעקציע איז עס: א פראַכט־שיף, וואָס האָט זיך אָנגעשטויסן אָן פעלזן, איז שטאַרק געשעדיקט און די פארזיכערונג־געזעלשאפט פארלאנגט א באָט פאר דער סחורה. אויב זייער באָט וועט אָנגענומען ווערן, וועלן זיי מאכן א גאנץ גרויסן ריווח. הערצבערג האָלט אין איין ריידן וועגן דעם און אין פלאנעווען און חקירהנען, און פארפעלט ניט זיינע דיבורים צו פארפעפערן מיט וויצלעך, וועלכע קריכן מארקוסן אין קאָפּ ניט.

— „הער, זאָג מיר, מאַרקוס, וואָס טוט זיך עס מיט דיר היינט?!“ — קערט זיך צו אים הערצבערג — „זאָג מיר דעם אמת, וואָס האָט פאסירט? נאָר דעם אמת!...“

מארקוס שוויַיגט.

— „וואָס פאר א שוויַיגעניש איז אויף דיר ארויפגעפאלן?“ — מאָנט ווייטער הערצבערג. צוקומענדיק צום האָפן, דערשיינען פאר זייערע אויגן מעכטיקע קריג־שיפן, ווי גרויסע פאלאצן, צוגערוקט צום ברעג ים, רוען זיי זיך גאוהדיק, אויסטרעקנדיק לאנגע דיקע קאַנאָנען־אַרעמס, ווי זיי וואָלטן אויסשרייַען הויך און שטאָלץ: „גאולה און שוץ איז מיט אונדז, כבוד און גדולה קומט אונדז!...“

מארקוס און הערצבערג קענען זיך ניט אָפּקוקן פון די גראנדיעזע קריג־שיפן, נאָר זיי איילן זיך צו דער געשעדיקטער פראַכט־שיף צוצוקומען.

* * *

פלוצלונג קריכט ארויס די זון פון הינטער א גראָלעכן וואָלקן און א גרויסע ליכטיקייט צעשפרייט זיך איבער דעם ברייטן גרינעם שטח, וואָס ציט זיך פאַזע ים. די פון רעגן אָפּגעוואשענע ביימער שמייכלען פריש און זויבער אנטקעגן דער זוניקער ליכט־שפע.



אַ טאָל ביים טייך אומגעני, נאַטאַל.

די מאסן פילפארביקע בלומען אויף די פריש־גרינע לאַנקעס צעשפּילן זיך לוסטיק דורך א מילדן ווינטל, וואָס ציט זיך דורך דער לופטן ווי א שטילער באַלזאַם־שטראָם. די טראָפּנס פונעם רעגן וואס זיינען נאָך פארבליבן אויף די „פּאַסיאָן־בלומען״*), די „ליבע און וואָלקן״, די „ניגעלאָס״ און די „גלאַדיאָלעס״ — שימערן אנטקעגן דער זון, ווי פּערל און בריליאנטן.

מאָרקוס האלט אין איין שטומען טראכטן, און הערצבערג רעדט אָן א סוף, גייענדיק בערגל ארויף — בערגל אראָפּ.

— „ס׳וועטער איז אזוי מילד און ווארעם — זאָגט הע״רצבערג — „פונדעסטוועגן שטורעמט דער ים אזוי שטאַרק! וואָס זאָל עס באדייטן? און ניט קריגנדיק קיין ענטפער, שרייט ער צום פארשטומטן מארקוסן: — „ליבע הימלען! ענטפער דאָך כאָטש א וואָרט, דו ווארפסט דאָך א פּחד אויף מיר ארויף!... רייד עפּעס!...״

— „יע, טאָקע, דער ים ברויזט און דונערט!...״ — מורמלט מארקוס קוים ארויס.

די שטורעמדיקע כוואליעס הייבן זיך ווי וויסע בערג, ווי ס׳וואָלט דער ברייטער ים פאר זיי ענג געווארן, ארויסשפּארן זיך פונעם אומענדלעכן אָקעאן ווילן זיי, די וועלט וועלן זיי פארפלייצן... זיי הייבן זיך אויף אָן א סוף, און מיט קולי קולות זיך אָנבייזערנדיק, פאַלן זיי ווידער אין טיפן אָפּגרונט אריין...

פון וויטנס זעט זיך א וואָלפיש, וואָס ווערט געשלעפּט דורך א וואלפאַנג־שיף. די שיף וויגט זיך ווי א וויגעלע אויף די כוואַליעס־בערג, דער מעכטיקער טויטער וואַל־פיש וויגט זיך אין דער מיט און הייפיש ציען זיך נאָך אים און בייסן אויס שטיקער פלייש פון זיין טויטן קערפּער... א גרויסער ים־לייב שטעקט ארויס זיין קאָפּ פון צווישן די וויסע וואָלן און פּרובירט זיך אויפהויבן אין דער לופטן, אָבער באלד זינקט ער אין די טיפע שטראָמען אריין...

— „גאנצע וועלטן זיינען דאָ אין ים, הערסטו, מארקוס?...״

נאָר מארקוס שטייט אומבאוועגט. א מאָדנע פינצטערע שרעק, ניט ווייסנדיק פארוואָס, האָט אים ארומגעכאפּט און זיין מארך ווערט צעפּיקט, ווי פון שאַרפע שנאָבלען, פון קליינע שטעכעדיקע ברואימלעך, אין וועלכע

*) נעמען פון בלומען.

ס׳זיינען פלוצלונג פארוואנדלט געווארן די ווערטער פונעם אלטן ליד, וואס לעבט אין זיין נשמה:

״... מיין מיידל האָט זיך מיך צו פארראטן באזונען,
דאָס האָט מיך געמאכט פאר א לעבנס־פרייד־האַסער, —
כ׳בין געלאָפן צו א טייכל וואסער...״

און באלד קלינגען אים ווי גלעקער אין מוח טערעזעס באמערקונגען:
„... ווען מיין געליבטער פארראַט מיך און איך קום צום וואַסער —
שפרינג איך גלייך אריין און א סוף...״
— „וואָס האָט פאסירט, מארקוס? זאָג מיר אויס דעם סוד״ — בעט זיך הערצבערג רחמים.

נאָר מארקוס נעמט שווייגנדיק פון קעשענע ארויס א זיידן טיכל, און אויסווישנדיק זיינע נאסע אויגן,ווארפט ער א בליק צו דער לינקער זייט פונעם האָפן. ער באמערקט אויף א הויכן פעלז אין ים, ניט ווייט פון ברעג, שטייט א פרויענצימער, געקליידט אין ווייסן —
א מארמאָרנע סטאטוע! — — —
„גרויסער גאָט!״ — שרייט ער ווילד און לאָזט זיך לויפן מיט משונה־דיקע קולות:
— „טערעזע! טערעזע! — — —״
... זי הייבט אויף איר קאָפּ רויק און שטאָלץ און שפרינגט אין וואַ־סער אריין...

* * *

די שטורעמדיקע כוואַליעס האָבן זי א דריי געטאָן, א הייב און א שטויס געטאָן אויף ווייטער־צו און באלד איז זי פארשלונגען געווארן אין די רוגזהדיקע שוימיקע וואלן.
אויפן האָריזאָנט האָט זיך באוויזן א שיפל, וואָס האָט זיך מיט די מאוימ־דיקע וואסער־בערג געראנגלט...
און דער ים האָט ווילד געקאָכט און געשטורעמט...

די מאַמע איז גערעכט געווען

(ד ע ר צ ײ ל ו נ ג)

— „האָסטו דען קיין אויגן ניט אין קאָפּ? אידיאָט!" — האָט א הויכער, דיקער, רויטפּנימדיקער, ענגלישמאַן אויסגעשריען צו א יידישן יונגמאַן, מיט וועמען ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף א ווינקל פון איינער פון די הויפּט־גאַסן אין יאָהאַנעסבורג, און דער שטויס איז אזוי שטאַרק געווען, אז ביידע האָבן זיך א שאָקל געטאָן און זיינען ארויפגעפאַלן אויף דעם אויסגעפּוצטן פענצטער פונעם גרויסן געשעפט, וואָס אויפן רושיקן און קאָכעדיקן גאַס־ווינקל, און דעם ענגלישמאַנס הוט און פּיפּקע זיינען אראָפּגעפאַלן אויפן טראָטואר.

— „אנטשולדיקט, כ'בעט אייך" — האָט דער יונגערמאַן זיך געבעטלט אין שרעק און אין פאַרדרוס — „כ'בין געווען פאַרטראַכט... צעטראָגן, זאָרג געהאַט... כ'האָב גאָר קיין ווערטער ניט מיין צער אויסצודריקן" — האָט ער לאַנגזאַם פאַרגעזעצט, ווען זיינע אויגן האָבן זיך אריינגעדרונגען אינעם קליינעם בערגל אש פונעם האַלב פאַרלאָשענעם טאַבאַק, וואָס איז פונעם ענגלישמאַנס פּיפּקע ארויסגעפאַלן און זיך נאָך א ביסל גערויכערט; א געדאַנק איז אים פלינק דורכן מוח דורכגעלאָפן: „אָט אזוי רייכערט זיך אויס אויך מיין הארץ דורכן ברענענדיקן וויטאָג..."

דער ענגלישמאַן האָט רוגזהדיק זיין קאָפּ אויפגעהויבן און מיט שווייגנדיקער פאַראַכטונג האָט ער זיך אָפּגעטראָגן און דער יידישער יונגערמאַן איז געבליבן שטיין א פאַרגליווערטער ווי צוגעשלאָגן צו זיין אָרט, זיך ניט א ריר טוענדיק, ביז אַן אנדער פאַרבייגייער האָט אים א לייכטן שטויס געטאָן.

מבולבלדיק און צעטומלט האָט ער זיך געלאָזן גיין, אָבער באַלד האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אנטקעגן א גרויסן שפּיגל אין א שוי־פענצטער פון א געווער־געשעפט און האָט פאַרחלומטערהייט באַטראַכט זיין אייגן בילד אינעם שפּיגל: זיין לענגלעך טונקל פּנים, איבער וועלכן ס'האָט זיך געוואָלקנט א שטאַרקע מידקייט נאָך א לאַנגע שלאָפלאָזע נאַכט, און זיך

צוקוקנדיק צו די גראָלעכע האָר אויף די זייטן פון זיין קאָפּ אונטערן שטרויענעם הוט, האָט ער שווער אָפּגעזיפצט:

— „אָט די גראַקייט אין סאמע יוגנט, אינעם אכט־און־צוואנציקסטן יאָר פון מיין לעבן, איז נאָר דורך איר פאראורזאַכט, יע, נאָר דורך איר!..."

און צוזאמענציענדיק די פּאָלעס פון זיין זשאַקעט און זיי צונויפשפּיליענדיק האָט ער נערוועיש געמאַכט עטלעכע שפּרייזן, איז צוריקגעקומען צום



אַ גאַס אין יאָהאַנעסבורג.

גרויסן פענצטער, אין וועלכן ס'האָבן געגלאַנצט און געפינקלט אַלערליי געווער־מכשירים, און ער איז פאַרזונקען געוואָרן אין מחשבות...

— „זי, זי, די גיפטיקע שלאַנג, נאָר זי האָט מיך אין דער סאמע יוגנט אַלט געמאכט, מיך אזוי צעבראָכן!..."

* * *

אין אמתן איז עס דאָך ניט מער ווי א פינף יאָר צוריק, ווען טאָמי ליבקין האָט זיך נאָך געהאט גערעכנט פאַר א יונג בחורל, פול מיט לעבן, פריי, פריילעך, געזונט און שטאַרק, א טייערער בן יחיד ביי זיינע רייכע עלטערן אין פּאַנפונדייל. צוזאמען מיט זיין איינציקער שוועסטער האָט ער באזוכט די שול. צו זיבעצן יאָר האָט ער געענדיקט מעטריק און איז אָנגעקומען אין אוניווערסיטעט פון אידנבערי, אין שאָטלאַנד. נאָר איין יאָר איז ער דאָרטן געוועזן, ווען ער האָט דערהאַלטן א טעלעגראַם, אז ער מוז קומען אהיים, דער פאָטער זיינער איז אריבערגעפאָרן געוואָרן דורך אַן אויטאָ. א היים קומענדיק האָט ער זיין פאָטער געפונען טויט און די מוטער זיינע, וואָס האָט

זיך ניט געלאָזט טרייסטן, איז געווען צו שוואַך און צעבראָכן אָנצופירן ס׳געשעפט. דאַן איז טאַמי געצוואונגען געווען זיך אריינצוווארפן אין ביז־נעס. ס׳איז אים אָבער ניט גוט געגאַנגען, האָט ער זיך אויסגעלערנט בוכפירונג. ער איז געווארן אן אויסגעצייכנטער בוכהאַלטער און האָט געקראָגן ארבעט אין א לעדער־און־שיך־געשעפט אין יאָהאַנעסבורג. ער האָט באַלד זיין מוטער און שוועסטער אהין אראָפּגעבראַכט און אין א שיי־נעם „פלעט״ האָבן זיי זיך רויק און צופרידן געלעבט.

זיין מוטער האָט ער האַלט געהאַט מיט לייב און לעבן. זיינע פריינד און באַקאַנטע האָבן אַלץ געטענהט, אז זיי האָבן נאָך קיינמאָל ניט געזען אזא ליבשאַפט צווישן זון און מוטער. „אן אמתער מלאך איז מיין מאמע״ — פלעגט ער תמיד זאָגן; און די גליקלעכע מוטער האָט זיך געהאַט אזא פּזמון: „וועמען גאָט האָט ליב, דעם גיט ער אזא טייערן זון, ווי מיין טאָמי איז״.

אָפט פלעגט זי אָט דעם גרויסן בחור ווי א קליין קינד ארומנעמען און האַליובעדיק און קושנדיק אים פלעגט זי זיך צערעדן:

— „טאָמי, טאָמי, ליבער, אוי ווי מיר פאַרדריסט, וואָס דו ביסט אַנ־דערש פון אַלע בחורים. ווי איך האָב רחמנות אויף דיר, וואָס דו פאַר־ברענגסט דיין גאַנצן לעבן נאָר מיט מיר! וואָס פאַר א פאַרגעניגן קען דען מיין געזעלשאַפט דיר ברענגען?... פאַרוואָס חברסטו זיך ניט מיט יונגע מענטשן פון דיין גלייכן?... זאָג מיר, טאָמי, קינד מיינס, האָסטו דען ניט עפּעס א שיין, ליב מיידל, מיט וועמען צו פאַרברענגען??״

און ער פלעגט זיך פונאַנדערלאַכן, ברייט זיינע אויגן צעעפענען, און אויסשטעלנדיק זיינע ליפּן מיט א גרימאַסע פון א צעלאָזענעם קינד פלעגט ער פּלוצלונג זי א כאַפּ טאָן פאַר די פּלייצעס און זי שטיפעריש צוציען צו זיין האַרצן:

— „אָ, מאַמע, מאַמע, מיין גרויס מיידל דו!... דו ביסט דאָך מיין איינציקע געליבטע! טאָ פאַר וואָס ווילסטו מיך פון דיר אוועקטרייבן?...״

און באַלד פלעגט ער ווערן צוריק ערנסט און, גלעטנדיק אירע שיטערע גראָלעכע האָר, פלעגט ער זאָגן:

— „מאַמינקע, אוצר מיינע! ווייסט דאָך, אז בחורים פון מיין עלטער געפינען זייער הנאה און פאַרגעניגן אין קלובן, אין האָטעלן, אין קאָרטן און ווייַן... און ווי גליקלעך בין איך, וואָס איך האָב גאָר קיין חוש ניט פאַר די דאָזיקע פאַרגעניגנס. גלייב מיר, מאַמע טייערע, אז מיין פרייד

איז גאַנץ און מיין הארץ איז אויסגעפילט, זייענדיק מיט דיר — פאַר־שטייסטו ? — — —״

* * *

אָבער פאַר די לעצטע פיר יאָר איז אַלץ אזוי פאַרענדערט געוואָרן.

ס׳הייסט פון יענער צייט, זינט אין זיין לעבן איז אריינגעקומען זי — דאָריס פעדלין.

באַגעגנט האָט ער זי אין אידנבערי. זי איז דאַן זעכצן יאָר אַלט געווען. א טאָכטער פון אן אָרעמען פיש־הענדלער, האָט זי דאַן געאַרבעט אין א דרו־קעריי און ס׳געהאַלט, וואָס זי פלעגט באקומען, איז איר גענוג געווען נאָר אויף קליידער און קינאָ. שוין צו יענער צייט איז איר רייצנדע שיינקייט געווען אויסערגעוויינטלעך. גרויסע קינסטלער און מאָלער האָבן איר שיינקייט באוואונדערט און דורך דעם איז זי אריינגעצויגן געוואָרן אין זייער דערהויבענער געזעלשאַפט, זי האָט דאָרטן געקראָגן א סך כבוד און נאָך מערער קאָמפּלימענטן, צו וועלכע זי פלעגט זיך שווייגנדיק צוהערן מיט גרויס הנאה, שמייכלנדיק דערביי מיט יענעם שמייכעלע, וואָס פלעגט מאכן די מענערשע הערצער צאַפּלען אָן א סוף. אָבער פון אלע שבחים און קאָמפּלימענטן פון אירע פאַרערער איז פאַר איר קיין תכלית ניט ארויסגע־קומען, דעריבער האָט איר אָרעמער פאָטער געבעטן זיין אפריקאנער ברו־דער, טשאַרלי פעדלין, דעם רייכן אנגראָ־לעדער-סוחר, טאָמי ליבקינס באַ־לעבאָס, ער זאָל דאָריסן, וואָס איז דאַן איין־און־צוואַנציק יאָר אלט געווען אראָפּברענגען קיין אפריקע, אפשר וועט זיך דאָרטן פאַר איר עפּעס א ציל אין לעבן מאכן.

די זעלטענע שיינקייט דאָריסעס איז באַשטאַנען פון איר גלייכער, ניט צו הויכער, אויסגעטאָקטער פיגור; פון איר צאַרטער הויט; אירע העלע קורצע האָר, און אירע לענגלעכע קלאָרע אויגן, אין וועלכע ס׳איז ארומ־געשווומען א בלוי־גרינלעכער שמייכל־גלאַנץ, מיט כישופדיקער פרייד־ליכטיקייט. און ווי א צוגאָב צו איר שיינקייט האָט געמוזט צוגערעכנט ווערן איר פיינער געשמאַק אין פוץ און שיק, אין פראַקטפולער קליידונג. די, וואָס פלעגן פאַרביי איר פאַרבייגיין האָבן נישט געקענט בלייבן רויק און גלייכגילטיק; זייערע הערצער פלעגן א שפרונג טאָן אין התפעלות און פאַרוואונדערונג. און טאָמי ליבקין, פאַר ווען דאָריס פעדלין איז דערשי־נען דאָ, אין יאָהאנעסבורג, עפּעס אין גאָר אַן אַנדער געשטאַלט, עפּעס גאָר אנדערש, ווי ער האָט זי געקענט אין אידנבערי, — האָט זי אויסגעקוקט ווי א לעגענדאריש בילד פון א פראַכטיקער ווּנדער־וועלט. אלע זיינע גלי־

דער האָבן זיך א צאַפּל געטאָן, ווען ער האָט זיך מיט איר באַגעגנט ביי זיין באַלעבאָס אין הויז, און אַן אומגעהערטער קול האָט אין זיינע אויערן גע-שעפּטשעט:

„אַי, טאָמי, טאָמי, דאָס דאָזיקע מיידל וועט דיך אינגאַנצן באַהערשן!" און נאָך ווי זי האָט אים באַהערשט!

ער האָט זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן, וואָס ביז דאַן האָט ער גאָר קיין אַנונג ניט געהאַט וועגן ליבע און וואָס ער האָט איבערהויפּט קיין פּרויען ניט גוט געקענט. די איינציקע, וועלכע ער האָט יע גוט געקענט — זיין מוטער און שוועסטער — זיינען אים אויסגעקומען צו זיין הייליקע און הויכע נשמות, און אַזוי האָט ער אַלע פּרויען באַטראַכט.

זיינע אויגן, וואָס זיינען פאַרבלענדט געוואָרן פון דער שטאַרקער פאַר-טומלדיקער ליבע, האָבן ניט באַמערקט די פּוסטקייט פון דאָריסעס מוח און האַרץ, וואָס זיינען אינגאַנצן געווען אָפּגעגעבן נאָר איין ענין אין לעבן: טייערסטע צירונג, בלאַנקענדיקע דימענטן און קאָסטבאַרע קליידער.

ביי איר פעטער טשאַרלי פּעדלין האָט זי אַלץ באַקומען. אַן אַלמן אין די פופציקער, איז טשאַרלי געווען, זיין הויז איז אויפגעזען און אָנגעפירט געוואָרן דורך א הויכער, דיקער קריסטין, וואָס האָט געפירט די גראַנדע ווי א ברייטע באַלעבאָסטע און איז געווען געטריי איבערגעגעבן וועמען זי האָט באַטראַכט פאַר אַן אמתן „קריסטלעכן יידן", וויסנדיק טשאַרלין, אַז ער איז זייער דערוויטערט פון זיינע ברידער און אַז ער באַמיט זיך מיט אַלע כחות אויסצומישן זיך מיט די קריסטן. „קיין אַנדער דרך איז פאַר יידן נישטאָ — האָט ער שטענדיק געטענהט — ווי אינגאַנצן זיך צו אַסימילירן". מיטן גרעסטן פאַרגעניגן פלעגט ער זיך צוהערן, ווי זיין זון דזשעק לאַכט און שפּאָט אָפּ פון יידן און פון זייערע מנהגים.

אַז ס'האָט זיך טשאַרלין געגלוסט אַמאָל שפּאַס צו מאַכן, האָט ער צו-גערופן זיין זון און האָט אים געפרעגט:

— „זאָג מיר, דזשעקי, וואָס איז אַזוינס פּורים?"

— „אָ, ... וואַרט נאָר א ווײַלע" — האָט דזשעק געענטפערט, דעם נאָז פאַרקרימענדיק שעלמיש און דעם שטערן רייבנדיק, זוכנדיק דעם ענט-פער — „אָ, יע, כ'וויס שוין, כ'וויס ... דאָס איז דער נאָמען פון א יידן אַן אויסלענדער, א פאַרוויען, א זון פון א יידן מיטן נאָמען פּסח ... מען האָט זיי ביידן אויפגעהאָנגען אויף א הויכן בוים ..."

אָפט פלעגט זיך טשאַרלי צעטענהן, אַז עס פאַרדריסט אים שטאַרק, וואָס ער האָט דעם מוט ניט געהאַט דזשעקן אין דער קינדהייט אָפּצושמדן;

אים אינגאַנצן אַפּצורייסן פון דעם שטאַם, וואָס וועט אייביק בלייבן פאַר־האַסט, צעטראָטן און פאַרמיאוסט פון דער גאַנצער וועלט.

— „ער הייבט נישט אָן צו פאַרשטיין" — פלעגט ער צוגעבן — „פאַר־וואָס ער קען ניט נאָך איצטער אַפילו אַפּשמדן זיין זון און פאַרוואָס האָט עס זיין טאַטע ניט געטאָן מיט אים אין זיין יוגנט. זיין טאַטע איז דאָך געווען אַזאַ קלוגער, וועלטלעכער מענטש און אַזוי ענגליש געזאָגנען, ווי אַן עכטער ענגלישמאַן" — האָט ער זיך באַרימט, זאָגנדיק איין שקר נאָכן צווייטן.

אָבער די, וועלכע האָבן אים געקענט פון דער היים, האָבן געוווסט, אַז אין אמתן האָט ער זיך אויסגעהאָדעוועט אין אַ קליינעם אָרעמען שטעטל אין דער ליטע, ביי אַ פאָטער אַן אביון, וואָס זיין נאָמען איז געווען „געטשקע פאַדלאָווסקי" און איז פאַרקירצט געוואָרן דורך די שטעטלשע יידן צו „געטשקע פאַדלע", צוליב זיין מיאוסער מלאכה: ער פלעגט אָפּקויפן אַל־טע אויסגעאַרבעטע פערד, זיי הינטערן שטעטל אוועקפירן און דאָרטן פלעגט ער די דאָזיקע אויסגעמאָגערטע באַשעפענישן אויסשטעלן אין אַ שורה, די קעפּ זייערע צו די פיס צובינדן, מיט אַ גרויסן שאַרפן מעסער פלעגט ער איין פערד נאָכן אַנדערן דערהרגענען און מיטן זעלביקן מעסער זייערע פעלן אָפּשינדן...

מחנות קינדער פלעגן נאָכלויפן זען, ווי „געטשקע פאַדלע" גייט זיך קאַלטבלוטיק צו צו יעדן פערד באַזונדער און ווי ס'אָרעם אויסגעמאַטערט הויט־און־ביין־פערד עפנט קוים די טריבע אויגן און קוקט געטשקען אָן מיט אַזאַ צער, מיט אַזאַ אומעט. געטשקע פלעגט האַלטן אַ לאַנגן מעסער אין זיין רעכטער האַנט און מיט דער לינקער פלעגט ער גלעטן דעם קאָפּ פון בידנעם פערד, טשמאָקנדיק מיט די ליפּן, שעפּטשנדיק כלומרשט גוטע ווערטער, מיט געמאַכטער ליבשאַפט: — „קאָש־קאָש־קאָש"... און בשעת מעשה אַריינשטעכן דעם לאַנגן מעסער אינעם פערדס ברוסט...

מיט שרעק פלעגן זיך די קינדער לאָזן לויפן פון דאָרטן, זיי פלעגן אַריינקריכן צווישן די הויכע קאָרן־פעלדער און פון דאָרטן אויסשרייען, מיט גרויס כעס, זייער פראָטעסט, וואָס זייערע יונגע הערצלעך האָבן גע־טראָגן אַנטקעגן דער רציחה:

— „העי, העי, געטשקע פאַדלע, געטשקע פאַדלע!" און געטשקע פאַדלעס יינגל צאַלקע, וואָס האָט דעם טאַטן זיינעם געהאָלפן אין דער דאָ־זיקער מיאוסער מלאכה, פלעגט אויסקומען זיך אָנצולייזן און אויסצושטיין

אויסגעריסענע צרות פון די יינגלעך, וועלכע פלעגן אים פאַרפאָלגן און באלײדיקן און אָפט אפילו ס׳פּנים אויספּאַטשן שרייענדיק:

— „אָט דאָס קריגסטו דערפאַר, וואָס דו העלפסט דיין טאַטן דער־הרגענען די פערד, גזלן דו!...״

א פאַרטריבענער, א פאַרשטויסענער, פלעגט צאַלקע פּחד האָבן צווישן די קינדער זיך צו ווייזן. און גרויס איז זיין פרייד געווען ווען א גאַרבער פון זיין שטעטל, וועלכער האָט א צייט יאָרן אין לאָנדאָן געלעבט און האָט זיך דאָרטן אַרויפגעאַרבעט, האָט געלאָזט וויסן, אז ער דאַרף האָבן עטלעכע יינגלעך פאַר זיין גאַרבאַרניע. צאַלקע מיט זיין ברודער האָבן אָנגעבאָטן זייער אַרבעט. זיי האָבן געקראָגן פרייע שיפסקאַרטעס און זיינען אַוועק קיין לאָנדאָן. נאָך עטלעכע יאָר אָפּאַרבעטן אין דער גאַרבאַרניע איז דער ברודער אַריין אין א פיש־געשעפט און צאַלקע פאַדלאָווסקי, געטשקע פאַד־לעס יינגערער זון, איז אַוועק קיין אַפריקע. און גלייך ווי ס׳האָט אים גע־קומען גיין גוט אין זיין לעדער־געשעפט, איז זיין ערשטער אויפטו געווען איבערצובייטן זיין נאָמען אויף טשאַרלי פעדלין, וואָס קלינגט עכט ענגליש. און אַז דאָריס איז געקומען קיין אַפריקע, איז זיין שטרענגער באַפעל געווען, זי זאָל זיך אויך רופן פעדלין.

זי האָט איר פּעטערס באַפעל געפאָלגט, אַזוי ווי זי האָט זיך תמיד באַ־מיט צוצוהערן צו זיינע רייד און צו טאָן אַלץ, וואָס ער האָט איר געהייסן, ווייסנדיק, אַז ער האָט זי זייער ליב און אַז פאַר איר געהאָרכזאַמקייט וועט זי זייער גוט באַלוינט ווערן.

טשאַרלי האָט איר באַשאָטן מיט אַלערליי מתנות, אוצרות פלעגט ער אויסגעבן אויף איר. ער פלעגט איר ברענגען די שענסטע און בעסטע קליידער, די עלעגאַנטסטע קאָסטיומען און די פיינסטע פעלץ־מאַנטלען, טייערסטע צירונג און קאָסטבאַרע פאַרפומען. פאַר גרויס דאַנקבאַרקייט פלעגט זיך דאַן דאָריס אָנהענגען מיט גרויס ליבשאַפט אָן איר פעטער, זי פלעגט אים גלעטן און צערטלען און זאָגן האַלב לאַכנדיק, האַלב וויינענ־דיק:

— „אָ, פעטער ליבער, צו דיין איידלקייט און גוטסקייט איז גאָר קיין ענד נישטאָ, מיט וואָס און ווי אַזוי קען איך דיר פאַר דעם אַלעמען באַצאָלן?״

אָבער טאָמין האָט זי אָפט פאַרטרויט, אַז ס׳איז איר גאָר עקלדיק איר פעטערס געזועלשאַפט, אַז זיינע נאַרישע צערטלעכקייטן זיינען איר דער־ווידער און מאַכן זי קראַנק, און אַז זי פילט זיך אין זיין הויז עלנט, איינזאַם און פאַרלאָרן און ס׳גאַנצע לעבן איז איר נמאס...

טאָמי האָט מיטגעפילט איר עלנטקייט און ס'האָט אים אָנגענומען א רחמנות אויף איר... און זיין ליבע צו איר האָט זיך נאָך מערער פאַר־שטאַרקט, ער איז געווען זיכער, אז ניט נאָר וואָס זי פאַרערט אים, נאָר זי האָט אים טאַקע אויך זייער ליב, און זיין האַרץ איז שיעור ניט צעפּלאַצט גע-וואָרן פון שטאָלץ און גליק.

* * *

ער האָט זיך ביי איר געבעטן:

— „מיין מוטער און שוועסטער ווילן דיך זען, קום מיט מיר צו זיי, איך בין זיכער, זיי וועלן דיך אויך ליב האָבן.“

דאָריס האָט אים געפאָלגט און כמעט א גאַנצן טאָג האָט זי פאַר־בראַכט מיט זיין מוטער און שוועסטער, וועלכע האָבן איר געוויזן א פריינד־לעך געזיכט, נאָר ווען דאָריס מיט טאָמין זיינען אוועקגעגאַנגען איז די מוטער געבליבן טרויעריק און אומרויק. און ווען טאָמי איז אין אָוונט אהיים געקומען און ארומגעמענדיק די מאַמע האָט ער זי געהאַלטן אין איין פרעגן, ווי דאָריס געפעלט איר, האָט די מוטער געשוויגן און צולעצט לייכט אפגעזיפצט.

— „מאַמע, געפעלט זי דיר דען נישט?“

— „טאָמי טייערער, כ'מוז דיר זאָגן דעם אמת, אז איך ווייס ניט, צי דאָריס וועט דיר קענען זיין א געטרייע און איבערגעגעבענע ווייב...“

ווי א שפּיז האָט טאָמין די דאָזיקע ווערטער געטראָפן. א שווערער אומעט האָט זיך אויף זיין פּנים געלייגט. ס'האַרץ איז אים פאַרקלעמט גע־וואָרן און עטלעכע טעג איז ער ארומגעגאַנגען א פאַרטרויערטער און א פאַרשטומטער, ער האָט ניט געגעסן און ניט געטרונקען און קיין וואָרט ניט ארויסגערעדט.

דאָך אין דאָריסעס געזעלשאַפט איז ער געווען גליקלעך.

איינמאָל, דאָס איז געווען לכבוד איר געבורטסטאָג, האָט טשאַרלי פּעד־לין צו זיך אין הויז איינגעלאַדן א סך פריינד, איבערהויפּט יונגע מיידלעך און בחורים. דאָריס האָט אים געבעטן, ער זאָל איינלאַדן אויך טאָמין. צוערשט האָט טשאַרלי דאָס אנטזאָגט, אָבער נאָכדעם האָט ער זיך געלאָזט איבעררעדן. ס'איז געווען א גרויסע הוליאַנקע. מען האָט געגעסן, גע־טרונקען און געטאַנצט. און נאָך האַלבער נאַכט, ווען טאָמי איז מיט דאָ־ריסן אליין אויף א קורצער צייט געבליבן, האָט זי אים פאַרבייגייענדיק דערציילט, אז דער „לאָיער“, מיסטער לאַשאַן, האָט זי איינגעלאַדן צו גיין מיט אים צו „רייסעס“.

טאַמין איז קאַלט און וואַרעם געוואָרן און ס׳פּנים קאַלך־ווייס.

— „כ׳בעט דיך, טייערע, גיי נישט מיט אים" — האָט ער זיך געבעטן ביי איר ווי א קינד, אויסקושנדיק אירע צאַרטע פינגער יעדערן באַזונדער — „מען זאָגט, אז לאַשאַן איז א מנוול, מיט זיין אויפּפיר און אומגאַנג מיט פרויען.

— „נו, גוט, מיין ליבער" — האָט דאָריס געענטפערט — „איך גיב דיר מיין וואָרט, אז איך וועל מיט אים ניט גיין".

דאָך, מיט א וואָך שפּעטער האָט ער זיך דערוווּסט, אז דאָריס איז גע-ווען ביי די „רייסעס" צוזאַמען מיט לאַשאַנען, אז זיי האָבן דאָרטן ארומגע־שפּאַצירט געאָרעמט און ביידע זיינען געווען זייער אויפגעלעבט.

און אז טאַמי האָט איר עס שפּעטער פאַרגעוואָרפן, פּראָטעסטירנדיק און שרייענדיק אויפגערעגט האָט זי געפונען עפּעס א תירוץ און געשוואָרן, אז דאָס וועט קיינמאָל מער ניט פּאַסירן.

ער האָט דאָריסן שטאַרק ליב געהאַט און האָט איר דעריבער געגלויבט. און כדי איר צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן האָט ער פּרובירט יעדע ליידיקע מינוט אירע אויסצופילן מיט פאַרשיידענע פאַרווייליגונגען.

זי האָט אים געדופן, ער זאָל קומען צו איר שפּילן אין קאָרטן. א פריי־לעכע חברה פון ליידנשאַפטלעכע קאָרטן־שפּילער האָט מען דאָרטן אלעמאָל געקענט געפינען. אים איז די חברה גאָר ניט געווען געפעלן, אָבער באַ־מערקנדיק דעם פאַרדרוס, וואָס ער פאַרשאַפט דאָריסן מיט זיין אומוויסן אי־נעם קאָרטן־שפּיל, — א זאַך וואָס האָט אים געמאַכט עפּעס תמעוואַטע־נאַריש אין די אויגן פון דער דאָזיקער חברה, וואָס האָט געקוקט אויף אים פון אויבן אראָפּ מיט ביטול — האָט ער זיך באַמיט מיט אלע כחות גוט אויסצולערנען דעם שפּיל און ער האָט זיך טאַקע אין א קורצער צייט אויס־געצייכנט דערין. ער האָט זיך אויך גיך אויסגעלערנט טרינקען, און אַט די פולקומענקייטן האָבן טאַמין דערנענטערט צו די, וואָס פלעגן באַזוכן טשאַרלי פּעדלינס הויז.

ווי א שאָטן האָט טאַמי זיך באַהעפט צו דאָריסן און האָט זיך באַמיט מיט זיין גאַנצער טרייקייט אויף יעדן האָר און אין אלץ איר נאָכצוגעבן און איר פאַרגעניגן צו פאַרשאַפן. זי האָט האָלט געהאַט „רייסעס" — האָט ער זיך געפונען מיט איר אויף אלע „רייסעס" און האָט דאָרטן אויסגעגעבן געלט אָן א שיעור, ס׳איז אים קיין פּרוטה ניט געבליבן פון די הונדערטער, וואָס ער האָט אָנגעהאָרעוועט און אָפּגעשפּאָרט אין משך פון די עטלעכע יאָרן שווערער ארבעט.

און אז זיין שוועסטער איז שטאַרק קראנק געווארן, האָט זי, פונקט ווי אלע אָרעמעלייט, געמוזט אָנקומען אין שטאָטישן שפיטאָל נאָך הילף.

איין פרימאָרגן, אז ער איז אהיים געקומען פון פעדלינס הויז נאָך א לאַנ־גער קאָרטן־נאכט און האָט זיך אין א שיכורן צושטאַנד אויף דער סאָפע אויסגעצויגן, איז זיין מוטער צו אים צוגעגאנגען פאמעלעך, זיך טרייס־לענדיק פון קעלט און אויסגעמאַטערט פון דער שלאָפלאָזער נאכט, וואָס זי האָט פארבראכט אין שרעק און זאָרג וועגן אים, און איבער אים ארי־בערבייגנדיק זיך, גלעטנדיק און קושנדיק זיינע פארלאָזטע צעפודלטע האָר־קרייזלעך, האָט זי ארויסגעשלוכצט:

— „טאָמי, מיין קינד, מיין ליבלינג, האָב אויף זיך און אויף אונדז רחמנות, לייג דיך געזונט ניט אוועק אויף הבל הבלים, פארליר ניט דיינע כחות... רייס זיך ארויס פון בלאָטיקן זומפּ, וואָס האָט דיך ארייגעצויגן איבערגוואַלד. פארלאָז דעם לייכטזיניקן פלירט, וואָס מאכט דיך אומ־גליקלעך. מען רעדט... מען רעדט אויף איר שלעכטע זאכן...“

צעדולט פונעם וויין, האָט ער מיט א שטייפער צונג געמורמלט:

— „מיש זיך ניט אין פרעמדע געשעפטן!“

אירע טרערן זיינען גערונען אויף זיינע באקן און זי האָט ווידער ארויס־געקרעכצט:

— „טאָמי, מיין קינד, מיין קרוין, וועסט געפינען עפּעס אנדערש... זוך עפּעס אַן אנדער באשעפטיקונג. כ׳וועל מיך פאר א דינסט פארדינגען, דילן פאר אנדערע מענטשן וועל איך וואַשן, אבי ראטעווע זיך ארויס פון דעם גיהנום, פון פעדלינס הויז און פונעם חושכדיקן טייוול!“

— „זאָלסט נישט וואַגן!“ — האָט טאָמי שווער ארויסגערעדט שאָק־לענדיק זיין קאָפּ און אָפּקלאפנדיק אים אַן דער פארענטשע פון דער סאָפע — „זאָלסט ניט וואַגן צו באליידיקן מיין הימלישן מלאך, הערסטו?!“

* * *

נאָך עטלעכע שעה שלאָף האָט ער זיך ארויסגעגנבעט פון הויז, די מו־טער זאָל אים ניט באמערקן... ביי דער ארבעט האָט ער זיך אָבער קיין אָרט ניט געקענט געפינען. ער איז געווען אומרויק און צעטומלט. זיין הארץ איז געווען צעוויטאָגט און ס׳האָט אים אָנגעזאָגט עפּעס שלעכטס...

און דאָס שלעכטע איז געקומען נאָך האלבן טאָג, ווען דאָריס האָט אים געשיקט, ער זאָל וואָס גיכער צו איר אריבערקומען. ווען ער איז אין איי־

לעניש צו איר אריינגעלאָפן, האָט ער זי געפונען שטאַרק פאַרוויינט. אריינ־פאַלנדיק אין א היסטעריע, האָט זי געשריען:

— „ווײ, ווײ, העלף מיר, טאָמי!"

ער האָט זי אין זיינע אָרעמס געהאַלטן און געפרווט זי איינשטילן, באַרויקן, ווען זי האָט געכליפּעט:

— „א שרעקלעכן סוד האָב איך דיר צו פאַרטרויען, א שרעקלעכער סוד איז עס... כ׳בין געצוווּנגען געווען ארויסצוגנבענען דריי הונדערט פונט פונעם אָנקל׳ס שראַנק... אָבער, טאָמי, גלייב מיר, ס׳איז ניט פאַר מיר, נאָר פאַר א גוטן פריינד אים ארויסצוהעלפן אין זיין גרעסטער נויט!..."

— „ווער איז עס דער פריינד דיינער?"

— „אוי ווײ, טאָמי, כ׳קען עס דיר בשום אופן נישט זאָגן. כ׳האָב אים געשוואָרן ביי מיין ערע און ביי אַלץ, וואָס מיר איז הייליק, אז קיינעם אין דער וועלט וועל איך עס ניט זאָגן. ווילסטו דען, טאָמי, כ׳זאָל מיין שבועה ברעכן?... וואָס זאָל איך טאָן? אָ, וואָס זאָל איך טאָן? באַלד וועט זיך דער אָנקל כאַפּן וועגן דעם, כ׳בין פאַרלאָרן... כ׳ווער משוגע פון צרות! העלף מיר, טאָמי!"

— „זיי מוטיק, דאָריס, איך האָב א פּלאַן ווי דיר צו העלפן" — האָט טאָמי זי באַרויקט.

* * *

טאָמי איז געשטאַנען פאַר זיין באַלעבאָס א פאַרקלעמטער און ס׳פּנים צו דר׳ערד אראָפּגעלאָזן, קענענדיק די ווערטער קוים ארויסריידן:

— „יע, איך האָב עס גענומען, איך האָב דאָס געלט נייטיק געהאַט כדי א טייערן פריינד פון געפאַר ארויסצוראַטעווען, אָבער איר זעט דאָך, אַז איך קום דאָך אַליין אייך עס דערציילן, איידער איר האָט זיך דערפון דער־ווּסט. טאָ זאָל דאָס געלט, וואָס איך האָב גענומען פון אייך, באַטראַכט ווערן ווי א הלוואה. כ׳בין גרייט אָפּצואַרבעטן, אָפּצודינען פאַר דעם, כ׳בין גרייט טאָפּלט צו באַצאָלן. א געשריבענעם אָפּמאַך וועל איך אייך צייכע־נען, די באַדינגונגען קענט איר אַליין אויפשטעלן..."

— „צום טײַוול!" — האָט פעדלין ווילד געברעוועט און זיין אייגענער קול האָט אים געקלונגען ווי דער קול פון א האַלב געהרגעטער נבלה, וואָס ער פלעגט אין זיין יוגנט מיט א לאַנגן מעסער דערשטעכן — „געפעלט דיר דער בטוח?... — וואָס? באַצאָלן וועסטו מיר? גנב איינער! אַזוי ווי א טויטער קען פון קבר אויפשטיין, אַזוי וועסטו מיר קענען באַצאָלן.

M. H. 6.

דיין גליק איז, וואָס ס'פּאַסט מיר נישט מיט אזא שנאָרער, וואָס דו ביסט, אין די געריכט-הייזער זיך ארומצושלעפּן; אויך איז דאָריסעס נאָמען מיר טייער, ווייל איך ווייס, אז אזא מיאוסע באַשעפעניש, ווי דו ביסט, וועסט נאָך אמאָל איר נאָמען אין שמוץ ארייַנציען. ווען ניט דאָס, וואָלסטו ביי מיר אין תפיסה פארפוילט געווארן, פארפלוכטער גנב דו! ארויס פון דאַ־נען, דייך פוס זאָל דאָ מער קיינמאָל ניט זיין. ארויס!"

* * *

אין נאָענטסטן שענק האָט טאָמי, אין איילעניש, עטלעכע גלעזלעך „וויסקי" ארייַנגעגאָסן. קומענדיק אהיים און זיך טרייסלענדיק ווי אין א קדחת, האָט ער אָנגעגעגנט א קאַפּער, וואָס האָט גערעדט צו אים איידל און הכנעהדיק:

— „איך בין געקומען נאָך מאדאם ליבקינס טשעמאָדאן מיט אירע קליידער".

מיט אויגן, רויט פון בראַנפן און דערשטוינט, האָט ער אָנגעקוקט דעם שווארצן און אים געפרעגט:

— „ווו איז דען מיין מוטער?... ווו איז זי?" דער שווארצער האָט אים שטאַרק אָנגעקוקט מיט זיינע כיטרע ברענענדיקע אויגן, דייטלעך ארויסריידנדיק און ציענדיק די שטעכעדיקע ווערטער:

— „דיין מוטער איז אין... מושב־זקנים — — —"

* * *

ווי טאָמי האָט נאָר געקראָגן א שטעלע ווי א פּראָבן־רייזנדער און האָט אָנגעהייבן געגוג פארדינען אויף לעבנס־מיטל, איז ער אוועק צו זיין מוטער און זיך ביי איר תחנונים געבעטן, איר צו די פיס פאלנדיק, זי זאָל מיט אים אהיים גיין. נאָר זי האָט געטענהט:

— „טאָמי, מיין קינד, ס'איז פאר אונדזביידן בעסער, איך זאָל דאָ בלייבן, ביז דו וועסט אוועקוואַרפן דיין פארפירערין, וואָס האָט דיך פאר־כישופט און דיין לעבן פארדאָרבן".

— „איז עס אָבער מעגלעך?" — האָט טאָמי געטראַכט — „ניין, ער קען דאָריסן בשום אופן ניט אפּגעבן... צו טייער האָט ער באַצאָלט פאר איר ליבע! צופיל געזונט האָט זי אים געקאָסט, אָט די ליבסטע, דאָס מיידל, וואָס די רייכסטע און העכסטע לייט האָבן זיך נאָך איר נאָכגעיאָגט און זי האָט זיך פון זיי אויסגעלאכט, זאָגנדיק אז נאָר ער, דער גוטער טאָמי,

איז דער איינציקער מאַן אויף דער גאַנצער וועלט, וועמען זי ליבט אַזוי שטאַרק און וועמען זי האָט אָנגעטרויט איר גאַנץ לעבן...״

איין מאָל א חודש פלעגט ער זיך באַגעגענען מיט דאָריסן אין א קליי־נעם האָטעל אין א הינטער־גאַס פון שטאָט, ווען ער פלעגט אהיים קומען פון זיין רייזע; לאַנגע שעהן פלעגט ער פאַרברענגען מיט איר צוזאַמען אין ליבע און פאַרגעניגן און נאָכדעם זיך צוריק אומקערן צו זיינע געשעפטן.

איינמאָל, קומענדיק פון אַזאַ רייזע אין דעם זעלביקן האָטעל, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַרומגעוואַשן, אויסגעפוצט און געוואַרט אויף דאָריסן, האָט ער באַמערקט די טעגלעכע צייטונג אויף א טישל, אויף וועלכן די דינסט האָט אויך א גלאָז טיי אוועקגעשטעלט. ער האָט גענומען די צייטונג און דורכגעקוקט די טעגלעכע נייס. פּלוצלונג האָט ער דערזען א קורצע נאָטיץ:

„געשטאָרבן ראָזע ליבקין, צוויי און זעכציק יאָר אַלט, אין מושב־זקנים. די קבורה איז היינט פרי...״

* * *

ווען טאָמי ליבקין איז געקומען אויפן בית־עולם צעבראָכן, צעוויטאָגט, אין א צושטאַנד פון חלשות, איז שוין געווען נאָך דער לויה, א פּאָר פון די קברות־לייט זיינען געבליבן און האָבן צווישן זיך געשמועסט. איינער, א נידעריקער, א דיקער, א בעל־דברן, האָט גערעדט אויפן הויכן קול, זיך גלעטנדיק זיין געגאָלטע מאָרדע

— „א פרומע יידענע איז מאַדאַם ליבקין געווען. זי האָט געהאַט א זון, וועמען זי האָט ווי דאָס לעבן געליבט, נאָר ס'האָט זיך פון אים א ציבעלע אויסגעלאָזן... א שטיק גאָרנישט געוואָרן... האָט זיך איינגעקליפּעט עפּעס אין אַ „לויפערקע״, וואָס האָט אים אויסגעזויגן און דאָס האָט אים צום פּלעשל געטריבן...״

און דער צווייטער קברות־מאַן, צופּנדיק די געלבע הערלעך פון זיין שיטערן בערדל, האָט גערעדט שטילער און האָט געצויגן זיינע ווערטער, קוקנדיק דורך זיינע בלאָעברילן:

— „איך ווייס. ווער ווייס עס דען ניט? דאָס מיידל איז דאָך די שטיק סחורה, וואָס האָט פון תפיסה אַרויסגעראַטעוועט דעם „לאַיער״ לאָ־שאָנען, אָט דעם מנוול, דעם יידן־פּרעסער, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן פאַרן באַשווינדלען זיינעם א קונד אין גאַנצע דריי הונדערט פונט... אַלע ווייסן דאָך אויך, אַז זי האָט מיט דעם דאָזיקן שווינדלער א לאַנגע צייט גע־לעבט ווי מאַן און ווייב, און ווען ער האָט זיך מיט איר אָנגעזעטיקט, האָט ער זי אוועקגעוואָרפן ווי אַן אויסגעקוועטשט שטיקל לעמאָן...״

טאָמי איז גלייך געלאָפן צו לאָשאַנען, ער האָט געפונען דאָס הויז באַ־זעצט פון פרעמדע מענטשן. ער האָט אויסגעפרעגט, אויסגעפאָרשט און איז דערגאַנגען, אַז לאָשאַן איז ערגעץ ווו אַנטלאָפן, נאָכדעם ווי ער איז גע־כאַפּט געוואָרן אַפּטועגדיק א סך מיאוסע מעשים.

— „יע, דאָס זיינען נאָר אינטריגעס פון משוגענע לײַדיקגייער" — האָט טאָמי געטראַכט — „ס'קען ניט זיין. נאָר שקרים האָט מען דער־ציילט וועגן זיין געליבטער מיידל".

ער האָט אָבער ניט גערוט און האָט געהאַלטן אַן אָפן אויג, ווען ער איז מיט איר צוזאַמען געווען. דאָס גרויסע פאַרגעניגן, וואָס ער האָט גענאָסן אין איר געזעלשאַפט, איז צעשטערט געוואָרן דורך די קרענקלעכע ספקות, וועלכע האָבן אים געפייניקט און פאַרוואונדעט זיין האַרץ. ער האָט אָנגעדונ־גען שפּיאָנען זי אויפצופאַסן און נאָכצושפּירן אויף יעדן טריט, און זיי האָבן דערפילט זייער שליחות פּינקטלעך. א היים קומענדיק פון זיין רייזע, האָט ער געקראָגן דייטלעכע באַריכטן: דעם און דעם אָוונט האָט זי זיך פאַר־בראַכט מיט סאַרדזשענט אָריילע אין דעם און אין דעם קאַפע ביז עלף ביי־נאַכט, ווי א פאָר טויבן זיינען זיי געווען איינער צום אַנדערן... יענע נאַכט זיינען זיי צוזאַמען אין „פּאַרקטאַון" געווען אויף א קאָרטן־פּאַרטי, פון דאָרטן זיינען זיי, אין אַן אויטאָ, אויפן וועג צו פּרעטאָריע אָפּ־געפאָרן... אַהיים זיינען זיי געקומען באַגינען... אַן אַנדער נאַכט איז אין שטאָט־זאַל א באַל געווען, האָט איר א באַאַמטער אַהין געבראַכט און זיי האָבן זיך דאָרטן גוט אַמוזירט ביז שפּעט ביי נאַכט. איין נאַכט האָט א יונגערמאַן זי אין זיין אויטאָ אַרויסגענומען צו א טאַנץ אין האָטעל „ק"; זיי זיינען ביידע צעלעבט געווען, און צווישן די טענץ זיינען זיי אַרויס זיך אָפּקילן אין באַקוועמע ווינקעלעך פון גרויסן גאָרטן... פון דאַן אַן קומט ער אָפט צו איר אין צימער, ווו זיי פאַרברענגען גאַנצע נעכט צוזאַמען...

— „ליגן, כּיזוב ברענגען זיי מיר, די דאָזיקע מיאוסע פאַרפלוכטע שפּיאָנען!" — האָט ער געשריען ביטער, אַרומלויפנדיק ווי א פאַרוואונדעטע חיה — „איך וועל עס ניט גלייבן, ביז איך וועל עס ניט האָבן געזען מיט מיינע אויגן!..."

ער האָט איר געשריבן א בריוול, זי זאָל קומען. ער בענקט שטאַרק נאָך איר. זי איז געקומען. זיי האָבן זיך געקושט און געהאַלדזט. ער האָט זי געבעטן, זי זאָל מיט אים גיין אין קינאָ, אָבער זי האָט זיך אַנטזאָגט, געפינענדיק עפּעס א תּירוץ. ווען ער איז אָבער צו איר צוגעשטאַנען, האָט זי צום סוף אַרויסגערעדט מיט פאַרדרוס:

— „כ'קען ניט ... גלייב מיר, טאָמי, דער אָנקל נעמט מיך ארויס צו זיינע פריינד ... היינט קען איך בשום אופן ניט גיין מיט דיר ...״

* * *

ניט ווייט פון דאָריסעס הויז איז טאָמי געשטאַנען באַהאַלטן אונטער א בוים. אָט איז אָנגעקומען אָריילעס אויטאָ און האָט זיך אפגעשטעלט ביי איר טיר. זי איז ארויסגעקומען אין גאָר איר גלאַנץ און פראַכט, אויסגעפוצט אין די שענסטע קליידער און באַהאנגען מיט צירונג. איר פנים האָט געשיינט פון פרייד און גליק. אָריילע איז ארויסגעשפרונגען פון אויטאָ, גליענדיק פון נחת. ער האָט דאָריסן ארייַנגעהויבן אין זיין אויטאָ, וואָס האָט געברומט און גערוישט און געשווינד זיך אוועקגעגליטשט.

אין טעאַטער, צום אינטערוואַל, זיינען זיי ביידע ארייַנגעגאַנגען אין א קאַפע. טאָמי איז זיי נאָכגעגאַנגען ווי א שאָטן, ער האָט זיך צוגעקוקט ווי זיי האָבן געטרונקען ווייסן ווייַן און ווי זיי זיינען נאָכדעם צוריק אין טעאַטער ארייַן. „מיט וואָס פאַר א ליבלעכע צערטלעכקייט זיי האָבן זיך אַנאַנדער אָנגעקוקט!״ — האָט טאָמי געשעפטשעט, פילנדיק ווי ס'ברענען אים אַלע גלידער — „אזא ליבשאַפט האָט פון אירע אויגן פאַר מיר קיינמאָל ניט ארויסגעשטראָמט! ...״

... די שעה'ן האָבן זיך געצויגן פויל און שווער. טאָמיס האַרץ האָט געקלעמט און געקאָכט און געקלאַפּט ווי מיט האַמערס און ווי א הייסער זוד וואָלט זיך דאָרטן האָבן אריבערגעגאָסן און באַלד איז עס גאָר קאַלט און פאַרשוואַכט געוואָרן ... ס'איז געוואָרן עלף א זייגער. אָט זיינען זיי ביידע, דאָריס און אָריילע, ארויס פון טעאַטער. אָט זיינען זיי ארייַן אין לוקסוס־אויטאָ און זיינען שנעל אָפּגעפאָרן צו איר אהיים.

א רעגן איז זיך געגאַנגען פּאַמעלעך און האָט אָנגעהאַלטן לאַנג און שטיל און אומעטיק, פונאנדערגיסנדיק זיך איבערן גלאַטן גאַסן־פלאַסטער, וואָס איז געווען אזוי שוואַרץ ווי די פינצטערע נאַכט.

אין א שפּעטיקער שעה איז ער לאַנגזאַם ארייַן אין קליינעם גערטנדל אינעם הויף פון פעדלינס הויז, אויף א קליינעם קעסטל, וואָס ער האָט דאָרטן געפונען, האָט ער זיך ארויפגעשטעלט און האָט ארייַנגעקוקט אין דאָריסעס פענצטער. דורך דעם געהאַפּטענעם פאָרהאַנג האָט ער געזען, ווי זי ליגט אויף א סאָפע, האַלב געקליידט. אירע לאַכעדיקע אויגן האָבן ארייַנגעזויגן אין זיך אָריילעס פנים און אירע לאַנגע צאַרטע פינגער מיט די רויט געפאַרבטע נעגל האָבן זיך ארייַנגעקלאַמערט אין זיין דיקן רויטן האַלדז. זיינע

גרינלעכע חוצפהדיקע אויגן האָבן גליקלעך געשמייכלט און זיינע אָרעמס האָבן זי ארומגעכאפט לײדנשאפטלעך... זײן רעכטע האנט האָט זיך פלוצלונג גענומען באַוועגן, עפּעס וואָס זוכנדיק. אָט האָט ער געפונען דעם עלעקטרישן קנעפּל אויף דער וואנט און באלד איז געווארן פינצטער...

* * *

...ווידער האָט טאָמי ליבקין זיך גוט אײנגעקוקט אינעם שפּיגלדיקן שויפענצטער פון גרויסן וואָפן־געשעפט, ווו אלערליי כלי־זיין האָבן גע־בלאנקט אנטקעגן דער זון, וואָס איז ניט לאנג צוריק ארויסגעקומען אויף דער וועלט צו באלייכטן און צו ווארעמען...

— „יע, זי, די שיינע גיפטיקע שלאַנג, האָט מיך צעשמעטערט און פארניכטעט... הייסט עס, אז אלץ איז אמת, וואָס מען האָט געזאָגט אויף דאָריסן. אַ, כ'האָב דאָך מיט מײנע אײגענע אויגן געזען, ביי דער האַנט האָב איך דאָך זי געכאפּט... א מוראדיק בילד, א שרעקנס־חלום וואָס פאר אַן אומגליק!" — האָט טאָמי געטראַכט אין וואָפן געשעפט אריינ־קומענדיק.

א העפלעכער פארקויפער האָט אים באגריסט און געפרעגט, וואָס ער קען טאָן פאר אים.

— „א בראַונינג, פּליז".

— „האָט איר א דערלויבעניש?"

— „יע, אָט איז עס" — האָט טאָמי געענטפערט.

ער האָט געקויפט דעם רעוואָלווער, אים אָנגעלאָדן און אריינגעלייגט אין זיין קעשענע און ער איז גלייך אַוועק צו פעדלינס הויז. קומענדיק אהין, האָט ער געהייסן די דינסט אריינרופן דאָריסן.

דאָריס איז אים אנטקעגן געקומען מיט א פריילעכער מינע.

— „ווי פאַרשטעלט, ווי פאַלש זי איז" — האָט ער געטראַכט — „זי ווייס גאָר ניט פון די העלישע יסורים, וואָס איך טראָג אין הארצן. שוין זשע זאָגט מיין פנים ניט אויס וועגן דעם בייזן חושך, וואָס האַלט מיך אין איינשלינגען?"

שווער איז אים אָנגעקומען זיין האַנט איר צו דערלאַנגען. זי האָט די האנט אָנגענומען מיט געמאכטן פארגעניגן און עפּעס א חניפה אדורכגע־זייט דורך אירע ווייסע ציינער. אַפּאַטיש און מיט גרויס געדולד האָט ער קוים ארויסגערעדט:

— „כ'בין מיט א כיוון געבליבן אויף היינט, כדי דיך צו דער ניי־געקו־מענער אָפּערע אין אָונט צו נעמען. ווערסטו גיין, דאָריס?"

— „אוי, ס'טוט מיר לייד, אז איך דאַרף דיר היינט אויך אַנטזאָגן. וואָס זאָל איך טאָן, טאַמי ? דער אָנקל איז צוגעשטאַנען, אז כ'מוז מיט אים היינט אָוונט אויך זיין . . . וואָס קען איך טאָן ?"

— „דאָריס, כ'וועל דיך היינט ניט לאָזן גיין מיט קיינעם אין דער וועלט, הערסטו ? . . . האָסטו דען נאָך ניט גענוג געהאַט די פּאַריקע נאַכט ? . . ."

— „ווי, טאַמי, וואָס פעלט דיר ? וואָס פאַלט דיר איין ? און ווער האָט דיר דאָס רעכט געגעבן מיט מיר אזוי צו ריידן ? וואָס פלוידערסטו, טאַמי ?"

— „ווער האָט מיר דאָס רעכט געגעבן, פרעגסטו ?" — האָט ער גע־שריען ווי א צעבושעוועטע חיה — „כ'וועל דיר זאָגן ווער":

מיין מאַמע, מיין מאַמע האָט מיר דאָס רעכט און אויך דעם כח גע־געבן . . . הערסטו, דו פרעכער, פּראָסטער אויסוואָרף, הערסטו ? ! . . . זאָל איצטער דיין ליבהאָבער, דיין געליבטער העלד אָריילע, קומען און דיך ארויסראַטעווען פון מיר !" — האָט ער געשריען נאָך העכער, ארויסכאַפּנ־דיק דעם רעוואָלווער פון קעשענע — „דו פּראַקטיקע שלאַנג, דו גיפטיקע באַשעפעניש . . . נאַ דיר, נאַ, וואָס דו פאַרדינסט . . . נאַ דיר איין קויל פאַר מיין מאַמען, און איינע פאַר מיין אָרעמער שוועסטער ! — — —" האָט ער געגוואַלדעוועט, ברייט עפענענדיק זיינע בלוט־פאַרלאָפענע אויגן און אויספייערנדיק צוויי מאָל פון רעוואָלווער גלייך אין דאָריס ברוסט אריין — — —

— „אך !" — האָט זי אויסגעשריען, פאַלנדיק ווי א געקוילעטע גאַנדז אין איר צאַרט־ווייסן קלייד אויפן גרינעם טעפּיך, אויף וועלכן ס'רויטע פרישע בלוט האָט געשטראָמט פון איר צאַרטער ברוסט.

— „און די דריטע קויל קומט אזא בלינדן פאַרפלוכטן שוטה, ווי איך בין" — האָט ער געשריען צעדולט. דער רעוואָלווער האָט אויסגעדונערט צום דריטן מאָל און די קויל איז אים אריינגעשפרונגען אין הארצן אריין.

מיט א מעכטיקן ליאַרעם איז ער צו דר'ערד געפאַלן. זיינע האָר־קרייזלעך האָבן זיך געטונקט אין א שטראָם הייסן בלוט, וואָס האָט ארויס־גערונען פון אים און האָט זיך געצויגן ווי א קורצע רויטע שלאַנג, וואָס קריכט לאַנגזאַם . . . זיינע אויסגעקרימטע ליפּן האָבן זיך באַוועגט און קוים ארויסגעשעפּטשעט

— „די מאַמע . . . גערעכט . . . געווען — — —"

סימנים פון דער הגדה

(ד ע ר צ יי ל ו נ ג)

1

ארויפציענדיק אויפן משופעדיקן באַרג אין מיטן וועג, וואָס פירט צום פאַרם ווילדאָם, האָט זיך דער גראָער אויטאָ פלוצלונג א טרייסל געטאָן מיט א גערויש און איז אויפאַמאָל טויט־שטיל געבליבן.

דער פי-הענדלער באַרין, א הויכער ייד אין די פופציקער, מיט א שטאַרקן זון־פאַרברענטן גלאַט־געגאָלטן פנים, איז האַסטיק ארויסגעשפרונגען פון זיין אויטאָ, און צושפּיליענדיק זיין ווייסן שטויב־מאַנטל, האָט ער גיך פונאַנדערגעעפנט דעם בלעכענעם דעק פון זיין אויטאָ און גענומען באַטראַכטן די פאַרשיידענע טיילן פון מאַשין.

— „דער דזשענערייטער איז אין אָרדענונג״ — האָט ער א מורמל געטאָן — „דער קאַרבּאַרייטער איז אויך גוט, בענזין איז דאָ גענוג און דער „פונק״ אַרבעט אויסגעצייכנט, טאָ וואָס איז דאָ די צרה ?״

באַרין האָט צוריק צוגעמאַכט דעם אויטאָ, האָט ארויסגענומען א פּיפּקע פון קעשענע און, עס פאַררייכערנדיק, האָט ער גענומען שפּרייזן צום פעלז ביי דער זייט פונעם וועג. ארויפקריכנדיק אויפן פעלז, האָט ער זיך פאַרקוקט אויף אַן ערד־חזיר, וואָס, אויסשטעלנדיק זיינע שטייפע האָר, ווי לאַנגע שוואַרצע און ווייסע שטעכעדיקע פענעס, האָט ער זיך געלאָזן קריכן אין א טיפער גרוב אריין. באַרין איז אראָפּ פון פעלז און פּאַמעלעך צוריקגעגאַנגען צו זיין אויטאָ. פון הינטער א געלבן בערגל פון א חרוב געוואָרענעם מוראַשקע־נעסט איז ארויסגעשפרונגען א יונגער שפּרינגבאָק, וועלכער האָט זיך, דערזעענדיק דעם מענטשן, ווילד פונאַנדערגעלאָזן לויפן, ווי פייל פון בויגן, איבער דאַרנביימלעך פונעם ברוינלעכן פעלד, צעטראַמפּלענדיק אונטער די גיך באוועגלעכע פיס די אומציילבאַרע מוראַשקע־בערגלעך.

באַרין האָט באַשלאָסן צו גיין צופוס, ביז ער וועט באַגעגענען אין וועג וועמען עס איז, ווער עס זאָל אים העלפן זיין אויטאָ צורעכטמאַכן. און באַלד האָט ער טאַקע דערזען פון וויטן אַן אויטאָ אָנקומען, איבערלאָזנדיק

הינטער זיך א דיקן שטויב. מיט א פּאָר מינוטן שפּעטער האָט זיך דער אוי־טאָ לעבן אים אָפּגעשטעלט און ס'איז אַרויסגעקומען א הויכער ברייטביי־נערדיקער בור מיט א גוטמוטיקן פּנים און האָט זיך העפלעך און פריינד־לעך באגריסט:

— „מיין נאָמען איז פאַן־רענסבערך, כ'לעב אויפן פאַרם ווילדאַם".

— „און מיין נאָמען איז באַרין. כ'בין א פּי־הענדלער".

— „איז דיין אויטאָ נישט אין אָרדענונג? קען איך דיר העלפן?"

— „א דאַנק. מיין אויטאָ איז עפּעס קאַליע געוואָרן און איך קען אים ניט צורעכט מאכן. כ'שטיי שוין דאָ א לאנגע צייט. ס'איז אזא הייסער טאָג און דער וועג איז מיר פרעמד".

— „א פּאָר שעה צו ווילדאַם" — האָט פאַן־רענסבערך געזאָגט, א ביסל ווייטער־צו איז דער וועג אויסגעשווענקט פון רעגן און אין פיל ערטער צעגראָבן. ס'איז דאָ א גרויסער גראָבן, וואָס מען מוז זייער פאָרזיכטיק זיין ביים דורכפאָרן, פאראנען דאָרט אויך א פּאָר צעבראָכענע בריקלעך. כ'וואָלט דיר ראָטן צוצובינדן דיין אויטאָ צו מיינעם און כ'וועל דיך צופירן צום נאָענטסטן גאַראַזש, אין פאַרקפאָנטיין, א דרייסיק מייל פון דאנען; דאָרטן איז דאָ א שאָפּ אויך, דער אייגנטימער הייסט „פּעטער פּאָול", זייער א גוטער ייד. ער וועט דיר העלפן, מיט וואָס ס'איז נייטיק".

— „כ'דאנק אייך זייער" — האָט באַרין געענטפערט.

דער שווארצער באדינער פון דעם פאַרמער האָט גענומען צובינדן באַ־רינס אויטאָ צו זיין באלעבאָס' אויטאָ. דערווייליע האָבן ביידע מענער גע־נומען שמועסן מכוח די נידעריקע פּרייזן אויף שעפּסן און וואָל.

— „דערצו נאָך האָט די טריקעניש לאַנג אָנגעהאלטן" — האָט גע־טענהט דער פאַרמער — „און איצט, אז ס'האָט שוין אזוי גוט גערעגנט און ס'איז געווען אזא גוטע האָפענונג אויף מזל־ברכה, איז גאָר אָנגעקומען דער היישעריק".

— „נו, די רעגירונג נעמט דאָך אָן מיטלען די היישעריקן צו פאַר־ניכטן" — האָט באַרין געזאָגט.

— „נאַרישקייטן" — האָט פאַן־רענסבערך געענטפערט — „וואָס מער מען הרגעט זיי, אַלץ מער ווערן זיי באשאַפן. מיין מיינונג איז, אז דאָס איז דעם אייבערשטנס רצון, אנטקעגן וועלכן מ'קען ניט און מען טאָר ניט שטרייטן. געוויס געווען עפּעס אן עבירה, פאַר וואָס גאָט שטראָפט איצט..."

— „דענקסטו דען ניט, אז מען דאַרף באקעמפן א פּעסט? און אז א קראַנקייט באַפאַלט דיינע שעפּסן, למשל, איז עס דען א חטא זיי צו היילן,

וויבאַלד די קראַנקייט איז אַנגעשיקט פונעם אייבערשטן?״ — האָט באַרין געזאָגט.

— „דאָס איז אַן אַנדער זאַך״ — האָט זיך פאַן־רענסבערך געהאַלטן ביי דעם זייניקן, — „אָבער די הישעריקן וועסטו נישט אויסראָטן. די רעגי־רונג קען אפילו מיליאָנען אויסגעבן אויף פארשיידענע גיפטן, וועלן זיך די הישעריקן אלץ פרוכפּערן און מערן״.

באַרין האָט נישט געענטפערט. א מידער איז ער אריין אין זיין אויטאָ, האָט זיך באקוועם אַנגעלענט אויפן לעדערנעם קישן און האָט האלב איינ־געדרעמלט. ווי אין א הינערפּלעט האָבן אים זיינע מחשבות גענומען ארומ־טראָגן איבער פארשיידענע ערטער און צייטן פון זיין לעבן... און פּלוצ־לונג האָט פאר אים א שוועב געטאָן זיין יוגנט אין רוסלאנד, אינעם גרויסן שיינעם הויף סטאַראָסלאוול, מיט די ברייטע, גרינע, באבלומטע און באַ־קאָרנטע פעלדער, מיט אומענדלעכע פארחלומטע און פארסודעטע וועלדער.

שוין דאָך אזוי לאַנג, ווי ער איז פון דאָרטן אוועק, און אלץ שטייט אויף פאר אים אזוי קלאָר, אזוי לעבעדיק...

2

אין דעם וואונדערשיינעם הויף סטאַראָסלאוול איז באַרין געבאָרן גע־וואָרן. זיין פאָטער איז געווען דער פארוואלטער פון דעם הויף, וואָס האָט געהערט צום רייכן גראף באַרין־שטוסאָקאָוו. א ליבלעכער מענטש געווען דער גראף. און די קליינע מאָגערע גרעפין איז געווען א טייערע אידעלע נשמה. קיין קינדער האָבן זיי ניט געהאַט, האָבן זיי אויסגעהאָדעוועט אָטי־ליען, ס׳קליין שיין מיידעלע, וואָס איז געווען, ווי מ׳האָט געזאָגט, א יתומה פון שטוסאָקאָווס א קנעכט. ווען באַרין איז אלט געוואָרן זעקס יאָר און זיין חברטע אָטיליע אומגעפער אַכט יאָר אלט, האָבן זיי ביידע אָנגעהויבן לער־נען ביים רוסישן לערער פאנאשאָוו, מיט די קליינע אייגעלעך און מיט א נאָז, וואָס האָט אויסגעזען ווי א שנאָבל. צוזאמען פלעגן זיי ביידע אין גרויסן פרוכטגאָרטן ארומלויפן און ארויפקריכן אויף די געדיכטע עפל־ביימער און פון אויבן פארווארפן דעם גערטנער מיט אומצייטיקע עפל.

וואָסערע זכרונות זיינען אים געבליבן פון טאַטע־מאַמע?

דער פאָטער זיינער לעוו פאָולשאַנסקי איז דאן נאָך געווען אין די דרייסיקער, א מיטלוווקסיקער בלאָנדין מיט פארשפיצטע וואָנצעס. די מוטער איז געווען א בילד שיינע פרוי, שטיל און איידל. פון אירע ראָזע

ווייכע ליפּן האָט זיך קיינמאָל ניט אפּגעטאָן דאָס ליבלעך שמייכעלע, וואָס לעבט נאָך עד־היום אין זיין זכרון.

געדערעדט האָבן זיי רוסיש. דער הויף איז געלעגן ווייט פון א שטאָט און עס איז אים דאַן גאָר נישט אויסגעקומען צו זען קיין יידן. ער האָט דעם פאָטער קיינמאָל ניט געהערט ריידן וועגן יידן און יידישקייט און קיינמאָל אים ניט געזען דאווענען. איין זאַך געדענקט ער נאָר: דאָס שיין תפילין־זעקל, אין וועלכן ס'איז געווען באַהאַלטן א טלית, א פּאָר קליינינקע תפילין און א הגדה, איינגעבונדן אין זילבערנע טאָוולען, אויף וועלכע ס'זיינען גע־ווען אויסגעקריצט אויף איין זייט בילדלעך: „פּתם ורעמסס", „פּרעה פאַר־פייניקט זיינע קנעכט". און אויף דער צווייטער זייט די בולטע אותיות: „ל. פ."

איינמאָל, געדענקט ער, איז געווען ביי זיינע עלטערן א „סדר־נאכט", ס'ערשטע און לעצטע מאָל. ער קען דאָס בילד ניט פאַרגעסן. איבערהויפּט לעבט אין זיין זכרון דער רושם, וואָס האָט אויף אים דאַן געמאַכט די פּראַכט־פולע זילבערנע „הגדה", וואָס דער פאָטער האָט געהאַלטן. — „די „הגדה" איז געוויס געמאכט פון מלאכים" — האָט ער דאַן געטראַכט, — „אנדערש האָט ער זיך ניט געקענט פאַרשטעלן... ער געדענקט: ער האָט עס פונעם פאָטערס האַנט ארויסגענומען און עס ניט געוואָלט צוריקגעבן און איינשלאָפנדיק האָט ער עס צום הארצן צוגעדריקט. אין יענער נאַכט האָט זיך אים געחלומט: ער ליגט מיט אָטיליען צווישן די בלומען לעבן גראָפס פּאלאַץ און זיי פרייען זיך שטאַרק, באַוואונדערנדיק די שיינע „הגדה" און פּלוצלונג, פון הינטער די געדיכטע קוסטעס, פון יענער זייט בריקל, קריכט ארויס פּעטרושקע דער פּאַסטעך און רייסט ס'ביכל פון זייערע הענט ארויס... אָטיליע בעט זיך רחמים ביי פּעטרושקען, ער זאָל עס צוריקגעבן, נאָר ער, דער רויבער, כאַפּט זי אָן פאר אירע שווארצע לאנגע האָר, וועלכע גרייכן ביז אירע קני, און שלאָגט זי מיט א שטעקן. פון גרויס שרעק האָט ער זיך אויפגעכאַפּט שרייענדיק: „אָטיליע, ווו ביסטו? ווו איז די „הגדה"?..."

און זיין מוטער האָט אים זיין פּנים אויסגעקושט... אָ, זיין גאַנץ לעבן וואָלט ער אוועקגעגעבן פאר אזא איין קוש נאָר!...

אָבער פאַרוואָס איז זיין מוטער דאַן אזוי געווען צעטראָגן, פאַרזאָרגט און טרויעריק? צוליב וואָס עפּעס זיינען אירע ליכטיקע גוטע אויגן אזוי פאַרווייַנט געווען? דאָס האָט ער ניט געוווּסט, נאָר ער געדענקט גענוי, אז יענעם פרימאָרגן איז זי צוזאַמען מיטן פאָטער זיינעם צום גראָף אין פּאַ־לאַץ אוועק און צוריקקומענדיק איז עפּעס א קריג ביי זיינע עלטערן פאַר־

געקומען... די סיבה פון דעם איז אים אַן אייביקע רעטעניש געבליבן. ער געדענקט: ס'האָבן זיך צווישן זיי דורכגעוואָרפן די ווערטער „גראַף", „אַטיליע"... די מאמע האָט שטאַרק געוויינט און דער פאָטער האָט אין גרויס אויפרעגונג און מוראדיקן כעס ס'הויז פארלאָזן...

און פון דאַן אָן האָט ער אים שוין קיינמאָל ניט געזען.

ס'איז געוואָרן א טומל. די דינער פון הויף האָבן זיך אוועקגעלאָזן זוכן דעם פאָטער. אין אלע וועלדער, אָזערעס, טייכן און טיפע גראָבנס האָט מען אים געזוכט, אָבער אומזיסט. מען איז ניט דערגאַנגען ווו ער איז אהינ־געקומען. זיין מוטער האָט געהאלטן אין איין קלאָגן. נאָר א יאָר שפעטער איז געקומען אַן ענדע צו איר יאָמער און עלנט. ווי א ליכט איז זי אויס־געגאנגען, איינגעשלאָפן אויף אייביק און רוט אונטער א מירמלשטיין, וואָס זעט אויס ווי אַן אָפּגעבראָכענער בוים, דאָרטן אין דער שמאָלער אלייע פון אלטע אומעטיקע ריאַבינעביימער...

גלייך נאָך זיין מוטערס טויט איז ער אָנגעקומען אינעם פאלאַץ פון גראַף שטוסאַקאָוו, וועלכער האָט אים געגעבן דעם נאָמען „באַרין", וואָס איז שוין אזוי אויף אלע מאָל פארבליבן.

צו פופצן יאָר האָט מען באַרינען אוועקגעשיקט קיין כאַרקאָוו, אין אַ דאָרטיקער גימנאַזיע, ווו ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין לערנען. צו אכצן יאָר איז ער אריין אין אוניווערסיטעט. מיט עטלעכע יאָר שפעטער איז ער אוועק אין מיליטער־דינסט און נאָכן קומען צוריק אין סטאַראָס־לאַוול, אין עלטער פון פינף-און־צוואַנציק יאָר, האָט דער גראַף אים געמאכט פארן פארוואלטער פונעם הויף. טריי און ערלעך האָט ער זיינע פליכטן דערפילט. ער איז געוואָרן באליבט ביי די הונדערטער פויערים און דינער, וועלכע האָבן זיך פאר אים געבוקט און געקניט — ווי ס'איז דאַן די מאָדע געווען, — אים אָנרופנדיק: „אונדזער גנעדיקער פּאַריצל".

אויף א הויכן, מעכטיקן ווייסן פערד פלעגט באַרין ארומרייטן פון פעלד צו פעלד, אכטונג געבן אויף די פיל פארשיידענע ארבעטן.

טאָג איין טאָג אויס פלעגט ער באזוכן דעם „ביורא פון באלאַסטונגען און צינזן", כדי אָפּצונעמען דין וחשבון פונעם בוכהאלטער אדאמאָוויטש, א געבילדעטן פּאָליאַק, א כיטרען און אויסגעשארפטן מענטשן און א גרויסן בעל־גאווה, וואָס האָט זיך מיט גלאַטער צונג און פאלשע קאָמפּלימענטן צוגעחנפעט צום גראַף. באַרין האָט אים פאראכט און דער פּאָליאַק האָט באַרינען אויך שטאַרק פיינט געהאַט און האָט געהאלטן אין איין טראַכטן

און פלאַנעווען, ווי אזוי ער זאָל פּטור ווערן פונעם פּאַרהאַסטן יידל. אָבער וויסנדיק ווי האַלט דער גראַף האָט דעם יונגן מאַן, וועלכן ער האָט באַטראַכט ווי אַן אייגענעם זון, האָט דער כיטרער אדאַמאָוויטש זיך אָנגעשטרענגט תמיד צו שטיין פאַר באַרינען, ווי א דינער שטייט פאַר א הערשער. דאָס האָט אים ניט געשטערט צו גנבענען אויף רעכטס און אויף לינקס פון די פאַרשיידענע הכנסות־קוואַלן פונעם גרויסן הויף — און ער האָט אַן אוצר מיט געלט אָנגעלעבט. דאַן איז אים געלונגען חתונה צו האָבן מיט א טאָכטער פון געהויבענעם פוילישן יחוס, עפּעס א פירשטין, א זעלטענע שיינהייט און א געבילדעטע, וואָס האָט מיט איר וווּנדערלעכן רייץ א סך מענערשע הערצער באַהערשט, צווישן זיי אויך דעם גראַף שטוסאַקאָווס. ער האָט איר גרויס התקרבות געוויזן. און ווען זיין פרוי די גרעפין, איז געשטאָרבן, האָט ער זיך גאָר נאָענט צוגעלאָזן צו אדאַמאָוויטשעס בילד־שיינער פרוי. ער פלעגט מיט איר ארומשפּאַצירן לאַנגע שעה׳ן אין זיין גרויסן לוסט־גאָרטן און ארומפאָרן מיט איר אין זיין פּראַכטיקן עקיפּאַזש, געשפּאַנט מיט פיר גרויסע צאַרט-ווייסע פערד. דער בוכהאַלטער פלעגט אָפּט אוועקפאָרן אויף „אורלויב״, וואָס ער פלעגט קריגן פונעם גראַף... און די דינער האָבן צווישן זיך גערעדט, אז פאַר דער צייט, וואָס ער פאָרט אוועק, אוז די שיינע מאַדאַם אדאַמאָוויטש טאָג און נאַכט אינעם גראַפס פּאַלאַץ.

באַרין האָט זיך צוגעהערט צו די געשפּרעכן און דערפון גרויס צער געהאַט. ער האָט געוווּנטשן, אז די דאָזיקע רייד זאָלן ניט דערגרייכן צו דער איידעלער גוטער אָטיליען, וועלכע האָט דאַן געשטודירט אין מאָסקווע און מיט וועלכער ער האָט זיך דורכגעשריבן. ס׳איז שוין געווען פינף יאָר, זינט זי איז באַוווּסט געוואָרן ווי אַן אויסגעצייכנטע קינסטלערין. אירע נאַטור־בילדער זיינען געריימט געוואָרן דורך גרויסע מבינים און זי איז באַשאָנקען געוואָרן מיט מעדאַלן און ליבגעזאַנגען. זי האָט אויך אָנגעשריבן עטלעכע קליינע דראַמעס, וועלכע האָבן געקראָגן פריינדלעכע אָפּהאַנדלונגען אין דער פּרעסע און זי איז געוואָרן א באַליבטע פּערזענלעכקייט אין די הויכע פענצטער פון מאָסקווע.

סטאַראָסלאַוול מיט דער אומענדלעכער נאַטור־רייכקייט האָט אָטיליען שטאַרק געצויגן, און זי פלעגט אַלע יאָר אהין קומען מיט א באַזוך. וואָס פאַר א נחת דאָס פלעגט זיין פאַר באַרינען! וואָס פאַר א גליק און פאַרגעניגן! צוזאַמען פלעגן זיי ארומשפּאַצירן און אויף פערד ארומרייטן איבער אַלע וועגלעך און שטעגלעך, ווו זיי האָבן זיך צוזאַמען געהאַדעוועט און

ארומגעטאַנצט אין זייער רייציקער יוגנט, און פארכישופט פון זונען־שפּע און געשמאַקסטע פעלד־ריחות, האָבן זיך זייערע הערצער געהויבן מיט הנאה אנטקעגן זייער אמאָליקן פריינד, דעם אלטן פארחלומטן וואַלד, וואָס האָט זיי אָנגעקוקט מיט אזוי פיל ליבשאַפט; זיך באַוועגנדיק אונטער שפּילנדיקע ווינטעלעך און זיך צעגיסנדיק אין זילבערנע כוואַליעס; אנט־קעגן די אָנגעפּיקעוועטע בלומען ארום דער שטיינערנער באַנק צווישן די הויכע ברייט־פונאַנדערגעלאָזענע ניס־ביימער, וואָס האָבן געאָטעמט מיט אזוי פיל ליבע און גנאַד.

ליבע, ליבע! — — —

ווי צאַרט זייער ליבע איז געווען!

און איינמאָל א זומער, ווען אָטיליע איז געקומען אהיים איז זי אזוי אויפגערעגט און טרויעריק געווען. זי האָט זיך דערוווּסט פון איר פאָטערס פארהעלטעניש מיט דער פרוי אַדאַמאָוויטש, וועמען זי האָט געהאסט מיט איר גאנצער יונגער נשמה. דאָך האָט זי איר נאָמען נישט דערמאָנט און איר פאָטערס נאָמען האָט זי אויך אויף אירע ליפּן ניט ארויפגעבראַכט. נאָר עפּעס גאָר נייע דיבורים האָט זי געהאַט... עפּעס אזעלכע נייע גע־דאנקען וועגן „רויב" און גזילה און מערדערלעכע עוולות, וואָס ווערן אָפּ־געטאָן אנטקעגן די אָרעמע אומגליקלעכע פּויערים, אנטקעגן די ארבעטער, וועלכע ווערן פארשקלאַפּט און צעטראָטן דורך די קאפּיטאַליסטישע פאר־ברעכער, וואָס פרעסן און זויפן און לייגן אליין קיין פינגער ניט צו צו ארבעטן..."

א פארטראַכטע, אן אומעטיקע, מיט ברענעדיקע אלץ־וויסנדיקע, טיף אין הארצן דרינגענדיקע אויגן, האָט זי שטיל, אָבער קלאָר, גערעדט וועגן עפּעס א מעכטיקער רעוואָלוציע, וואָס טראָגט זיך אָן ווי א שטורעם — — —

און דאַן באלד נאָך איר צוריקקומען קיין מאָסקווע איז זי ארעסטירט געוואָרן. נאָכדעם איז זי דורכגעגאַנגען א שווערן משפּט. ס'האָט קיין זאַך ניט געהאָלפן, אפילו די רעקאָמענדאַציעס און איינפלוסן פון די גרעסטע באַראָנען און גראַפן, — זי איז פארשיקט געוואָרן קיין סיביר.

ווי א דונער האָט באַרינען די בשורה געטראָפן. ווי אומגליקלעך ער האָט זיך געפילט! און ווי איבערראַשט און צעבראָכן ער האָט זיך דער־שפּירט, זעענדיק אז דער גראַף שטוסאַקאָוו נעמט אָן די גזירה אזוי גלייכ־גילטיק, אפילו קיין פונק פון צער ניט אויסצודריקן! באַרין איז שיר ניט משוגע געוואָרן פון יסורים און ברענענדיקן כעס אויפן גראַף, וואָס פירט

זיך אויף ווי א מטורף אין דער נעץ פון מאַדאַם אַדאַמאָוויטש און זיין ווייַ־טאָג און דערשטוינונג זיינען נאָך פאַרגרעסערט געווארן ווען גראַד צו יענער צייט איז דער גראַף מיט איר אוועקגעפאָרן אויף עטלעכע וואָכן זיך אויסצוהוליען אין דער הויפּט־שטאָט.

באַרין האָט דעמאָלט באַשלאָסן אדאַמאָוויטשן גוט אויסצומוסרן פאַרוואָס ער דערלאָזט אזא סקאַנדאַליעזע אויפפירונג פון זיין פרוי... אָבער ווען ער איז אריינגעקומען אין ביוראָ, האָט אים אדאַמאָוויטש, אין א שיכורן צושטאַנד, איבערגענומען מיט א משונהדיקער פלאַפּלעריי און זיך ווארפנ־דיק אויף אלע זייטן האָט ער פּלוצלונג אָנגעהויבן צו פּילדערן:

— „איך וואַרט טאַקע אויף דיר, פּאַלשאַנסקי. נאַ, אָט האָסטו פּסיאַק־רעוו זשיד, א בריוו פונעם גראַף... נאַ און גיי צום טייוול!"

מיט ציטערדיקע הענט האָט באַרין געעפנט דעם בריוו, געשריבן מיט שטוסאַקאָווס האַנטשריפט און געשטעמפּלט מיט זיין פּריוואַטער חתימה:

— „הער אדאַמאָוויטש נעמט איבער די גאַנצע פאַרוואַלטונג. דאָ איינ־געשלאָסן אַנטפּאַנג דריי הונדערט רובל און פאַרלאָז באַלד מיין הויף".

3

אויף דער שיף, פאָרנדיק קיין לאָנדאָן, האָט באַרין צום ערשטן מאָל זיך באַקענט מיט יידן. ס'זיינען דאָרטן געווען איבער א הונדערט יידישע מענער, ווייבער און קינדער, וועלכע דער עמיגראַציע־שטראָם האָט געטראָגן אין פאַרשיידענע לענדער דורך דער ענגלישער הויפּט־שטאָט. מיט אָפענע אויגן האָט ער זיך צוגעקוקט צו זיינע אָרעמע ברידער, צו זייערע וועגן און מאַנירן, וואָס זיינען אים גאַנץ פרעמד געווען. ער האָט אָבער געפילט צו זיי אזא נאָענטקייט. איז עס דאָך די זעלביקע סיבה געווען, וואָס האָט זיי אלעמען ארויסגעשטופּט פון זייער היימאָט און זיי געצוווּנגען צו וואַנ־דערן אָן א ציל. זיי זיינען דאָך אלע געווען גלייכע קרבנות פון מוראַדיקער רשעות און ווילדע אינטריגעס פון בייזע פיינד.

אויף דער שיף איז אויך געווען איינער א קלוגער שטילער ייד, מיט וועמען באַרין האָט זיך באַפריינדעט מער ווי מיט אלעמען, און האָט פאַר אים אויסגעגאָסן זיין ביטער הארץ. גוטמוטיק האָט יענער אויסגעהערט באַרינס רייד און מיט א שווערן זיפץ האָט ער געענטפערט:

— „מיין פריינד, דו ביסט דער אמתער סימבאָל פון אונדזער אומגליק־לעכן פאָלק. דו לייגסט אוועק אלע דיינע כחות פאַר פרעמדע, זיכער זייענ־

דיק אז דאָס איז דיין היים, דיין לאַנד, פאַר וועלכן דו ביסט גרייט ס׳גאַנצע לעבן אוועקצוגעבן, און מיטאַמאָל קריגסטו אַזאַ שווערן קלאַפּ, וואָס צע־שמעטערט דעם גאַנצן יסוד פון דיין עקסיסטענץ, און דו ווערסט אין איין אויגנבליק אַ פרעמדער, אַן עלנטער, צעבראָכענער אביון! — — —״

דער דאָזיקער ייד איז צו באַרינען ווי אַ ברודער געוואָרן. ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין לאָנדאָן, זיינען זיי אין איין אכסניה איינגעשטאַנען און דאָרטן האָט זיין גוטער פריינד אים אויסגעלערנט ריידן און לייענען יידיש. ער האָט אים פאַרשאַפט אַ שטעלע ביי אַ באַקאַנטן הענדלער פון אַלטע אייזן, וועלכער איז געווען אַ רעליגיעזער ייד, און ביי אים אין הויז האָט באַרין זיך איינגעוווינט צו דאַוונען אַלע טאָג און אָפּצוהיטן די יידישע מנהגים. ער איז אַליין דערשטוינט געוואָרן פון דעם, וואָס ס׳האָט אים אַזוי שטאַרק געצויגן צו יידישער געזעלשאַפט, פונקט ווי ער וואָלט פון זיין סאַמע יוגנט אַזוי געוווינט געווען. און ווען ער איז שפּעטער געצוווּנגען געווען, צוליב דעם לאָנדאָנער קלימאַט, וואָס איז געווען שעדלעך פאַר זיין געזונט, אוועקצופאָרן קיין אַפריקע, איז אים דאָס שווערסטע און פיינלעכס־טע געווען דאָס, וואָס ער האָט געדאַרפט פאַרלאָזן די יידישע געזעלשאַפט אין לאָנדאָן.

ווען באַרין איז אָנגעקומען קיין קייפּטאַון האָט ער גלייך קיין פּאַסיקע אַרבעט פאַר זיך ניט געקראָגן. זעענדיק אָבער, אַז זיין לעצטע פּרוטה גייט אים אויס, האָט ער זיך געוואָרפן צו די שווערסטע אַרבעטן. ליים האָט ער געקנאָטן, ציגל געטראָגן און שטיינער געהאַקט. און אין די אַלע עבודת־פּרך האָט ער ניט פאַרפעלט אָפּצוהיטן די יידישע מנהגים, צו וועל־כער ער האָט זיך איינגעוווינט זייענדיק אין לאָנדאָן. ס׳איז אים אַליין אויס־געקומען משונה, אָבער ער האָט געגלויבט באמונה שלמה, אַז זיין פרומקייט האָט אים געהאָלפן באַלד פון זיין שווערער לאַגע אַרויסצוקריכן... אַ ריי־כער ייד, אַ פּי־הענדלער, האָט אים געגעבן אַ שטעלע און, זייענדיק אַ מבין אויף פּי, האָט זיך באַרין אויסגעצייכנט אין דעם פאַך און, אָפּדינענדיק זיין באַלעבאָס עטלעכע יאָר, האָט ער אָנגעזאַמלט אַ היפּש ביסל געלט, ביז ס׳איז אים געלונגען אָפּצוקויפן אַ פאַרם מיט פּי, שעפסן, פערד און אייז־לען. באַרינען האָט אָפּגעגליקט און ער איז אַ רייכער מאַן געוואָרן.

* * *

פאַר דער גאַנצער צייט, זינט באַרין האָט פאַרלאָזן סטאַראָסלאַוול, האָט ער אָטיליען ניט פאַרגעסן, נאָר זיינע מאַטערנישן און אָרעמקייט האָבן אים

ניט דערלאָזן זיך אָפּצוגעבן זי צו זוכן. אָבער קוים איז זיין מאַטעריעלע לאגע בעסער געווארן, האָט ער די וועלט געקערט זי אויפצוזוכן, ביז ער איז דערגאַנגען, אז זי איז אין זשענעווע, אין דער שווייץ.

ער האָט צו איר גענומען שרייבן בריוו, האָט איר אויסדערציילט וועגן אלע זיינע איבערלעבענישן, געשילדערט זיין איצטיקן גוטן צושטאַנד, איר דערקלערט, ווי גרויס זיין ליבע איז צו איר, און געבעטן, זי זאָל צו אים קו־מען און זיי וועלן צוזאמען אזוי גליקלעך לעבן!

זי האָט אים געענטפערט:

— „דו ביסט דער איינציקער מענטש אין דער גאנצער וועלט, וואָס איז מיר אזוי נאָענט. ביסט מיין ליבלינג, מיין ברודער... די גראָבע ווילדע הענט פון מיינע פייניקער האָבן ניט געקענט אויסלעשן די ליכטי־קייט, וואָס דו האָסט אויף אייביק אין אונדזער גליקלעכער יוגנט אָנגע־צונדן. יע, אויף אייביק!... אָבער דווקא וויל כ׳האָב דיך אזוי ליב און דו ביסט מיר אזוי טייער, האָב איך קיין רעכט ניט צו דיר נאָענט צו קומען... א ברוטאלער מערדער, אין געשטאַלט פון א קאָזאקן־אטאמאַן, האָט מיינע יוגנט־כחות צוזאמען מיט מיין מוט און ערע צעשמעטערט און פארניכטעט... ס׳צאפלט זיך אין מיר נאָך א ריינע נשמה און ס׳קלאפט נאָך אין מיר אַן אומשולדיק האַרץ, וואָס איך האָב באשלאָסן אינגאנצן אָפּ־צוגעבן דעם גרויסן און שווערן קאמף אנטקעגן דעם ווילדן צאריזם, וואס וועט מוזן פאלן אויף אייביק. און דאַן וועלן אלע צעטראָטענע, צעבראָכענע, בארויבטע און פארפייניקטע מענטשן באפרייט ווערן. וואַרט נישט און האָף נישט אויף מיר, ברודערל... ס׳איז מיר נישט איבערגעבליבן קיין זאַך דיר צו געבן, א חוץ מיינע ווארעמע ברכות און תפילות פאר דיין גליק אין לעבן...״

ער האָט ווידער געשריבן, אז ער וויל פון קיין זאַך נישט וויסן, אז די מעכטיקע ליבע וועט אלע וויטאָגן און צרות אין טיפן תהום פארשטויסן... אז ער קען אָן איר ניט לעבן און אז אויב זי וועט ניט קומען, וועט ער בלייבן אַן אומגליקלעכער, אַן עלנטער און איינזאַמער אויף זיין גאַנצן לעבן...

אויף דעם האָט זי נישט געענטפערט.

נאָר נאָך עטלעכע יאָר ווארטן האָט באַרין א קליין בריוול פון אָטיליען דערהאלטן. זי שיקט אים — האָט זי געשריבן — איר נייעם בוך, איר לעבנס־ווערק. זי איז גליקלעך מיט איר ליטעראַרישער ארבעט און גע־

פינט צופרידנקייט אין איר שטילן רויקן לעבן און אזוי אומגעשטערט וועט זי שוין פארבלייבן אומפאַרהייראַט . . .

4

א ראָד פון פאַן־רענסבערכס אויטאָ איז אריבערגעפאָרן איבער א שטיין, בײדע אויטאָס האָבן זיך א שטאַרקן טרייסל געטאָן און באָרין האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיינע חלומות. ער האָט דערזען א רויט הויז, ארומגע־רינגלט פון פעפער־ביימער, און נאָענט צוגערוקט צום הויז איז געשטאַנען אן אָפּגעלאָזן וויסלעך געוועלבל מיט צוויי קליינע פענצטערלעך און מיט א שמאָלער טיר, איבער וועלכער ס׳איז געהאַנגען א ווייסער שילד מיט שווארצע אותיות, וואָס האָט צונויפגעשטעלט צוויי ווערטער אין אַפרי־קאַאַנס:

OOM PAUL (פעטער פאָול)

פון „שאָפּ" איז ארויסגעקומען אַן אַלטער מאַן, ווייט אין די זיבעציקער, א ביסל איינגעבויגן און די לאַנגע האָר פון קאָפּ און באָרד ווייס. שטיל איז ער צוגעקומען צום אויטאָ, און דערקענענדיק פאַן־רענסבערכן, האָט ער אים פריינדלעך געגריסט. דער בור האָט אויסגעשריען:

— „פעטער פאָול, אָט האָב איך דיר געבראַכט אַן אורח, וועמען דו וועסט קענען ארויסווייזן דיין געוויינטלעכע הארציקע גאסט־פריינדלעכ־קייט, אזוי ווי אן אמתער גוטער סאַמאַריטאַנער; אגב, וועסטו האָבן גרויס הנאה פונעם חשובן אורח, וואָס איז פאר דיר ווי געוווּנטשן, ס׳הייסט: ער איז א שווייגנדיקער און א פארטראַכטער און דו, פעטער פאָול, האָסט דאָך אזוי ליב נאָר אליין צו ריידן און צו דערציילן מעשיות און דער אנדע־רער זאָל זיך גוט איינהערן שווייגנדיק. קום באקענט זיך".

— „דערווילע ביסטו דאָך אליין אויך אויפן מויל ניט געפאלן" — האָט פעטער פאָול געזאָגט — „אָט שטייסטו און רעדסט דאָך אזוי פיל, הגם דיין צונג איז געווים פארטריקנט . . . קומט, קומט אין שאָפּ אריין און נעמט עפּעס אין מויל אריין".

אין „שאָפּ" אריינקומענדיק האָט זיך דער אלטער א קער געטאָן צו זיין געהילף, א יונגן רירעוודיקן אפריקאנער מיט א גוטמוטיקן פנים, פול מיט זומערשפּרענקלעך:

— „קאַספּער, זאָג דער מיידל, זי זאָל אריינברענגען קאַווע". א שווארץ מיידל האָט פאר אלעמען געבראַכט קאַווע און נאָכן ערשטן זופּ האָט פאַן־רענסבערך א זאָג געטאָן:

— „פּעטער פּאָול, כ'האָב דיר אַ סך פּעלץ אַריינגעבראַכט, זע וואָס דו קענסט מיר פאַר דעם צאָלן. ס'איז גוטע סחורה און דער מאַרק איז דאָך אויך גוט. און אָט איז אַ רשימה פון עטלעכע אַרטיקלען, וואָס איך דאַרף איינקויפן. זאָל עס קאַספּער דערווײַלע פאַרטיק מאַכן".

פאַר דער צייט, וואָס זיי האָבן די פּעלץ אויסגעסאָרטירט און געהאַנדלט, האָט באַרין שוין באַוויזן צו געפינען אַ מעכאַניקער און איז דערגאַנגען פון אים אַז אַ געוויסער טייל פון דער מאַשין איז פאַרדאָרבן און מען מוז אַ נײַעם אויסשרייבן פון קייפּטאַון; און ביז וואַנען דער אויטאָ וועט צו־רעכטגעמאַכט ווערן, דאַרף עס דויערן גוטע עטלעכע טעג.

— „אַ שלעכטער עסק" — האָט זיך באַרין געקלאָגט פאַרן „פּעטער פּאָול" — „כ'וועל מוזן פאַרבלייבן דאָ כמעט אַ גאַנצע וואָך און כ'האָב אַ קאָנטראַקט עטלעכע טויזנט שעפּסן דריגנד צוצושטעלן, און אויב איך באַוויז עס ניט צו טאָן, פאַרליר איך אַ סך געלט. אַ חוץ דעם קומט אָן פסח אין אַ פּאָר טעג אַרום!"

— „ס'איז אַ פינגער פון גאָט!" — האָט דער אַלטער אויסגעשריען — „ס'איז קיין בייז ניט. כ'פאַרזיכער דיר, דו וועסט די נייטיקע צאָל שעפּסן קריגן טאַקע ניט ווייט פון דאַנען ביי מיינע גוטע אַפריקאַנער פריינד. עטלעכע הונדערט פעטע שעפּסן האָב איך אַליין אויך, און אויב דו ווילסט, קען איך דיר עס פאַרקויפן צו גלייכן געלט; כ'וועל דיך ניט באַרייסן און ניט באַעוולה'ן. אויב דו ווילסט פסח אָפּהיטן, איז אוודאי גוט. מיר וועלן צוזאַמען „סדר'ן" און דעם יום־טוב ווי געהעריק אָפּריכטן. כ'בין דאָך אויך אַ ייד. הגם איך היט ניט אָפּ שבת, אָבער יום־כפּור און פסח היט איך אָפּ... מצות און וויין האָב איך שוין און ס'וועט זיין גענוג פאַר אונדז ביידן. ס'איז בפועל ממש אַ פינגער פון גאָט, כ'זאָל ניט עלנט זיין דעם יום־טוב..."

אין אָוונט אַרומשפּאַצירנדיק און שמועסנדיק האָט „פּעטער פּאָול" דעם אורח געוויזן זיין פעלד און זיין גאַנצן „האָב און גוטס". און אין עטלעכע שעה האָט ער באַרינען זיין לעבנס־געשיכטע דערציילט.

באַרין האָט זיך גוט צוגעהערט, ניט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פונעם אינטערעסאַנטן ליבלעכן אַלטן, וועלכער האָט אים אַזוי נאָענט צו זיך צו־געצויגן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער קען אים שוין פאַר אַ סך יאָרן, עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטן פון דער יוגנט אָן צוגעטאָנענע וואַרעמע פריינד געוועזן.

5

שטיל, אָבער קלאָר און דייטלעך האָט „פּעטער פּאָול" דערציילט:

... זיין ריכטיקער נאָמען איז ניט „פּאָול". אַן אנדער נאָמען האָט ער געהאַט, וואָס פאַר די אפריקאַנער איז עס געווען צו לאַנג און צו שווער ארויסצורײדן, האָבן זיי דערפאַר זיין לאַנגן נאָמען פארקירצט אויף „פּאָול".

געבאָרן געוואָרן איז ער אין רוסלאַנד. געלעבט האָט ער דאָרטן ביז עטלעכע יאָר נאָך זיין חתונה. ער איז געווען גליקלעך אי מיט זיין פאַמיליע־לעבן, אי מיט זיין ארבעט, נאָר צוליב אַ געוויסער סיבה איז ער גע־צוואונגען געווען ס'לאַנד צו פאַרלאָזן. ער איז דאַן אוועק קיין אמעריקע. אַכט יאָר האָט ער דאָרטן פאַרבראַכט, איז דאָרטן געוואָרן אַ פּעדלער, אַ פּאַק סחורה אויפן רוקן ארומגעטראָגן. יונגע אמעריקאַנער יינגלעך פלעגן אים באַליידיקן, נאָכלויפן נאָך אים און שרייען: „שיני וויטה דהע ווישקערס". איינמאָל איז ער זייער אויפגערעגט געוואָרן און האָט אַ זעץ געטאָן איינעם פון זיי מיטן פויסט אין פּנים אריין, באַלד האָט אים אַ כוליגאַן מיט אַ גרויסן שטיין אין קאָפּ דערלאַנגט. ער איז אָפּגעלאָפן מיט בלוט און האָט אָפּגע־קרענקט עטלעכע חדשים. נאָך דעם ווי ער איז אויפגעשטאַנען פון בעט, איז ער קיין אפריקע אָפּגעפאָרן.

אַ געבענטשטע צייט איז דאַן געווען אין אפריקע. דאָס איז געווען אַ זיבן יאָר פאַר דער בורן־מלחמה. שטיל, רויק, רייך און צופרידן האָבן זיך געלעבט די גוטע ערלעכע גאָטספאָרכטיקע בורן, די באַלעבאַטים פון לאַנד, וועלכע זיינען געווען בלב ונפש איבערגעגעבן צו דער ביבל. אין זייער שווערער ארבעט אויף זייערע רחבותדיקע פאַרמס, האָבן זיי מיט זייער ענערגיע און פלייסיקייט אַ גרויסע ברכה געבראַכט דעם לאַנד. דאָס לעבן אין די גרויסע שטעט מיטן גאַנצן געטומל איז זיי דעמאָלט דערווידער געווען און דאָס פאַרגעניגן פון שטאָטישן לעבן האָט ביי זיי קיין שום באַטרעף ניט געהאַט אנטקעגן זייערע פעלדער, פּי און ברייטע „דאָמס". מיט פּאָליטיק האָבן זיי זיך ווייניק אָפּגעגעבן, זיי האָבן זיך בעסער אינטערעסירט מיט זיי־ערע סטאַדעס שעפּסן און רינדער. פון באַנק חשבונות און פּראָצענטן האָבן זיי ניט געוווסט, זייער געלט פלעגן זיי פּאַקן אין איינפאַכע צוקער־זעקלעך, נישט מורא האָבנדיק פאַר שווינדלערס און גנבים. ס'געלט איז גענוג גע־ווען פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען, אי פאַר די בירגער פון לאַנד, אי פאַר די איינגעוואַנדערטע. די וואָס האָבן נאָר געוואָלט און געקענט ארבעטן, האָבן פאַרמעגנס אָנגעלעבט.

און „פּעטער פּאָול" האָט מיט אַן אמת האָלט געהאַט צו אַרבעטן און ער האָט אַ גרויס רייכטום אָנגעזאַמלט. ס'האָט אים צום פאַרמערשן לעבן געצויגן, האָט ער אַ פאַרם געקויפט לעבן „סיקוי"־טייך, ווו ער האָט זיך פאַרנומען מיט פי־צוכט, אויך אַ שאָף האָט ער דאָרטן געפּנט.

אויף יענער זייט טייך האָט אַן אַלטער רייכער אירלענדער געלעבט. ער איז אַן אַלמן געווען און האָט געהאַט צוויי טעכטער. איינע האָט חתונה געהאַט פאַר אַ רייכן בור און די צווייטע, די פינף־און־צוואַנציק־יאָריקע, די פלאַקס־האָריקע מיורל, איז געווען מיט איר פאָטער און האָט אים אויפגע־פּאַסט און די ווירטשאַפט געפירט. פּאָול פלעגט זיי אָפט באַזוכן. ס'איז אים פריילעך און אַנגענעם געווען אין מיורלס געזעלשאַפט צו זיין. ער האָט האָלט געהאַט צו הערן איר שיין פידל־שפּילן, איר קלינגעדיקן געלעכטער, אפילו איר לייכטזיניקייט האָט ער האָלט געהאַט, אָבער פאַרליבט האָט ער זיך אין איר אָפּנהאַרציקייט און אין דער וואַרעמער פריינדשאַפט וואָס זי האָט אים תמיד געוויזן. און ווען ער האָט איר אַ פאָרשלאָג געמאַכט מיט איר חתונה צו האָבן, האָט זי אים ניט לאַנג געלאָזט וואַרטן. נאָך זייער חתונה, ווען מיורלס פאָטער האָט זיך פאַרגלוסט קיין אירלאַנד צו פאָרן, האָט ער פּאָולן דעם פאַרם אויף גוטע באַדינגונגען פאַרקויפט. און אַזוי אַרום איז פּאָול פאַררעכנט געוואָרן פאַר איינעם פון די רייכסטע בורן אין זיין געגנט.

צוויי זין האָט אים זיין מיורל געשענקט, און די קליינע פאַמיליע האָט זיך אַזוי גליקלעך געלעבט ביז דער צייט פון „רינדער־פּעסט", די מאוים־דיקע מגפה, וואָס האָט אומגעבראַכט הונדערטער־טויזנטער קעפּ פי, האָט געמאַכט אַ גאַנצע איבערקערעניש אין לאַנד און טויזנטער פאַרמערס בדיל־הדל געשטעלט. אויך פּאָולס פעלדער זיינען דעמאָלט פאַרחושכט געבליבן און פון זיין פאַרמעגן איז געבליבן אַ תל. די רעגירונג האָט דעמאָלט געהאַט אַנגענומען מיטלען די מגפה אָפּצוהאַלטן און אין פאַרקפאַנטיין איז אָנגע־קומען אַ יונגער האָלענדער, געשיקט פון דער רעגירונג ווי אַ באַאַמטער אין דעם קאַמף קעגן דער שרעקלעכער פּעסט. דער שיינער געזונטער האָ־לענדער איז ביי פּאָולן אין הויז אַ לענגערע צייט איינגעשטאַנען. פּלוצלונג האָט פּאָול דערפילט, אַז מיורל איז עפּעס ניט ווי געווען. וואָס זאָל עס באַדייטן? זי פלעגט אים אָנקוקן לאַנג און שווייגנדיק... מיט גרויסע אָנגעטרערטע אויגן פלעגט זי אים באַטראַכטן מיט אַזאַ רחמנות און מיט אַן אומפאַרשטענדלעכן פאָרוואורף, אירע טרערן פלעגן אַריבעררינען איבער אירע באַקן, נאָר זי האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט...

— „וואָס איז געשען, מיורל?״ — האָט ער איר געפרעגט ווייך און ליבלעך — „וואָס קוקסטו אזוי טרויעריק און ביסט אזוי שטיל און שטום?...״

זי האָט איר שיינעם קאָפּ ארונטערגעבויגן און ארויסגעלאָזן א זיפץ נאָך א זיפץ. זי האָט קוים ארויסגערעדט א פּאָר ווערטער וועגן עפּעס א פלוצלונגדיקן אומעט, וואָס האָט איר ארומגעכאפּט... וועגן הבלדיקן פאַרם-לעבן, וואָס איז איר מיאוס און מאוס געווארן; וועגן א שטרעבונג צו לעבן אין א גרויסער פריילעכער שטאָט ווייט פון מדבר...״

ער האָט גערעדט צו איר, זי געטרייסט און דערקלערט, אז ס׳וועט ווי־דער גוט ווערן און אין זייער הויז וועט ווידער פריילעכקייט און צופרידנ־קייט אויפלעבן. מיורל האָט זיך אָבער מיטאמאָל צעכליפּעט און צעטענהט:

— „ווען מיר זיינען רייך געווען, האָט זיך אלץ געלוינט, אָבער אז פון אלץ איז א בלאָטע געווארן, וויל איך ניט און קען ניט טראָגן דעם אומעט...״

און איינמאָל אין אָונט, ווען פּאָול איז פון פעלד אהיים געקומען, איז מיורל, צוזאמען מיטן האָלענדער, געווען פארשוווּנדן.

קאַספּער, זיין שאָף־געהילף, האָט אים שטיל דערציילט, אז ער האָט געהערט, ווי מיורל האָט צום האָלענדער געזאָגט:

— „כ׳ווייס, אז פּאָול איז גערעכט, און איך פיל מיך אזוי אומגליקלעך צוליב מיין איצטיקן שריט... כ׳ווייס, ווי גרויס זיין האַס צו מיר וועט זיין. און מיר שרעקן אזוי די קללות, וואָס זיין האַרץ וועט מיר נאָכשיקן... אָבער איך קען מיך ניט העלפן, מיין לייכטזיניק הארץ ציט מיך דיר צו פאָלגן און גיין מיט דיר — — —״

* * *

די אמתע צרות זיינען אים געקומען מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען די קאַפּלאַנדישע בורן האָבן זיך צעבונטעוועט און זיך אויפגעהויבן אין דער רעוואָלוציע צו העלפן זייערע אומגליקלעכע ברידער, די בורן אין טראנס־וואַל און אין „פריסטייט״.

זיינע בידע יונגע זין זיינען מיטן שטראָם מיטגעגאַנגען... בלויז קאַרגע צוויי וואָכן זיינען פארביי און דער עלטערער זון איז דערשאָסן געווארן דורך אן ענגלישן פּאַטראָל ערגעץ צווישן די בערג ניט ווייט פון פארקפאָנטיין, און דער יינגסטער זון, ווען ס׳איז געלונגען צו אנטלויפן, איז פארפאלן געווארן, ווי אין וואַסער אריין. נאָך שפּעטער־צו האָט זיך פּאָול דערוווּסט, אז אויך ער איז געפאלן א דערהרגעטער אין דער בלוטיקער

שלאָכט צווישן די ענגלענדער און די בורן ניט ווייט פונעם אָראַנדזש־טייך, ווו הונדערטער ברידערלעכע קברים ליגן צניעותדיק פאַרטרויערט, אונ־טער די שטומע אומעטיקע צלמים...

6

ס'איז אָנגעקומען פסח.

באַרין ריכט אָפּ דעם „סדר" ביי „פּעטער פּאָולן" אין הויז. אויפן קיי־לעכדיקן טיש איז אויסגעשפּרייט א צאַרט־ווייסער טישטוך; אין א גע־שטריקטן ווייסן זעקל ליגן מצות. א פּאָר פלעשער ווין באַשיינען דעם טיש. ס'וואַרפן זיך אין די אויגן די רויטע צעטלען אויף די פלעשער מיט דער אויפשריפט: „כשר לפסח". ס'פעלט ניט קיין ציבעלע מיט כריין... אומעטיק זיצט דער אלטער, זיינע ברייט צעעפנטע פייכטע אויגן קוקן אוועק ווייט גלייך דורכן אָפענעם פענצטער, דורך וועלכן ס'טראָגט זיך אריין א מילד ווינטל און באַרירט לייכט די „אָונט־בלומען", וועלכע זיינען אריינ־געשטעקט אין רויטלעכע גלעזערנע בלומען־וואזעס אויפן טיש.

— „יע, כ'האָב דיר כמעט אלץ דערציילט", — האָט פּעטער פּאָול גע־זאָגט, — „אָבער מיין הארץ איז מיר נאָך ניט לייכטער געוואָרן... און כ'וועל זיך ניט באַרויקן, ביז כ'וועל זיך אינגאַנצן ניט מודה זיין, אז אלע צרות, וואָס האָבן מיך געטראָפן, און מיין לעבן ענג און שווער געמאַכט, זיינען מיר ניט אומזיסט געקומען... צו מיין בושה און חרפּה פיל איך, אז איך האָב מיין שטראָף כשר פאַרדינט... אין מיין יוגנט האָב איך ניט געוואָלט גלויבן, אז א מענטש ווערט באַשטראָפט פאַר זיינע חטאים, אָבער איצטער, צו מיינע עלטערע יאָרן, גלייב איך עס מיט מיין גאנצן הארצן".

באַרין האָט אויפן אַלטן א וואַרף געטאָן א בליק, טיף אויסדריקנדיק רחמנות און מיטגעפיל. פּאָול האָט אים שטיל אָפּגעענטפערט מיט טרערנ־דיקע אויגן.

— „דו ביסט גערירט און פאַרוואונדערט, מיין פריינד? אזוי איז עס אָבער" — האָט פּאָול ווייטער גערעדט. — „אין מיין לעבן האָב איך שטאַרק געזינדיקט קעגן מיין יונגער צערטלעכער פרוי, וועלכע איז מיר אזוי האַר־ציק און טריי געווען! די שדים האָבן מיר געהעצט און מיין בייזן צאָרן קעגן איר גערייצט... און כ'האָב זי אוועקגעוואָרפן... איבערלאָזנדיק זי עלנט און אומגליקלעך, צוזאמען מיט א קליינעם זונעלע... אויך האָב איך איבערגעלאָזן נאָך א טייערן נפש פון א זינדיקן יוגנט־ראָמאַן, דאָס איז געווען אן אַכט יאָריקע מיידעלע, וואָס איז מיר געבאָרן געוואָרן אומלעגאַל

פון אַ פּויערים־טאָכטער, מיט וועלכער איך האָב פאַרקערט עטלעכע יאָר פאַר מיין חתונה..."

באַרין האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און, אויפשפּרינגענדיק פון זיין אָרט, האָט ער די אויגן ברייט צעעפנט און אַ גאַנצע וועלט שרעק האָט פון זיי ארויסגעשטאָרצט.

דער אַלטער, זעענדיק אז זיינע רייד האָבן זיין גאַסט אויפגערעגט, האָט מיט חרטה און פאַרדרוס זיך באַמיט דעם געשפּרעך אָפּצוהאַקן און, אַ הוסט טוענדיק, האָט ער זיך געווענדט צו באַרינען און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— „נו, גענוג... זייט אַזוי גוט, דערלאַנגט מיר די הגדה, וואָס אין זילבערנעם שאַכטל דאָרטן, לעבן אייך אויפן טיש. באַרין האָט געעפנט די הגדה, האָט אין איר אַ ווײַלע אריינגעקוקט און מיטאַמאָל אויסגעשריען מיט גוואַלדיקע קולות:

— „אוי, ווי... דאָס איז דאָך מיין פאָטערס „הגדה"! זעט... אָט זיינען דאָך די גראַווירטע בלומען און בילדלעך, די קרוינען און אויך דער נאָמען פון מיין פאָטער: לעוו פּאָלשאַנסקי!..."

פּאָול האָט אויפגעהויבן זיין ווייסן קאָפּ, האָט דערשטוינט געעפנט זיין ציטערנדיקן מויל און האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן אָן טישטעך. פּלוצלונג האָבן זיך זיינע אויגן צוגעשלאָסן און ארויספּרעפּלענדיק די ווערטער: „זון, זון... מיין זון — — —" איז ער געפאַלן צו דר׳ערד ווי אַ שטיין...

* * *

...מען האָט פּאָולן פון דר׳ערד אויפגעהויבן און אויפן בעט ארויפ־געלייגט. באַרין און קאַספּער האָבן אים מיט קאַלט וואַסער געוואַשן און געמינטערט. מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט דער גוססדיקער אַלטער „פּעטער פּאָול" געעפנט זיינע פאַרטונקלטע, מידע און טריבע אויגן, פון וועלכע ס׳האָבן געשטראָמט צער און געבעט און די שוואַכע אויסגעקרימטע ליפּן האָבן קוים ארויסגעשעפּטשעט:

— „זון ליבער, מיין האַרציק קינד... ווו זיינען די טייערע נפ־שות?... ווו זיינען זיי?... באַמי זיך זיי אויפצוזוכן... זאָג זיי כאָטש איין גוט וואָרט וועגן מיר... מיין שוואַך האַרץ איז פול מיט ליבע צו זיי און צו דיר מיין איינציקער טרייסט און גואל".

פון זיינע הענט־באַוועגונגען איז קענטיק געווען, אז ער האָט שטאַרק געוואָלט אָנהאַלטן ריידן און דערציילן אַ סך, אַ סך... דער שוואַכער קול זיינער איז אָבער נאָך שוואַכער געוואָרן, ביז ער איז אינגאַנצן שטיל גע־

וואָרן. איבער זיין קאַלט־ווייסן פּנים האָט אריבערגעפלאַטערט א טונ־קעלער שאָטן — און ער איז אויסגעגאַנגען.
די מיטננאַכט־שעה האָט געשלאָגן...

* * *

און עטלעכע שעה שפּעטער, ווען ס׳האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו שפּרייטן דער באַגינען, איז בערין נאָך אלץ געשטאַנען אויפן זעלביקן אָרט, לעבן טיש אומבאַוועגט. אין זיין האנט האָט געגלאַנצט די זילבערנע „הגדה״, וועלכע ער האָט געגלעט פארטראַכטערהייט... און די אויגן זיינע האָבן געטרערט... ער האָט צוגעלייגט זיין האַנט צו זיין ברענענ־דיקן שטערן און האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער געעפנטער טיר, דורך וועל־כער עס האָט זיך דערטראָגן א דערפרישנדיקער מאָרגן־ווינטל, וואָס האָט צעוויעט זיינע געדיכטע האָר. ער האָט זיך פארקוקט צום הימל, איבער וועלכן ס׳האָבן זיך ארומגעטראָגן קליינע וואָלקנדלעך און זיינען גיך פאַר־שוונדן געוואָרן... איין צאַרט־ווייסער וואָלקן האָט אָנגעהאלטן אין ארומשווימען אין דער בלאָער ווייטקייט און האָט זיך פארענדערט אלע ווײלע אין פארשיידענע פאָרמען, ביז ער איז פארוואנדלט געוואָרן אין א פרויען־פיגור מיט לאנגע צעשויבערטע האָר, איר קאָפּ טיף געבויגן... און אזוי פאַראומערט...

דערשטיקט דאָס געזאַנג

(ד ע ר צ יי ל ו נ ג)

1

— „וואָס פאַר א שפע פרילינגס־בליונג!“ — האָט צו זיך אליין שטיל גערעדט דער אומגעפער אַכט־און־פערציק־יאָריקער, מיטלוווקסיקער רעוו־רענד אידלסאָן, דער חזן און לערער פון דער ליליקפאָנטיינער יידישער קהלה, — ארויסקומענדיק פון זיין צימער, וואָס איז געווען צוגעבויט צו דער שול, אנטקעגן דעם גרויסן גאָרטן, וואָס האָט געהערט צום רייכן יידישן קצב לעאָפּאָלד בויסטמאַן.

דער רעווערענד האָט זיין צאָרט, לענגלעך פּנים א קער געטאָן צום גאָרטן, איבער וועלכן דער אפריקאנער פרילינג האָט זיך אויסגעשפרייט מיטן גאנצן גלאנץ און פראכט. שטראָמען ליכטיקייט האָבן זיך אויסגע־מישט מיט דער אומענדלעכער בלויקייט פון דער לופט, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט א מילדער ווארעמקייט און ווייכער פרישקייט און וואָס האָט ארומגעשוועבט איבער דער גאנצער סביבה. די הויכע, שטאָלצעביימער האָבן אויפגעוואכט פון זייער ווינטער־דרעמל און מיט גרויסער לוסט האָבן זיי אויפגעכאַפּט דעם פרילינגס גוטע מתנות: דאָס זונענגאָלד, וואָס פאַר־פלייצט די וועלט; די מילדע, ליב־וואַרעמע ווינטעלעך, וואָס פלאַטערן איבער די אפריקאָסן־ביימער, איבער די עפּל־ביימער און די פּאָמעגראַ־נאַטן מיט זייערע ווייכע צווייגן, פריש באבלעטערט און געדיכט באשפּריצט מיט אזוי פיל רויטע, פּורפּורנע, ווי אויך שניי־ווייסע בליאונג־בלימלעך, וועלכע שלאָגן פון זיך אזעלכע מחיהדיקע ריחות!

— „ווי שיין די נאטור איז!“ — האָט ער ווייטער צו זיך אליין גערעדט, באטראַכטנדיק די פריילעכע „מאָסיס“*) און שוואלבן, וואָס זיינען ארומגע־שפּרונגען פון צווייג־צו־צווייג, לוסטיק פייפנדיק און שאַלנדיק, — „אז א מענטש באטראכט די פּראַכט פון דער נאטור מיט אלע פארשידענע בראָאימלעך אירע, דאַרף ער דאָך, אייגנטלעך, זיך זעטיקן מיט ריינער פרייד,

*) „מאָסיס“ — א מין פייגל.

ווייסנדיק, אַז ער איז אַ גרויסער טייל פון דער דאָזיקער פיינער נאַטור, פון אַזאַ וועלט; און ער דאַרף זיך דאָך דערהויבן מיט שטאָלץ און מוטי־קייט פון זיין אָרעמקייט און נישטיקייט און דאַרף זיך פאַרדבקהן אין שמחה מחמת דער אָן־אַ־שיעורדיקער לעבנס־ליכטיקייט און וווּנדערבאַרקייט!...
טאָ וואָס זשע בין איך אַזוי צעבראָכן און דערשלאָגן אונטער אַ דרוק פון אַזאַ אומעט?!..."

און אויפהייבנדיק זיין קאָפּ, ווי פון שלאָף דערוואַכט, האָט ער אַ ווײַלע זיינע גרויסע, שוואַרצע אויגן צוגעמאַכט פון דעם בלענדנדיקן זונענשטראַם, און איינבייסנדיק זיין אונטערשטע ליפּ מיט זיינע ווייסע ציינער, האָט ער זיך אין זיין מחשבה געפּרוּווט פּותר זיין די סיבה פון זיין טיפן טרויער: יע, ס'איז טאַקע נאָר בויסטמאַן, זיין מיאוסער שונא, וואָס דריקט אים, טוט אים אָן אַזוי פיל צרות און פאַרביטערט אים זיין לעבן!

און איז ער, רעווערענד אידלסאָן, דען שולדיק אין דעם? האָט ער דען די מחלוקות אָנגעהויבן? ווער האָט דען אַלע צאָנקענישן און רייסערייען פאַרגרעסערט? ער איז געוויס ניט שולדיק אין די אַלע מחלוקות. ער האָט דאָך מיט אַלע זיינע כּחות געאַרבעט דעם שלום אויפצוהאַלטן; ער האָט דאָך אַפילו שוין פּרובירט זיך מיאוס מאַכן, זיין כּבוד בייגן און זיך בעטן ביי זיין שונא אַלע טענות צו פאַרגעסן, אויף אַלץ וואָס איז געווען צו פאַר־געבן; ער האָט פּרובירט מיט אַלע פיינקייטן צו דערקלערן זיין אומשולד און זיינע גערעכטע כּוונות, אָבער באַקומען האָט ער פון בויסטמאַנען אַן ענטפער — נאָר אַ מבול נבול־פּה און זידלערייען.

— "יע, אַ ווילדער רוח איז אין דעם דאָזיקן בויסטמאַנען אַריין!" — האָט געטראַכט רעווערענד אידלסאָן — "אַזאַ פאַרביסענע משוגענע שנאה!"
און נאָך מער איז דער פאַרדרוס גרויס, ווען מען האָט אין זינען דעם פאַקט, אַז ווען ער, דער רעווערענד, איז אַהער אָנגעקומען, האָט בויסטמאַן זיך גאָר אַרויסגעוויזן צו זיין אַזאַ גוטער פריינד, ער האָט אים גאַנצע הויפּנס כּבוד געגעבן, האָט אים פאַרערט און בפועל ממש פאַרהייליקט!

און באַוועגנדיק זיינע ליפּן מיט אַ שמייכל, אויסגעמישט מיט צער, האָט אידלסאָן זיך שטאַרק פאַרטראַכט וועגן אַלע פּאַסירונגען און איבער־לעבונגען פון יענער צייט.

2

ווען ער איז אַהער אָנגעקומען אַלס חזן און לערער, איז בויסטמאַן גע־ווען דער ערשטער אויף דער סטאַנציע אים צו באַגעגענען. אַריינשטעקנ־

דיק די רעכטע האַנט אין דער הויזנקעשענע, די לינקע האַנט פאַרנומען מיט א לאַנגן און דיקן ציגאַר און ריידנדיק אויף א גראָבן קול גאַווהדיק, ברייט־לעך האָט ער זיך פאַרגעשטעלט:

— „א גוטן מאָרגן אייך, רעווערענד! איך בין בויסטמאַן, דער וועמען אַלע קענען גוט אַלס „דער רייכסטער בוטשער", נאָר הע־הע־הע, קיין מורא דאַרפט איר פאַר מיר ניט האָבן, ווייל איך שלאַכט נאָר בהמות... אָבער מיט קלוגע רעווערענדס באַגיי איך זיך זייער גוט. הע־הע־הע... איר האָט דאָך שוין מסתמא געהערט, אַז איך בין דער פּרעזידענט פון קאָנגרעגיישן, וועלכע קאָסט מיר אַפּ אַן אייגנס; און אַלץ ווענדט זיך דאָ אָן מיר און מיין ווייב. אויב איר געפעלט אונדז ביידן, איז אַז גוט און אַז ווויל צו אייך, מיין הויז וועט זיין פאַר אייך אָפן און איר וועט זיך קענען לאָבן מיט אַלע געשמאַקע געריכטן און משקאות און מיר וועלן זיך לעבן ווי גוטע ברידער!... נאַט, נעמט א ציגאַר, רייכערט, האָט קיין פּחד ניט, דאָס איז ניט קיין פּראָסטער, „הייפענע"־ציגאַר, עס קאָסט, גלייבט מיר, א גאַנצער שילינג א שטיק! נאָר קלוגע רעווערענדס און נאָר אַזעלכע רייכע בוטשערס, ווי איך בין, קענען זיך פאַרגינען צו רייכערן אַזעלכע גוטע ציגאַרן, פאַר־שטייט איר? הע־הע־הע..."

און אים אין הויז אריינבריינגענדיק האָט בויסטמאַן צו זיין ווייב פרייי־לעך און הויך געזאָגט:

— „קעיטי, קעיטי, קום אַהער, זע, קוק, אָט איז דאָ דער רעווערענד אונדזערער, אויף וועמען מיר האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט! זע, טו נאָר א קוק און דו וועסט פאַרווונדערט זיין. ער איז גאָר ניט קיין קליינינקער, מאָגע־רינקער, ווי אַלע אויסגעדאַרטע, אויסגעקוואַרטע ישיבה־בחורים, וואָס זעען אויס ווי מאָגערע, הונגעריקע כלבים, נאָר זע, ער זעט דאָך אויס נישקשה... מיין הייך איז ער און האָט א געזונטן פּנים און זיינע שוואַרצע וואָנצעס זיינען פאַרפּוצט נאָך דער לעצטער מאָדע... זע, קעיטי, און זיי־נע קליידער זיינען אַזוי זויבער און פיין, מען קען פּשוט א טעות האָבן און מיינען, אַז ס'איז גאָר ניט קיין רעווערענד, נאָר א באַנק־מענעדזשער, הע־הע־הע..."

— „זע, לעאָפּאָלד, גענוג שוין פּלוידערן!" — האָט דאָס קורצע און מאָגערע ווייבל זיך גענומען בייזערן, אויסשטעלנדיק הערשעריש איר קיילעכדיקן ברונעטן פּנים, צודעקנדיק מיט דער האַנט איר לינקע באַק, אויף וועלכע ס'איז געזעסן א שוואַרצע בראָדעווקע, אַרומגערינגלט מיט קורצע און האַרטע הערלעך — „האָסטו דען פאַרגעסן דעם שטאָט צו

שווייגן א ווילע אין דער קעגנוואַרט פון אזא טייערן און געערטן גאַסט ? . . .״

און נאָכן באַקענען זיך מיטן אורח איז זי אוועק ברענגען טיי.

און בשעת אידלסאָן האָט איר נאָכגעקוקט, באַטראַכטנדיק די פאַלבן פון איר רויטן קלייד, וועלכע האָבן זיך געדרייט ארום אירע דינע פיס, האָט בויסטמאַן אריינגעשושקעט דעם רעווערענד אין אויער, לאַכנדיק מיט חוצפּה:

— „פון אייערע בליקן דערקען איך, אז איך געפעלט ניט שטאַרק מיין ווייב; אמת, קיין פאַרשוין איז זי ניט און ווייזט אויס אויפן קוק צו זיין א בייזע, אָבער גלייבט מיר, רעווערענד, אז זי איז אזא גוטע, איר הערט, א שטיק גאָלד זאָג איך אייך, א דימענט! און א בריה — נישטאָ צו איר קיין גלייכן! איר זאָלט וויסן זיין, אז צו פירן אזא הויז ווי מיינס איז קיין קליינינקייט ניט, מען דאַרף פּשוט האָבן המנס קאָפּ אויף זיך. אָט דאָס האָט זי טאַקע, קלוג און געראָטן, אזא יאָר אויף מיר. ניט אומזיסט איז זי א טאָכטער פון הער פייטל קאָרנפעלד פון ריגע!״

און איידער פרוי בויסטמאַן איז אָנגעקומען מיט די טיי, האָט בויסטמאַן שוין באַוויזן צו דערציילן א סך זאַכן. מיט גאווה אָנגעלענטערהייט אויפן גרויסן ווייכן שטול, האָט ער גערעדט אָן אן אויפהער פאַרן רעווערענד, וועלכער האָט זיך שטיל, מיט שטאַט, צוגעהערט צו אים און געהאַלטן אין איין קוקן אויף אים מיט אָפענע אויגן און האַלב אָפענעם מויל ווי צו פרעגן: ווער און וואס איז דער דאָזיקער מענטש? און אין א קורצער צייט האָט ער זיך דערוווסט כמעט אלץ וועגן בויסטמאַנס פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט.

בויסטמאַן און זיין ווייב זיינען געבאָרן געוואָרן אין ריגע. זיין שווער קאָרנפעלד איז אין דער יוגנט געווען אַן אָרעמער סטאָליער, וואָס פלעגט מיט זיינע געצייג ארומגיין איבער די דערפער זוכן ארבעט. שפּעטער האָט ער זיך ארויפגעארבעט און איז רייך געוואָרן, האָט מען אים גענומען טיילן כבוד פון אלע זייטן. ער איז געוואָרן א גבאי פון א צדקה־אַנשטאַלט, א גבאי פון א שול און באַערט ביי אלעמען. בויסטמאַן איז צו יענער צייט נאָך זייער יונג געווען, א דינער ביי א גרויסער פירמע קצבים, האָט ער אלע טאָג געבראַכט פלייש צו קאָרנפעלדן, ווו ער האָט געזען די יונגע חנוודיקע טאָכטער קעיטי, וועלכע פלעגט אים, ווי ניט באַמערקנדיק, שטאָלץ און איילנדיק פאַרבייגיין.

אים איז אויפן זינען ניט ארויפגעקומען, אז ער, א יאַטקע „בורשל״, דער זון פון יאָסל דעם בעדער, דעם קבצן, זאָל ווען עס איז זוכה זיין צו קריגן

קעיטין, קאָרנפעלדס טאָכטער, פאַר א ווייב. דאָך, א סך יאָרן שפּעטער, ווען ער איז צוריק אהיים געקומען פון דרום אפריקע מיט דער דעה א שידוך צו טאָן, און דווקא מיט א „יחסנטע״ און אן „אויסנאַם״ האָט ער אָנגעבעטן א באַקאַנטן שדכן, ער זאָל זיך „לייגן אין דער לענג און אין דער ברייט״ דעם שידוך מיט קעיטין דורכצופירן. דער שדכן האָט אים צוגעזאָגט, אז ער וועט דעם שידוך דורכפירן, אויב ער, בויסטמאַן, וועט נאָר קענען באַווייזן קאָרנפעלדן, אז ער פאַרמאָגט א גרויס רייכטום אין דער גאָלדענער אפריקע.

— „גוט״ — האָט בויסטמאַן צעקאָכט געשריען — „געוויס קען איך עס באַווייזן!״

— „אָבער ווי אַזוי? דו ביסט דאָך אַזוי ווייט פון דיינע גיטער און פון דעם אייגנס, וואָס דו האָסט דאָרטן אין אפריקע״.

אויף א ווײַלע האָט די פראַגע בויסטמאַנען צעטומלט. פאַרלעגן האָט ער זיינע אויגן צוגעמאַכט און זיינע ליפּן האָבן זיך געקרימט אין פיינלעכע ספקות, ווייל אין דער אמתן איז נאָך דאַן זיין פאַרמעגן זייער קליין געווען, און זיינע האָפענונגען זיינען שוין כמעט ווי צערונען געוואָרן. נאָר פּלוצלונג האָט ער זיך א הייב געטאָן און זיינע אויגן האָבן געשפּריצט פונקען:

— „וואַרט, געוויס וועל איך באַווייזן. כ׳קען עס״.

און ער האָט טאַקע באַוויזן...

ווי אַזוי? גאָר פּשוט, ער האָט געהאַט מיטגעבראַכט מיט זיך פון אפריקע זיין „דעפּאָזיט־בוך״, וועלכער האָט באַוויזן אלע סומעס געלט, וואָס ער האָט אריינגעלייגט אין באַנק דורך לאַנגע יאָרן, אָבער דעם באַלאַנס־בוך, וואָס האָט געזאָגט, וויפיל ער האָט ארויסגעצויגן פון באַנק, האָט ער ניט געוויזן...

מילא, זיין „חכמה״ האָט געגאָלטן דעם צוקונפטיקן שווער זיינעם די אויגן צו פאַרבלענדן... און ער האָט געגעבן זיין הסכמה צום שידוך. ס׳איז געפּייערט געוואָרן א פיינע חתונה און ס׳יונג פּאָרל איז אָפּגעפאָרן קיין אפריקע.

דאָ איז זיין „ביזנעס״ זייער גוט אַוועק. אן אמתע מזל־ברכה, אי אין געשעפט, אי אין קינדער: די עלטערע טאָכטער מעגדאַ, איז שוין איצט אַכצן יאָר אַלט, די יינגערע טאָכטער דזשעסי, איז, אומגעפער, פופצן יאָר און זייער מוזיניק סיסל איז דרייצן יאָר אלט.

— „אי, מיינע טעכטער וועלן אייך זיכער געפעלן ווערן!״ — האָט בויסטמאַן געזאָגט מיט גאווה — „איבערהויפּט מיין טאָכטער מעגדאַ. זי

איז אזא גערעאָטענע פיאַניסטין, מיין געזונט זאָל איך אזוי האָבן, ווי דער לערער אירער איז משוגע פאר איר שפילן! אָט וואַרט נאָר א ביסל. באלד וועט זי א שפיל טאָן און איר וועט זיך געוויס דערמיט לאָבן".

און אויפהייבנדיק זיין קאָפּ האָט ער א פינטל געטאָן מיט זיינע אויגן און האָט ארויסגעליארעמט:

— „מעגדא, מעגדא, ווו ביסטו? קום אהער גיכער!"

מבולבלדיק האָט זיך מעגדא האָסטיק אין הויז אריינגעלאזן, איר ווייס, פריש פנים איז געווען באלויכטן מיט יוגנטלעכער פרייד, אירע שוואַרצע, קלאָרע אויגן האָבן מיט פארוואונדערונג שווייגנדיק געפּאַרשט די עלטערן און באַלד איז איר בליק געבליבן הענגען אויף דעם אורח׳ס פארחלומטע אויגן, וואָס האָבן אויסגעדריקט אזא טיפע פארטראכטקייט און אזא מאָדנע ווארעמע נאָענטקייט...

— „מעגדא, שפיל עפּעס פיינס, דאָס פיינסטע, וואָס דו קענסט, פארן אורח... דאָס איז אונדזער טאָכטער מעגדא און דאס איז אונדזער רעווי־רענד".

מיט „זייער אַנגענעם" און עפּעס וואָס מורמלענדיק, ווען איר געזיכט האָט זיך געראויטלט, איז זי צוגעגאנגען צום פּיאַנאָ־שטול און גענומען זוכן צווישן אירע מוזיק־ביכער, און א טרייסל טוענדיק, מיט חן, אירע געדיכטע קורצע האָר, האָט זי א קער געגעבן איר קאָפּ צום גאַסט און איר שטים האָט לייכט לאכנדיק, א קלונג געטאָן:

— „מיין פּאַפּאַ לויבט מיך צופיל... כ׳בין זיכער, אז באלד וועט איר דערזען דעם ווערט פון די גוזמאדיקע שבחים..."

3

שפּעטער־צו איז רעווערענד אידלסאָן געוואָרן ביי די בויסטמאַנס א גאנ־צער בן־בית. זיי האָבן זיך אלע זייער געפריינטלט מיט אים און אים שטאַרק מקרב געווען. בויסטמאַן האָט זיך באַצויגן צו אים ווי צו א גוטן ברודער, האָט אים אָפט אויף דער פּלייצע געקלאַפּט, מעשה חבר, און צור־רוקנדיק זיין שטול צו אידלסאָנס האָט ער אויפן גראָבן קול, שטאָלץ גע־האַלטן אין איין דערציילן און דערקלערן וועגן זיין גרויסער חכמה און הצלחה אין געשעפט, וואָס האָט אים דערהויבן צו אזא גרויסן רייכטום און גדולה; וועגן די גרויסע סומעס, וואָס ער גיט אויס לטובת זיין קאָנגרע־גיישן, וועגן דער גרויסער ארבעט, וואָס ער לייגט אוועק פאַר איר און

איך וועגן דער באַלוינונג, וואָס די קהילה האָט אים דערלאַנגט, אים אויסקלייבנדיק פאַר א גבאי אין משך פון די לעצטע זעקס יאָר נאָכאַנאַנד.

— „אָבער, זאָגט, רעוורענד ליבער, וואָס העלפט דאָס ? וואָס פאַר א נוצן ברענגט דאָס אַלץ, האַ ?" — האָט זיך מיסעס בויסטמאַן מיט א ביטערן שמייכל אריינגעמישט, אריינלייגנדיק א שטיקל שאָקאָלאַד אין איר מויל — „פאַראַן אַזעלכע מענטשן, וואָס האַלטן אין איין זוכן פעלערן, זוכן פון אונטער דער ערד פלאַטקעס, מאַכן אָן קריגערייען און דערגייען אונדז די יאָרן. פאַרשטייט זיך, אַז נאָר פון קנאה האָסן זיי אונדז".

און אַז אידלסאָן האָט זי פאַרוואונדערט אָנגעקוקט, האָט זי זיך באַמיט צו ריידן לאַנגזאַם און פאַרפיינערט, מיט געמאַכטער אידלקייט, כאָטש דאָס מאָדנע פלאַקערל אין אירע שוואַרצע אויגן האָט שטאַרק פאַרראַטן דעם ברענענדיקן צאָרן, וואָס האָט געווילדעוועט אין איר האַרצן :

— „מילא, כ'בין זיכער, אַז אונדזערע שונאים האָבן שוין באַוויזן אונדז צו בלאָטע צו מאַכן און אונדז באַריידן פון קאָפּ ביז די פיס".

— „כ'האָב אסור געהערט וואָס עס איז" — האָט אידלסאָן גענומען ריידן, — נאָר זי האָט אים איבערגעשלאָגן :

— „ס'מאַכט ניט אויס . . . איר דאַרפט קיין מורא ניט האָבן" — האָט זי זיך צעטענה'ט, באַטראַכטנדיק אים מיט חשד — „און אויך דאַרפט איר זיך ניט מטריח זיין אונדזערע בייזע שונאים צו פאַרענטפערן. מיר קענען זייער שטייגער אונדז צו באַריידן און אויסצוטראַכטן אויף אונדז אַלץ, וואָס אין קאָרט שטייט, אונדז פאַרפאַרבן מיט די שוואַרצסטע קאָלירן פאַר יעדן נייעם אָנגעקומענעם יידן. נאַטירלעך, מיר שרעקן זיך ניט פאַר זיי, אָבער איר דאַרפט זיך באַטראַכטן און זיך גוט באַשליסן, ביי וועמען איר ווילט בעסער בלייבן, געהערט איר צו אונדז, אָדער געהערט איר צו אונדזערע שונאים ? קיין טאָפּעלע געננג וועלן דאָ ניט גילטן. זייט איר מיט אונדז — זייט איר גליקלעך ; אָבער אויב ס'געפעלט אייך בעסער אונדזערע שונאים, דאַן מוזן מיר זיך צעשיידן, ווייל מיר וועלן קעמפן קעגן אייך ווי ווייט מעגלעך !

— „אָבער, איך בעט אייך, זאָגט זשע מיר, ווער זיינען עס אייערע שונאים ?"

— „איינער איז מאַקס ריגל, דאָס איז א זון פון פאַרשטאָרבענעם ספּעקולאַנט".

און פלוצלונג איז זי אויפגעשפּרונגען :

— „אוי ווי, איר זייט דאָך געוויס דאַרשטיק. מעגדא, לויף ברענג אריין די טיי און קוכן פון קיך".

מעגדא האָט אלץ אריינגעבראכט, און די מוטער האָט זיך גענומען פּאַרזיכטיק שניידן דעם אפּעטיטלעכן האָניק־קוכן און שניידנדיק האָט זי געטענה׳ט:

— „און דער אנדער בייזער שונא אונדזערער איז ראָבינס דער אַפּטייקער, א יונגער ענגלישער ייד, וואָס איז, אייגנטלעך, זייער ווייט פון יידישקייט, אי מיט זיין שפראך, ווייל ער רעדט קיינמאָל קיין אנדער שפראך ניט אויסער ענגליש, און אויך מיט זיינע באנעמונגען, און איך זאָג אייך: אַן אמתער גוי, וואָס יידישקייט אַרט אים ווי די וואַנט! אָט דער דאָזיקער גוי האָט חבר־לאַפּ געמאכט מיט מאַקס ריגלען און זיי פאַרפירן מעשים קעגן אונדז, העצן די קאָנגרעגיישן און טרייבן אלע רכילות אויף מיין מאַן, אים צו קרענקען און צו ערגערן.

אידלסאָן האָט זיינע עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אָן טיש, אויף זיינע הענט האָט ער זיין קין אָנגעלענט און האָט מיט רחמנות מיסעס בויסטמאַן אָנגעקוקט, און זי האָט גענומען אויסקלאָגן איר ביטער הארץ אין פּליסיקע דבורים, פון וועלכע ער איז געוואר געווארן, אז אלע צרות און צאנקערייען און מחלוקות האָבן זיך גענומען פון א מעשה מיט א חנוכה־לאָמפּ:

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט בויסטמאַן דער שול געגעבן א נדבה א מנורה, פון פראַכטיקן קופּער אויסגעגאָסן. אַכט אויסגעצאַצקעטע רערן האָט עס, בלומען און מאנדלען און קנאָספּן אויסגעגאָסן פון בלאַנקענדיקן קופּער — אַן אמתע צירונג! דעם ענגלייכטער האָט מען אויפגעהאַנגען אויף א קופּערנעם האָקן אין דרום זייט, דערביי לעבן פענצטער. דעם ערשטן חנוכה האָט בויסטמאַן א הוליאַנקע געמאַכט צוליב דער שמחה פונעם שיינעם ענגלייכטער, וואָס דינט אלס חנוכה־לאָמפּ. קהל האָט, נאַטירלעך, דערלאַנגט דעם גבאי, בויסטמאַנען, דעם כבוד דאָס ערשטע חנוכה־ליכטל צו בענטשן.

דער גאנצער קהל האָט אָנגעפילט די שול, דער גבאי איז ארויפגעקראָכן אויף א שטול ס׳ערשטע ליכטל אָנצוצינדן. נאָר דערזעענדיק דעם גאַנצן עולם פאר זיך, איז ער צעטומלט געווארן. זיינע דערשראָקענע אויגן האָבן ארומגעבלאָנדזשעט ארום דעם עולם און ער האָט ניט געוווסט, אויף וואָסער וועלט ער איז, — ער איז געוואָרן בלאָס און באלד ווידער רויט. ער האָט זיין מויל פונאנדערגעעפנט און האָט געבעטן, מען זאָל אים דערלאנגען א סידור און אויפמישן די ברכה...

מאַקס ריגל האָט זיך אונטערגעהיילט און אים האַסטיק צוגעטראָגן א סידור און אים אויפגעמישט א ברכה מיט גרויסע ווערטער.

— „נאָט, אָט דאָס איז די ברכה...״

בויסטמאַן האָט זיך דערלאַנגט א שאָקל אהער און אהין, האָט געעפנט זיינע ליפּן מיט א פרומלעכער כוונה און האָט זיך צערעוועט אויף זיין העכסטן קול:

— „ברוך אתה... על פדיון הבן!...״

און קהל האָט ארויסגעפּלאַצט אין א ווילדן געלעכטער.

4

רעוורענד אידלסאָן האָט ניט נאָכגעטראַכט, צי ער זאָל אָננעמען די פריינדשאַפט, וואָס די בויסטמאַנס האָבן אים פאַרגעלייגט אָדער ניט. אָן פּראַגעס און אָן גריבלעניש האָט ער זייער גוטן אָנבאָט אָנגענומען און האָט זיך מיט טרייקייט זיי איבערגעגעבן. אַנדערש האָט עס ניט געקענט זיין, ווייל צו פיל גוטסקייט און פריינדשאַפט האָבן אים באַוויזן אי בויסטמאַן, אי זיין ווייב, וועלכע האָט זיך שטאַרק באַמיט אידלסאָנען צו באַזאָרגן מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן אין דעם פיינעם צימער, וואָס ער האָט ביי זיי אין הויז געקראָגן.

נאָר די גרעסטע טובה, וואָס בויסטמאַן האָט אים געטאָן, איז געווען דער דאָקומענט, וואָס ער האָט אונטערגעחתמעט ביי דער רעגירונג, אַז ער נעמט זיך אָן צו פאַרזאָרגן דעם רעוורענד מיט אַלץ, וואָס ער וועט נייטיק האָבן פאַר גאַנצע דריי יאָר; אַזוי האָט די רעגירונג געפאָדערט, און ווען ניט בויסטמאַנס חתימה, וואָלט אידלסאָן געווען געצוווּנגען ס׳לאַנד צו פאַרלאָזן.

זיין אריינקומען אהער, אין לאַנד, א דריי יאָר צוריק, איז אים אָנגעקומען שווער ווי קריעת ים־סוף. נאָך דעם ווי ער האָט עסטרייך פאַרלאָזן צוליבן אומדערטרעגלעכן האַס אנטקעגן „פרעמדע״, ווען ס׳האָבן זיך א לאָז געטאָן שטראָמען גיפטיקע שנאה אין די אייראָפּעאישע לענדער. זיבן יאָר איז ער געווען חזן אין אן עסטרייכישער שטאָט, ווו ער האָט זיך געלעבט גליקלעך מיט זיין פרוי און פאַמיליע. ווען ער האָט געמוזט זיין לאַנד פאַר־לאָזן, איז ער געווען דערשלאָגן און אין גרעסטן יאוש, אַזוי ווי דער הימל וואָלט זיך צו דר׳ערד אראָפּגעלאָזן. פינצטער איז אים אויפן הארצן געווען צו זען, ווי ס׳זיינען פאַרניכטעט געוואָרן די גוטע האָפענונגען פאַר א גלענצנ־

דער צוקונפט, וועלכע די פּראָפעסאָרן פון קאָנסערוואַטאָריום האָבן אים נביאות געזאָגט, אַ דאַנק זיין זיסער שטימע און זיינע גרויסע מוזיקאַלישע פעאיקייטן. ביטער, טרויעריק איז אים געווען איבערצולאָזן זיין פאַמיליע עלנט, הילפלאָז אין דער פיינדלעכער סביבה! א קליינע שטיצע פון זייער נעם א פריינד, האָט אים מעגלעך געמאַכט קיין אפריקע אריבערצוקומען, אָבער ס׳האָט אים געפעלט דאָס געלט אויף צו קענען וויזן דער אפריקאַנער רעגירונג, אז ער, דער אימיגראַנט, וועט ניט פאַלן צו לאַסט אויף די בירגער פון לאַנד, ווי די אימיגראַציע־געזעצן פאָדערן. און אים איז פאַרגעשטאַנען דעריבער ווי אין אומגעוווּנטשענעם וואַנדערער ארויסגעשיקט צו ווערן פון לאַנד.

צו זיין גליק האָט ער אין קייפּטאַון געפונען א גוטהאַרציקן יידן, וועלכער האָט זיך אונטערגעשריבן, אז ער וועט פאַר אים זאָרגן א זעקס חדשים. אונטער דער צייט האָט אידלסאָן געזוכט א שטעלע, אָבער ניט געפינענדיק האָט ער זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן פון דער רעגירונג אין פאַרבאָרגענע ווינקעלעך. נאָר דאָ האָט זיין מזל א ווײַלע צום גוטן זיך א קער געטאָן און ער האָט געפונען א שטעלע אין א שטעטל אין קאַפּלאַנד. ווו ער האָט זיך גוט איינגעאָרדנט און ער האָט שוין געהאַלטן ביים ארונטערברענגען צו זיך זיין פאַמיליע. זיין שטרעבונג איז אָבער צונישט געוואָרן: די יידישע קהילה איז דאָרטן פאַראָרעמט און פאַרקלענערט געוואָרן און ער האָט געמוזט דאָס שטעטל פאַרלאָזן און זיינע רעכט צו בלייבן אין לאַנד זיינען בטל געוואָרן.

ווידער צרות און יסורים! ווידער דאָס שטענדיקע באַהעלטעניש־שפּיל, ווידער דער שטענדיקער פּחד, ציטערניש און קלאָגלעכע מיאוסע חרפּה!...

ווי גרויס איז דעריבער זיין שמחה געווען, ווען ער האָט זיין שטעלע דאָ אין ליליעקפאָנטיין באַקומען, און דערצו נאָך אַזאַ אנגענעמע הויז, ווו ער האָט אַזאַ פריינדלעכע באַהאַנדלונג, אַזאַ וואַרעמע צוגעטאָנענקייט!

איז דען א וווּנדער, וואָס ער איז אַזוי געטריי געווען איבערגעגעבן צו די בויסטמאַנס?

אמת, בויסטמאַן איז ניט אַזאַ געהויבענער מענטש און זיין ווייב געהערט אויך ניט צו די טייערע הויכע נשמות, צו וועלכע זיין האַרץ האָט זיך אַלע מאָל געצויגן, אָבער צו זייער גוטהאַרציקייט איז קיין שיעור ניטאָ— האָט אידלסאָן געטראַכט. און ער האָט געהאָפט, אז שפּעטער־צו וועט ער ברענגען די גאַנצע געמיינדע אין אָרדענונג און וועט דאַן מאַכן שלום צווישן

די פאַרביסענע שונאים. און דאָן, אַז ס'וועט הערשן פרידן אין דער געמיינדע, וועט שוין זיין אייגענער צושטאַנד אויך זיין בעסער. איז דאָך ליליעקפּאָנטיין א גרויסע פאַרמעגלעכע קאָנגרעגיישן און באַזאָרגט אים מיט א גוטן געהאַלט פאַר זיין חזנות. ער פילט אויך, אַז ער האָט שטאַרק אויסגענומען ביי דער קאָנגרעגיישן מיט זיין זינגען און דאַווענען. אַזוי אַרום, האָט ער געטראַכט, איז דאָ א זיכערער באַזיס פאַר זיין צוקונפט, און אין גיכן וועט ער זיך שוין קענען זען מיט זיין פאַמיליע, וואָס איז אים אַזוי טייער און נאָך וועמען ער בענקט אַזוי שטאַרק.

ווי גוט און ווי אָנגענעם ס'איז די זיסע האָפענונג!...

5

צווישן די גוטע האָפענונגען, וואָס האָבן זיך צעשפּילט אין זיין האַרצן אין יענע פריילעכע טעג, האָט זיך דערהויבן אויך זיין לאַנגיאָריקע האָפענונג צו באַנייען זיין באַליבטע אַרבעט איבער זיין בוך „סימפאָניעס", וואָס ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרפאַסן נאָך אין זיין יוגנט.

דאָס דאָזיקע ווערק זיינע איז אים געווען גוואַלדיק טייער. ער האָט דערין אַריינגעוועבט און אַריינגעפּלאָכטן זיין גאַנצע יוגנט, דעם בעסטן טייל פון זיין לעבן, אַלע פאַרבאָרגענע פאַרלאַנגען פון זיין נשמה, אַלע סודות פון זיין פרילינג, גרויסע שטרעבונגען און ברענענדיקע באַגערן, וואָס ער האָט געפונען אין ליבע... ליבע! דער מקור פון אַלץ, וואָס איז גוט און שיין, פול גערעכטיקייט און רחמים, די מוטער און דערציערין פון באַגער, האָפענונגען און שטאַרקן ווילן צום לעבן.

יע, געהאָפט האָט ער דורך זיינע „סימפאָניעס" זיך הויך צו דערהייבן, און דורך לאַנגע שווערע נעכט, אַזוי ווי דורך צאַללאָזע מיד־מאַכנדיקע טעג, האָט ער געאַרבעט אָן אויפהער און האָט פאַנטאַזירט וועגן א ליכטיקער וועלט פון שיינעם געזאַנג און אייביקן גליק... אָבער א סך מאָל איז שוין זיין אַרבעט איבערגעריסן געוואָרן דורך אומגעריכטע צרות. ווי נאָר ער פלעגט זיך אַריינוואַרפן מיט התלהבות אין דער שאַפונג־אַרבעט, אַזוי פלעגט ווי פון אונטער דער ערד אויסוואַקסן עפּעס א שטן מקטרג און אים זיין שטימונג פאַרניכטן און פון דער אַרבעט אָוועקרייסן.

נאָר איצטער, האָט זיך אים געדאַכט, זיינען אַלע שטרויכלונגען שוין אָפּגעקערט, אָפּגעראַמט פון זיין וועג און ער האָט זיך, פול מיט ענערגיע, אַריינגעוואָרפן אין זיינע לידער, פאַר וועלכע ער האָט אַליין, אי די ווערטער

אי די מאָטיוון פאַרפאַסט; ער האָט געפילט, אַז ער שוועבט פּשוט ארום אין האַרמאָניעס...

אָונט נאָך אָונט פלעגט זיך איצט אידלסאָן צעגיסן אויף זיין ריינער טענאָר־שטימע און ביי דער פּיאַנאָ פלעגט אים באַגלייטן די טאַלאַנטפולע מעגדאַ. זי האָט האַלט געהאַט די געזאַנגען זיינע און די ווערטער, וועלכע זיינען אַזוי שיין געוועזן אריינגעוועבט אין די דאַזיקע געזאַנגען. מיט אָפענע אויגן, פול מיט באַוואונדערונג און פאַרערונג, האָט זי זיך צוגעהערט צו די ווערטער, וועלכע האָבן איר אויסגעזען ווי לעבעדיקע אין דער אריינפּאַסונג פון זיין כישופדיקער שטימע, און פאַר אירע אויגן האָבן געגומען שוועבן די בילדער פון דעם קליין שטעטל, וואָס ער האָט באַזונגען. אָט זעט זי די שמאָלע קרומע געסלעך, די גראָבנס פאַזע די גאַסן, די קליינע בריקלעך אויף די ברוקירטע טראָטואַרן, דיביימער, הויכע און דיקע. ס'איז האַרבסט. דער ווינט בושעוועט און ס'פאַלן די בלעטער פון די ביימער אין די גראָבנס אריין. קען דען אומעטיקער זיין? ס'שמעקט מיט גסיסה, מיט אָפּשיידן זיך פון דער וואַרעמער זונען־פרייד... באַלד אָבער קומט דער ווינטער... שניי. אַלץ איז ווייס. אין דער ליכטיקער לופט־בלוילעכקייט זיינען פאַרבאָרגן וווּנדערבאַרע לעגענדעס. דער פראָסט מאָלט בלומען אויף די שויבן ווי אַן אָנזאָג פון טרייסט: דער ווינטער וועט פאַרבייגיין, ס'וועלן דאַן אויפלעבן לעבעדיקע בלומען... ס'וועט קומען דער ליבער זומער, אָט קומט ער טאַקע... די פעלדער און וועלדער ארום לעבן אויף, די ביימער זיינען אָנגעפּיקעוועט מיט ווייסן דופטיקן „מאַי", ווייסער „מאַי", בלויער „מאַי"... צווישן די רייען ביימער ציט זיך א שמאָל טייכל ווייט, ווייט אין פעלד אריין, אין גרינעם פעלד, באַדעקט מיט פרישן היי. אָט בראָד־זשעט ער דאָרטן ארום מיט זיין געליבטער... די ערשטע ליבע־דערקלע-רונג... די שבועה פון טרייער ליבע... אָט זיינען די עדות צו דער שבועה — די בין, וואָס שוועבט איבער דעם לאַכעדיקן ראָמיאַניק, און דער שטאָרך, וואָס פליט איבערן פעלד און טראָגט זיך איילנדיק צו דעם ריזיקן אייכן־ביים, אויף וועלכן ער האָט אַזוי קונציק אויסגעבויט זיין נעסט, וואָס זעט אויס ווי א גרויסער ראָד, דאָרט אין דער הייך אויפן שפּיץ ביים...

נאָר, דעם שטאַרקסטן רושם האָט אויף מעגדאַן געמאַכט דער סאָנעט זיינער „דערשטיקט דאָס געזאַנג", אין וועלכן זי האָט געזען א הייליקן פלאַם ברענענדיק. אין יעדן וואָרט — א טרער, אין יעדן אות — א זיפץ. גאַנצע כוואַליעס פאַרלאַנגען און בענקעניש און טיפע שמערצן פון אַן איי־ביקער ברענענדיקער ליבע!

צעשפּרייט זיך רויק איבערן שטעטל.
„...א שטילע נאַכט, פול בלויע סודות,
אין בלויען חלום טונקט זיך שטיל דאָס הויז,
אין וועלכן ס'איז מיין יוגנט-סוד באהאלטן...

פארלאָזן, אָרעם, אָנגעלענט אויף דער טיר דער אלטער,
פון אַלטקייט שוין צעשפּאָלטן... א סוד אין יעדן שפּעלטל...
א סוד פון בליקן און פון ריידן און פון צערטלען,
וואָס פון מתיקות גייט אויס, גייט אויס דאָס הארץ...

מיט גרויס רחמנות קוקט די לבנה, רעדט מיט חכמה:
„מיין אָרעמער, וואָס זשע וואַרטסטו נאָך אומזיסט דאָ?
וואָס זוכט דיין בליק?... נישטאָ קיין זאַך פאר דיר דאָ...

עס גענעצט וויסטקייט דאָ אין הויז, דעם פוסטן...
איר בליק, דער פריילעכער, פארשווונדן...
פארשטומט די ליבלעך וויכע ליפּן... דערשטיקט ס'געזאנג"!

* * *

— „ס'וואָלט זיין אזוי אינטערעסאנט צו וויסן, צי האָט איר דעם דאָ־זיקן סאָנעט פאר אייער פרוי אָפּט געזונגען, און וואָס האָט זי געזאָגט אויף דעם" — האָט מעגדא איינמאָל זיך אָפּגערופן, נייגעריק זיך א קער טוענדיק פון דער פּיאנאָ און אים אין פּנים אריינקוקנדיק.

— „יע", — האָט ער קורץ געענטפערט, באמערקנדיק אירע פייכטע אויגן און דאָס הארציקע תמימות אויף איר פּנים, — און באַלד האָט ער זיינע אויגן אראָפּגעלאָזן, און זיי האַלב פארמאכנדיק, האָט ער געזאָגט: „געוויס האָב איך עס פאר איר געזונגען; און זי האָט אויך געקענט די פּערזאָן, וועמען דער סאָנעט איז געווידמעט. דאָך, מיין פרוי ווערט ניט שטאַרק נתפּעל פון לידער און געזאנגען. כאָטש זי איז זייער איידל, געפילפול און עסטעטיש, געהערט זי אָבער צו דעם טיפּ יידישע גוטע נשמות, וועלכע גיבן זיך איבער אין גאנצן בלויז צו קינדער־דערציאונג, וואָס זי האַלט טייערער און העכער פאר אלע אנדערע זאכן אין דער וועלט".

— „טאָ ווער איז עס די פּערזאָן, צו וועמען דער סאָנעט „דערשטיקט דאָס געזאַנג" איז געווידמעט?"

— „אָ, זי?" — האָט ער זיך צעזיפצט — „דאָס איז א וווּנדערבאַרע מיידל געווען. די ערשטע, וואָס האָט אין מיין הארצן ליבע דערוועקט".

און שווער אפּציענדיק דעם אָטעם האָט ער שטיל דערציילט, באַמי־ענדיק זיך צו פארקירצן:

"... מאַניע האָט זי געהייסן, א טאָכטער פון א יידישן דאָקטער אין זיין געבורטשטעטל. צוזאַמען האָבן זיי זיך געשפּילט און ארומגעטאַנצט אויף דער לאָנקע הינטערן חדר. צוזאַמען פלעגן זיי זיך באַהאַלטן אין דעם הויכן קאָרן, ביז די אנדערע חדר־קינדער פלעגן זיי אויפזוכן מיט קולות: „אי, אי, חתן-כלה, חתן-כלה!..."

צו פערצן יאָר האָבן זיי זיך צעשיידט. ער איז אין א ישיבה אריין לערנען תלמוד און זי אין א גימנאַזיע. צו אכצן זיינען זיי זיך ווידער צו־זאַמענגעקומען. ביי איר אין הויז פלעגן זיי טעג און נעכט פארברענגען אין זינגען. איר זיסע סאָפּראַנע האָט אים פארכשופט, אזוי ווי איר לויכטנ־דיקער פנים. אין דעם פוסטן הויכן ריאַבינע־ביים פלעגן זיך דורכטראָגן זייערע געזאַנגען דורך די שפּאַלטן, צום סאַמע שפּיץ פונעם ביים און פלעגן זיך צעקלינגען ווי עכאָס פון פארבאָרגענע לעגענדאַרע ערטער.

דאַן איז ווידער די צעשיידונג געקומען. ער איז אוועק קיין טעלז. עס לעבן אויף אין זיין הארצן אירע אויגן ביים געזעגענען זיך, איר אומ־שולדיק מינע, די טרערן־פּערל אירע, אירע מילדע וואַרעמע ווערטער. אָט זיינען זיי, אויף א ווײַלע, אנטשוויגן געוואָרן און שווייגנדיק קוקן זיי ביידע אריין אינעם וואסערל פון טיפן גראָבן, וואָס ציט זיך הינטער דעם ריזיקן ריאַבינע־ביים, בלייכע, טרויעריקע האַלדזן זיי זיך און צעגייען אין געוויין.

— „ווי שווער מיר איז די צעשיידונג" — האָט זי ווייטער געזאָגט, — „כ'האָב עס פריער גאָר ניט געגלויבט... א שרעק פּילט אָן מיין הארץ, אז איך וועל דיר שוין מער קיינמאָל ניט זען... כ'וועל קומען אהער אָפט און זוכן דאָ, אין דעם קלאָרן וואסערל, אונדזערע געשטאַלטן, אָבער נאָר מיין אייגן טרויעריק פאראומערטע בילד וועל איך דאָרטן זען, אָבער ניט דיין פנים..."

... צעטומלט און צעבראָכן איז ער געווען. ס'הארץ האָט אים תמיד גענאָגט און די וועלט איז אים פינצטער געוואָרן און זיין נשמה האָט זיך אין די גרעסטע יסורים געצאַפּלט... „און דאָך טראָג איך די גרויסע יסו־רים פון צעשיידונג" — האָט ער איר געשריבן — „אָבער ליבסטע מאַניע, פרעג נישט ווי?, ווייל איך ווייס אליין נישט, ווי מען קען אזעלכע גיהנום־ליידן אריבערטראָגן..."

אויף דעם בריח האָט ער קיין ענטפער ניט באַקומען. ער איז שיעור פון צרות און פאַרדרוס ניט משוגע געוואָרן, נאָר, נאָך צוויי וואָכן האָט ער אין „הצפירה" דערזען אַ קורצע ידיעה:

אין זיין שטעטל איז אַ פּאָגראָם געווען. מאַניעס פאָטער, דער דאָקטער, איז דערהרגעט געוואָרן, און זי, די טייערסטע, די ליבסטע זיינע, וועלכע האָט זיך באַהאַלטן אין פּוסטן ריאַבינע־ביים, איז אויסגעפונען געוואָרן דורך די כוליגאַנעס, זי האָט זיך פון זייערע מערדערישע הענט אַרויסגעריסן, איז אַריינגעשפּרונגען אין אַ טיפן גראָבן און דאָרטן איר טויט געפונען...

צעשמעטערט פון צער, איז ער געקומען צוריק אַהיים און איז דאָרט קראַנק געוואָרן. אַז ער איז אויפגעשטאַנען פון דער שווערער קרענק, פלעגט ער גאַנצע טעג, אַ בלאַסער, אַן אָפּגעשוואַכטער, ליגן אויפן ברעג גראָבן און זוכן, אפשר וועט ער דאָרטן זיין ליבסטע מאַניעס פּנים, לעבן זיינעם, אינעם וואַסערל דערזען און זיינע טרוקענע בלייכע ליפּן פלעגן פּרעפּלען:

„...עס גענעצט וויסטקייט דאָ...
איר בליק, דער פריילעכער, פאַרשווונדן;
פאַרשטומט די ליבלעך וויכע ליפּן...
דערשטיקט ס'געזאַנג" — — —

6

געטריי און ענערגיש האָט רעוורענד אידלסאָן זיך באַמיט צו מאַכן שלום אין זיין קהילה, אָבער ס'איז אים ניט געלונגען. אמת, מיט ליבשאַפט און כבוד האָבן אים בויסטמאַנס שונאים אנטפאַנגען, אָבער זיי האָבן אים געראָטן, ער זאָל זיך ניט מישן אין אַזעלכע שלעכטע עסקים, איבערהויפּט האָבן זיי אים געוואָרנט, ער זאָל זיך אויפּפּאַסן פאַר בויסטמאַנען מיט זיין געפערלעכער סביבה, פון וועלכע ס'קען קיין גוטס ניט אַרויסקומען... אגב, האָבן זיי אים דערקלערט, אַז אין דעם גרויסן טומל, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן איבער דעם חנוכה־לאָמפּ, איז נאָר בויסטמאַן אַליין שולדיק, ווייל ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דאָס געלט אויפן חנוכה־לאָמפּ האָט בויסטמאַן צוזאַמענגעקליבן פון די מיטגלידער פון דער קאָנגרעגיישן, האָט ער די חוצפּה געהאַט צו לאָזן אויסקריצן אויף דעם, אַז דאָס איז זיין אייגענע נדבה, און ווען מען האָט פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ עוולה, האָט ער געסטראַשעט, אַז ער וועט די גאַנצע קאָנגרעגיישן צעברעכן, און ער האָט דאָס טאַקע

געקענט טאָן. ווייל די רייכערע יידן האָבן זיך ניט אינטערעסירט מיט די ענינים פון דער קהילה, און די, וועמען די קאָנגרעגיישן איז געווען טייער, זיינען מערסטנס געווען אָרעמע קליינהענדלער און ארבעטער, וועלכע זיי־נען צו בויסטמאַנען אָפט אָנגעקומען נאָך א הלוואה. א חוץ דעם האָט ער געהאַט א „באַנד" אויף דער שול און ער האָט זיך צעשריען, אז אויב ס'וועלן זיך אָנהייבן מחלוקות אנטקעגן אים, וועט ער באַלד אָפרופן דעם „באַנד" פון שול. נאָר דאָס איז נאָך ניט דאָס ערגסטע, וואָס מען האָט אידלסאָנען דערציילט וועגן בויסטמאַנען. ער האָט זיך דערוווסט אזוי פיל! נאָר דאָס מיאוסטע און דאָס שרעקלעכסטע פון זיינע מעשים תעתועים איז געווען דער בראָך, וואָס ער האָט פאראורזאכט צו מאקס ריגלס שוועסטער, צוליב וואָס די גאַנצע מוראדיקע שנאה איז ארויסגעקומען צווישן בויסטמאַ־נען און ריגלען. ווען ביי ריגלען איז געשטאָרבן דער פאָטער איז זיין יינגע־רע שוועסטער געבליבן אָן מיטלען צום לעבן, איז זי אָנגעקומען ארבעטן אין בויסטמאַנס „אָפיס". אומשולדיק און אידל איז זי געווען און האָט פלייסיק איר ארבעט געטאָן, נאָר בויסטמאַן האָט איר נים געלאָזן צורו מיט זיינע שטענדיקע פרעכהייטן, און ווען ער האָט איר שווער באַלעסטיקט מיט זיינע מתנות, וועלכע זיינען איר, אין אמתן, דערווידער געווען, האָט זי זיך געטראַכט, אין איר אומשולד, אז אים דאָס צו אנטזאָגן וואָלט געמיינט אומטרייהייט צו אירע פליכטן... און אז זי איז צולעצט געקומען א צע־בראָכענע, א פאראומגליקטע, אים שטיל דערציילן וועגן דער ברענענדי־קער חרפה און אייביקן פיין, וואָס ער האָט איר פאראורזאכט, האָט ער זי ארויסגעטריבן מיט געשרייען און זידלערייען.

פארלאָזן, פארצאפלט צווישן לעבן און טויט, איז זי אוועק אין פאר־שטומטן טרויער און איז פארשוווּנדן געוואָרן, און קיינער ווייס ניט, וווּ זי איז אהינגעקומען...

* * *

א פארביטערטער האָט זיך מאקס ריגל א נדר געטאָן ניט צו רוען, ביז ער וועט נקמה נעמען פון בויסטמאַנען.

„כ'וועל ניט שווייגן!" — האָט ער געשריען, און בלוטיקע טרערן האָבן געשפּאַרט פון זיינע אויגן.

זיין בעסטער פריינד, לעזלי ראַבינס, דער יונגער אפטייקער, האָט זיי־נע בלויע, קלוגע אויגן נישט אראָפּגענומען פון מאקסן; ער האָט זיינע ברייטע געזונטע פלייצעס געהויבן און מיט א מינע, פול מיט חן געמישט

מיט גבורה, האָט ער אים געפּרוּווט טרייסטן און באַרויקן, ברידערלעך און געטריי זיך געזונטע האַנט אויף מאַקסעס פּלייצע לייגנדיק:

— „באַרויק דיך, מאַקס, ניט מיט שטורעם און כּעס וועסטו דיין נקמה־ציל דערגרייכן, היציקייט און איבעראיילן פּאַסן זיך גאָר ניט פאַר אַ באַשלאָסענעם גואל־הדם. נאָר מיט געלאַסנקייט און קלוגער צוגעטראַכט־קייט; און איך זאָג דיר צו דיר צו העלפן מיט וואָס נאָר מעגלעך".

מאַקס האָט אָנגענומען ראַבינס וואָרט, וויסנדיק ווי ערלעך און איבער־געגעבן ער איז צו אים און ווי פּינקטלעך ער איז אין זיינע צוזאָגן.

שטאָלץ, שטיל, רויק און פעסט, ריין, ערלעך און זיכער איז זיך לעזלי געגאַנגען זיין לעבנסוועג, און יעדער מענטש, וואָס האָט אים פאַרשטאַנען האָט אים געמוזט האָלט האָבן און גלייבן אין אים און אין זיינעם אַ צוזאָג.

געזונט און שטאַרק איז ער געווען שוין אין זיין פריער יוגנט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין זיין געבורטשטאָט יאָרק אין אירלאַנד. זיינע עלטערן זיינען געווען אַסימילירטע יידן, וועלכע האָבן זיך אויפגעפירט מער „איריש" ווי די עכטע אירלענדער...,

לעזלי האָט גוט געדענקט, ווי זיין פאָטער האָט אַמאָל אים אַ זאָג געטאָן:

— „לעזלי, יינגל מיינער, זאָרג ניט און האָב קיין פּחד ניט פאַר קיינעם. דו ביסט דאָך אַ שטאַרקער, אַ מעכטיקער יונג, אַז דו וועסט ווערן אַ גרוי־סער, וועסטו זיך קענען ראַנגלען מיט די גרעסטע טשעמפּיאָנס פון דער וועלט און זיי בייקומען...".

די דאָזיקע ווערטער האָט לעזלי תּמיד אין האַרצן געהיט, און לערנענ־דיק זיך אין אַ קאַטוילישער קירך־שול, איז ער גיך באַקאַנט געוואָרן צווישן די שול־קינדער פאַר אַ גיבור, וואָס איז בייגעקומען יעדערן אין ראַנגלען זיך. „שטאָלענע פויסט" האָט מען אים גערופן.

און אַז ער האָט שפּעטער־צו גענומען אַרויסווייזן זיין גרויסן כּח אין „באָקסן", האָט ער דערפון געלעבט. אויף זיין צוואַנציקסטן יאָר האָט אים אַ „באָקסינג"־געזעלשאַפט געשיקט קיין אַפריקע דאָרטן זיינע קונצן צו ווייזן און דערפאַר אים באַצאָלט אַ גרויסע סומע געלט, וואָס האָט אים די מעגלעכ־קייט געגעבן צו שטודירן. ווען ער האָט געענדיקט אַפּטייקער, האָט ער גע־עפנט אַ קליין אַפּטייקל אין ליליעקפאָנטיין. ער האָט זיך דאָרטן גוט איינ־געאָרדנט און איז צופרידן געווען פון זיין שטעטל און פון די מענטשן, וואָס האָבן אים פאַרערט פאַר זיין יושר און ערלעכקייט. זייער פאַרערונג האָבן זיי באַוויזן מיטן אויסקלייבן אים פאַר זייער רעפּרעזענטאַנט אין ראָט־

הויז, ווו ער האָט אויסגעפּירט זיין שליחות נאָך זייך נאַטור נאָך: פּינקט־לעך, פלייסיק און איבערגעגבן.

פון ידישקייט האָט ער קיין אַנונג ניט געהאַט און ס׳איז אים קיינמאָל אויפן געדאנק ניט ארויפגעקומען, ער זאָל זיך ווען עס איז מישן אין ידי־שע ענינים, אָבער א צופאַל האָט אים געבראַכט אין אַן אפריקאנער גרויסע שטאָט, ווען א באַוווסטער ציוניסטישער פירער האָט דאָרטן אָנגעפירט א קאַמפּיין פארן ציוניזם. ראָבינס א פריינד האָט אים דאַן איינגעלאדן צו גיין מיט אים הערן דעם פירערס רעפעראַט.

לעזלי האָט זיך תחילת פונאנדערגעלאכט פון אזא מאָדנער איינלא־דונג און האָט זיך אנטזאָגט, דאָך אז דער פריינד האָט אים ניט אָפּגעלאָזן, האָט ער איינגעוויליגט און איז מיטגעגאנגען מיט אים. ער האָט זיך גוט איינגעהערט צו דעם רעפעראט אויף דער טעמע: „די רעטונג פון ידנטום״ און די פייערדיקע ווערטער פון דעם רעדנער האָבן געמאַכט אויף אים א גוואלדיקן רושם. א דערשטוינטער, אַן אנציקטער, האָט ער די פלאמיקע ווערטער געשלונגען, ער האָט זיך צעטרייסלט פון דעם בולט געמאָלענעם צער און עלנט אין וועלכע דאָס ידישע פאָלק געפינט זיך. ראָבינסעס גע־פילן פון יושר און ערלעכקייט האָבן זיך אויסגעמישט מיט זיין אויפגע־קאָכטן בלוט; און פון התפעלות פון דעם רעדנערס הימל־שרייענדיקע פּראָטעסטן קעגן די עוולות און רציחות, וואָס ווערן אָפּגעטאָן אזוי אָפן, אזוי הפקרדיק — האָט ער, דער גבור לעזלי ראָבינס, זיך צעוויינט און אין זיין הארצן האָט זיך אויפגעהויבן א שטורעם פון פּראָטעסט... א נייע לעבן האָט אין אים אָנגעהויבן צו פליסן און קאָכן און ער האָט געפונען גאָר אַן אנ־דער וועלט, פול מיט אינטערעס און וויכטיקייט; ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אַן דעם וואונדערבאַרן געדאַנק, אז די ידישע באַפרייונג באשטייט נאָר אין באקומען זיין אייגן לאַנד, און ער האָט זיך פאַנאַטיש איבערגעגעבן בלב ונפש צום ציוניזם.

ער איז געוואָרן פאָרזיצער פון דער ליליעקפאָנטיינער ציוניסטישער אָר־גאַניזאציע, צו וועלכער ער האָט זיך באַמיט צוצוציען די גאנצע געמיינדע.

— „וואָס? ווען? וואָס פאַר א משוגעת איז דאָס?״ — האָט זיך בויסטמאַן צעקאָכט אויף דער פאַרזאַמלונג — „מיין קהילה האָט גאַנץ גוט געלעבט אָן ציוניזם און קען אין צוקונפט זיך אויך גאַנץ פיין באַגיין אָן דעם. מיר האָבן אזוי פיל צרות און שוועריקייטן אין אונדזערע פינאַנסן, קומט נאָך דער דאָזיקער חכם און ברענגט צושלעפּן נייע צרות מיט נייע אויסגאַבן. — משוגעת?״

— „אָ, זייט מוחל“ — האָט ראָבינס געטענה'ט — „וואָס הייסט, איצ־טער איז דאָך די רעכטע צייט. איצטער, ווען די פאַשיסטישע כוואַליעס הייבן זיך איבער אונדזערע קעפּ איבער דער גאָרער וועלט, ווען זייערע טויט־גיפטיקע שטראָמען ווילן אונדז דערטרינקען, מוזן מיר זיך דאָך פאַר־אייניקן און אַלע צוזאַמען אַרבעטן פאַר דער פאָלקס־דערלייזונג און פאַר אונדזערע רעכט צו קריגן אונדזער אייגענע נאַציאָנאַלע היים“.

— „הע־הע־הע“ — האָט זיך בויסטמאַן ווילד צעלאַכט, אויסשטעלנדיק זיין ברייטע ברוסט, געגרייט צום קאַמף — „הייסט עס, אַז דו, מיסטער ראָ־בינס ווילסט זיין דער משיח אויסצולייזן אונדזער פאָלק פון די פאַשיסטן? הע־הע־הע... און דו וועסט שוין מסתמא אויך אויסטריקענען דעם קריעת־ים־סוף, ווי משה האָט געטאָן פינף הונדערט יאָר צוריק... נו, וועסטו דאָך אונדז מסתמא אויך פירן קיין ארץ ישראל און קיין ירושלים און אויך קיין פאַלעסטינע...“

און אַז די פאַרזאַמלטע האָבן זיך געקייכט פון געלעכטער, האָט בויסט־מאַן גענומען שרייען נאָך העכער:

— „אויף כפּרות דאַרפן מיר ציוניזם!... און בכלל, וואָס מישט זיך אַזאַ גוי ראָבינס אין יידישע ענינים? אַז איך לייג מיין לעבן אַוועק פאַר יידישקייט, איז דאָך מילא ניט שייך, כ'בין דאָך באַהעפט צו יידישקייט ווי אַ קאַלב צו דער קו... אָבער ראָבינס איז דאָך אַזוי ווי אַ קאַלב, וואָס איז אָפּגעריסן פון דער קו און זויגט נאָר פון אַ פלאַש... און איז אָפּגעריסן פון יידישע זאַכן. ער קען דאָך אפילו קיין ברכה אויף דער תורה ניט מאַכן. פאָלגט מיר, גוטע יידן, הערט זיך ניט צו צו ראָבינס פּלאַפּלערייען. מיר דאַרפן אים אָפּשטופּן מיטביידע הענט!...“

— „הענט?“ — האָט ראָבינס געזאָגט קאַלטבלוטיק, פּאַמעלעך פון אָרט זיך אויפהייבנדיק — „איך וועל אייך ווייזן הענט...“

און לאַנגזאַם, רויק, מיט פעסטע טריט איז ער צוגעגאַנגען צו בויסט־מאַנען, האָט אים אָנגענומען פאַרן קאַרק און אים אַרויסגעפירט אין דרויסן, פון וואַנען ס'האָבן זיך דערטראָגן שרעקלעכע קולות:

— „אוי, גוואַלד, ראַטעוועט... ראַטעוועט!... ער דערהרגעט מיך...“

— „נקמה, נקמה!“ — האָט בויסטמאַנס האַרץ געשריען און זיינע פויסטן האָבן זיך צונויפגעדריקט אַזוי, אַז זיינע פינגער־נעגל האָבן זיך טיף אינעם פלייש אַריינגעגעסן. — „ווי גוט ס'וועט זיין זיך ריכטיק אָפּצורעכע־נען מיט ראָבינסן פאַר דער חרפּה און פאַר די קלעפּ, וואָס ער האָט אויף

אים ארויפגעהאָגלט; פאר די שווארצע און בלאָעביילן ארום זיינע אויגן און פאר דער וווּנד אין זיין שטערן, איבער וועלכן ער האָט געמוזט האלטן א פלאסטער באדעקט מיט א באנדאזש פאר עטלעכע וואָכן לאנג. „צוערשט מוז ראָבינס פון שטאָט־ראָט ארויס!״ — האָט ער געשריען צו די בירגער, וועמען ער האָט זיך געמיט איבערצורײדן, זיי זאָלן זיך חתמענען אויף א בקשה צום שטאָט־ראָט, מ׳זאָל ראָבינסן ארויסשטויסן פון דאָרטן. קיין זלזולים און בלבולים האָבן ניט געפעלט דערביי. בויסטמאַנס שטאַרקע פאַרלאַנג נקמה צו נעמען האָבן אים געשטופּט אויף אלע קרומע און מיאוסע וועגן. ער האָט זיך נישט אָפּגעהאלטן אפילו צו צאָלן גרויסע סומעס געלט צו פארשיידענע מענטשן, זיי זאָלן אים העלפן אין זיין קאַמף אנטקעגן זיין שונא.

דאָס איז אים געלונגען, און מיט די הונדערטער חתימות, וואָס ער האָט געקראָגן, האָט זיך אים איינגעגעבן ראָבינסן ארויסצושטופּן פון ראָט־הויז.

נאָר דאָס האָט אים נאָך ניט צופרידנגעשטעלט. זיין בלוט האָט זיך ניט באַרויקט און ער האָט געזוכט און געפונען א יונגן האָלענדישן אפּטייקער, וועמען ער האָט איבערגערעדט, ער זאָל עפענען אַן אַפּטייק כדי צו קאָנקורירן מיט זיין שונא ראָבינסן. צו דעם צוועק האָט בויסטמאַן דעם נייעם אפּטייקער אומזיסט איינעם פון זיינע אָפּיסעס אָפּגעגעבן און ער האָט זיך ניט געפוילט צו העלפן אים מיט וואָס נאָר מעגלעך, געגעבן עצות ווי אזוי דעם קאָנקורענט צו צעברעכן. גאנצע טעג האָט ער אוועקגעלייגט צו לערנען דעם יונגן אומגעניטן אפּטייקער ארונטערצוװארפן מקחים פון באַוווּסטע פּאַטענט־מעדיצינען, וועלכע זיינען זייער פּאָפּולער ביי דער באפעלקערונג, און אויך צוצוציען צו זיין אפּטייק די ווייבער מיט קליינע מתנהלעך, ווי פּארפום און שמעקעדיקע זייף, ליפּן־פּאַרב און פּודער אין שיינע טרייבלעך און שאַכטלעך. און מיט אזעלכע רעקלאַמעס האָט אים טאַקע געגאָלטן ארײַנצוקריכן אין דעם ערלעכן שטאָלצן ראָבינס לעבן אריין, אזוי אז ער האָט די קאָנקורענץ ניט געקענט ביישטיין און האָט געמוזט זיין אפּטייק צומאכן און זוכן ארבעט ביי אַן אנדער אפּטייקער.

— „אָ, אָט אזוי איז גוט! אָט דאָס איז, וואָס איך האָב געוואָלט״ — האָט בויסטמאַן גערעדט מיט פארגעניגן — „אזא נקמה מאכט זיס די נשמה!... ס׳האָט זיך מיר פארט איינגעגעבן אָפּצוהאקן ראָבינס פליגלען. פון איצט אָן וועט ער שוין מער זיינע באַנדיטישע הענט ניט הייבן און זיין חוצפּהדיק מויל וועט שוין מער זיך ניט עפענען.

— „פּאַפּאַ, פוי... ווי שעמסטו זיך עס גאָר ניט זיך צו פריי̆ען אויף דער מפּלה פון א געפּאַלענעם, זאָל שוין זיין אפילו א פיינד?!" — האָט מעגדא אויפגערעגט געטענה׳ט — „עס שווידערט מיך פּשוט אָפּ און איך שעם זיך פון דיינטוועגן. דיינע ווערטער זיינען אזוי ברוטאַל, פּאַפּאַ!... און בכלל פאַרשטיי איך גאָר ניט, צוליב וואָס איז עס דער גאַנצער רעש און דער גאַנצער כעס? צוליב וואס די גאַנצע קריגערייען און ס׳בייז בלוט? נאָר צוליב נאַרישער כבוד־זוכעניש, צוליב גבאות! אויף וואָס דאַרפסטו עס אַלץ, פּאַפּאַ, אָט די שטותערייען?..."

— „אַך, מעגדא, דו פאַרשטייסט ניט אזעלכע זאַכן" — האָט בויסט־מאַן מיט גאווה געענטפערט — „איבערהויפּט האָבן ווייבער קיין אַנונג ניט וועגן דעם תענוג, וואס ליגט אין הערשאַפט און אין זיין א פירער. דערפון טאַקע נעמט זיך דאָס גלייכווערטל: „ווו ווייבער פירן, דאַרט שדים רירן..." הע־הע־הע... פאַרשטייסטו, ווייל ווייבער ווייסן ניט פון אונדזער הער־שאַפט און פון פירונג און דערפאַר שפּירן זיי ניט די געשמאַקייט דערפון... זע, דו נאַריש מיידל, זע, יידן האָבן גאָר קיין הערשאַפט ניט אויף דער וועלט, קיין קיסרים ניט, קיין מיניסטאָרן ניט, קיין שופטים ניט און אפילו קיין פּאָליציאַנטן ניט, טאָ פאַרוואָס זאָל דער ייד כאָטש ניט האָבן דאָס ביסל הנאה פון גבאות? פאַר וואס זאָל ער טאַקע ניט געניסן דעם געשמאַקן טעם פון צו זיין א פּרעזידענט? ס׳איז א גרויסע זאַך, מעגדא, פאַר־שטייסטו?..."

זי האָט אין אמתן גוט געוווסט איר פאָטערס לוסט און גרויסן באַגער נאָך הערשאַפט און כבוד. אויך האָט זי גוט געוווסט די סיבה פון זיין משוגענעם האס צו ראַבינסן. אָבער מער פאַר אַלץ האָט זי געפילט די בי־טערע איראָניע, וואָס דער שטן אליין האָט עס אוודאי צוגעגרייט, גאָר אומ־געריכטערהייט זי ארייגשטויסנדיק אין ראַבינס געזעלשאַפט.

... אין טאַנץ־זאַל האָט עס פּאַסירט, ווען ראַבינס האָט זי געלאַדן טאַנצן. זיבן מאָל האָבן זיי צוזאַמען געטאַנצט און איבערן זאַל זיך ארומדרייענדיק האָבן זיי אזוי ליבלעך גערעדט וועגן אַלץ אין דער וועלט, נאָר ניט מכח דער שנאה, וואָס האָט עקסיסטירט צווישן אים און איר פאָטער. ניט מיט איין וואָרט האָבן זיי עס באַרירט, אזוי ווי זיי וואָלטן דערפון גאָר קיין אנונג ניט געהאַט, דאָך אויף איר פּנים האָט זיך געשפּילט א מינעלע, וואָס האָט פאַרראַטן דעם אמת, אז ווייסן ווייס זי גוט פון דער גאַנצער צאַנקעריי, נאָר ס׳באַהערשט זי, אזוי ווי אים, א קלוגער באַשלוס זיך הויך אויפצו-

הייבן און זיך אוועקרייסן פון דער מיאוסער קליינלעכקייט און נאַרישער בייסעניש און פוסטע מחלוקות...

בעת ער האָט זי באַגלייט אהיים שפּעט ביינאַכט, האָט זי זיך ניט אַנט־זאָגט פון פאָרשלאָג זיין אָרעם צו נעמען, און אַזוי גליקלעך און פריילעך שפּאַצירנדיק האָבן זיי ביידע געשפּירט די איראָניע פון דעם אַנגענעמען צופאַל אַזוי נאָענט זיי צוזאַמענצוברענגען און אַזוי קונציק זיי צוזאַמענצו־בינדן אין אַזאַ וואַרעמער פריינדשאַפט, וועלכע האָט זיך אַזוי גיך, נאָר אין איניקע טעג, אַנטוויקלט אין אַזאַ מאָדנער ליבע מיט אַלע צער־ און יסורים־געפילן און מיט אַלע זיסקייטן, וואָס אַ הייסע טרייע ליבע אַנטהאַלט אין זיך... אַ מין מישענינע איז זיי טיף אין די נשמות אריין, ניט צו פאַר־שטיין דעם מיסטישן קאַפּריז פון דער געשעעניש. ווי אַזוי האָט אַזאַ זאַך געקענט פּאַסירן ?, אַז דווקא זיי זאָלן זיך אַזוי שטאַרק פאַרליבן איינער אין אַנדערן ?!... און וואונדערבאַר, וואָס מער שטערונגען זיי האָבן געהאַט, אַלץ מער איז געוואַקסן און האָט זיך פאַרשטאַרקט זייער ליבע, ביז זיי האָבן דערפילט, אַז ווען זיי זיינען צעשיידט, זיינען זיי איינגעוויקלט אין דיקע שוואַרצע וואָלקנס, שוואַרצע שאָטנס דריקן זיי... זייערע נשמות ווערן אוועקגעריסן מיט גרויסן פייער־שטראָם, וואָס עסט זיי און פּלאָגט זיי, און ס׳ווערט עפּעס אַרום זיי תוהו׳דיק, זייער גאַנצער „יש״ ווערט צערונען...

זייער בענקשאַפט און שטאַרקער באַגער צוזאַמען צו זיין האָט זיי גע־שטויסן אָפט געהיים זיך צו טרעפן.

דאָס בעסטע אָרט פאַר זייערע באַגעגענישן איז געווען דער פּאַרק, וואָס האָט געהערט צו ראָבינסאָס אַ באַקאַנטן בור, עטלעכע מייל פון שטאָט. שעה׳ן לאַנג פלעגן זיי אַרומשפּאַצירן צווישן די הויכע בערג און די טאָלן, באַדעקט מיט ווילדן גראָז און ווייסע פעלד־בלומען. פאַר מיילן פלעגן זיי בראָדזשען אין מילך־ביימלעך, ביז זיי פלעגן קומען צו אַ היגל, אָנגעפּי־קעוועט מיט פאַרשיידענע רפואה־בלעטלעך און גראָזן. ער פלעגט איר וויזן די צעקנייטשטע גרינע בלעטלעך „קרייטי־רור־מייניט״*) וואָס מיינט אַ זיכערע רפואה פאַר נערוון; די קריכעדיקע שפּראָצונגען „קאַט־דאָרן״**), וואָס זיינען אַזוי גוט פאַר לונגען; און די ״ווילדסליי״***) — וואָס זיינען די בעסטע רפואה פאַרן האַרצן...

---

*) אַזוי הייסן די רפואה־גראָזן אין אַפריקאַאַנס **"Krytie-Roer-my-niet"**, (*** **"Wildsleg"** (** **"Katdoorn"**

— „אָ, אָט די „ווילדסליי״ דאַרפן מיר בײַדע טרינקען!״ — האָט איינ־מאָל מעגדאַ חנ׳ודיק באַמערקט, ראָבינסאָן קלוג אַנקוקנדיק — — — „וואָרום די ליבע־קראַנקייט איז זייער אַ געפערלעכע — טאַקע אַזוי ווי האַרץ־קראַנקייט...״

— „אוודאי!״ — האָט ראָבינסאָן געענטפערט מיט אַ שמייכל, וואָס האָט אויסגעדריקט אַי ווייטאָג, אַי חכמה — „איבערהויפּט ווען ס׳קומען טייוואָ־נים די געליבטע פון זייערע שטערבונגען צו שטערן...״ און מעגדאַן צו זיך פעסט צוציענדיק האָט ער געזאָגט:

— „געדענקסטו, מעגדאַ ליבסטע, די געדאַנקען פון דיכטער, אַז ווען יונגע הערצער ווערן צעבראָכן פון ליבע, דאַן לאָכן די הימלישע שטערן, זיי קיכן פון געלעכטער און זייער שפּאָט קומט אַראָפּ פון דער בלאָער ווײַטקייט און גרייכט ביז דר׳ערד אַזוי צו זאָגן: די אומגליקלעכע מענטשן לײַדן אַזוי שטאַרק, ווײַל זיי ליבן, און די דאָזיקע ליבע זעטיקט זיי אָן מיט ווייטאָג און יסורים פון טויט... אָבער מיר, שטערן, זײַנען גליקלעך, ווײַל די דאָזיקע טויטלעכע ליבע האָט איבער אונדז קיין שליטה ניט...״

מעגדאַ האָט זיך צעלאַכט און איר באַק צו זײַן מויל צוגעדריקט:

— „לעזלי, טײַערער, זאָלן די שטערן אונדז אויסלאַכן און אויסשפּאָטן, וויפיל ס׳געלוסט זיך זיי, נאָר מיר זאָלן זיך אײנאַנדער ניט אויסלאַכן... די שטערן אויף צעפּוקעניש לאָמיר זיך האַלט האָבן אָן אַ סוף!...״

— „מעגדאַ טײַערסטע״, — האָט ער געזאָגט — „דער שפּאָט און גע־לעכטער פון די שטערן איז דאָך גאָר ניט אַנטקעגן דעם האַס און נקמה־געפילן פון דײַן פאָטער, ווען דער סוד פון אונדזער ליבע וועט דערגרייכן צו זײַנע אויערן. ווען ער וועט געוואָר ווערן דערפון, וועל איך דאַן קריגן לאַאָקאָאָנס מפּלה!...״

— „לאַאָקאָן? לאַאָקאָן?״ — האָט מעגדאַ איבערגעפרעגט, מיט אירע פאַרשנדיקע בליקן קוקנדיק אויף לעזלין — „ווער איז דאָס לאַאָקאָן?״

— „אָ, מעגדאַ, ווײַזט אויס, דו האָסט פאַרגעסן דײַן מיטהאָלאָגיע״ — האָט ראָבינסאָן זיך געוויצלט — „דאָס איז דאָך דער כהן גדול אין אַפּאָלאָס טעמפּל, וועלכער איז נכשל געוואָרן אין אַ שידוך, וואָס אַפּאָלאָ האָט באַ־טראַכט פאַר אומפּאַסיק, און דערפאַר האָט ער אָנגעשיקט אויף דעם אָרעמען לאַאָקאָנען די מוראדיקסטע שלאַנגען אים אוועקצוהרגענען...״

— „געוויס איז געווען אַ חכם אָט דער לאַאָקאָן, דאָס קען מען זען פונעם פאַקט, וואָס ער האָט זיך ניט אָפּגעשראָקן חתונה צו האָבן מיט זײַן האַרציקער געליבטע, ניט קוקנדיק און ניט רעכענענדיק זיך מיט די סטראַ־

שונקעס פון דעם אכזר אַפּאָלאָ״ — — — האָט מעגדא געמורמלט, שטיל זוכנדיק א רו־אָרט פאר איר קאָפּ אין איר געליבטנס שטאַרקע אָרעמס.

8

יע, די שלאַנגען, וואָס אַפּאָלאָ האָט אַנגעשיקט אויף לאַאָקאָנען, האָבן קיין שום באַטרעף ניט געהאַט אַנטקעגן בויסטמאַנס גיפטיקן גרימצאָרן, ווען צו זיינע אויערן האָט דערגרייכט די ריידעריי וועגן די פאַרהעלטעניש צווישן זיין מעגדאַן און ראַבינסאָן.

קען דאָס זיין מעגלעך ? ניין, ס׳קען ניט זיין. נאָר שונאים האָבן דאָס אויסגעטראַכט — האָט בויסטמאַן געזאָגט. אָבער ווען די ליבע צווישן זיין טאָכטער און זיין גרעסטן שונא איז שוין געוואָרן א רייד פון קינד און קייט אין די גאַסן, האָט ער גענומען ברענען ווי א פייער און האָט געוואָלט די וועלט איבערקערן. ער וועט אַלץ צעברעכן און צעשטערן און פאַרניכטן... סטייטש, זיין מעגדא, זיין אויג אין קאָפּ, זאָל אים אַזוי פאַלש זיין ?! ווײ און ווינד, אויב דאָס איז חלילה אמת! — — —

ער האָט זי אָנגעהייבן נאָכצושפּירן, אירע טריט צו ציילן, פון אויג זי ניט אַראָפּצולאָזן. ער האָט ניט אויפגעהערט זיך צו קליגן און עצות און פּלענער צו זוכן, ווי ער זאָל זיי כאַפּן צוזאַמען. ער האָט באַשלאָסן זיך צו באַראַטן מיט רעוורענד אידלסאָן, וועלכער איז געווען א גרויסער פאַרערער פון מעגדאַן און געהאַלטן פון איר גאָר מי יודע וואָס, און וואָס זי צו אים איז אויך געווען זייער פריינדלעך גענייגט און, באַטראַכטנדיק אים פאַר א גוטן פריינד, פאַר וועלכן מען דערציילט אַלע סודות און אין וועלכן מען גלייבט מיטן גאַנצן האַרצן, האָט זי געוויס פאַר אים שוין איר פאַרליבט האַרץ אויסגעגאָסן. ער וועט שוין פון אידלסאָנען די גאַנצע ריכטיקייט דערגיין. אָנהייבן ריידן מיטן רעוורענד — האָט בויסטמאַן געטראַכט — וועט ער כלומרשט פון אַנדערע ענינים, ער וועט גיין מיט א דריידל, אַרום און אַרום, ביז ער וועט זיך שוין אַרויסכאַפּן אויפן דרך אַלץ צו דערגיין. סוף כל סוף איז דאָך אידלסאָן ניט מער ווי א רעוורענד, א מין תם און פאַרשטייט קיין כיטרע שטיק ניט, און אַזוי אַרום וועט ער שוין פון דעם דאָזיקן מלמד־חזן אַלץ אויספאָרשן.

אַריינקומענדיק צו אידלסאָנען האָט בויסטמאַן געשטאַמלט:

— „איך האָב אייך עפּעס וואָס צו פרעגן, א שאלה הייסט עס, פאַרשטייט איר מיך, אָט אַזוי ווי מען פרעגט אין דער היים א שאלה ביי א רב...

ס'איז אזוי די מעשה: א באקאנטער פויער באַט מיר אָן א גאנצע סטאַדע חזירים צו קויפן. די חזירים זיינען פעט און געזונט און דער מקח איז פשוט א מציאה און די סטאדע קען מיר קלעקן א לאנגע צייט אי פאר דער יאטקע, אי פאר ספּעקולאציע... נאָר איך האָב פחד דאָס צו קויפן, טאָמער וועלן מיינע שונאים מיך חושד זיין, אז איך געברויך חזיר־פלייש אי פאַר מיין אייגן הויז, אי פאר די יידישע קונדן... דערפאר טאָקע פרעג איך אייך, צי זאָל איך קויפן די חזירים אָדער ניט".

מיט בליקן פון פאראכטונג האָט אידלסאָן אפּגעמאָסטן דעם גרויסן גוף פון בויסטמאַנען, בשעת מעשה זיך באַמיענדיק אָפּצוהאַלטן זיך פון דעם שטאַרקן באַגער, דעם דאַזיקן גראָבן יונג גוט אויסצוזידלען. דאָך האָט אים מיטאַמאָל אָנגענומען א געפיל פון איינזעעניש, מחילה און רחמ־נות אויף דעם פּראָסטן נפש און א גוטמוטיקער שמייכל האָט זיך צעשפּילט אויף זיינע ליפּן:

— „הערט זיך איין, מיין פריינד, איז דארפט מיר גאָר אזעלכע פּראַ־געס ניט שטעלן, נאָר אז איר פרעגט שוין יע, טאָ פאָלגט מיר און לאָזט איין די מציאה... און מיין טעם איז א שכלדיקער: שטעלט אייך פאָר, אז מיט איניקע טעג ארום רעדט מען אייער ליבער טאָכטער מעגדאַן א שידוך מיט אַן אָנשטענדיקן יונגנמאַן, פון אַן אָרטאָדאָקסישער פאמיליע, וועלכער פּאַסט זיך פאר איר, און די מחותנים פרעגן זיך נאָך אויף אייך, וואָס פאר א תשובה קענען מענטשן געבן וועגן אייך, האַ? מען וועט זאָגן: אָ, אָט דער בויסטמאַן איז א חזיר־הענדלער... באַטראַכט נאָר גוט, ווי מיאוס דאָס וואָלט געווען פאר אייך, פאר אייער פרוי און פאר אייער טאָכטער".

— „מילא, אז איר זאָגט אזוי, וועל איך שוין אזוי מוזן טאָן" — האָט בויסטמאַן געענטפערט, אויף זיינע פיס זיך ארומוויגנדיק אהין און אהער און כיטרע מיט זיינע אויגן פינטלענדיק — „אָבער הערט זשע איין, אז איר דערמאָנט שוין דאָ מעגדאס נאָמען, וואָלט איך אייך טאָקע וועלן פרעגן, צי האָט איר שוין אויך עפּעס געהערט וועגן איר מיטן כלב ראָבינסאָן?"

— „קיין זאַך ניט געהערט".

— „אַך, ווי קען דאָס זיין? ס'טייטש, די גאנצע וועלט רעדט דאָך! און נאָך א זאַך וווּנדערט מיך, איר האָלט דאָך אזוי פון מעגדאַן, איר לויבט און פאַרערט זי דאָך אזוי שטאַרק און די פריינדשאַפט צווישן אייך איז דאָך עפּעס אזוי גרויס, טאָ ווי איז עס מעגלעך, אז זי זאָל אייך דעם סוד ניט פאַרטרויען?"

— „איר דאַרפט וויסן, מיסטער בויסטמאַן, אז איך בין ניט פון די נייגעריקע בריות, וועלכע מישן זיך אריין אין פרעמדע ענינים. און מעגדאַ האָט מיר קיין זאַך ניט דערציילט. נאָר איך קען אייך זאָגן דעם אמת, אז אויב די זאַך איז טאַקע ריכטיק, ס'הייסט, אז די דאָזיקע צוויי טייערע נפשות זיינען פאַרבונדן אין נאָענטער פריינדשאַפט, וואָס וואָלט זיי פירן צו אַן אמתן פאַראייניקונגס־ציל, וואָלט איך אליין געבן מיין האַרציקע ברכה אויף דעם פיינעם שידוך. נאָך אלעמען זיינען דאָ זייער ווייניק אַזעלכע אידעלע און טייערע מענטשן ווי לעזלי ראָבינסאָן".

— „וואָס פלאַפּלט איר דאָ?!" — איז בויסטמאַן אויפגעשפּרונגען, ווי פון אַ שלאַנג געביסן — אזוי? הייסט עס, איר ווייסט גאַנץ גוט פון דער גאַנצער מרידה און מיאוסן באַטרוג... און ס'איז פּשוט אַ ליגן, ווען איר זאָגט, אַז איר ווייסט כלומרשט פון קיין זאַך ניט, — אזוי גאָר! אָבער וויסן זאָלט איר, אז איך וועל ניט שווייגן. איך בין ניט יעקעלע נאַר, איר הערט? איך בין ניט קיין בהמהשער מלמד, קיין פערד בצורת רעווערענד, הערט איר?... כ'וועל זיך אקאָרשט נעמען צו דער זאַך געהעריק, כ'וועל נאָכ־פאָרשן און נאָכשפּירן, ווי ס'דאַרף צו זיין. כ'האָב מיין מעגדאַן האָלט ווי מיין לעבן, ווי מיין נשמה, מיין האַרץ איז זי, זאָג איך אייך, מיין אויג אין קאָפּ איז זי מיר, מיין קרוין און מיין צירונג איז זי, הערט איר, כ'האָב גע־האָפט, אז עפּעס גאָר גרויס' וועט פון איר אַרויסוואַקסן, וווּנדערבאַרע זאַכן וועלן פון איר אַרויסקומען, אַזאַ מיידל ווי מעגדאַ טרעפט מען ניט אין דער גאַנצער וועלט, און קיין גרעסערע ליבשאַפט ווי מיינע צו איר איז נישטאָ און איך וועל איר געוויס ניט דערלאָזן נעמען דעם מיאוסן הונט ראָבינסאָן פאַר אַ מאַן. אז אַך און אז ווייי וועט איר זיין, אויב איך געפין אויס, אז זי ליבט אים! כ'וועל זי ממית'ן... יע, אַ מעסער אין האַרצן וועל איך איר אַריינלאָזן... ביידן וועל איך אוועקפּטרן און איך וועל זיך אליין אויך ממית'ן און אַ סוף! הערט איר פאַלשער רעווערענד?

— „האַלט זיך איין, באַרויקט זיך, לאָזט מיך דערקלערן, הערט זיך נאָר איין"... — האָט דער רעווערענד זיך געבעטן.

— „שטיל, אַ מויל ניט געעפנט!"— האָט בויסטמאַן זיך ווילד צעשריען, אויסגלאָצנדיק אויגן פול מיט משוגעת — „שוין גענוג גערעדט! איר האָט דאָך שוין אייער הסכמה בפירוש געגעבן אויף דעם „פיינעם" שידוך אייערן, זייער פיין האָט איר געשילדערט אייער הויכגעשעצטן ראָבינסאָן, מיין שונא, אלס אַן אידעלן, טייערן נפש! אייער פאַלשקייט און גנבהשע מחשבות זיי־נען שוין גענוג אָפן פאַר מיר... אַרויס פון דאַנען, אַרויס פון מיין הויז,

נישטאָ ביי מיר קיין אָרט פאר איך. כ׳האָב איך פיינט און קען איך מער ניט אָנקוקן, א דם שונא בין איך איך און צרות אויפן פּוד וועל איך איך שוין מאַכן, כ׳וועל זיך שוין מיט איך גוט אָפּרעכענען פאר אייער באטרוג צו העלפן מיין שונא, מיין מעגדאַן אין נעץ אריינצוציען...״

און ווי א צערייצטע חיה איז ער ארויסגעלאָפן פון הויז, א שליידער טוענדיק די טיר הינטער זיך מיט א מוראדיקן קלאַפּ און ברומענדיק ווילד:

— „וואַרט נאָר, כ׳וועל אייך נאָך וויזן, וואָס איך קען טאָן!״

9

אומזיסט האָט זיך מאדאם בויסטמאַן געבעטן ביי אידלסאָנען, ער זאָל קיין אַכט ניט לייגן אויף איר מאַנס דיבורים. אומזיסט האָט זי זיך באמיט מיט תחנונים זיין אויפגערעגט און אויפגעקאָכט האַרץ צו באַרויקן און אָפּ־האַלטן אים פון פארלאָזן זייער הויז. „די געשרייען און זידלערייען, וואס מיין מאַן האָלט אין איין שיטן אָן א מאָס, קומען דאָך ארויס פון זיין אנ־טוישונג אין מעגדאַן, וועמען ער ליבט ביז משוגעת״ — האָט זי געוויינט ביטערלעך — „און איר, דער קלוגער, אידעלער, געבילדעטער, שטייט דאָך העכער פאר מיין אומגעבילדעטן מאַן, וועלכער מיינט גוט און וועמענס האַרץ איז דאָך אין דער אמתן גוט. נאָר ער קען זיך ניט באהערשן... ס׳וועט אלץ רעכט ווערן. פארלאָזט ניט אונדזער הויז״.

אומזיסט זיינען געווען אויך מעגדאס ווייכע, וואַרעמע רייד צו אידל־סאָנען, ער זאָל גוט די זאַך באטראַכטן און זאָל מיט זיי בלייבן. — „כ׳פיל אזוי ווי איר אליין אייערע בזיונות, וואָס מיין פאָטער האָט אייך אָנגעטאָן אין זיין כעס; און מיר טוט זייער ווי אייער צער, אייער עגמת־נפש, אָבער איך בעט אייך רחמים: שטראָפט מיך ניט מיט אייער באשלוס ס׳הויז צו פארלאָזן! דאָס וועט מיר גרויסע יסורים ברענגען. כ׳בין שוין אזוי צוגעוווינט צו אייער ליבער געזעלשאַפט און אָן דעם וועל איך בלייבן עלנט, איינזאָם און נידערגעשלאָגן... אַ חרוב געוואָרן נעסט וועט בלייבן אונדזער הויז אָן אייך. וויסט און פּוסט וועט בלייבן מיין נשמה און ס׳וועט ניט מסוגל זיין אריינצונעמען אין זיך קיין גייסטיקע פרייד און קיין פריילעך ליד... ס׳וועט דאָרטן, אין מיין נשמה בלייבן, נאָר ס׳איינציקע ליד איי־ערס: „דערשטיקט ס׳געזאַנג״ מיט דעם גאַנצן טרויער און וויטאָג, וואָס איז דערין פאַראַן״ — — — האָט מעגדא געשלוכצט און פון אירע אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן.

— „ליב קינד“ — האָט אידלסאָן געענטפערט — „דווקא ווייל איך האַלט דיך אזוי טייער, דווקא ווייל דו ביסט ביי מיר אזוי געהויבן און ליב, מוז איך אייער הויז פארלאָזן, ווייל דיין פאָטערס באַנעמונג זיינען מיר שוין גוט באַקאַנט און איך בין זיכער, אז ער וועט מיר אָנטאָן גרויסע צרות, טאָ צו וואָס זאָלט איר נאָך אויך ליידן, צו מיינע גרויסע יסורים זיך צוקוקן? ווי קען איך אזוי שלעכט זיין, אייך אזא רעה צו טאָן? לאָז מיר גיין, מעגדא... און דו וועסט זיך צוגעוויינען צו מיין ליידיקן פלאץ... פאר־טיף זיך אין דיינע מוזיקאַלישע אינטערעסן, זינג און שפּיל און האָב הנאה פון דיין זונענליכטיקער יוגנט... און אז ווייל איז צו אייך אלעמען, וואָס איר ווערט פּטור פון מיר און פון דעם ביטערן מזל, וואָס קלעפּט זיך צו מיר... מעגדא טייערע, איך זע אזוי דייטלעך די אנטוישונגען און צרות, וואָס שטייען מיר נאָך פאר...“

און ער האָט טאָקע קיין טעות ניט געהאַט.

וואָרום עטלעכע וואָכן נאָך זיין פארלאָזן בויסטמאַנס הויז און נאָך זיין אריינציען זיך אין זיין קליינעם צימערל נאָענט צו דער שול, ווו ער האָט געהאָפט עטוואָס רו צו געניסן און שטיל זיך מיט זיין ארבעט אָנצוגיין, האָט ער באקומען א בריוו פון דער רעגירונג, אז בויסטמאַן האָט צוריקגעצויגן זיין גאראנטיע פאר אים, און היות ער אנטזאָגט זיך פאר אים צו זארגן און אים אויסצוהאלטן, „באערט“ זיך די רעגירונג צו וואָרענען דעם געאַכטן רעווערענד אידלסאָנען, ער זאָל באלד דאָס לאנד פארלאָזן אין איינקלאַנג מיט די אימיגראציע געזעצן.

אידלסאָנען איז א קעלט דורכגעגאנגען איבערן הארצן און א פינצ־טערניש האָט זיך צעלייגט שווער איבער די אויגן. אין זיין צעטומלטן דמיון האָט ער דערזען, ווי א ווילדע, האמעטנע חיה טאָפּטשעט, שפּרינגט צו צו אים מיט א ווילדן אימפּעט און אָט צעטראָמפּלט זי אים מיט די שווע־רע גראָבע קאָפּיטעס... אָבער באלד ווידער האָט זיך זיין נשמה א ריס געטאָן צו אן אומבאקאנטער הויכקייט און ס'האָט זיך צעשפּילט אין זיין געדאַנק א מאָדנע האָפענונג, אז א פארבאָרגענע האנט וועט ארויסקומען פון וואַנען עס איז און אים ברענגען הילף, און צו זיין אייגענעם פארוווּנ־דערונג האָט ער זיך געטרייסט מיט דער דאָזיקער האָפענונג. ער האָט צו־נויפגענומען אלע קרעפטן זיינע פליכטן צו זיין געמיינדע פּינקטלעך און טריי אויסצופירן. די טעג זיינען אוועקגעפלויגן אין זיין פאראנטווארטלע־כער ארבעט און די נעכט — אין זיינע שטילע געזאנגען, וועלכע האָבן גע־קוואָלן פון זיין אומרויקן הארצן און זיך אויסגעגאָסן אויפן פּאַפּיר אין

שטריכעלעך, פינטעלעך און קייקעלעך, וועלכע האָבן געטאַנצט פאַר זיינע אויגן ווי קליינטשינקע, שיינינקע ברואימלעך, וואָס האָבן אויסגעזונגען האַר־מאָניש אין זיסע קלאַנגען ס׳ליד פון זיין לעבן — ס׳לעבן פון אַן עלנטן, איינזאַמען, פאַרלאָזענעם וואַנדערער, און האָט געפונען אין דעם אַ פריידיקע דערקוויקונג פאַר זיין אויסגעמאַטערטער, צעשראָקענער נשמה, וועלכע האָט זיך געצאַפּלט אין פּחד פאַר דער צוקונפט...

אין אַ שפּעטיקער שעה ביינאַכט האָט זיין גייסט פאַרגעניגן געפונען אין אַ נייעם ליד, וואָס האָט זיך אים אַזוי גוט איינגעגעבן, און ער האָט עס געזונגען שטיל פאַר זיך. דאָס געזאַנג איז געווען וועגן דעם „לעצטן פונק פון דער שקיעה״, וואָס ווערט צעגאַנגען אין רויט פאַרוויינטע אויגן פונעם זינדיקן טאָג, וואָס נעמט מיט מיט זיך דעם יוגנט־מוט, און די לעצטע האָ־פענונגען אויף גוטס, וואָס האָט זיך נאָר געהאַלטן אין האַרצן אַזוי צערו־דערט און פאַרטרויערט. און ס׳לידל האָט זיך געענדיקט מיט די ווערטער:

„...אָ, לעש זיך ניט אויס, מיין זונען־פונק לעצטער!
מיין טרייסט־ליד, אָ, ווער ניט פאַרלאָשן, צעשמאָלצן,
לאָז מיך ניט איבער אין פינצטערניש־פּחד
פון יאוש, וואָס שטיקט און פאַרדאַרבט די נשמה,
וואָס צאַפּלט צום טויט זיך עלנט, פאַרלאָזן,
אָן דיר, אָ, פונק פון טרייסט־ליד! — — —״

— „לאָזט אַריין!״ — האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין טיר. אידלסאָן האָט דערלאַנגט אַ לייכטן ציטער און זיך געלאָזן צו דער טיר, און באַלד האָט זיך צעגאָסן אַ פריילעכקייט איבער זיין מידן פנים. ער האָט דער־קענט דעם קול און ברייט אָן עפן געטאָן די טיר. דאָס זיינען געווען מעגדאַ און ראַבינס.

— „שאַ... מיר זיינען געקומען זיך געזעגענען מיט אייך, טייערער פריינד, נאָך אין היינטיקער נאַכט אַנטלויפן מיר. וווהין? מיר ווייסן אַליין ניט... אָבער וווּ מיר וועלן זיין, וועלן מיר אייך אין זינען האַלטן און מיר וועלן אייך לאָזן וויסן פון אונדז. איר וועט דאָך אונדז אויך ניט פאַרגעסן. מיר וועלן דאָך אייביק בלייבן טרייע, איבערגעגעבענע פריינד — האַ?״

ער האָט פון זיי זיינע אויגן ניט אַראָפּגענומען. מעגדאַ האָט זיך דער־נענטערט צו אידלסאָנען און געבעטן:

— „צוויי זאַכן פאַרלאַנג איך מיט צונעמען מיט זיך: אייער ליד „דערשטיקט ס'געזאַנג" און אייער מחילה פאַר אייערעליידן, פאַר וועלכע איך פיל זיך אַזוי שולדיק..."

— „מעגדא, אפשר קענסטו זיך באַשליסן צו בלייבן ביי דיינע על־טערן", — האָט ער זי איבערגעשלאָגן — „מעגדא, דיין מוטער וועט עס ניט לייכט אַריבערטראָגן, און דער פאָטער האָט דיר דאָך אויך ליב מיטן גאַנצן האַרצן, אפשר קענסטו פאַרט ביי זיך פועלן צו בלייבן מיט זיי?"

— „אוי, איך קען ניט, איך קען ניט" — האָט מעגדא געזאָגט — „כ'האָב שוין געפּרוווט, כ'האָב מיך שוין באַמיט צו ליידן און בלייבן גלייכגילטיק צו אַלע צאַנקערייען, געשרייען און געפּילדערס פון מיין פאָטער. כ'האָב באַשלאָסן צו פאַרשוויגן און טראָגן שטיל אַלע זיינע תביעות, וואָס טוען אַזוי וויי, אַלע זיינע שטרענגע פאַרבאָטן און גזירות, אַז איך מוז זיצן פאַר־שפּאַרט אין דער שטייג פון הויז, אַז איך טאָר זיך ניט זען מיט מיינע ליבסטע פריינד. אויף מיינע טענות, אַז ס'גייט מיר אויס דאָס האַרץ צו זיין אין זייער געזעלשאַפט — האָט ער בלויז געשריען:

— „אויף וועלכע כפּרות דאַרפסטו געזעלשאַפט און פריינד? מיין געז־עלשאַפט דאַרף און מוז דיך צופרידנשטעלן!..." און ער האָט געהאַלטן אין קאָמאַנדעווען, אַז קיינמאָל וועל איך קיין בעסערן און טייערערן חבר אין דער וועלט ניט קריגן...

— „מעגדא טייערע" — האָט אידלסאָן שטיל גערעדט — „אָט ווי לעכערלעך די דאָזיקע דיבורים זאָלן ניט זיין, קומען זיי דאָך אַרויס פון דער טיפעניש פון אַ טרייען פאָטערס האַרצן, נאָך זיין באַגריף און נאָך זיינע געפילן..."

— „ס'קען זיין, אַז ס'איז אַזוי" — האָט מעגדא געכליפּעט — „אָבער כ'קען שוין מער ניט אַריבערטראָגן מיין בענקשאַפט און פאַרלאַנגען צו די ליבע נפשות, וועלכע זיינען מיר טייערער פון אַלץ אין דער וועלט און וועלכע ער האָט אַזוי פיינט און וואָס אַזוי ווי אַ שרעקנס־גלאָק הערט ער קיינמאָל ניט אויף צו דונערן אויף זיי מיט אַלערליי באַליידיקונגען. ניין, איך קען ניט און וועל ניט בלייבן אין דערהיים. מיר אַנטלויפן. דער אויטאָ וואַרט אויף אונדז אין דרויסן".

—„ אַזוי?" — האָט אידלסאָן געזאָגט מיט אַ פינצטערער מינע, און שווער זיפצנדיק איז ער פּלוצלונג אַלט און שוואַך געוואָרן. — „אַזוי? הייסט עס, אַז איר קענט ביידע אייער באַשלוס ניט ענדערן. ניט אומזיסט האָט מיין האַרץ מיר אַזוי גענאָגט די עטלעכע לעצטע טעג און איך האָב

מיך געשטיקט אין טריבע און רולאָזע מחשבות... ניט אומזיסט האָבן זיך אין מיין צעשמעטערטן הארצן געפלאָכטן און געוועבט געדאַנקען פון שרעק און פארצווייפלונג...״

און ארײנקוקנדיק אין מעגדאס פארוויינטע אויגן האָט ער ווייטער, ווי פון א טיפן שלאָף געריעדט, דערלאנגענדיק דערביי מעגדאן זיין לעצט פארפאַסטן ליד:

— „יע, איצט פארשטיי איך, פארוואָס מיין געמיט האָט אין מיר אזוי שטאַרק געקלאָגט. ווייל איך פארליר די לעצטע טרייסט אין לעבן. אָט איז די פרוכט פון מיין טרויער און צער, וואָס איז ווי פון זיך אליין אויס־געגאָסן אויפן פאַפיר. איצט פארשטיי איך, אז אייער פארלאָזן מיך האָט עס מיין נשמה אזוי צעטרייסלט און מיך אזוי אומגליקלעך געמאכט. נאָט, זעט...״

מעגדא איז דורכגעגאנגען דאָס ליד מיט פארוויינטע אויגן.

— „ס'איז מיר אזוי פיינלעך, וואָס אין איילעניש איז אונדז אוממעגלעך צו הערן אייך זינגען דאָס ליד, וואָס איז אזוי וווּנדערבאר איינגעשטעלט, אי די שטאַרקייט פון די ווערטער, אי די הערלעכקייט פון די נאָטן און די פיינקייט פון ריטם, אָבער לאָמיר האָפן, אז מיר וועלן אייך נאָך א סך מאָל הערן״.

א סך האָט זי נאָך געהאַט צו זאגן, נאָר אירע ווערטער זיינען דער־טרונקען געווארן אין אירע טרערן ביים געזעגענען זיך.

און אז די צוויי געליבטע פערזאָנען האָבן זיך ארויסגעריסן פונעם צימער, האָט אידלסאָן זיי באגלייט מיט זיינע טרערנדיקע אויגן, שאָקלענדיק זיין קאָפּ מיט פארצווייפלונג און זיפצנדיק טרויעריק:

„— — — לאָז מיך ניט איבער אין פינצטערניש־פּחד
פון יאוש, וואָס שטיקט און פאַרדאַרבט די נשמה,
וואָס צאַפּלט צום טויט זיך עלנט, פארלאָזן,
אָן דיר, אָ, פונק פון טרייסט־ליד...״

10

„— — — די ברייטע וועלט איז פאר מיר ענג״ — האָט אידלסאָן גע־שריבן צו זיין ווייב און קינדער — „צו מיין גרויסן צער שטיי איך ווייטער א צעטומלטער, אָן אנטוישטער און דערשלאָגענער פאר א נייער גזרה אַרויסגעטריבן צו ווערן פונעם לאנד, ווו מיט א קורצער צייט צוריק האָב

איך געהאט אזעלכע גוטע האָפענונגען פאר אייך א זיכערע נעסט צו בויען, ווו מיר וואָלטן אלע צוזאמען אין שטילער רויקייט געקענט באַטראכטן, וואָס פאר א גליק עס איז פּטור צו ווערן פון וואָגלונג, פון עלנט און איינזאמקייט.

נאָר אז איך האָב נאָך ניט באוויזן אָנצוווארעמען זיך מיט דער דאָזיקער האָפענונג, איז געקומען די קאָלטע ווירקלעכקייט און האָט מיר א לאַנגע צונג ארויסגעשטעלט, ווי מען זאָגט דאָ אין ענגליש: „ס'איז א ווייטער שופּ צווישן בעכער און לופּ...״ ס'איז פון מיר אוועקגערויבט געווארן דאָס רעכט אין דעם לאנד צו פארבלייבן און אין א פּאָר חדשים ארום מוז איך עס פארלאָזן. איר קענט זיך געוויס פאָרשטעלן מיין צער און צאָרן, זוכנדיק אומזיסט אן ענטפער אויף מיין שטענדיקער פראגע: „וווהין?...״ נאָר נאָך גרעסער איז מיין ווייטאָג און עגמת־נפש, ווען איך דערלאַנג נאָר א טראַכט: וואס וועט ווערן פון אייך, טייערע, איך בין צעדולט און אלע גלידער אין מיר ציטערן פון אויפרעגונג און פּחד. מיין ליבע צו אייך איז קיינמאָל אזוי שטאַרק ניט געווען ווי איצט און מיין הארץ איז קיינמאָל ניט געווען אזוי פארשמאַכט פון מעכטיקער בענקשאפט צו אייך ווי איצט! שטאַרק האָב איך אויף אייך רחמנות, וואָס אייערע נפשות זיינען אזוי פעסט צוגעבונדן צו אזא שלים־מזל, ווי איך בין... ווי זאָגט זיך עפּעס דאָרטן אין אַן אלטן לידל? — „דער טאָג איז פארליבט אינעם נאַכטיקן חושך, פרילינג איז פארליבט אינעם ווינטער, דאָס לעבן איז אין טויט פארליבט״; און איר — איר האָט מיך ליב!...״ נאָך אלע מי און שווערער ארבעט און גרויסע שטרעבונגען אייער לעבן אויף א געזונטן באַזיס צו בויען בין איך געבליבן א צעבראָכן צוויגל און מיין צוקונפט — א ציבעלע ניט ווערט! ס'זיינען דאָ אזוי פיל סיבות, וועלכע שרעקן מיך פאר דער נאָענטער מוראדיקער צוקונפט!״

* * *

נאָך צוויי פּלענער, וואָס האָבן אים געגעבן עפּעס א ביסל רו און טרייסט אין זיינע שלאָפלאָזע נעכט און רולאזע טעג, זיינען אידלסאָנען געבליבן אין זיין מחשבה: ערשטנס: זיך פּרווון איינבעטן ביים „מאַדזשיסטרעיט״, ער זאָל אויספועלן, מען זאָל אָפּלייגן די גזירה פון ארויסגעשיקט צו ווערן אויף עטלעכע חדשים, און פאר דער צייט וועט ער געוויס אן אנדער שטעלע באַקומען. ער קען דעם דאָזיקן „מאַדזשיסטרעיט״, — אַן איידעלער, גוטמוטיקער, קלוגער מענטש, וועלכער האָט אים עטלעכע

מאָל א זייער פריינדלעכן פנים באוויזן און איז גוט גענויגט געוועזן צו אים אין דער צייט, ווען ער האָט זיך מיט אים צוזאמענגעטראָפן אויף עפעס א גרויסער שמחה און איז שטאַרק נתפעל געוואָרן פון זיין ווונדערבארער שטימע. אידלסאָן איז זיכער געווען, אז אויב ס׳איז נאָך דאָ א מעגלעכקייט אים צו העלפן, וועט דער „מאַדזשיסטרעיט" עס געוויס טאָן.

און דער צוויטער פּלאַן: זיין אייגענעם כבוד אָן א זייט אוועקצוווארפן און פּרובירן זיך איינבעטן ביי בויסטמאַנען, ער זאָל אים נאָר אויסהערן, ער זאָל זיך נאָר לאָזן דערקלערן, ווי אומשולדיק און ערלעך ער איז קעגן אים און ווי גרויס עס איז זיין פארלאנג מיט אים שלום צו מאַכן, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס ס׳איז אים, דעם שטאָלצן אידלסאָנען, אזוי שווער און ביטער געווען זיך צו באשליסן אויף דער דאָזיקער מיאוסער קריכעריי... אָבער וואָס טוט ניט א מענטש פאר זיין לעבן און פארן לעבן פון זיין געליבטער פאמיליע? — — —"

* * *

העפלעך און בכבודיק איז אידלסאָן אנטפאַנגען געוואָרן דורכן „מאַד־זשיסטרעיט", וועלכער איז געזעסן אין זיין ביוראָ ביי א גרויסן שרייבטיש, לעבן וועלכן ס׳איז געזעסן נאָך א באַאַמטער — א געזונטער, דיקער, מיטליאָריקער מענטש, מיט א טונקעלן שטאַרקן פנים און גראָלעכע אויגן, וואָס שיטן גאווהדיקע בייזקייט, אויסגעמישט מיט ציניש שמייכל.

— „כ׳האָב די ערע איך פארצושטעלן מיין פריינד, ראַבאַי אידלסאָן" — האָט זיך דער „מאַדזשיסטרעיט" געווענדט צום באאמטן; און צום רעווערענד האָט ער זיך א קער געטאָן און געזאָגט:

— „און דאָס איז דער נייער „מאַדזשיסטרעיט". איר האָט דאָך געוויס געהערט, אז דורך א פּלוצלונגדיקן באפעל בין איך גערופן אריבערצוגיין אין אן אנדער אָרט".

— „א שלעכטער בייט" — — — האָט אידלסאָן א טראַכט געטאָן שטייענדיק צעטומלט, שווייגנדיק אין פארלעגנהייט און אָנקוקנדיק דעם „מאַדזשיסטרעיט" מיט ברייט געעפנטע אויגן, וועלכע האָבן אויסגעדריקט שטוינען און שרעק.

— „זעסט אויס אזוי אומעטיק, מיין פריינד!" — האָט דער אוועקגיי־ענדיקער „מאַדזשיסטרעיט" געזאָגט.

— „מסתמא שרעקט זיך דער ראַבאַי פאר די „נאַציס" — האָט דער נייער באַאַמטער געפּרווט זיך וויצלען.

ס׳האָט אידלסאָנען א ברען געטאָן די דאָזיקע אומגעלומפּערטע באַ־ליידיקונג און דאָס האָט אים פון זיין פּארחלומטקייט אויפגעוועקט. מיט א ציטער האָט ער זיך אויפן שטול אראָפּגעלאָזן און א ווילע קיין לשון ניט געפונען, נאָר באלד האָט ער מוט געקראָגן:

— „ניין, מיין הער, אנטשולדיקט״ — האָט ער געענטפערט אין א דייטלעכן ענגליש מיט אן אויסלענדישן אקצענט — „אלס גלויביקער ייד האָב איך קיין מורא ניט פאר אונדזערע שונאים. מסתמא האָט איר דאָך געלערנט די ביבל, און דאָרט זאָגט זיך: „אזוי זאָגט גאָט, וואָס גיט זונענ־ליכט בייטאָג און רעגולירט די לבנה און שטערן, אויב די זון, שטערן און לבנה וועלן אָפּגעטאָן ווערן, דאַן וועט ס׳פּאָלק ישראל אויפהערן צו עקסיס־טירן...״ און מיר גלייבן זיכער, אז קיין נאַצי־מעסער וועט אויף אונדז קיין שליטה ניט האָבן און אונדז וועט אויך ניט שאַטן זייער בייזע גיפט, וואָס איז ליידער, אריינגעדרונגען אין די הערצער אי פון אָפענע פיינד, אי פון פארשטעלטע״.

— „יע, געוויס״ — האָט זיך אריינגעמישט דער אלטער „מאַדזשיס־טרעיט״ מיט אן ערנסטער מינע — „איך גלייב טאָקע אויך אין די נביאים און אויך אין דער וועלטלעכער דעמאָקראַטיע״.

— „דעמאָקראַטיע?״ — האָט אידלסאָן געענטפערט מיט א שוואכן שמייכל — „אין אמתן גערעדט האָב איך איצטער אין דעמאָקראַטיע קיין אמונה ניט. פאר אונדז יידן האָט זי געוויס א האַנט אין קאלטן וואסער ניט אריינגעטאָן. באטראכט נאָר דעם נידעריקן מצב פון די יידן אין דער גאנצער וועלט און אויך אין אזא דעמאָקראַטישן לאנד ווי דאָ געפינען די פירערס גאָר ניט פאר נייטיק צו שאפן א געזעץ צו פארבאָטן די שענדלעכ־סטע בלבולים, וואָס ווערן טאָג־טעגלעך געשאָטן דורך די בייזע נאַצי׳ס אויף אונדז, יידן, וועלכע האָבן דאָס רעכט דאָ צו לעבן ניט ווייניקער ווי אנדערע גרופּעס פון דער באפעלקערונג״.

— „מיינסטו, אז די יידן דארפן האָבן דאָ די זעלבע רעכט ווי די אפ־ריקאנער?״ — האָט דער נייער באאמטער ארויסגערעדט.

— „געוויס״ — האָט אידלסאָן געענטפערט — „ניט לאַנג האָב איך געשטודירט דרום־אפריקאנער היסטאָריע און כ׳האָב געפונען, אז צווישן די ערשטע האָלענדער, וואָס זיינען קיין אפריקע געקומען, וואָס זיינען דאָך די יסודות פונעם אפריקאנער פּאָלק, זיינען שוין געווען יידן פאראנט־וואָרטלעך פאר גוטער ארבעט אין העלפן אויסבויען דאָס לאנד, און אפילו אין „קאַמער פון די זיבעצן״, דאָס הייסט אין דעם ערשטן פּאָלקס־ראַטהויז,

האָבן זיך שוין יידן באַטייליקט און מיטגעהאָלפן די געזעצן פון לאַנד צו שאַפן און ס'לאַנד צו אַנטוויקלען. און איצטער קומען פינצטערע נפשות און שרייען, אַז יידן זיינען דאָ פרעמדע און מוזן פון דאַנען אַרויסגעטריבן ווערן — — —"

— „זיי, די „נאַציס" וואָס דו רופסט, טענהן דאָך, אַז זיי זיינען גוטע קריסטן און גלענצנדע אַפריקאַנער, טאָ ווי קענסטו זיי באַליידיקן?" — האָט דער נייער באַאַמטער כיטרע געשמייכלט.

— „אָ, מיין הער, ס'איז אַזוי לעכערלעך. אפילו אַ קינד ווייס, אַז זיי זיינען ניט קיין גוטע קריסטן און ניט קיין געטרייע אַפריקאַנער. זיי צע־ברעכן דאָך די „צען געבאָט" צען מאָל אַ טאָג און זיי זיינען דאָך טרייע דינער פון די דייטשע נאַציס, וועלכע שרייען אָפן, אַז די ביבל מוז פאַר־ברענט ווערן און די אַלטע פאַרשימלטע געטשקע „וואָטאַן" מוז צוריק אַנערקענט ווערן אַלס זייער גאָט. און טרייע אַפריקאַנער קענען זיי דאָך געוויס ניט זיין, ווייל די דייטשע נאַציס באַליידיקן דאָך די אַפריקאַנער מיט אַזעלכע שמוציקע רכילות..."

— „די אמתע צרה איז" — האָט דער נייער באַאַמטער אַ ביסל ווייכער געענטפערט, — „וואָס אַ סך יידן זיינען קאָמוניסטן און דאָס גיט שטאָף צו ריידן, כאָטש פיל פון אונדז האַלטן ווייניק פון אָט די בלבולים".

— „דאָס זיינען פאַלשע בלבולים" — האָט זיך דער אַלטער „מאַד־זשיסטרעיט" אַריינגעמישט, דערביי אַרויסנעמענדיק אַ בלעטל פון זיין קע־שענע — „אָט, למשל, באַשולדיקט איין בלעטל די יידן, אַז זיי זיינען קאָ־מוניסטן, און די צווייטע בלעטל,— אַז זיי זיינען אַלע גרויסע קאַפּיטאַליסטן, וועלכע זויגן אויס ס'בלוט פון די אַרבעטער... נו, אויב די צוויי סתירות־דיקע בלעטלעך, וואָס דערוועקן בלויז עקל, זיינען ניט געשריבן דורך מטורפים, ווייס איך ניט וואָס צו זאָגן".

— „אויף דעם לעצטן שקר בין איך אַ לעבעדיקער עדות, מיינע הערן" — האָט אידלסאָן שטיל געזאָגט — „כ'פאַרזיכער אייך ביי מיין לעבן, אַז ס'איז ניטאָ קיין גרעסערער, עלנטערער און מער צעבראָכענער אָרעמאַן, ווי איך בין... יע, אַ דערשלאָגענער אביון, וואָס ווערט פונעם לאַנד אַרויסגעטריבן צוליב זיין יידישקייט".

ווען די צוויי באַאַמטע האָבן אידלסאָנען באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, האָט ער געזאָגט:

„דעם אמת גערעדט, בין איך טאַקע געקומען אַהער אָט וועגן דער דאָזיקער גזירה מיך אַרויסצושיקן פון לאַנד און איך האָב אייך געוואָלט

בעטן, אפשר קען מען געפינען א מיטל די גזירה אָפּצוהאַלטן נאָך עטלעכע חדשים, ביז כ׳וועל געפינען א נייע שטעלע?״

— „פאַרשטייט זיך, אז דער ענין געהערט פון איצטער אָן צום נייעם „מאַדזשיסטרעיט״ — האָט דער אַלטער באַמערקט.

— „און צו מיין באַדויערן קען איך אויך ניט העלפן אין דער זאַך״ — האָט דער נייער „מאַדזשיסטרעיט״ געזאָגט — „ווייל קוים איז די גזירה אַרויסגעגעבן פון הויפּט־ביוראָ און דאָקומענטן זיינען שוין אַהער אָנגעקומען, איז פאַרפאַלן, איבערהויפּט ביי די איצטיקע צייטן, ווען פאַרשיידענע עלעמענטן רויען און אַקערן און זוכן מיט ליכט חטאים אַנטקעגן דער רעגירונג, אז זי איז גוט געניוגט צו יידן און דערמיט ס׳פאַלק אַנטקעגן דער רעגירונג אויפצוהעצן!...״

— „אָ, פון דאַנען וועל איך שוין קיין ישועות און נחמות ניט דערוואַרטן״ — האָט אידלסאָן געטראַכט. ער איז בלייך ווי א טויט געוואָרן און זיינע פאַרטריקנטע ליפּן האָבן נערוועיש געצוקט — „בלייב איך, הייסט עס, ביים צווייטן פּלאַן: צו גיין זיך מיאוס מאַכן בעטלען רחמים ביי בויסטמאַנען... נו, כ׳וועל עס טאָן. יע, נאָך דאָס איינציקע וועל איך פּרובירן און א סוף...״

* * *

ער האָט ניט לאַנג פאַרצויגן די זאַך. ווען ער האָט אָנגעקלאַפּט אין בויסטמאַנס טיר, האָט זי זיך געעפנט דורך א שוואַרצער דינסט, וועלכע האָט אים געזאָגט, אז קיינער איז אין הויז נישטאָ. די באַלעבאָסטע מיט די קינדער זיינען אַוועקגעפאָרן אויף איניקע טעג און דער באַס דאַרף אַהיים קומען אין א האַלב שעה שפּעטער.

— „איר קענט אַריינקומען אין זאַל און דאַרטן וואַרטן א ווײַלע. איך גיי אַוועק, ווייל כ׳האָב שוין מיין אַרבעט געענדיקט פאַר היינט״.

א פּאָר מינוטן שפּעטער האָט אידלסאָן געהערט טריט פון עטלעכע מענטשן, וועלכע זיינען אַריינגעקומען דורך דער הינטער־טיר פון הויף אין הויז אַריין. ער האָט געהערט א גערויש פון ריגל און שלאָס און באַלד האָבן זיך דערטראָגן פון הינטערשטן צימער געשפּרעכן, געלעכטער, קלאַפּעריי און עפּעס טומלדיקע באַוועגונגען.

ווייסנדיק אז די פאַמיליע איז אין הויז נישטאָ, האָט ער זיך געטראַכט: דאָס זיינען געוויס גנבים. ער האָט זיך אויפגעהויבן פּאַמעלעך, איז געגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער צום הינטערשטן צימער צו, און האָט האַסטיק

דערלאַנגט א שטויס די טיר, וואָס האָט זיך געעפנט מיט גרויס ליאַרעם, באַוויזנדיק נאָר א בליק צו וואַרפן אויף דער סצענע אינעם צימער, איז ער אָפּגעשפּרונגען אויף צוריק, א פאַרציטערטער, ווי געביסן פון שלאַנגען.

פאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען בויסטמאַן לוסטיק, לעבעדיק, מטורפ־דיק צעהוליעט — האַלב אַרומגענומען, דריקנדיק און טוליענדיק צו זיך עפּעס אַן אומבאַקאַנטע דיקע, אויסגעפּודערטע, אָפּגעפּאַרבענע, האַלב־נאַקעטע יונגע ווייבל...

— „ווי... ווי מיר... אנטשולדיקט" — האָט זיך אידלסאָן געבעטן רחמים אין פאַרלעגנהייט און אין שרעק.

נאָר בויסטמאַן איז אויפגעשפּרונגען ווי א צעבושעוועטע הונגעריקע חיה און האָט געשריען מיטן גאַנצן כח:

— „דו בלעדי שווין דו!... שמוציקער שנאָרער!... דיר איז נאָך, ווייזט אויס, ווייניק, וואָס דו האָסט פון מיר אוועקגערויבט מיין מעגדאַן און האָסט זי באַגראָבן לעבעדיקערהייט, אין די הענט פון מיין שונא זי אריינגעשליידערט, אַז דו קומסט נאָך מיין הויז אויסצושפּיאָנירן און לויפסט מיר נאָך יעדן שריט און טריט ווי א בלוטיקער שפּיאָן!... ווי א הונט דערוואַרג איך דיך, מגוול איינער!"

11

אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, וואָס בויסטמאַן האָט צוזאַמענגע־רופן זיך צו באַראַטן וועגן איניקע דרינגענדיקע ענינים פון קאָנגרעגיישן, האָט ער שוין פאַר איין גאַנג אויף פאָרגעשלאָגן, מען זאָל אידלסאָנען אַראָפּוואַרפן פון זיין שטעלע און מען זאָל ברענגען אַן אַנדער רעווערענד. טעמים האָט ער געהאַט א סך: אידלסאָן איז א בעל מחלוקות, א רכילות־טרייבער און שטעקט זיין נאָז אין זיינע באַלעבאַטימס געשעפטן. נישטאָ אויף דער וועלט אַזא אינטריגאַנט, אַזא פּלאָטקע־מאַכער, וואָס העצט מענער קעגן פרויען און פרויען קעגן מענער און פאַראורזאַכט שנאה צווישן עלטערן און קינדער...

— „איר ווייסט דאָך, מיינע פריינד", — האָט בויסטמאַן געבראָמט, — אַז פון מיין הויז האָב איך אים אַרויסגעטריבן נאָר צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך אוועקגעשטעלט ווי א שטן המשחית צווישן מיר מיט מיין פאַמיליע, פאַרשטייט איר מיך?... אַז איך זאָג אייך, מען טאָר אים ניט אריינלאָזן אין א הויז, וווּ ס'זיינען דאָ ווייבער!... א באַנדיט זאָג איך אייך, איז ער

צווישן ווייבער, הע־הע־הע... כ'האָב מיך ארומגעקוקט און דערזען, אז ס'איז ניט פריילעך, ווייבער זיינען אין זייך קעגנווארט פשוט אין סכנות... ניט אלץ קען איך אייך אפן דערציילן, פארשטייט איר מיך?... אָבער ס'זיינען דאָ א סך מיאוסע זאַכן, איר קענט זיך אויף מיר פארלאָזן, אז ניט אומזיסט האָב איך אים פון מיין הויז ארויסגעטריבן. איר ווייסט דאָך, ווי ס'שטייט אין סידור: „יהיו לרצון צורי וגואלי"... דאָס הייסט: ער האָט דעם ווילן צו האָבן א צורה פון א גויעלע... און איך פארזיכער אייך, אז א צורה פון א גויעלע האָט אונדזער רעוורענד טאַקע ניט פיינט, הע־הע־הע... כ'האָב מיט מיינע אויגן אליין געזען, דורכן פענצטער, אין זיין צימער, טאַקע א צורה פון א גויעלע, הע־הע־הע...

— „הי־הי־הי" — האָבן א סך פון עולם געלאַכט פון בויסטמאַנס ווערטל „א צורה פון א גויעלע", הנאה האָבנדיק פון זיינע גראָבע שקרים און רכילות, וועלכע האָבן געווירקט אויף זיינע נאָכפאָלגער באלד איינ־צושטימען צו אנטזאָגן רעוורענד אידלסאָנען פון זיין שטעלע און פארטיק.

נאָר עטלעכע שטימען פון פּראָטעסט האָבן זיך אויף דער פארזאמלונג געהערט אנטקעגן דעם דאָזיקן סקאַנדאליעזן באשלוס פון דעם ווילדן המון, איבערהויפּט האָט מאַקס ריגלס קול ארויסגעקלונגען:

— „ווי אזוי קענט איר עס ביי זיך פועלן אזא מיאוסע עולה אָפּצוטאָן?"

— האָט ער פארביטערט גערעדט—„ווי קענט איר, אלס קינדער פון א יושר־דיקן פאָלק, פארשווייגן אזא אומדערטרעגלעכע האַנדלונג? און ווי קענט איר עס דערלאָזן אזא משונהדיקן צושטאַנד, אז איין מענטש זאָל פירן א גאנצן קהל פאר דער נאָז? זעט, אייער גבאי איז דאָך אין דעם דאָזיקן ענין אי דער רוויבער אי דער יורש, אי דער קלעגער אי דער שלעגער, דער ריכטער און תליון צוזאמען!..." „פוי, ס'פּאַסט גאָר ניט פאר יידן אזא אויפפיר! אויב אונדזער רעוורענד האָט געזינדיקט, זאָל מען אים אהער רופן און אים די מעגלעכקייט געבן זיך רייך צו וואַשן, לאָמיר זיין די גע־רעכטע. אפשר וועט עס אים געלינגען אויפצווייזן, אז אלץ, וואָס מען האָט אויף אים געבולן אונטער די אויגן, איז א געמיינער ליגן. אויב דאָס וועט זיך אים ניט איינגעבן, דאַן וועט איר שטראָפן, אָבער בשום אופן טאָרן מיר זיך ניט אויפפירן הפקרדיק, האַרצלאָז, צו באַרויבן אזא אביון, ווי רעוורענד אידלסאָן, מיט די נפשות פון זיין ארעמער אומשולדיקער פאמיליע און טראָגן אזא שווערע פאראנטוואָרטלעכקייט אויף אונדזער געוויסן".

נאָך די דאָזיקע ערלעכע טענות פון דער גערעכטער מינדערהייט האָבן אויף דער אומגערעכטער מערהייט קיין ווירקונג ניט געהאַט.

* * *

„...ווי זאָל איך עס אריבערטראָגן?" — האָט אידלסאָן געהאַלטן אין איין טראַכטן, ווען ער האָט פון קאָנגרעגיישן באַקומען דעם בריוו, אַז מיט א חודש שפּעטער מוז ער זיין פּלאַץ איבערגעבן דעם נייעם רעוורענד...

— „אַזעלכע צרות און בזיונות זיינען מיר באַפאַלן".

* * *

„— — — וואָס פאַר א שפּע פרילינג־בלומען!" — האָט רעוורענד אידלסאָן צו זיך אַליין גערעדט, אַרויסגייענדיק פון זיין צימער ערב ראש־השנה אין דער פרי און אַרויפגייענדיק אויף די טרעפּלעך פון שול — „זע, דער פרילינג האָט זיך ערשט פונאַנדערגעבליט, אָבער אין מיין האַרצן האָט זיך דער אומעטיקער, חושכדיקער האַרבסט אויסגעשפּרייט... איך האָב דאָך אַזוי האָלט געהאַט די פרילינגס־בלימלעך און כ'האָב זיך תמיד געקוויקט מיט די לינדע און וואַרעמע ווינטלעך, מיט די מילדע זונענשטראַלן פונעם פרילינג, וועלכע האָבן אַלע מאָל אין מיר דערוועקט די געפילן פון פרייד און יוגנט... טאָ וואָס איז עפּעס אויף מיר אַרויפגעשפּרונגען אַזאַ מאָדנע אַלטקייט, אַזאַ שרעק און אַזאַ קאַלטקייט?!... וואָס פאַר א דיכ־טער האָט עס געזאָגט, אַז די יוגנט לעבט אייביק נאָר אין דער דיכטונג. ביי מיר אָבער איז דאָך שוין אפילו קיין קליין שאָטנדל פון יוגנט און יוגנט־פרייד ניט געבליבן, און דאָך רייסט זיך אין מיר נאָך עפּעס אַזוי שטאַרק צו הויכער דיכטונג, וואָס וואָלט קענען אויסדריקן מיין נשמה, וועלכע צאַפּלט זיך אין אומאויסדריקלעכע יסורים, אין אַזאַ שווערן טרויער איבערן לעבן, וואָס האָט גאָר קיין ווערדע ניט..."

— „לעבן?" — האָט ער געמורמלט, פאַרקרימענדיק די ליפּן, אַריינ־גייענדיק אין שול לאַנגזאַם און הינטער זיך די טיר צושליסנדיק.

— „הם... לעבן איז עס?... פּיין און צרות, חרפּה, יסורים, באַליי־דיקונגען, רעכטלאָזיקייט... לעבן!... צעבראָכענע, צערונענע האָפע־נונגען, פאַרניכטעטע שטרעבונגען... רשעות און נגישות פון באַנדיטן, ווע־מען עס געלינגט תמיד אויסצופירן, וואָס זיי באַגערן, וואָס האָבן אַלע רעכט צו שעכטן, און אונטער זייערע שמוציקע פיס צעטרעטן זיי די ריינע, גוטע נשמות, וועלכע רייסן זיך צו גערעכטיקייט, צו אמת, גוטסקייט, ריינלעכ־קייט און הערלעכקייט!..."

M.H.S.

— „אוי, ווי, לעבן!?" — האָט ער פאַרביטערט געברומט, און האָט דערביי אַרויסגענומען אַ שטריקל פון קעשענע, אויסגעבונדן אין דעם אַ שלייף און איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ שטול אונטער דעם קופּערנעם הענג־לייכטער — „אוי, ווי, לעבן!? ברענענדיקע שמערצן, ציטערניש, פּלאָ־טערניש, שרעק, רדיפות און גירושים!..."

...אַרויפקריכנדיק אויפן פענצטער האָט זיך אידלסאָן אָנגעהאַלטן מיט דער האַנט אָן דעם קאַרניז, ער האָט אָנגעבונדן דאָס שטריקל אָן דעם שווערן הענג-לייכטער און געלאָזן דעם שלייף פונעם שטריקל הענגען אין דער לופטן, אונטערן לייכטער. פּלוצלונג האָט ער זיך פונאַנדערגעזונגען אויפן העכסטן קול, וואָס האָט זיך צעגאָסן אַזוי מעכטיק און זיך צעקלונגען איבער דער שול און האָט זיך אַרויסגעטראָגן אין דרויסן ווייט־ווייט, אַרום און אַרום:

"...מיין אָרעמינקער — וואָס וואַרטסטו נאָך אומזיסט דאָ,
וואָס זוכט דיין בליק דאָ? נישטאָ קיין זאַך פאַר דיר...
עס גענעצט וויסטקייט. דער בליק דער פריילעכער פאַרשווונדן....
פאַרשטומט די ליבלעך ווייכע ליפּן... דערשטיקט ס'געזאַנג!"

אידלסאָן האָט הויך אויפגעהויבן זיינע אויגן און באַלד האָט ער זיי צוגעמאַכט, ווי פאַרטיפט אין אַ תפילה... ער האָט אַריינגעשטעקט זיין קאָפּ אינעם שלייף פונעם שטריקל, דערלאַנגט זיך אַ טרייסל... און מיט אימפּעט אַ שפּרונג געטאָן פונעם פענצטער אין דער לופט אַריין...

* * *

...דער המון האָט די טיר צעבראַכן, זיך אין שול אַריינגעשפּאַרט און מיט שרעק געקוקט אויף דעם רעווערענד אידלסאָן, וועלכער איז גע־האַנגען אונטערן קופּערנעם הענגלייכטער, זיין פּנים האַרט ווי שטיין, באַ־דעקט מיט פאַרגליווערטער בלויער גרוילקייט און גרויסע אָפענע אויגן האָבן געשפּריצט מיט שטומער שוואַרצער אימה, מיט שרעקלעכן רוגזה־פּראָטעסט, מיט גוואַלדיקער צאָרן־קללה. און איינער פון המון האָט שטי־לערהייט פאַרזיכערט זיין פריינד, אַז ער האָט דייטלעך געהערט די לעצטע ווערטער פונעם געהאַנגענעם, ווערטער וועלכע ער וועט קיינמאָל ניט פאַר־געסן... די ווערטר זיינען געווען:

„דערשטיקט ס'געזאַנג" — — —

זאַמקע פלאָקן

(ד ע ר צ יי ל ו נ ג)

1

ווי צוויי טראָפּנס וואַסער...

נייגעריק און פאַרשנדיק האָט די אַפריקאַנער ווינטער־זון פון הינטער א הויכן באַרג אָנגעקוקט דאָס שטעטל בורינגטאָן, וואָס ליגט צעוואָרפן אויף א פאָר מייל אין רחבותדיקן טאָל. א קאַלטער ווינט האָט וואָיענדיק זיך דורכגעטראָגן אין דער לופט איבער די ציפּרעסן און הויכע עקאַליפּטוס־ביימער, וואָס שטייען אויף ביידע זייטן פונעם שמאָלן געסל ביים אַריינפאָר אין שטעטל. די ביימער האָבן זיך נידעריק געבויגן אונטער דער אַטאַקע פונעם קאַפּריזנעם ווינט אָבער באַלד האָבן זיי זיך ווידער אויסגעגלייכט און צוריק שטאָלץ אויפגעהויבן די קעפּ.

אויף א ווינקל פונעם געסל האָט זיך באַוויזן אַן אַלטער נעגער, איינגע־קאָרטשעט, באַהאַנגען מיט אַן אַלטער צעפלאַטערטער קאָלדרע, וואָס אונטער איר האָבן זיך אַרויסגעזען הענגענדיקע שטיקער לופּעטעס פון די צעריסענע הויזן מיט אויסגעדאַרטע דינע פיס, אַריינגעשטעקט אין אַלטע כאַדאַקעס, פון וואַנען עס האָבן אַרויסגעקוקט מבוזהדיק די פינגער. אויפן טיף איינ־געבויגענעם רוקן האָט דער אַלטער געטראָגן א שווערן פּאַק וועש, איינ־געוויקלט אין א ווייסן ליילעך, אין האַנט האָט ער געהאַלטן א לאַנגן שטעקן מיט א דיקן קאָפּ און אין מויל ביי אים האָט געשטעקט א צעבראָכענע פּיפּ־קע. ער האָט זיך געשלעפּט טריט ביי טריט און נאָך אים איז נאָכגעגאַנגען א יונג נעגערל, א יאָר זיבן אַלט, באָרוועס, האַלב נאַקעט, ס'פּנים געל און די האָר אויפן קעפּל — גלאַט און גלייך, ווי די האָר פון א ווייסן קינד. אין איין הענטל האָט ער געהאַלטן א בייטשל און אין דעם צווייטן א שטיק שאָלעכץ פון אַן אַפּעלסין, וואָס ער האָט אויפגעהויבן פון דער ערד און עס געקייט מיט אַפּעטיט.

זיי זיינען געקומען צום גאַניק פון גאַמזוס „גראָסערי־שאָפּ" און זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט א ווילע זיך אָפּצורוען. דער אַלטער נעגער האָט

אוועקגעלייגט דעם פּאַק וועש און האָט זיך צוגעזעצט אויפן שטיינערנעם בריקל. ער האָט ארונטערגעלאָזן די האַנט אין דער קעשענע פון זיינע צעפּליקטע הויזן, געראַעט און געגריבלט זיך דאָרטן און, ענדלעך קוים ארויסגעשלעפּט פון דאָרטן א קופּערנע מטבע. ער האָט עס געגעבן דעם קליינעם האלב־ווייסן נעגערל:

— „נאַ, סעמי" — האָט ער דערביי געזאָגט צום קינד — „נעם די פּעני און קויף ביים באָס גאַמזו קיי־טאַבאַק. פארגעס נאָר ניט צו בעטן „פּאַנ־סעלע".

ווי א יונג בעקל איז דער ייִנגל אריינגעשפּרונגען אין שאַפּ און אין א מינוט שפּעטער האָט ער דערלאַנגט דעם אלטן א שטיק קיי־טאַבאַק און דערביי דערציילט מיט התפּעלות:

„ווידע, ווידע, באָס גאמזו איז זייער א גוטער, ער גיט מיר אלע מאָל „פּאַנסעלע", נאָר היינט האָט ער מיר געגעבן גאָר א סך צוקערקעס, פיל מער ווי אלע מאָל!"

דער אלטער האָט אויפגעהויבן זיינע טריבע אויגן פון אונטער די דיקע ווייסע ברעמען און, דערזעענדיק צוויי ייִדישע יונגע לייט ארויסקומען פון שאַפּ, האָט ער אונטערטעניק געגריסט: „מאָרע, באָס"*).

גאמזו — א ברונעטער מיטליאָריקער מאַן — האָט דעם אלטן דער־לאנגט א הויפן צוקערקעס און אים א פרעג געטאָן:

„וואָס מאַכסטו, אלטער פאַלטיין? ביסט נאָך געזונט און שטאַרק?"

„יע, באָס, נאָר די פיס ווילן מיך מער נים טראָגן... אָבער וואָס קען מען טאָן? מען מוז ארבעטן, עסן דאַרף מען, די קינדער צעפאָרן, דעם טאַטן פארגעסן, די איינציקע שטיצערקע איז מיין טאָכטער סאָפּיע. א געטריי קינד איז זי, גיט מיר אלץ, וואָס כ'באַדאַרף, כאָטש זי איז אליין אָרעם, אַרבעט שווער און ביטער, וואַשט וועש, אנדערע באַצאָלן ניט... און דער רייכער באָס סיימאָן פלייק האָט זי געקריוודעט און באַעוולה'ט... אָט דאָס איז דאָך זיין קינד און ער וויל עס גאָר ניט קענען...

דער צווייטער ייִד, א יונגערמאַן אין די דרייסיקער, א הויכער, א מאָ־גערער, מיט אויסגעסטאַרטשטע אויגן, מיט שיטערע האַרטע וואָנצעס, האָט א שפּרונג געטאָן צום קליינעם נעגערל און, זיך גוט איינקוקנדיק אין זיין פּנים'ל, האָט ער אויסגעשריגן צו גאמזו'ן:

---

*) „מאָרגע באָס" — גוט מאָרגן באַלעבאָטים!

„קומט אהער, גאַמזו, דערלאנגט נאָר א קוק, וועט איר זען, אז כ'בין גערעכט, וואָס כ'האָב אייך געזאָגט: אָט זעט, זיי זיינען דאָך ווי צוויי טראָפּנס וואסער, זאַמקע פּלאָקן פון אויג, ממש איין פּנים אויסגעגאָסן!"

„שטילער! זע, אָט גייט ער!" — האָט גאַמזו אים געהאַמעוועט, דער־זעענדיק ווי פון דער צווייטער זייט גאַס איז ארויסגעקומען דער האָטעל־אייגנטימער סיימאָן פליק, — א קורצער, דיקער, גזעצטער ברונעט, אויך אין די דרייסיקער, דעם קאָפּ פאררייסן און די אויגן פארזשמורעט — „שטי־לער פרענק, האַלט ס'מויל!"

„וואָס האָב איך דען מורא צו האָבן? וואָס קען ער מיר טאָן? דעם אמת מעג מען זאָגן" — האָט פרענק געשריען נאָך העכער — „בין איך דען שולדיק, אז זאַמקע פּלאָקן באהאנדלט שלעכט זיין שווארץ קינד? און פאר־וואָס זאָל טאַקע א פאָטער פארלאָזן זיין קינד?..."

און ווען סיימאָן פליק האָט זיך פארקירעוועט אין אַן אנדער גאַס, האָט פרענק דערלאַנגט דעם נעגערל א שילינג און געזאָגט:

„סעמי, נאַ דיר א שילינג און געדענק נאָר, אז ווען מען וועט דיך פרעגן, וועמענס קינד דו ביסט, זאָלסטו זאָגן: „זאַמקע פּלאָקנס!" דו הערסט?..."

„יאָ, באָס", — האָט ס'קינד שטיל אָפּגעענטפערט, זיך ווישנדיק זיין נעזל מיטן שמוציקן פינגער.

2

זאַמקע פּלאָקן קומט קיין אפריקע

ווי אזוי מען האָט זיך דאָ אין אפריקע, דערוווּסט, אז דער רייכער אייגנ־טימער פון די צוויי האָטעלן אין בורינגטאָן, מיסטער סיימאָן פליק, האָט אין זיין געבורט־שטעטל אין דער ליטע, אין נארווילישקי, געהאַט א צונעמעניש „זאַמקע פּלאָקן" — איז אזא געשיכטע: נייטן רעז, א זון פון נארווילישקער שוחט, וואָס איז שוין מיט יאָרן צוריק געקומען קיין אפריקע, האָט אַמאָל צופעליק באגעגנט אין יאָהאנעסבורג סיימאָן פלייקן, און הגם ער האָט אים שוין א סך יאָרן ניט געהאַט געזען און ער, פלייק, איז אזוי פארענדערט גע־וואָרן פאַר אָט דער צייט אין גוף און אין פּנים, האָט נייטן אים דאָך דער־קענט און, אָפּשטעלנדיק אים, האָט ער אים א פרעג געטאָן:

— „זייט מיר מוחל, זייט איר ניט אַמאָל א נארווילישקער?"

— „יעס" — האָט דער נידעריקער אַנגעבלאָזענער פליק שטאָלץ גע־ענטפערט.

— „מעג איך וויסן, ווי איר הייסט ?"

— „סיימאָן פלייק"...

— „אַנטשולדיקט, האָט מען איך אין דער יוגנט, ניט גערופן זאַמקע ?"

— „יעס, אָבער איצטער האָב איך זיי אַלעמען אין דר'ערד !... און ווער זייט איר ?"

— „מיין נאָמען איז רעז, איר געדענקט מסתמא דעם שוחטס זון".

— „אָך אזוי ? טאָ וואָס טוט איר דאָ ? איר זייט דאָך עפּעס פון די למדנים און צדיקים, וואָס חברן זיך מיט גאָט. טאָ ווי קומט איר אַהער צווישן אונדז, גראָבע יונגען, טריפנאַקעס, וואָס זיינען מחלל שבת און עסן חזיר־פליש מיט אייער, הא... ס'ווילט זיך געלט, האַ ?"

און פאַררייסנדיק זיין קאָפּ הויך און אויסשטעלנדיק זיין ברייטע ברוסט, האָט ער זיך מיט כעס אָפּגעטראָגן, איבערלאָזנדיק רעזן שטיין א צעטומלטן אזוי לאנג, ביז ס'האָט זיך אויף זיינע ליפּן א שמייכל באוויזן און ער האָט שטיל געזאָגט:

— „דער זעלביקער שוטה, דער זעלביקער זאַמקע פלאָקן..."

און ווען ס'איז נאָר גייטענען אויסגעקומען אַנצוטרעפן א בורינגטאָנער ייִדן, פלעגט ער לאַכנדיק זיך נאָכפרעגן אויף זיין לאַנדסמאַן סיימאָן פלייק. אזוי ארום האָט מען זיך אין בורינגטאָן דערוווּסט פלייקס לעבנס־געשיכטע מיט אַלע פּרטים און הינטער די אויגן האָבן אים דאָרט אַלע אויך גערופן „זאַמקע פלאָקן".

שטאָמען שטאָמט דער דאָזיקער נאָמען פון בערקע דעם מוליער, צו וועמען זאַמקע איז אין זיין פריער יוגנט אָנגעקומען ארבעטן. א טייערער בעל-מלאכה געווען איז דער בערקע מוליער. גאָלדענע הענט געהאָט, זיינס א מויער פלעגט זיין א צירונג, זיינער אן אויוון — א מחיה אָנצוקוקן ! מיט זיינע ארבעטער פלעגט ער אָנגיין שטרענג, ער האָט געוואָלט, זיי זאָלן אר־בעטן מיט א ברען...

— „ווי א חסיד צו קדושה דאַרפט איר זיך צוכאַפּן צו דער ארבעט !" — פלעגט ער טענה'ן צו זיינע פועלים — „אַן אויוון אויסמויערן איז אַקוראַט ווי א שטיק „עין יעקב" אָפּזאָגן. אז נח דער פעלץ־הענדלער זאָגט עס פאַרן עולם, טויג עס אויף כפּרות, אָבער אז רב יחיאל דער עילוי זאָגט עס, איז עס טאַקע מחיה נפשות. לייב און לעבן דאַרפט איר אין מויער ארייינטאָן. איך טו עס אזוי, דערפאַר האַלט מען מיך פאַר א גוטן בעל-מלאכה".

זאַמקען זיינען אָבער די ווערטער אין קאָפּ ניט געקראָכן, די הענט האָבן צו דער מלאכה ניט געקלעפּט און ער פלעגט אָפט כאַפּן פייערדיקע פעטש מיט א צוגאָב:

— „א מוליער ביסטו? — א פלאָקן ביסטו!...“

זאַמקע האָט די פעטש מיט די באַליידיקונגען געטראָגן מעשה „פלאָקן“. ביז זיין מאַמע, א נידעריקע דיקע יידענע, א קוואָס־פאַרקויפערין און א פע־דערן־פליקערקע, מיט א מויל פון צען מאָס תוכחה, קללות און חרמות, האָט זיך אויף זאַמקען צעשריען:

— „ניט אומזיסט רופט מען דיך „פלאָקן“! ביסט דאָך טאַקע א פלאָקן. וואָס דאַרפסטו אַרבעטן ביי בערקע דעם שיכור? זאָל ער גיין צו אלדי שווארצע יאָר... גיי, נעם אַרבעטן פאַר זיך!“

זאַמקע האָט געפאָלגט. דאָס ערשטע שטיקל אַרבעט זיינס איז געווען ביים רב פון שטעטל, ווען דער אויוון האָט זיך פאַרקאָפּריזעט און ניט געוואָלט דאָס פייער פאַרדייען, האַלטנדיק אין שפייען א דיקן שווארצן רויך. א פּאָר טעג האָט זאַמקע געהאָרעוועט, געשוויצט, אָבער דער אויוון האָט זיך געטאָן זיינס און האָט געראויכערט נאָך מערער, ווי פריער. ווען זאַמקע איז געקומען נאָכן געלט פאַר דער אַרבעט, האָט די רביצין זיך שטאַרק צעבייזערט:

— „ס'טויג ניט, דער אויוון רויכערט נאָך ערגער, ווי פריער“.

— „דאָס האָט ניט צו מיר“ — האָט געענטפערט זאַמקע — „כ'האָב געאַרבעט, וויל איך האָבן מיין געלט“.

— „ווילסטו דען האָבן געלט אומזיסט?“ — האָט זיך די רביצין נאָך מער צעבייזערט.

— „אומזיסט נעמען נאָר רבנים... מיר האָרעווען פאַר אונדזער געלט“ — האָט ער געזאָגט.

— „מאָך אפריער צורעכט דעם אויוון, אנדערש באַצאָל איך ניט“ — האָט זי געטענה'ט.

— וועל איך אייך רופן צום דיין“ — האָט זאַמקע אויסגעשריען.

דערהערט די קולות, איז אריינגעקומען דער רב, און נאָכן אויסהערן דער רביצנס טענות האָט ער זיך געווענדט צו זאַמקע מיט א שמייכל:

— „אזוי, דו ווילסט האָבן ס'געלט, כאָטש די אַרבעט טויג ניט, אניט, הייסט עס, גייסטו צום דיין. גוט: אָבער זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס וועסטו טענהן?“

„פאַרשטייט איר מיך, רבי, איך וועל זאָגן, אז איר זייט אליין שולדיק, וואָס דער אויוון רויכערט. איר ווייסט דאָך, אז איך קען ניט גוט אַרבעטן, און פונדעסטוועגן האָט איר מיך גענומען — זייט איר דאָך אליין שולדיק".

— „אָ, אויב אזוי, ביסטו טאַקע גערעכט" — האָט דער רבי געזאָגט און אים דערלאַנגט דאָס געלט, — „נאָר איך ראָט דיר: לערן זיך בעסער אַן אנדער מלאכה, לערן זיך שניידעריי. זייער א פיינע מלאכה, אפשר וועסטו צו שניידעריי זיך בעסער אויסטייגן".

און אז זיין מוטער האָט אים דאַן אויך געראָטן צו ווערן א שניידער, איז ער אָנגעקומען זיך לערנען שניידעריי ביי נחמן יודלן, וועלכער האָט זאַמקען, וואָס איז שוין דאַן געווען א דערוואַקסענער בחור, אויסגענוצט פאַר אַלערליי הויז־אַרבעט, אָבער די מלאכה האָט ער אים ווייניק וואָס גע־לערנט. קיין חשק צו דער אַרבעט האָט זאַמקע אויך ניט געהאַט, האָט ער טאַקע דערפאַר זיך ניט אויסגעלערנט צו פיל; אלץ, וואָס ער האָט באַ־וויזן זיך צו דערשלאָגן, איז געווען קנעפּלעך איינצונייען און א בגד צו פאַרלאַטן. און אז זיין מאַמע איז געוואָר געוואָרן, וואָס זאַמקע טוט ביים שניידער, האָט זי זיך א לאָז געטאָן צו אים און ניט קאַרגנדיק קיין דונער־און בליץ־קללות, האָט זי איר זאַמקען אַרויסגעשלעפּט שרייענדיק:

— „קום, נישקשה, וועסט פאַרדינען דיין ברויט?"

פון הויז צו הויז איז זי אַרומגעלאָפן און געבעטן רחמים, מען זאָל איר זאַמקען געבן עפּעס צו פאַרלאַטן, עפּעס איבערצוניצעווען, צו פאַרריכטן. מען האָט אים געגעבן איבערצואַרבעטן מאַנטלען, הויזן, רעקלעך, ער פלעגט אַרבעטן טאָג און נאַכט און אזוי אַרום האָט ער באַוויזן זיך צו דער־נערן און נאָך דערצו א ביסל געלט אָפּצושפּאָרן, אזוי נאָך, ווען מען האָט אים אָפּגעגעבן פאַר א סאָלדאַט, האָט ער געהאַט גענוג געלט צו אַנטלויפן קיין לאָנדאָן.

א נאַרווילישקער וויצלינג האָט דאַן פאַרפאַסט אזא מין וויץ וועגן זאַמקען:

„אז נאַרווילישקער דאַמען ווילן זיך נייען העכסט־מאָדערנע קליידער, פאָרן זיי קיין ווילנע; אז ווילנער פרויען ווילן זיך נייען שיינע קליידער, פאָרן זיי קיין וואַרשע. ווי איז אָבער, אז די וואַרשעווער גרויסאַרטיקע מאַ־דאַמען פאַרווילט זיך מאַכן פראַקטיקע קליידער, וווהין פאָרן זיי? נו, זיי פאָרן געוויס קיין לאָנדאָן. און ווער איז עס אָט דער וווּנדערלעכער שניי־דער אין לאָנדאָן? — זאַמקע פלאָקן!..."

אין לאָנדאָן אָבער האָט זאמקע אויך קיין גרויסע גליקן ניט אָנגעלעבט, און ווי נאָר ער האָט פאַרדינט געגוג אויף הוצאות, איז ער אוועקגעפאָרן קיין אפריקע.

3

ווי פון זאמקע פלאָקן איז געוואָרן סיימאָן פלייק

זוכנדיק ארבעט ביי א שניידער אין קייפּטאון, האָט זאמקע באגעגנט א בורינגטאָנער יידן, וואָס האָט אים אָפּגערעדט פון זיין פּלאן זיך צו פאַר־נעמען מיט נאָדל און שער אין אפריקע:

— „אזא געזונטער בחור זאָל זיך אזוי נאַריש מאכן און אין דער גאָל-דענער אפריקע אויסקלייבן אזא לאַנגזאַמע אָרעמע פּרנסה! ס'איז דאָך א פאַרשלעפּטע קרענק — אָט די שניידעריי. און וואָס קען דיר די נאָדל ברענגען? קדחת און כשרע פּאָדעם! וועסט אין גיכן איינגעהויקערט ווערן און וועסט אויפן פּרעסל אוועקשטאַרבן, איידער דו וועסט עטלעכע פונט אָנקלייבן...“

— „וואָס דען זשע זאָל איך טאָן?“

— „זיי קיין נאָר ניט, קום צו מיר אין שטעטל. אפילו ביי מיר אליין וועסטו בעסער מאכן. ס'איז א פריילעך לעבן, קענסט דעם קאָפּ האלטן גלייך, אלע דיינע גלידער וועלן זיך באוועגן, די פיס וועלן אונטער דיר טאַנצן און דיינע הענט וועלן פלינק ארבעטן; אָנטאָפּן לעבעדיקע קלינגענ־דיקע מטבעות“.

זאַמקע פלאָקן האָט די דאָזיקע ווערטער ממש געשלונגען, ווי א דאַרש־טיקער שלינגט קאלטע וואַסער, ווייל שניידעריי האָט ער פיינט געהאַט ניט ווייניקער ווי מוליעריי, און מיט גרויס שמחה האָט ער אָנגענומען די שטע־לע ביי דעם יידן, דעם אייגנטימער פון בורינגטאָנער האָטעל. זיין באלע־באָס איז געווען א געוועזענער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאָט, וועלכער האָט עמיגרירט קיין אפריקע נאָך מיט א סך יאָרן פאַר דער בור־מלחמה. זאמקע האָט זייער שווער געהאָרעוועט ביי אים און האָט ניט געהאַט קיין רו פאַר זיין שווערן גוף; און אָפט פלעגט אים אויסקומען צו הערן פון זיין באלעבאָס באליידיקונגען, נאָך ערגערע ווי די, וואָס ער האָט געהאט אויס־צושטיין פון זיינע פריערדיקע באלעבאַטים:

— „איזל דו, פאַרשטייסט דאָך אפילו ניט, ווי א פלעשל בראַנפן אווּקצושטעלן!... „פאַרפּלוכטער מויל־אייזל, פאַרוואָס האָסטו ס׳ביר פריער ניט אָנגעצאַפּט?״ „בלעדי כלב איינער, א קאַפּער האָט דאָך מער שכל פון דיר!״ „פרעסן פרעסטו ווי א פערד, אָבער אַרבעטן אַרבעטסטו ווי א פוילער חזיר!״

ס׳האָבן זיך אין דעם שווייגנדיקן זאַמקע פלאַקנס האַרצן געזאַמלט און געטליעט קעגן דעם באַלעבאָס זיינעם א סך פלעמעלעך פון פרעסיקער שנאה, וועלכע האָבן זיך פונאַנדערגעפלאַקערט און אַרויסגעפּלאַצט דורך זיינע שמאָלע מוטנע אויגן, וואָס האָבן זיך מיטאַמאָל אָנגעצונדן, ווען זיין באַלעבאָס האָט אים, אין קעגנוואַרט פון עטלעכע קונדן, שטאַרק באַליידיקט, שרייענדיק מיט קולות: „מנוולדיקער פוילער קאַפּער!״

זאַמקעס קין האָט זיך געשאָקלט פון אויפרעגונג, די ליפּן האָבן געציטערט, זיין נאָז איז ווייס געוואָרן פון כעס און די הענט האָבן א כאַפּ געטאָן דעם באַלעבאָס׳ פעטן האַלדז:

— „א מיתה משונה מאַך איך דיר דאָ, ממזר איינער, מיין געזונט זאָל איך אַזוי האָבן, א כפרה פאַר אַלע יידן וועסטו דאָ, ביי מיר, טרייפענער שיכור, זיין!...״

און מען האָט געדאַרפט האָבן עטלעכע געזונטע פויערשע הענט אים אַוועקצורייסן פונעם האַלב דערוואָרגענעם באַלעבאָס, וועלכער האָט פון דאַן אָן געציטערט פאַר אים און פלעגט פון אים וויכן, ווי פון א ווילדער חיה. און פאַרן באַלעבאָס איז געווען אַן אמתע פרייד, ווען ער האָט דערהערט, אַז זאַמקע האָט זיך פריוויליק אָנגעשלאָסן אָן דער בורישער מיליטערישער קאָמאַנדע, ווען די ענגליש־בורישע מלחמה האָט אויסגעבראָכן.

דערשטוינט האָט ער אָנגעקוקט, ווי זאַמקע, דער אומגעלומפּערטער בחור, איז געזעסן אויף א רויטלעכן פערד, מיט א ביקס אין האַנט, אומזיכער אין זאָטל און דעם קאָפּ איינגעבויגן. ווען זאַמקע איז פאַרבייגעריטן דעם האָטעל און האָט דערזען זיין באַלעבאָס, האָט ער דעם קאָפּ פאַרריסן, זיך באַמיט דעם גוף אויסצוגלייכן און, א שפּיי טוענדיק, האָט ער אויסגעשריען:

„וואַרט נאָר, אַלטער כלב, אַז איך וועל צוריקקומען, וועסטו שוין אויף דער ווייסער וועלט ניט זיין און איך וועל נאָך איבער דיין האָטעל באַלעבאַטעווען״.

און עס האָט זיך טאַקע אַזוי אויסגעלאָזן: ווען ער איז נאָך דער מלחמה צוריק געקומען קיין בורינגטאָן, האָט ער זיין באַלעבאָס שוין ניט געפונען, די ענגלענדער האָבן אויף אים געוואָרפן אַן אומחן צוליב עפּעס א מסירה,

און ער איז אין געפענקעניש געשטאָרבן. ס'שטעטל איז געווען צעבערענט און האלב חרוב. דער האָטעל איז געווען וויסט און פארנאכלעסיקט און די אלטע אלמנה פון זיין באלעבאָס איז געווען איבער־גליקלעך ארײנצונעמען זאמקען פאר א שותף. ווי אן אויסגעצייכנטער סאָלדאט מיט דריי קוילן־ווונדן אין פלייצע און זייט האָט ער געקראָגן א געוויסע סומע געלט אויס־געצאָלט פון דער רעגירונג; דאָס געלט האָט ער ארײנגעטאָן אין האָטעל, און ווען די אלמנה איז געשטאָרבן, ניט איבערלאָזנדיק קיין קינדער, איז אים געלונגען צו באווייזן, אז זי האָט אים געמאכט פאר דעם יורש פון דער גאנ־צער נחלה...

אָט אזוי איז מיט דער צייט פון דעם נארווילישקער זאמקע פלאָקן געוואָרן דער בורינגטאָנער רייכער האָטעל־אייגנטימער סיימאָן פלייק.

4

סיימאָן פלייק האָט געטאָן א פיינעם שידוך

סיימאָן פלייקס איינציקע אמביציע אין לעבן איז געוואָרן געלט. די גרעסטע הנאה זיינע איז געווען — ארויסצונעמען פון שראַנק דאָס קליינע וויסע זעקעלע, וואָס איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט גאָלדענע מטבעות און פארשידנקאָליריקע אסיגנאציעס, ארײנרוקן זיך דערמיט אין א ווינקעלע פון צימער און — ציילן, ציילן אָן אן אויפהער. גאָר זיינע חושים זיינען געווען ארײנגעטאָן — אָט די הויפנס פּאַפּיר־געלט העכער און העכער צו מאכן. ער האָט געקליבן א פּעני צו א פּעני, קיין גרויס האָט אין האָ־טעל ניט געטאָרט לאיבוד גיין, א שטיקל האָלץ, אן אלט ברעטל האָט ער אויפגעהיט — אפילו די טשוועקלעך פון אלטע קעסטלעך פלעגט ער ארויס־ציען און האלטן עס אין א באזונדער שאַכטל. צוויי קנוילן האָט ער אָפּגע־היט, ווי צוויי אויגן אין קאָפּ: א קנויל פון אָפּפאַל שפּאַגאַט, אויף וועלכן ער האָט יאָרן לאנג געוויקלט יעדער שטיקל פאָדעם און יעדער שטריקל, און א בליי־קנויל, אויף וועלכן ער פלעגט ארויפלייגן אלע בלייענע פּאַ־פּירלעך פון אלטע פּעקלעך, פון טיי, טאַבאַק אָדער ציגארעטן, בליי־אָפּפאַל פון צעבראָכענע כלים און פון אראָפּגעריסענע פלעשער־דעקלעך.

— „אלץ איז געלט — פלעגט סיימאָן פלייק שרייען אויף זיינע שוואר־צע דינער און דינסטן — „פאַר אַלץ קען מען קריגן געלט", און זיין קארג־שאפט צוזאמען מיט זיין רייכטום זיינען געוואקסן מיט יעדער טאָג.

פון חתונה האָבן האָט סיימאָן זעלטן געטראַכט, ער האָט געציטערט אז „א ווייב ווערט אים דעם קאָפּ אָפּעסן״. שיידן סלאָוועקע, ס׳טעכטערל פון זיין אמאָליקן נאַרווילישקער באַלעבאָס, נחמן יודל דעם שניידער, זי וואָלט אים אפשר יע געקענט זיין א פּאסיקע ווייב. ער געדענקט איר אלס קינד. געווען א שטיל פיין מיידל. זי מוז איצט שוין אוודאי זיין הויך, שיין. זי וועט אפשר ניט זיין קיין אויסבערענגערקע, וועט וויסן ווי זיין רייכטום אויפצוהיטן. א חוץ דעם וואָלט ער זיך אזוי ארום נוקם געווען אַן דעם שניידערוק, וואָס פלעגט אים אמאָל אזוי פיל פייניקן און באַליידיקן: נחמן יודל איז געוויס איצט אלט און אָרעם, וועט ער זיך דארפן איצט ביי אים „זאמקע פלאָקן״, איינבעטן, ער זאָל נעמען זיין טאָכטער פאר א ווייב. ער זאָל אים צושיקן א פּאָר פונט. יע, דאָס איז אפשר א פּלאַן.

ער האָט אויסגעפונען דעם אדרעס פון אַן אלטן שדכן אין נאַרווילישקי, אוועקגעשיקט אים זיין בילד צוזאמען מיט אַן אויספּירלעכער באשרייבונג פון זיין גרויסן רייכטום, געבעטן אים ריידן דעם שידוך מיט סלאָוועקען און איר דערציילן, סארא גרויס גליק עס שטייט איר פאַר צו ווערן די ווייב פונעם אייגנטימער פון אזוי פיל האָב און גוטס „סיימאָן פליק״.

דאָס מיידל, וואָס האָט דורכגעמאכט א שווער עלנט לעבן ביי איר אָרע־מען קראנקן פאָטער, האָט זיך גיך געלאָזט איינריידן, און גלייך ווי זי האָט דערהאלטן א שיפס־קאַרטע מיט א ביסל געלט פאר איר אויסשטייער, האָט זי זיך געלאָזן פאָרן קיין אפריקע צו איר חתן.

די טעג האָבן זיך אייליק גערוקט און סיימאָן פליק האָט שוין גע־דארפט פאָרן קיין קייפּטאון אָפּנעמען זיין כלה פון שיף. אָבער דאָ האָט אים גענומען ברענען די חרטה אויפן גאנצן עסק: אזא אוצר מיט געלט שוין איבערגעשיקט איר, איצט דארפן קומען הוצאות פאר זיין רייזע קיין קייפּ־טאַון, פאר דער חתונה. און וואָס וועט נאָך ווייטער זיין? דערצו נאָך האָט גראָד פּאַסירט, אז זיין קאָנקורענט, דער באַלעבאָס פון צווייטן בורינג־טאָנער האָטעל, איז געגאַנגען פּליטה און ער האָט אים אָנגעבאָטן אָפּצו־קויפן זיין האָטעל פאר זייער א ביליקן פּרייז — עפּעס גאָר א מציאה! און אָט דעם עסק האָט מען געדארפט אָפּטאָן גיך, פונקט אין דער זעלביקער צייט, ווען די כלה זיינע איז אָנגעקומען קיין קייפּטאון. טאָ וואס טוט מען? איז סיימאָן פליק געפאלן אויף אַן המצאה: זיינער א באקאנטער בורינג־טאָנער בחור פאָרט גראָד מכח געשעפט קיין קייפּטאון, וועט ער אים בעטן אָפּצונעמען זיין כלה פון שיף. דער בחור האָט אים צוגעזאָגט דאָס צו טאָן און אלץ איז ווידער רעכט געוואָרן.

האָט זיך אָבער אַזוי געמאַכט, אַז ווען דער בחור האָט דערזען סיימאָן פלייקס כלה אויף דער שיף נאָך, איז ער אַנטציקט געוואָרן פון איר שיינ־קייט. ער האָט זיך ניט געאײַלט צו פירן סלאָווקען צו פלייקן אין בורינג־טאָן, ער האָט זי גאָר אַרומגעפירט איבער קייפּטאַון, געקויפט איר מתנות, זיך מיט אַן אמת פאַרליבט אין איר און ער האָט זי געגומען אײַנריידן, זי זאָל גאָר מיט אים חתונה האָבן. ביסלעכווײַז האָט ער איר אויך אָנגעהויבן געפעלן ווערן, און אַז דער בחור האָט איר אָפּגעשילדערט די מגושמדיקייט און קאַרגקייט פון איר חתן „מיסטער סיימאָן פלייק״, האָט זי אײַנגעשטימט מיט אים חתונה צו האָבן. צו פלייקן ווידער האָט דער בחור געשריבן: אַז די כלה זײַנע איז אַ צעלאָזענע מיידל, אַ געוואַלדיקע אויסבערענגערקע, נאָר נײַע קליידער און צירונג ווילט זיך איר אַלץ קויפן, אָבער אים געפעלט זי, ער וואָלט זיך קענען מיט איר אַן עצה געבן, און אויב פלייק איז אײַנשטימיק, איז ער גרייט פלייקן אומצוקערן אַלע הוצאות, וואָס ער האָט אויסגעגעבן פאַר זײַן כלה, און דערצו נאָך אָפּטרעט־געלט.

דעם בחורס מיט דער מיידלס האַרץ־קלאַפּעניש אויף פלייקס ענטפער איז געווען גאַנץ אומזיסט. אין עטלעכע טעג אַרום איז פון פלייקן אָנגעקו־מען אַ טעלעגראַמע: קענסט זי נעמען געזונטערהייט. שיק גלייך אַריבער טעלעגראַפיש הונדערט פונט הוצאות און הונדערט פונט אָפּטרעט־געלט״.

אַז סיימאָן פלייק האָט אין וואָכן אַרום דערזען די שיינע חנעוודיקע סלאָווקען נאָך איר קומען אין בורינגטאָן צוזאַמען מיט איר מאַן, האָט אים, אמת, אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן פון קנאה און פאַרדרוס, אָבער לאַנג האָט ער זיך פונדעסטוועגן עס צום האַרצן ניט גענומען: אַן אויסבערענגערקע איז זי, אָפּטרעט געלט פאַר איר האָט ער גענומען, איז אפשר גאָר גלייכער, וואָס ער איז פון איר פטור געוואָרן. אַי וואָס, מען דאַרף חתונה האָבן? נו, ער וועט נאָך געפינען אַ פּאַסיקע מיידל. פאַר געלט קען מען אַלץ קריגן.

דערווײַלע האָט ער געפונען טרייסט און פאַרגעניגן אין דער געזעל־שאַפט פון פריילעכע מיידלעך און ווײַבלעך, וואָס פלעגן קומען צו אים אין שענק. מען פלעגט הוליען ביז שפּעט אין דער נאַכט און גוט פאַרברענגען.

צווישן די פרויען איז איינע געווען באַזונדערס צוגעלאָזן צו אים, דאָס איז געווען די פריילעכע, לײַכטזיניקע העדוויג בערגער. סאַראַ כוואַליע לעבנסלוסט עס האָט געקאָכט אין אירע גרינלעכע אויגן, ווען זי פלעגט לאַכן אויפן קול, אויסשטעלנדיק אירע גרויסע פּאָדערשטע ציינער... מיט איר איז סיימאָן פלייק געוואָרן גאָר נאָענט. אמת, ס'איז אים קיינמאָל ניט אַרײַנגעקומען קיין געדאַנק מיט איר חתונה צו האָבן, אָבער ווען זיי האָבן

זיךביידע אמאָל צו פיל פארגעסן און ס'האָט צווישן זיי דערגרייכט ווייט, האָט העדוויגס פאָטער, אן אָרנטלעכער, שטילער בור, פאררופן סיימאָנען צו זיך אהיים און מיט א פעסטן טאָן אים געהייסן חתונה האָבן מיט זיין גע־קריוודעטער טאָכטער. סיימאָן פלייק האָט איבערגוואלד געמוזט זאָגן „אָמן" און מאכן א שטילע חתונה א פּאָר חדשים, איידער זיין זון אדרעאַן איז געבאָרן געוואָרן...

סיימאָן פלייק האָט זיך מיט העדוויג בערגער גאָר ניט געגאָרט. זי איז אים געווען געטריי, אים מיטגעהאָלפן אין זיינע געשעפטן און, דער עיקר — ער האָט זי געפונען צוגעפּאסט צו זיך אין קארגשאַפט און אין ארבעט. ס'איז ביי איר ניט געווען שווער אפילו דילן צו וואַשן, אבי עטלעכע שי־לינג איינצושפּאָרן. זי איז געווען פול אומעטום. אירע שארפע אויגן האָבן גוט אכטונג געגעבן אויף דער דינערשאַפט אין די האָטעלן, אין די קיכן און אויף די הויפן, אין שענק פלעגט זי אליין פארקויפן די געטראַנקען און זיך אונטערהאלטן פריינדלעך מיט די געסט. און טאָמער פלעגט זיך עפּעס מאכן א טומל, א צאנקעריי צווישן די געסט, פלעגט זי באלד אריין אין דער מיט און מאכן אָרדענונג. קורץ — ס'האָט אויסגעזען, אז סיימאָן פלייק האָט אומגעריכט געטאָן גאָר א טייערן שידוך.

5

סיימאָן פלייק חכמה'ט זיך

אזוי זיינען געלאָפן די יאָרן און סיימאָן פלייק האָט געהאלטן אין פאר־גרעסערן זיין קאַפּיטאַל, וועלכער איז געוואקסן אין מזומנים־געלט אין באנק, אין בנינים, אין פאַרמס. מיט העדוויגן האָט ער געהאט צוויי זין און איין טאָכטער: אדרעאַן, דאַני און האנא. ער האָט געהאט מיט העדוויגן זייער א גוט לעבן; זיי האָבן קיינמאָל צווישן זיך אפילו קיין איבער־רייד ניט געהאט. ער פלעגט איר תמיד ווארפן ליבע־בליקן דורך זיינע פארזשוו־רעטע אויגן און זי פלעגט אים אָפּענטפערן מיט איר ברייטן שמייכל, אויס־שטעלנדיק אירע פאָדערשטע גרויסע ציינער. אמת, צוזאמען מיטן געבורט פונעם מיידעלע איז עפּעס געבאָרן געוואָרן אין זיין הארצן א קליין טייוועלע פון חשד, וואָס האָט אים מיט שפּיציקע הערנערלעך געשטורכעט און גע־שטאָכן און געוויטאָגט. דאָס איז אזוי אָנגעגאנגען אין משך פון א צוויי־דריי יאָר, אָבער ער האָט זיך אליין געמאַכט פאָרוואורפן און איז אויף זיך

אליין געווען אין כעס: ווי קען ער עס זיין העדוויגן חושד זיין? ער האָט זי קיינמאָל ניט געכאַפּט ביי אן אומגעטרייער האַנדלונג. זי קען, דוכט זיך, קיינמאָל ניט זיין פאלש... אַי וואָס, האַנאַ איז לויט זיין רעכענונג דער־שינען אזוי, אז ס'איז אים אויסגעקומען עפּעס חידושדיק?... דאָס איז טאַקע געווען די רעטעניש, וואָס ער האָט בשום אופן ניט געקענט פארענט־פערן. אָבער דאָס איז נאָר זיין אייגענע שולד, וואָס ער קען ניט באגרייפן די סיבה; אָדער אמאָל האָט ער אפשר א טעות געהאט אין זיינע אויסרעכע־נונגען?... נאָר דער אויפזעער אין זיין צווייטן האָטעל איז עפּעס צו פריינדלעך צו העדוויגן און ווען ער דערזעט זי, גליען זיינע אויגן מיט אזא שיינענדיקער פרייד, אָבער — דאָס איז דאָך פשוט שטות. דער דאָזיקער אויפזעער אירווינג, א חשובער אידעלער ענגלישער יונגערמאַן, וואָס אר־בעט ביי אים שוין גאנצע דרייצן יאָר און איז קיינמאָל ניט געכאַפּט געווארן ביי א פאלשקייט, ביי אן אומערלעכקייט, — ניין, ער טאָר עס ניט טראכטן — האָט ער באשלאָסן — און אויב די שדישע מחשבה וועט אים פּלאָגן און יאָגן, וועט ער זיך בעסער די צונג אָפּבייסן און די רכילותן און קלאַטשע־רייען, וואָס שטאַמען פון דעם פארבער פרענקן, זיין שונא, וואָס זוכט אלץ אים צרות און פארדרוס אָנצוטאָן — דאָס קימערט אים אויך ווייניק. — „מאַלע וואָס א שונא רעדט, און דערצו נאָך אזא שוטה — צו ווערן אזא בייזער פיינט איבער א גאָרנישט, צוליב א שפּאָס" — האָט פליק געמורמלט צו זיך אליין.

* * *

א שטילער תמימותדיקער ארבעטער איז געווען פרענק. געבאָרן גע־וואָרן אין קורלאנד, זייער ווייניק שול געהאַט, אין חדר אפילו קיינמאָל ניט געגאנגען. נאָך קינדוויז האָט ער זיך אויסגעלערנט פארבעריי ביי א בעל־מלאכה, ווו מ'האָט אין אים אויך איינגעפלאנצט די מדות צו ארבעטן אָן א באגרענעצטער צייט, אויך זיך ארטיק אויפצופירן און מיט אלע כחות זיך צו באמיען צו זיין ערלעך. אין דעם דאָזיקן וועג איז זיך דער שווער־פאר־האָרעוועטער, אלעמאָל מידער האָרעפּאַשניק אָנגעגאנגען, פון קיין ביטערע המצאהלעך פון ליידיקגייער און האָטעל באזוכער האָט ער ניט געוווּסט, קיין שאַרפע משקה האָט ער קיינמאָל אין מויל ניט אריינגענומען. פאר חדשים לאנג פלעגט ער אויף די פאַרמס ארבעטן. נאָר א פּאָר מאָל א יאָר פלעגט ער אין בורינגטאָן אריינקומען זיך אָפּצורוען. אזוי ווי זיין אכסניה איז געווען נאָענט צום האָטעל, פלעגט פרענק אָפּט אהין צוגיין און שטיין

אַנגעלענט אָן דער וואַרענדע פון האָטעל, רייכערנדיק זיין פּיפּקע און באַ־טראַכטנדיק די מענטשן, וואָס גייען אין האָטעל אריין פאַרזאָרגטע און קו־מען ארויס פון דאָרט פריילעכע...

— „און איר קומט גאָר קיינמאָל ניט אריין מאכן א שנאַפּס?" — האָט אים סיימאָן פלייק אמאָל א פרעג געטאָן.

— „איך גאָר ניט נאָך דעם" — האָט פרענק תמימותדיק אָפּגעענט־פערט, קלאַפּנדיק דערביי זיין פּיפּקע אין זיינע קרומלעכע ציינער — „פאַר־שטייט זיך, אז איך בלאָמיר אייך ניט, וואָס איר באַט אָן אייער סחורה, אָבער קיין קונד בין איך ניט אויף משקה..."

— „דאָך, ווי איז עס א יונגער מענטש אזוי משונהדיק? זייט איר דען אזוי קאַרג? און בכלל — וואָס פאַר א ווערדע האָט דאָס לעבן אָן א ביסל משקה?" — האָט פלייק געהאַלטן אין טענהן, זיך ניט קענענדיק בארויקן, פאַרוואָס דער דאָזיקער ארבעטער, וואָס פאַרדינט גוט געלט, זאָל אין זיין האָטעל קיין פּרוטה ניט אויסגעבן. „נישקשה" — האָט ער געטראַכט — „כ'וועל שוין געפינען אַן עצה ווי אזוי פון אים א גוטע לייזונג ארויסצובאַ־קומען".

ווייסנדיק, אז פרענק איז אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט, איז פלייק געפאַלן אויף אַן המצאה. ער האָט צוגערופן א קלוגן פּאָליציאַנט, האָט אים געגעבן א גלעזל ווײַן און אים געבעטן, ער זאָל אים העלפן אָפּשפּילן א שפּאַס אויף דעם קאַרגן פרענקן.

ווען דער הויכער מאָגערער פרענק איז איין מאָל געשטאַנען אָנגעלענט אָן דער וואַרענדע פון האָטעל און ארומגעדרייט זיין פּיפּקע אין מויל, טיף ארייַנציִענדיק דעם רויך און עס ארויסלאָזנדיק דורכן נאָז, איז פלוצלנוג צוגעגאַנגען צו אים א פּאָליציאַנט, ארייַנקוקנדיק בשעת מעשה אין א האַרטן בלאָען דאָקומענט.

— „זייט איר מיסטער פרענק? א געוועזענער סאָלדאַט?"

— „יע, וואָס איז?"

— „מ'זוכט אייך אין רוסלאַנד... איר מוזט פאָרן אהין דינען אין דער אַרמיי..."

— „וואָס פאַר א צרה איז דאָס?" — האָט פרענק געמורמלט — „וואָס וועט ווערן פון מיין ווייב און קינדער אין קורלאַנד? און אזוי אומגעריכטער־הייט! און פאַר וואָס און פאַר וועמען גיין איצט ס'לעבן אוועקוואַרפן?..."

— „וואָס האָט פּאַסירט ?" — האָט סיימאָן פליק פּלוצלונג אויסגעשריען
— „מיסטער פרענק, איר זייט דאָך בלאַס ווי א טויט ? זייט איר קראַנק ?..."
שטיל און גיך האָט אים פרענק דערציילט פון דער „גזירה"...

— „זייט רויק, פרענק, פאַרלירט ניט אייער מוט, ער איז א ווילער מענטש, דער פּאָליציאַנט, א גוטער פריינד מיינער, שטעלט נאָר א קאַסטן שאַמפּאַניער און אלץ וועט רעכט ווערן, איך פאַרזיכער אייך".

— „נו, גוט !" — האָט פרענק געזאָגט גאַנץ צופרידן, דערלאַנגענדיק פליקן א סיגנאַציע צו באַצאָלן פאַר דער טייערער משקה.

און ווען די האָטעל־געסט האָבן הוליענדיק געליידיקט די פלאַשן שאַמ־פּאַניער, האָט דער אָנגעטרונקענער פליק, מיטן רויטן צעשמחהדיקן פּנים, געעפנט זיינע ליפּן און זיך געחכמה'ט, קייכנדיק פון געלעכטער:

— „זעט איר, פרענק, מען טאָר זיך ניט דערוויטערן פון משקה... אָט האָב איך אייך אָנגעלערנט !..."

חברה האָבן זיך לוסטיק געמאַכט און שיכורערהייט הויך געלויבט פליקן פאַר זיין געלונגענעם שפּאַס. און פרענקן האָט עס געטאָטשעט און געבּרענט און פון דאַן אָן טראָגט ער אין הארצן א בריעדיקן האַס צו דעם האָטעל־מאַן און מיט גרויסער נקמה־פרייד האָט ער זיך דערוווסט פון פליקס אמאָליקער פאַרהעלטעניש מיט דער פאַרפירטער קאָפּער־מיידל סאָפיע, אויף וואָס ס'איז דאָ א לעבעדיקער עדות — זייער האלב־וויס קינד, סעמי, וועמען פרענק האָט געהאַלטן אין איין העצן אין אים זיין שנאה צו זיך ווייסן שלעכטן פאָטער.

6

נחת פון קינדער

מיט א גאַנצן צענדליק יאָרן יינגער פאַר סיימאָנען, זעט אויס זיין ווייב העדוויג, יונג, פריש און נאָך שענער ווי אמאָל. סיימאָנס פיגור און פּנים זיינען אויך ניט פיל פאַרענדערט, נאָר גראָלעכע קווייטן מישן זיך אין די האָר אויף די זייטן פון זיין קאָפּ. פון וואָס ווערט ער אזוי גראָלעך נאָך אין די מיטעלע יאָרן ? — פרעגט ער זיך אָפּט. קיין דאגות פרנסה האָט ער ניט ; און אפּעטיט צום עסן און טרינקען האָט ער און שלאָפן שלאָפט ער רויק און געשמאַק. אפשר סיידן די אומאנגענעמלעכקייט, וואָס ער האָט

געהאַט און האָט נאָך איצט אויך פון זיינע קינדער. פון יינגערן יינגל זיינעם האָט ער שוין גאָר קיין זאָרג ניט. ער לערנט זיך אין יאָהאַנעסבורג אין א „קאָנווענט" און קומט זעלטן אהיים. ער איז א גוט קינד, ער וועט זיין א געבילדעטער מענטש און וועט געוויס האָבן א גלענצנדע צוקונפט. כאָטש ס'איז אָפטמאָל אזוי פאַרדריסלעך, וואָס ער איז אזוי פרעמד צו אים. גאָר ניט ווי זיין אייגן בלוט און פלייש, נאָר אפשר דאַרף אזוי זיין, ווען מען וויל מאַכן א קינד פאַר א „מענטשן", ער זאָל זיין שטאַרק און בראַוו און ניט פאַרצויגן און נאָכגעגעבן פון די עלטערן...

דאָס טעכטערל איז א שוואַך קינד, ווערט גוט אויפגעפאַסט. ווי נאָר זי וועט ווערן גאַנץ געזונט און שטאַרק, וועט ער געוויס איינשטימען, זי זאָל אויך אוועקפאָרן דערצויגן צו ווערן און זיך בילדן אין „קאָנווענט". ער איז איבערצייגט, אז דער „קאָנווענט" איז אן אויסגעצייכנטער אָרט, וווּ א קינד דאַרף זיך האָדעווען... אָבער א סך הארצווייטאָג און עגמת-נפש האָט ער פון זיין עלטערן זון אדרעאַן, וואָס האָט זיך אויפגעהאָדעוועט און געלערנט אין בורינגטאָן. ער איז צעלאָזן און נאָכגעגעבן און פאַרשאַפט די עלטערן זאָרג. אין אלץ וויל ער האָבן זיין אייגענעם וועג, און ווען ער פירט ניט אויס זיינעם א קאַפּריז, קערט ער ס'הויז אום קאַפּויער. כמעט אלע טאָג האָט ער א געשלעג צוליב עפּעס א באַליידיקונג, וואָס ער האָט נאָך עד היום אויסצושטיין פון די יינגלעך; זיינע לערער איז שוין פשוט נמאס געוואָרן צוצוהערן זיך צו די קלאָגערייען און טענות וועגן זיינע מלחמות מיט די תלמידים פון זיין שול. און אָט גאָר ניט לאַנג, ווען דער פאָטער האָט אים איין מאָל אויסגערעדט, פאַרוואָס ער שלאָגט זיך כסדר מיט די יינגלעך, האָט ער צוערשט פאַרביסן די ליפּן און פאַרשוויגן, נאָר אז דער פאָטער האָט אָנגעהאַלטן אים נגע'ן מיט זיין מוסר זאָגעניש, האָט אַדרעאַן מיט חוצפּה א שפּרונג געטאָן צום פאָטער, אים אין די אויגן מיט א פינגער טייטלענדיק:

— „הער זיך איין, פּאַפּאַ, זאָלסט איין מאָל פאַר אלע מאָל וויסן זיין, אז איך בין קיין קינד ניט מער און כ'וויס אליין ווי זיך אויפצופירן, כ'בין אליין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מיינע מעשׂים, כ'וועל מער ניט ליידן דיין אריינמישן זיך אין מיינע פּריוואַטע ענינים. און נאָך מער, ווען מיינע געשלעגן קומען ארויס צוליב דיר, ווייל די יינגלעך באַליידיקן דיך, זאָגנדיק אז דו האָסט א האַלב־שוואַרצן קינד!..."

— „שטיל, זאָג איך, זאָלסטו זיין! דיין צורה פּאַטש איך דיר אויס" — האָט סיימאָן פליק געשריען אויסער זיך. זיין פּנים איז בלוי און רויט

געוואָרן און ער האָט זיך דערלאַנגט א לאָז צו אַדרעאַנען. אדרעאַן האָט צוזאמענגעדריקט זיינע פויסטן, און ניט ווינסדיק ווי צו באשליסן זיך, צי זאָל ער דעם צעקאָכטן פּאָטער אינעם פּנים מיט זיינע פויסטן אריינפּאָרן, אָדער ניט, האָט ער א שופּע געטאָן און איז האַסטיק ארויס פון הויז, שריי־ענדיק:

— „טו העל זאָל זיין אזא בלוטיקער פּאַרוויען, ווי דו ביסט". ביי דער טיר אין דרויסן האָטער זיך אָנגעשטויסן אָן זיין מוטער.

— „וואָס טוט זיך דאָ ? וועמען זידלסטו עס אזוי, אַדרעאַן ?"

— „אָט דעם שוטה, דעם טאַטן. ער הרגעט מיך אוועק מיט זיינע מוסרייען און משוגעתן".

— „אויפן פּאָטער דיינעם רעדסטו אזוי שרעקלעך ? !"

— „הים... הים!... פּאָטער!... א פּאָטער איז ער דען ? א שונא איז ער דאָך מיר. וואָס האָט ער פאַר מיר געטאָן ? חרפּה און צרות האָט ער מיר געגעבן... מיינע אויגן קען איך פאַר מיינע חברים ניט אויפ־הייבן... קיין פריילעכע מינע קען איך ניט מאַכן... וואָס בין איך ? ווער בין איך ?... כ'וויס דאָך אליין ניט. קיין ייִד בין איך ניט און קיין קריסט אויך ניט, אין סינאַגאָגע בין איך א פרעמדער און אין קירך בין איך אויך א מין ווילדע שפּראָצונג... דערצו נאָך דערגייט ער מיר מיין לעבן... כ'גיי אוועק פון דאַנען, כ'וויל מיט אים אין איין מחיצה ניט זיין".

— „אדרעאַן, זיי ניט קיין נאַר, כ'בעט דיך" — האָט זיך די מוטער ביי אים געבעטן — „דו דאַרפסט דאָך איצט דיין „מעטריק" מאַכן, מיר וועלן דיך צו א תכלית ברענגען, וועסט מאַכן א קאַריערע, וועסט זיין גליקלעך... באַרויק דיך..."

— „קאַריערע ?..." האָט אדרעאַן ביטערלעך געשפּאָט, א וואַרף טוענדיק די לאַנגע בלאָנדע לאָקן פון זיין שטערן אויפן קאָפּ — „דו ווייסט ניט, מאַמע, וואָס איך בין אויסגעשטאַנען די גאַנצע צייט אין שול און וואָס איך לייד מיך אָן אין גאַס צוליב דעם דאָזיקן יידישן פּאַרוויען, וועלכער רופט זיך מיין טאַטע. טאָ וואָס פאַר א ציל, וואָס פאַר א קאַריערע קען איך דערוואַרטן ?... כ'וויל דיין האַרץ ניט שווער מאַכן און באַטריבן, אָבער גלייב מיר, מאַמע, מיר איז שווער אויסצוהאַלטן און צו דערטראָגן די שאַנד און שפּאָט. מען טייטלט דאָך אויף מיר מיט די פינגער: „דאָס איז דער ניט־ייד — ניט־גוי". און דאָ ניט לאַנג זאָגט צו מיר פרענק דער פאַרבער: אַדרעאַן, אז דו וועסט מיר צוזאָגן ניט בייז צו זיין, וועל איך דיר זאָגן א סוד". „דערציילֿ" — זאָג איך. מאַכט ער: „אָבער שווער מיר ביי דיין

לעבן, אז דו וועסט קיין האנט אויף מיר ניט לייגן...." „כ'שווער" — זאָג איך. רוקט ער אריבער זיין היטעלע איבער די אויגן און זאָגט גאנץ שטיל:

— „זעסטו דאָרטן דעם ציגל־מאַכער אין דעם צעריסענעם רעקל מיט די צעפלאַטערטע הויזן, קענסטו אים?...."

— „יע, דאָס איז דאָך סעמי דער האַלבער קאַפּער, סאָפּיע דער ווע־שערקעס זון".

— „יע, אַדרעאַן, דאָס איז דיין ברודער — — —" זאָגט ער צו מיר שעלמיש.

איך האָב זיך ניט געקענט באהערשן און האָב מיט מיין האַרטן פויסט־קלאַפּ צעשמעטערט זיין נאָז און צעביילט א שטיק פּנים און איין אויג ברויז און בלוי געמאכט. אָבער דעם גרונטיקן אמת האָב איך ניט צעשמעטערט... און כ'האָב געפילט, אז ריכטיק פארדינט דעם קלאַפּ האָט דער ייד, וואס איז, צו מיין באַדויערן, דיין מאן און מיין פאָטער, צו וועמען איך טראָג אַן איינגעוואָרצלטע שנאה, וואָס וועט דאָך מוזן איין טאָג ארויספּלאצן!...."

* * *

אין שרעק פאר א קומענדיקער טראגעדיע אין איר הויז, האָט העדוויג זיך געקליגט און געזוכט אן עצה ווי דעם שלום אויפצוהאַלטן. זי האָט זיך באַמיט אדרעאנען איבערצורײדן, ער זאָל זיך גרייטן צו פאָרן קיין יאָהאַ־נעסבורג לערנען, אָבער ער האָט געטענה'ט: ער וויל ניט, ווייל ער זעט פאַר זיך קיין ציל ניט אין שטודירן. און ער זעט נאָך דערצו אזוי פיל שטערונגען אין דעם וועג.

— „וואָס דען זשע וועסטו טאָן, מיין זון?" — האָט אים העדוויג גע־פרעגט, פארזאָרגט עפענענדיק אירע גרויסע אויגן.

— „כ'וועל ארייַן אין א געשעפט ארבעטן ווי אַן אָרעמער ווייסער און וועל ווי עס איז אויף מיין ברויט און קליידער פארדינען".

— „ניין, כ'האָב א בעסערן פּלאַן פאַר דיר" — האָט העדוויג אָנגע־האַלטן רײדן — „מיר האָבן דאָך צוויי האָטעלן, וועל איך אויסווירקן, דו זאָלסט זיין דער אויפזעער און אָנפירער אין איין האָטעל, אין וועלכן דער פאָטער וועט זיך גאָר ניט מישן. נאָר איין מאָל א יאָר וועסטו דאַרפן א חשבון אָפּגעבן".

יע, דאָס איז אים געפעלן געוואָרן.

7

דער בורינגטאָנער אַטעלאַ

אין „עמפּייער האָטעל" שטייגט דאָס געשעפט פון טאָג. דער פּאַרוואַל־טער, אַדרעאַן פליק, — יונג און טיכטיק, רעאַל און אויפן בעסטן אופן באַהאַנדלענדיק די געסט און די באַזוכער אין שענק און אין ביליאַרד־קאַמער — האָט געוואונען דעם צוטרוי פון אַלעמען און איז געוואָרן זייער פּאָפּולער אין שטאָט. איבערהויפּט האָט ער צוגעצויגן צום האָטעל די יוגנט, וואָס פאַרברענגט זייער גוט אין די באַקוועמע, רויט־געפאַרבענע טרינק־ און קאָרטן־צימערן.

— „ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס דיין „עמפּייער האָטעל" מאַכט אַזוי גוט" — האָט דער בורינגטאָנער פּאָליציי־שעף געזאָגט צו סיימאָנען אין אַן אינטימען שמועס — „דיין זון אַדרעאַן האָט אַן אָפענע האַנט, ער נעמט, אָבער ער גיט אויך. אָט זעסטו דאָך, דער „קווינס האָטעל", וואָס דו אַליין פירסט אָן, ברענגט דיר אין קוים אַ העלפט ריווח פון יענעם. דאָס איז דער־פאַר, ווייל דו ביסט צו עקאָנאָמיש. דו האַלסט מער פון נעמען, ווי פון געבן, און ס'פּובליקום ווייס עס".

— „ס'איז זייער פיין פון דיר, קאַפּיטאַן, וואָס דו ביסט אָפנהאַרציק" — האָט סיימאָן פליק געענטפערט און זיין פנים האָט זיך גערויטלט דערביי — „אָבער גיב איך דען דעם פּובליקום ניט, וואָס אים קומט ?"

— „ניין, מען קען ניט זאָגן, אַז דו באַהאַנדלסט דאָס פּובליקום שלעכט" — האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט — „דאָך איז נאָך דאָ אַ סך אויסצובעסערן".

— „צום ביישפּיל?" — האָט געפרעגט מיט אַן אונטערטעניקן טאָן, וויסנדיק, אַז אַלע האָטעלן ליגן אין די הענט פון דער פּאָליציי און פון אינספּעקטאָר און אַז דעם קאַפּיטאַנס מיינונג גייט גאָר ווייט — „אַדרבא, דערקלער עס מיר, ביטע".

— „אָט, למשל, דערציילט מיר דער אינספּעקטאָר, אַז אַ רייזנדער האָט זיך געקלאָגט, אַז די ליילעכער אויף זיין בעט זיינען געווען צעריסן, אַן אַנ־דערער ווידער האָט געקרימט מיט דער נאָז, אַז די ווענט פון שענק זיינען שמוציק און אָפּגעקראָכן, דו דאַרפסט עס האַלטן אין זינען".

— „קאַפּיטאַן !" — האָט מיטאַמאָל איבערגעריסן דעם שמועס העד־וויגס שטימע — „מיר וואַרטן דאָך אויף אייך אין פּריוואַטן טרינק־צימער. וואָס האָט איר זיך דאָרט אַזוי לאַנג צערעדט ? אַבי מען זאָגט, אַז נאָר

ווייבער ריידן לאַנג... קומט, קאַפּיטאַן. אויב ניט טרינקען מיר אַליין אויס אַלץ".

— „נו, גייט, גייט" — האָט סיימאָן פליק געזאָגט צום קאַפּיטאַן מיט אַ פריינדלעכן שמייכל. ס'האָט אים הנאה געטאָן, וואָס זיין ווייב חברט זיך מיטן קאַפּיטאַן, צו ווען ער מוז אָפּט אַנקומען. סיימאָן איז געבליבן שטיין אויף אַן אָרט און האָט נאָכגעקוקט דער אוועקגייענדיקער פּאָר: העדוויגס פריילעכער פּנים איז געווען געווענדעט צום הויכן מיטליאַריקן שלאַנקן קאַפּיטאַן, וועלכער האָט, אָנבייגנדיק זיך צו העדוויגן מיט דער העפלעכקייט פון אַ העלדישן קאַוואַליער, עפּעס שטיל גערעדט און זייער בײדנס האַרציקער געלעכטער האָט נאָך געקלונגען, ווען זיי זיינען שוין געווען פאַרשוונדן אין דעם פּריוואַטן טרינק־צימער.

אין דעם זעלביקן אָונט האָט סיימאָן, ווי פאַרבייגייענדיק, אַ פרעג געטאָן העדוויגן, וואָס עס איז געווען די סיבה פון זייער געלעכטער.

— „ווייס איך וואָס, עפּעס אַ וויץ האָט דער קאַפּיטאַן דערציילט. ביסט אפשר איפערזיכטיק, סיימאָן?" — האָט העדוויג געפרעגט, לאַכנדיק און אויסשטעלנדיק אירע ווייסע פּאָדערשטע ציינער.

— „גאָר, אדרבא, איך בין צופרידן פון אייער פריינדשאַפט, נאָר אַמאָל איז עס פאַר לייטן ניט פיין. ער קומט אהער אַזוי אָפט, פאַרברענגט מיט דיר אַזוי פיל... לייטישע מיילער... כ'ווייס? אַזאַ שיינער מאַנסביל און אַ מיליטערמאַן דערצו... אפשר דאַרפסטו זיך ניט אַזוי פיל אָפּגעבן מיט אים, הגם מיר פעלט גאָר ניט איין אַ טראַכט צו טאָן וועגן דיין ערלעכקייט און געטריישאַפט צו מיר".

אין דער אמתן האָט ער יע געטראַכט דערפון. און ווען דער קאַפּיטאַן האָט אָנגעהויבן נאָך אָפטער צו פאַרברענגען מיט העדוויגן ביי אַ גלעזל „ספּאַרקלינג מאָזעל" אין פּריוואַטן טרינק־צימער, ריידנדיק און לאַכנדיק פאַר לאַנגע שעהן, האָט עס אים שטאַרק וויי געטאָן. זעט ער דאָך ווי זייערע ביידנס פּנימער שיינען, ווען זיי פאַרברענגען זיך, און זיי קוועלן פּשוט אָן פון פאַרגעניגן... איין חשד נאָכן אַנדערן האָט אים געביסן און געעגבערט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט באַשלאָסן איין מאָל פאַר אַלע מאָל אויסצוגעפינען דעם אמת און זיכער מאַכן, צי איז העדוויג פאַרט פאַרליבט אין דעם דאָזיקן העלדישן מאַן און אויף ווי וויט גייט זייער באַציונג צו אַנאַנדער.

ער האָט גראָד באַדאַרפט אוועקפאָרן אויף עטלעכע טעג פון שטאָט. ער האָט ניט פאַרגעסן פריינדלעך זיך צו געזעגענען מיטן קאַפּיטאַן, אויף ווען ער האָט ניט געקענט באַמערקן אפילו דעם מינדסטן שפּור פון פרייד

אַדער צופרידנהייט פון דעם, וואָס ער פאַרט אוועק. אָבער בעת ער האָט געהאַלדזט און געקושט העדוויגן ביים אָפּשייד, האָט זיך אים עפּעס אויסגעדוכט, אַז אירע קושן זיינען געפעלשטע, און אין אירע ווערטער האָט ער עפּעס געשפּירט אַ טאָן פון אַ מין ניחאדיקייט, וואָס ער לאָזט זי פריי אויף עטלעכע טעג.

שפּעט אין דער זעלביקער נאַכט האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים און האָט זיך אָפּגעשטעלט אינעם אָפענעם שמאָלן אריינגאַנג, וואָס פירט צו זיין שלאָפצימער, וואָס איז אָפּגעזונדערט פון האָטעל ווייט אין הויף, צווישן ביימער אינעם קליינעם גערטל. אינעם אריינגאַנג איז געווען פינצטער, נאָר פונעם קליינעם האַלב־אָפענעם פענצטערל, וואָס איז איבער דער טיר פונעם שלאָפצימער, האָט ארויסגעשיינט אַ שוואַכלעך גרין ליכט פון אַן עלעקטרישן לעמפּל, און דאָס ליכט האָט באַלויכטן דאָס אַנטקעגנדיקע ווענטל, אויף וועלכן ס׳האָט זיך אָפּגעשפּילט דער זיך באַוועגנדיקער שאָטן פונעם קליינעם פענצטערל... דורכן דאָזיקן פענצטערל האָט זיך געטראָגן העדוויגס שטימע:

— „און אפשר איז עס בעסער אזוי... אפשר — ווייל די מעגלעכקייט פון אונדזער פאַרגעניגן איז ניט אזוי אָפט, דערפאַר בלייבט אונדזער באַגער איינעם צום צווייטן נאָך אזוי יונג און ניי... דערפאַר איז אונדזער שמאַכטן איינער צום צווייטן אזוי פריש, ווי מיט צען יאָר צוריק!...“

— „אָבער וואָס פאַר אַ לעבן איז עס, העדוויג!“ — האָט אָפּגעענטפערט אַ מענערשע שטימע — „וואָס פאַר אַ לעבן איז עס דען? אזאַ מיאוסע באשעפעניש שטייט צווישן אונדז און ער איז דער גאַנצער באַלעבאָס אויף דיר און האָט דאָס פולע רעכט צו טרינקען פון דיין זיסן קוואַל וויפיל זיין הארץ גלוסט... און מיר, ווען דיין האַרץ געהערט, וועמען דו האָסט אזוי ליב, ווערן נאָר צוגעוואַרפן פיצלעך און ברעקלעך. ניין, ס׳מוז געמאַכט ווערן אַ סוף צו אזאַ לאַגע, כ׳קען ניט און כ׳וועל מער ניט וואַרטן!...“

— „שאַ, שאַ, שטילער... גערולד“ — האָט העדוויג שטיל, אָבער דייטלעך געזאָגט, און סיימאָן האָט דערפילט, ווי זיין האַרץ פאַרגירט און ס׳בויגן זיך די פיס אונטער זיין קורצן שווערן גוף.

— „הייסט עס, כ׳האָב קיין טעות ניט געהאַט אין מיין חשד אויף דעם ביטערן קאַפּיטאַן“ — האָט סיימאָנען געהאַמערט אין מוח, ווען צו זיינע אויערן האָבן זיך דערטראָגן אומדייטלעכע שעפּטשערייען און קושן, איבערגעריסענע דורך אַ קורצן שווערן אָטעמען. סיימאָנען איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן און אַ קאַלטער שווייס האָט ארויסגעשפּאַרט פון זיין שווערן

קערפּער. „ווי קריג איך דאָ מײַן ביקס?" — איז אים דורכגעלאָפן א גע־דאנק, ווען פון דרויסן איז אויף אים פּלוצלונג געפאלן א שטראָם ליכט פון אן עלעקטרישן האַנט־לעמפּל. סיימאָן האָט א שפּרונג געטאָן צום מאַן, וואָס האָט געהאלטן דאָס לעמפּל, און אויסשרייענדיק דערשטוינט:

— „קאפּיטאן!... דו ביסט גאָר דאָ? און איך האָב געמיינט...

„מיסטער פליק!" — האָט אים דער קאפּיטאן איבערגעשלאָגן — „ווי קומסטו איצטער דאָ? ביסט דאָך געווען אוועקגעפאָרן?..."

— „ע, ע, א ראָד פון קאָר צעבראָכן, א לאנגע צייט אין וועג געשטאַנען. באשלאָסן אהיים צו קומען און שפּעטער פאָרן..." — האָט פליק גע־שטאַמלט פארלעגן, און די ווערטער זײַנען אים געבליבן שטעקן אין האלדז.

— „פון וואנען קומסטו עס אזוי שפּעט, קאפּיטאן?"

— „הע, הע, זיך א ביסל פארשפּילט אין ברידזש ביי דאָקטער אקאנער, דײַן פארוואלטער אירווינג איז דאָרטן אויך געווען, נאָר ער איז געווען קליגער מיט א פּאָר שעה פריער אוועקצוגיין, האָט ער טאקע ווייניקער פארלאָרן... כ'האָב געמיינט, פארבייגייענדיק דאָ וועל איך נאָך טרעפן אירווינגן צו קריגן א גלעזל וויסקי, אָבער ער איז אזוי ווי אין וואסער אריין. נו, גיי איך אהיים, א גוטע נאכט, מיסטער פליק".

— „העדוויג, עפן אויף די טיר!" — איז סיימאָן פליק מיט עטלעכע שפּרונגען געווען ביי דער טיר און האָט געשריען מיט א ווילדן קול.

„סיימאָן, דו?!... ווי, וואָס האָט געטראָפן?..."

— „לאָז נאָר אריין" — האָט סיימאן געגרעוועט און געקלאפּט אין טיר און אין דעם מאָמענט האָט ער דערהערט, ווי עס האָט זיך געעפנט דער פענצטער, וואָס קוקט צום גאָרטן, און עמעצער איז פונעם צימער ארויס־געשפּרונגען.

— „ווער איז דאָ געווען?" — האָט סיימאָן ארויסגעפּלאצט, בעת ער איז ענדלעך אריין אין צימער.

— „קיינער איז דאָ אינעווייניק ניט געווען... זיי ניט קיין אייזל!..."

— האָט העדוויג געענטפערט א צעטומלטע אויף איר הויכן קול.

— „דו שרייסט נאָך? דו ביסט נאָך גערעכט?" — האָט סיימאָן גע־דונערט — „כ'האָב געהערט, וואָס איר האָט גערעדט... ווער איז דאָ געווען, ענטפער!"

— „ביסט מסתמא משוגע געוואָרן!" — האָט העדוויג זיך געקאָכט א צעמישטע, א צונטער־רויטע, מיט צעוואָרפענע האָר, פעסט און אומגע־לומפּערט צובינדנדיק איר נאכט-קאַפּאָט — „ע, ע,... דאָס איז געווען

אירווינג... ער איז געשטאַנען דרויסן... גערעדט מיט מיר דורכן אָפע־נעם פענצטער... דערציילט מיר עפּעס פון אַ נייעם בוך... קאָך זיך ניט... גיי שלאָפן!..."

— „אַ, אַזוי גאָר?! הייסט ער, אַז אירווינג איז פאַרט דייך פאַרדאַמ־טער געליבטער... הייסט עס, אַז מיינע ספקות וועגן אונדזער טעכטערל זיינען ניט קיין פוסטע!... אַך, דו, גאַסן־פרוי!..."

— „האַלט דייך מויל, מנוול, פאַרוויען!" — האָט העדוויג געשריען מיט שוים אויף אירע ליפּן — „און דו מעגסט אַלץ טאָן, האַ?... דו מעגסט, הייסט עס, אַפילו זיין דער טאַטע פון אַ קאַפער, דער מאַן פון סאָ־פיע דער וועשערין? און מיט די זעלביקע ברודיקע גלידער קומען דער־נאָך צו מיר, האַ?... און דאָס איז דאָך איינגנטלעך, בלויז דאָס, וואָס איז באַוווסט, און ווער ווייס, וויפיל ממזרים דו האָסט נאָך אָנגעפּלאָדזשעט אַנ־דערשוווו, וואָס מען ווייס גאָר דערפון ניט? דו האָסט נאָך רעכט צו באַלע־באַטעווען איבער מיר, דו געמיינער אכזר דו. וואָס האָסטו מיר געגעבן? — איך האָב דיר אַלץ געגעבן. איך האָב דיך רייך געמאַכט. אַלץ וואָס דו האָסט, איז דורך מיין האַרעוואַניע דיר אָנגעקומען. דו האָסט אַפילו קיין פינגער אין קאַלטן וואַסער ניט אַריינגעשטעקט. איך האָב דיין גאַנצן פאַר־מעגן מיט מיין שווערער פּראַצע געשאַפן! אַרויס פון דאַנען, אומדאַנקבאַ־רער ייִד, דו פּאַראַזיט איינער! הערסטו? אַרויס! — — —"

8

ברידער

אָפּגעשוואַכט, ווי נאָך אַ לאַנגער קרענק, איז סיימאָן פליק, טריט ביי טריט, צוריקגעגאַנגען פון זיין אַדוואָקאַט.

— ס'אַראַ איזל איך בין עס" — האָט ער געשעפּטשעט צו זיך אַליין — „אַ ריכטיקער זאַמקע פלאַקן... זיך אַזוי צו לאָזן פאַרפירן, דעם קאָפּ פאַרדרייען און אַזוי אָפּגענאַרט און אויסגעלאַכט צו ווערן! אַזוי בלינד צו זיין, אַזוי צו גלויבן און אָנצוטרויען... אַ פיינער תכלית געוואָרן פון מיר. אַ פיינער תכלית!..."

פון זיין אַדוואָקאַט איז סיימאַן געוואָר געוואָרן, אַז דאָס וואָס העדוויג האָט אים שטאַרק צוגערעדט, ער זאָל „עמפּייער האָטעל" אָפּשרייבן פאַר אַדרעאַנען, כדי אים צו געבן מוט זיך פלייסיק איבערצוגעבן צום געשעפט,

איז געווען בלויז אויסגערעכנט פון פריער. מיט א כיוון האָט אירווינג דעם האָטעל פארגאכלעסיגט, כדי די גאנצע קונדשאפט צום „עמפּייער האָ־טעל" אריבערצוטראָגן. צוויי פאַרמס זיינען דאָך אויף העדוויגס נאָמען אָפּגעשריבן און שווערע טויזנטער האָט אירווינג אין באַנק צו זיין „קרעדיט".

— „און וואָס בלייבט פאר מיר, דעם אָפּגענאַרטן שוטה, פאר זאמקע פלאָקן, וואָס ?" — האָט ער ווייטער גערעדט, צונויפציענדיק דערביי זיינע שמאָלע אויגן און דריקנדיק די פויסטן צום האַרצן — „וואָס בלייבט מיר ?... בלויז דער אָפּגעלאָזענער אָרעמער האָטעל, א קליינער טרוקענער פאַרם און א קראַנק אַנגעווייטאָגט האַרץ, וואָס האַלט ביים פּלאַצן. ווי צו דיינע יאָרן, דו פארשאָלטענער אָקס, דו פלאָקן איינער !"

מיטאמאָל האָט סיימאָן באמערקט, אז ער איז ניט ווייט פון דעם „עמ־פּייער האָטעל". ער האָט מיט ביטערקייט א קוק געטאָן צום האָטעל און דערזען א צונויפגעלאָפענעם עולם אויף דער צווייטער זייט פון האָטעל, דאָרט וווּ ס׳שטייט דאָס קאַפּער־שענקל.

* * *

א פּירקאַנטיק קליינע געביידע איז דאָס קאַפּער־שענקל. די טיר קוקט ארויף צום באַרג, וואָס שטייט אויסגעדרייט שטעטל ; א שמאָלער וועג ציט זיך איבער דעם דאָזיקן הויכן פעלדזן־באַרג, ארום און ארום, אויף שטיי־נערנע טרעפּ, זיג־זאַגיק, ציט זיך דער וועג ארויף ביזן שפּיץ פונעם באַרג, וואָס איז באדעקט מיט געדיכטע, נידעריקע ביימלעך, פון צווישן וועלכע עס שטאַרצט ארויס א הויכער פעלדז אין דעם פאַרם פון א מענטשן מיט א לאַנ־גער אויסגעשטרעקטער האַנט, פונקט ווי ער וואָלט טייטלען פון אויבן אויף די בורינגטאָנער איינוווינער, וואָס פירן זייער לעבן דאָרטן אין טאָל . . .

אויפן שמאָלן פּאַס פעלד, צופוסנס פונעם באַרג, שטייען עטלעכע אייז־לען, די קעפּ צוגעשמידט צו די גרינלעכע צוויגלעך אויף דר׳ערד, ניט קי־מערנדיק זיך וועגן דער וועלט ארום זיי. . . צוויי יונגע פערד, צעקאָכט אין א סכסוך צוליב א צעלאָזענער חברטע, שטויסן זיך העפטיק מיט די שווערע פערדישע קעפּ און בייסן זיך צווישנאַנאַנדער מיט די גרויסע ציינער מיט א מעכטיקער קלאַפּעריי, מוראדיק ברומענדיק און הירזשענדיק מיט ווילדע קולות, צעבריקעווענדיק אלץ ארום זיך. א טשערעדע שעפּסן האָט זיך פון פּחד פאר די צעיושעטע פערד, אוועקגעלאָזן לויפן באַרג ארויף און איז ארויפגעשפּרונגען אויף א זייט פונעם באַרג, ווו אלע שעפּסן האָבן זיך צו־נויפגעפּרעסט און צוגעטוליעט איינער צום צווייטן אין ציטערניש, ביז דאָס

מוראדיקע געשלעג וועט זיך ענדיקן... עטלעכע קי און אָקסן, וואָס פאַר־טראָגן ניט די צעווילדעוועטע שלעגער, טראָגן זיך אויך אָפּ פון דאָרטן און גייען מיט שווערע טריט, חשיבותדיק הרייענדיק מיט די לאַנגע עקן, ביז זיי קומען צום דראָטענעם צוים, וואָס טיילט אָפּ פעלד און שטאָט... זיי שטעלן זיך אָפּ ביים צוים און מעלה־גרהדיק באַטראַכטן זיי מיט אומעטיקע, פייכטע און אויסגעסטאַרטשעטע אויגן דעם צונויפגעלאָפענעם עולם מענטשן ביים קאַפּער-שענקל...

א ברוינער יונגערמאַן אין צעריסענע פעלד־שיך און אין א צעפלאַ־טערטן דינעם מאַנטל, וואָס אונטער אים הענגען אַראָפּ שטיקער שמאַטעס פון די הויזן, און אויפן קאָפּ א צעדרייטע צעפליקטע הוט, — האַלט אַן אַלטע קאָנצערטינע; טאַפּטשענדיק מיט דער לינקער פוס און דרייענדיק דעם קאָפּ אויף אַלע זייטן. מאַדנע באַוועגנדיק זיין פאַרשיכורטן האַלב־שוואַרצן פּנים, ציט ער פלינק די קאָנצערטינע, הייבט זי אַרויף און אַראָפּ, שפּילנדיק און צווינגנדיק ס'אַפריקאַניש לידל:

„צוקער־צווייגל, כ'וויל דיך האָבן...
וואָס וועט איצט די מאַמע זאָגן?...
זאָגט זי „ניין" — איז זיכער ניין;
נאָר זאָגט דער טאַטע „יע" — וועט'ס גיין..."

ער שפּאַרט זיך אָן אָן א טעלעגראַף־סלופּ און, אַרויסנעמענדיק א פלאַש ביליקן וויין, זויגט ער עס אויס אַפּעטיטלעך, לייגט די פלאַש אין קעשענע אַריין און נעמט זיך ווידער צו דער אַלטער קאָנצערטינע:

„צוקער־צווייגל, כ'וויל דיך האָבן..."

— „ווער איז דער דאָזיקער חברהמאַן?" — האָט עמעצער א פרעג געטאָן.

— „קענסט אים ניט?" — האָט אַן אַנדערער אָפּגעענטפערט מיט א פראַגע — „דאָס איז דאָך סעמי, סאָפּיעס זון, זיין טאַטע איז דאָך סיימאָן פלייק. זע נאָר — צווי טראָפּנס וואַסער..."

סעמי, מיט דער קאָנצערטינע אונטערן אָרעם, איז צוגעגאַנגען נענטער צום שענקל און אַריינגעשריען דורכן טיר:

— „מיסטער כראָבלער, גיב מיר נאָך א פלאַש „שערי", גיכער!"

הער כראָבלער, דער יונגער אויפזעער פונעם קאַפּער־שענקל, איז אַרויסגעקומען און שטרענג א זאָג געטאָן:

— „סעמי, דו ביסט צו שיכור, קענסט היינט מער ניט קריגן!"

— „כל זמן איך צאָל דיר, מוסטו מיר געבן, הערסטו? — האָט סעמי געשריען, זיך וויגנדיק אויף זיינע פיס.

— „ניין, קענסט ניט קריגן".

— „אויב דו גיסט ניט, וועל איך אַלע שויבן אויסברעכן".

כראָבלער איז פארשוואונדן געוואָרן און אנשטאָט אים האָט זיך באוויזן אַדרעאַן:

— „טראָג זיך אָפּ פון דאנען, אניט רוף איך א פּאָליציאַנט, וועסט חרטה האָבן, דו טאָרסט ניט שטיין אויף דער גאַס אין א שיכורן צושטאַנד און מאכן סקאנדאלן... טראָג זיך אָפּ, לויפער דו!..."

— „העי, העי" — האָט סעמי געענטפערט, ארויסשטעקנדיק דערביי זיין שטיפלעכע צונג — „מייגסט, דו ביסט דער גאנצער באלעבאָס, העי, העי?... ס'איז מיין „בלעדי" האָטעל, אזוי ווי דיינער, הערסטו, אדרעאַן? א העלפט געהערט מיר... ס'איז מיין „בלעדי" טאַטנס האָטעל, פאר־שטייסטו?... דו ביסט מיין „בלעדי" ברודער, קענסט עס ניט פארלייקע־נען... די גאנצע וועלט וויים עס... יע, ברודער מיינער, מיין מאמע איז שווארץ, אָבער מיין טאַטע איז ווייס, מיין טאַטע דיין טאַטע... אלץ איינס... דארפסט זיך ניט שעמען" — — — האָט סעמי געפּלאָפּלט, זיך וויגנדיק אויף די פיס, הייבנדיק די קאָנצערטינע און פאָכנדיק מיט איר אין דער לופטן, און לעקנדיק זיינע פארטריקנטע ליפּן האָט ער ווייטער הייזע־ריק געדרשנט:

— „נישטאָ זיך וואָס גרויס צו האלטן... יע, טאַטע איז טאַטע, מאמע איז מאמע... שוואַרץ צי ווייס... זעסטו? קוק!" — שטאַמלט ער, אָנווייזנדיק מיט דער רעכטער האַנט צום נאָענטן דראָטענעם צוים — „זעסטו? אָט שטייט דאָרטן א פעטער ווייסער אָקס מיט א דיקן גוידער, העי, העי... א קו, וואָס שטייט לעבן אים, איז שווארץ, א שווארצע קו, העי, העי... און די קעלבער זיינען ראבע... זיי שעמען זיך ניט און האלטן זיך ניט גרויס... אלע קעלבער גלייך... א ווייסער אָקס, א שוואר־צע קו, טאַטע איז טאַטע, מאַמע איז מאַמע, שווארץ צי ווייס... אלץ איינס... גיב מיר ווין, ווין זאָלסטו מיר געבן! — — —"

אַדרעאַן האָט א שפרונג געטאָן ווי א טיגער, אָנגעכאַפּט סעמין פארן צעריסענעם קאָלנער און אים גענומען שלעפּן:

— אויב דו טראָגסט זיך ניט אָפּ פון דאנען, דערהרגע איך דיך דאָ אויף אָן אָרט, דו שיכור איינער!"

— „אַזוי גאָר? א ברודער-מערדער ווילסטו זיין? ברודער איז ברו־דער, ווייס צי שוואַרץ... ווילסטו דיין ברודער הרגענען?... טאָ נאָ!"
— און סעמי האָט ארויסגעצויגן די פלאַש פון קעשענע, מיט גרויס אָנ־שטרענגונג זיך א מעסט געטאָן און דערלאַנגט אַדרעאַנען א זעץ איבערן שאַרבן. א רויטער שטראָם בלוט האָט א שפּאַר געטאָן פון אדרעאַנס קאָפּ...

9

דער איינציקער פריינד

— „ווו פילסטו דעם ווייטאָג?" — האָט געפרעגט דער דאָקטער סיי־מאָן פלייקן, וואָס איז געזעסן אויף א וויכן שטול אַנגעשפּאַרט אויף קישנס, אָנקוקנדיק דעם דאָקטער מיט זיינע שמאָלע אויגן, וועלכע האָבן אויסגעע־דריקט שרעק און פאַרצווייפלונג.

— „אָט דאָ" — האָט קוים געשעפּטשעט דער חולה, געוויזן אויפן האַרצן און בשעת מעשה פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אָן א זייט. — „ווען איך האָב באַ־מערקט דעם געשלעג ביים קאָפּער־שענקל, האָב איך מיך געלאָזן זיי פונאַנ־דערנעמען. פּלוצלונג זיינען מיר די פיס אָפּגענומען געוואָרן און כ'בין געפאַלן... ס'האָט געמוזט זיין א שווערער פאַל... ווען איך בין געקומען צו זיך, האָב איך זיך געפונען אָט דאָ, ניט ווויסנדיק ווי אזוי כ'בין אהער געקומען... איי, איי... מיין רעכטע האַנט און מיין רעכטע פוס זיינען דאָך אינגאַנצן געליימט, כ'קען זיי גאָר ניט באַוועגן. דאָקטער, וועט עס שוין אזוי בלייבן?...

— „זאָרג ניט, מיסטער פלייק, וועסט דיין האַנט ניט פאַרלירן, וועסט נאָך קענען עפּענען פלעשער שאַמפּאַניער מיט דער האַנט און וועסט נאָך קענען טאַנצן מיט דער פוס... נאָר רעג זיך ניט אויף און זאָרג ניט וועגן זייטיקע זאַכן. וועסט מוזן נאָך אָפּליידן א יאָר, ביז דו וועסט ווערן אינגאַנצן געזונט, אויב דו וועסט נאָר האָבן זייער א גוטע אויפּפּאַסונג. קאָרג ניט קיין געלט. האָסט דאָך נאָך פון וואָס צו לעבן. „קווינס האָטעל" געהערט דאָך צו דיר; און ווער ס'זאָל דיך אויפּפּאַסן האָסטו דאָך אויך. די שוואַר־צע סאָפיע באַדינט דיך אזוי געטריי און טרעט פון דיר ניט אָפּ אפילו אויף א מינוט. שטאַרק זיך און האַלט זיך רויק" — האָט דער דאָקטער פאַר־ענדיקט און זיך אויפגעהויבן אוועקצוגיין.

באַלד איז אַריינגעקומען סאָפּיע.

— „קוק ניט אַזוי טריב און זיי ניט אַזוי דערשראָקן" — האָט די שוואַר־צע סאָפּיע זיך געבעטן ביים קראַנקן סיימאָנען — „וועסט נאָך ווערן געזונט און וועסט דיין פאַרלאָזענעם ביזנעס נאָך אַרויפאַרבעטן, און ביז דו וועסט דיינע כחות ווידער אָנזאַמלען, וועל איך מיין לעבן לייגן דיך אויפצופּאַסן, ס'זאָל דיר קיין זאַך ניט פעלן... טרייב מיר נאָר ניט אַוועק פון דיר... באַלד ווי כ'האָב דערהערט פון דיין קראַנקייט, האָב איך ניט געקענט רוען. מיין האַרץ האָט מיר געבראָכן, ווען כ'האָב געטראַכט, ווי עלנט דו ביסט גע־בליבן און ווי פאַלש דיינע אייגענע מענטשן האָבן דיך באַהאַנדלט. קיין זאַך וועט מיר ניט שווער זיין פאַר דיר צו טאָן..."

— „סאָפּיע, כ'האָב דיך אַזוי געעוולה'ט..."

— „כ'בין דיר אינגאַנצן מוחל... אונדזער פּרעדיקאַנט האָט דעם פאַריקן זונטאָג אין קירך געזאָגט, אַז דער שטן באַהערשט אָפט אַ מענטשן — און דער שטן איז מעכטיק, אַזוי אַז דער מענטש איז אויף זיך גאָר קיין באַלעבאָס ניט... און גאָט וויל, אַז דער דאָזיקער שרעקלעכער שטן זאָל אויף אַ קורצער צייט די וועלט באַהערשן", — האָט ווייטער געזאָגט אונד־זער פּרעדיקאַנט — „ביז גאָט דערזעט די גרויסע צרות, וואָס דער בייזער שטן מאַכט אויף דער וועלט אָן, — דאַן שליידערט דער שעפער דעם שטן אין אַ טיפער גרוב אַריין און מענטשן ווערן דערלייזט פונעם מוראדיקן חושך... דאַן ווערן די האַרט-האַרציקע מענטשן גוט און פול מיט רחמנות און ליבשאַפט. אפשר וועסטו אויך ווערן גוט און גנעדיק צו מיר, ווי דו ביסט אַמאָל געווען, ווען דו פלעגסט זאָגן, אַז ווען אַ שוואַרצער מענטש שניידט זיך אין אַ פינגער, שפּריצט אַרויס בלוט, אַקוראַט ווי ביי אַ ווייסן..."

— „ווו... איז... דיין זון... איצטער?" — האָט סיימאָן קוים אַרויסגערעדט מיט דער האַרטער און שטייפער צונג.

— „ער איז נאָך אין תפיסה. מען וויל אים משפטן פאַרן וועלן באַגיין מאָרד. נאָר דער אַדוואָקאַט פאַרזיכערט מיך, אַז ער וועט אַרויס פריי. כ'דאַנק דיר פאַר דיין חסד, וואָס דו האָסט פאַר אים געלאָזט אָפּשרייבן אַ סומע געלט דורך דיין אַדוואָקאַט. כ'פאַרזיכער דיך, אַז דער שוואַרצער פאַרווילדעוועטער זון וועט נאָך ווערן אַן אַנשטענדיקער מענטש".

סיימאָן האָט מער גאָרניט געענטפערט. ער האָט בלויז אָנגעקוקט סאָ־פּיען מיט זיינע באַטריבטע אויגן און אין זיין מוח האָבן גענומען אַרומ־טראָמפּלען אָפּגעריסענע געדאַנקען... עפּעס משונהדיקע שאָטנס האָבן זיך צעשפּילט אויף דער וואַנט... די שאָטנס קומען און פאַרשווינדן... ווײ־

סע אָן שוואַרצע, קליינע און גרויסע מענטשן באַגעגענען זיך און גייען זיך פאַרביי, זיך צוואַרפנדיק איינער דעם אַנדערן שוואַרצע גיפטיקע בליקן פון שרעקלעכן האַס... אָט איז אַדרעאַן, ער גייט פאַרביי מיט העדוויגן געאָרעמט, און זיי ביידע וואַרפן אויף אים בליקן פון פאַראַכטונג... איי, אָט די ביידע פאַלשע נפשות דאַרף מען די צורות אויספּאַטשן... אָבער... וווּ זיינען זיינע הענט? זיינע הענט זיינען ליימענע; יע, שטיקער דיקע ברוינע ליים... „פון ליים גאָר? — וויל ער זיך שטאַרק צעקלאָגן. — „יע, יע, פון ליים" — ענטפערט אים אָפּ אַ שאָטן פון דער וואַנט. וועמעס קול איז עס? אַ, ס'איז דאָך דער קול פון בערקע דער מוליער, פון נאַר־ווילישקי. שאַ, עפּעס נאָך אַ שטימע מישט זיך אַריין, ס'איז דאַכט זיך, דעם פאַרבער פרענקס שטימע און ביידע אויף אַמאָל כיכען זיי:

— „אַ פיינער חפץ געוואָרן זאמקע פלאָקן!... נאָך וואָס איז ער אַהער געקומען אָט דער שוטה, דער זאמקע פלאָקן?!..."

געדרוקט אין „פּאַראָויס", 1939.

„אובאָמי בונזימאַ״*)

(ד ע ר צ יי ל ו נ ג)

די שטאַרק־ברענענדיקע מיטנטאָגעדיקע זון שרפה׳ט די אייזערנע דע־כער פון דער שטאָט ווילדערדאָרפּ, אין קאַפּלאַנד. ס׳דוכט זיך, אז אָט באלד ווערן זיי צעשמאָלצן אין דעם זונענפייער. קליינע שטיקלעך שטיינדלעך און ברעקלעך גלאָז ארום „דאַם״ בלאנקען און שימערן אנטקעגן דער זון, ווי דימענטן און בריליאנטן . . .

אויף דעם משופּעדיקן „דאַם״־ברעג זיינען זיך צוזאמענגעקומען קי מיט קעלבער און א קליינע סטאַדע ציגן און שעפּסן, וועלכע קוויקן זיך מיטן וואַסער, וואָס שטראָמט פון צווישן שטיינער־פאַרבאַרגענעם קוואַל. דאַרש־טיק אין שרעקלעכן היץ, ציען זיי אין זיך אריין ס׳וואַסער אזוי, אז ס׳דוכט זיך, אז זיי זופּן דעם גאנצן „דאַם״ אריין. פון הינטער א גרויסן שטיין, אויף וועלכן ס׳האָט זיך דורך לאנגע יאָרן אָנגעקליבן א סך זאמד און אין וועלכן ס׳זיינען אויסגעוואקסן דאַרנביימלעך, „מילכצווייגלעך״, עטלעכע שיטערע קוקורוזעס און א פּאָר זונבלומען, קריכן ארויס עטלעכע אייזלען פּאמעלעך און פויל, נאָר דערזעענדיק דאָס וואסער אין רחבותדיקן „דאַם״, ווערן די פוילע אייזלען לעבעדיק, באוועגן מונטער זייערע לאנגע אויערן מיט די עקן און לאָזן זיך אוועק אין א גאלאָפּ, הייבנדיק די הינטערשטע פיס פיל העכער פאר די פאָדערשטע און, פארדרייענדיק די קעפּ אויף א זייט, עפענען זיי די מיילער ברייט און צערעווען זיך מיט ווילדע קולות, אין וואסער אריינ־טאַנצנדיק. פון ווילדן געלויף ווערן די ציגן מיט די שעפּסן צעשראָקן. מיט מוראדיקן פּחד שפּרינגען זיי אָן אַן אויפהער איבערן פייכטן ברעג... עטלעכע זשאַבעס, וועלכע האָבן זיך אָנגעטאָן א תענוג און רויק זיך געוואַרעמט אין זון, ווערן פארציטערט פון די דערשראָקענע שעפּסלעך און מיט א קוואַקעריי און קוויטשעריי וואַרפן זיי זיך אין צעבורבלטן וואסער אריין . . .

א גערויש, א געטומל דערטראָגט זיך אהער פון אַן אנטקעגנדיקן בערגל, וואָס ליגט פּאַזע דעם שמאָלן וועג, צווישן שטאָט און „לאָקיישן״, ס׳הייסט: דאָס חוץ־למחנה־שטעטל, אָפּגעזונדערט פאר די שוואַרצע, וואָס באשטייט

*) Ubomi Bunzima — דאָס לעבן איז שווער.

פון קליינע אָרעמעביידלעך, צוזאמענגעשטוקעוועט פון אַלטע זעק, שמאַטעס, שטיקלעך בלעך און צוזאמענגעוואָרפענע רייען ציגל... דער טומל קומט פון א מחנה שוואַרצע, צו שווערער ארבעט פארמשפטע, ארעסטאנטן, וועלכע זיינען דאָרטן, ביים בערגל, באשעפטיקט מיט האַקן שטיינער פאר דער נייער תפיסה, וואָס ווערט דאָרט געבויט.

אין אָרדענונג שטייען די ארעסטאַנטן אין זייערע געלבלעך-גראָע לייוונטענע קורצע רעקלעך און הייזלעך ביז די קני. די נאקעטע פיס — אריינגעשטעקט אין אלטע פעלד־שיכלעך, און ברוינלעכע, צעקנייטשטע, שמאָלע שטריימלעך באדעקן די העלפט פון זייערע גלאַט אָפּגעגאָלטע קעפּ.

זייער וועכטער, א הויכער, דיקער, געזונטער פּאָליציאַנט, מיט א געלאָדענער ביקס אויף דער פּלייצע און מיט א רעוואָלווער אין זיין ברייטן גאַרטל, האָט די ארעסטאנטן איינגעשטעלט אין עטלעכע שורות, צו פינף אין יעדער שורה, און ער איז שטרענג מקפיד, זיי זאָלן זיך האלטן גלייך אין אלע באוועגונגען. גלייך מוזן זיי אלע שטין, צוגלייך זיך בייגן און צוגלייך ארבעטן. אויפאַמאָל, אלע גלייך, הייבן זיי הויך זייערע שווערע האַמערס אין דער לופט אויף, און אויפאַמאָל לאָזן זיי זיי אראָפּ איבער די גרויסע האַרטע שטיינער, וועלכע באַוועגן זיך מיט א מוראדיקן קרעכץ אונטער דעם טויטלעכן בראַזג פון דעם מעכטיקן שטאָל — און ווערן צעשפּרונגען, צעשמעטערט אויף פיצלעך...

און די גוואַלדיקע קרעכצן פון די צעקראַכטע שטיינער צעמישן זיך מיט די טרויעריקע שטימען פון די ארעסטאנטן, וועלכע זינגען מיט א הארצרייסנדיקן ניגון צום טאַקט בשעתן אויפהייבן די האַמערס און בשעתן אראָפּלאָזן זיי, ציענדיק די שטימען גלייך, הארמאָניש:

— „אָר־באָ־מי... בונ־זי־מא!... אָר־באָ־מי... בונ־זי־מא!..."

און פון יענער זייט באַרג ענטפערט אָפּ הילכיק א קלאָגעדיקער עכאָ, וואָס צעשיט זיך האַרמאָניש מיט דעם טרויעריקן געזאַנג פון די ארעסטאַנטן און מיט די לופט־רייסנדיקע פּראָטעסט־געשרייען פון די צעשמעטערטע שטיינער:

— „אָר־באָ־מי... בונ־זי־מא!... אָר־באָ־מי... בונ־זי־מא!..."

* * *

שטייענדיק אויפן שטיינערנעם בריקל פון איר „שאָפּ", ביים ברעג גאַס, נאָענט צום בערגל, ווו ס'ווערט געבויט די נייע תפיסה, קוקט זיך צו פרוי

אידאַ קאַפּמאַן מיט גרויסע פּייכטע אויגן — צו די אומגליקלעכע, פאַר שמאַכטע, אויסגעמאַטערטע און פון היץ פאַרסאַכנעטע אַרעסטאַנטן. און יעדער טאָן פון זייער געזאַנג צום טאַקט פון האַמער־קלאַפּ טוט איר א זעץ אין סאַמע האַרצן, וואָס וויל צעשפּרינגען פון צער און רחמנות...

נאָך ניט קיין פולע ניין-און־דרייסיק יאָר איז אידאַ קאַפּמאַן. איר שלאַנקע, ניט צו הויכע פיגור און הויך געהויבענער קאָפּ, אירע לייכטע באַ־וועגונגען, איר געשמאַקפולער סטיל אין קליידונג זיינען גוטע עדות אויף איר יוגנטלעכקייט און אויף איר שטאַרקן ווילן אַזוי זיך נאָך לאַנג צו האַלטן. נאָר אירע באַזילבערטע האָר מאַכן זי אויסזען א סך עלטער און דערציילן פון א גאַנצער וועלט דערפאַרונגען, אַנגעליטנקייט און שווערע איבערלע־בונגען; און איצטער, מחמת דער סצענע, וואָס שפּילט זיך אָפּ פאַר אירע אויגן און וואָס מאַכט אויף איר אַזא גוואַלדיקן רושם, דוכט זיך, אַז זי איז אין דער דאָזיקער רגע א שוואַכע, בלייכע, נידערגעשלאָגענע זקנה געוואָרן.

אידא קאַפּמאַן האָט פּלוצלונג אויפגעשווידערט: צוויי יונגע, נידעריקע, אויסגעדאַרטע אַרעסטאַנטן האָבן זיך אַרויסגעשלייכט פון דער שורה און, אוועקוואַרפנדיק זייערע שווערע האַמערס, זיינען זיי, ווי הונגעריקע וועלף, צוגעשפּרונגען צו אן איינרעדלדיקן האַנט־וועגעלע, אָנגעלאָדן מיט פּרוכטן, וואָס א יונגער קאַפער האָט געפירט פון א דערבייִיקן דערפל אין שטאָט אריין. מיט ווילדן חיה׳שן אימפעט האָבן זיי א כאַפּ געטאָן עטלעכע בינט־לעך באַנאַנעס, וויינטרויבן, פרישע פייגן און פערסיקעס און מיט מטורפדיק־הפקרדיקן אַפּעטיט האָבן זיי גענומען פרעסן די פּרוכט און וואַרפן שטיקלעך צו דער מחנה אַרעסטאַנטן...

דער פּאָליציאַנט האָט צוערשט מבולבלדיק, מעשה גולם אָנגעקוקט, ניט באַגרייפנדיק, וואָס דאָ טוט זיך, נאָר פּלוצלונג האָט ער די ביקס פונעם אַקסל אַראָפּגעכאַפּט און האָט זיך מיט אכזריותדיקער רציחה ווילד א לאָז געטאָן צו די צוויי יונגע אַרעסטאַנטן, שרייענדיק:

— „ממזרים, באַנדיטן, לויפערס, כ׳דערשיס אייך דאָ ווי די הינט!“

און מיט דער אונטערשטער דיקער זייט פון דער ביקס האָט ער זיי אַזוי פיל געשטורכעט, געהאַקט ווו נאָר די ביקס האָט אָנגעטראָפן, ביז זיי זיינען צעשלאָגענע, צעבלוטיקטע צו דר׳ערד אין חלשות געפאַלן.

— „די בעסטיאַלע לוסט צו פאַרצוקן, צו הרגענען האָט זיך אין דעם פּאָליציאַנט צעבושעוועט“ — מורמלט צו זיך אליין אידא קאַפּמאַן — „בשום אופן האָט דער פּאָליציאַנט קיין רעכט ניט צו הרגענען די אָרעמע

ארעסטאנטן, וואָס האָבן זיך אפילו ניט געפרוווט פארטיידיקן, אפילו קיין וואָרט אנטקעגן ניט ארויסגערעדט!"

און נערוועיש מיט דער האנט א גלעט טוענדיק אירע באזילבערטע קורצע האָר אויף דער רעכטער זייט קאָפּ, שטויסט זי זיך אָן אין איר מוח אויף א דערינערונג: גערעכט געווען איר מאן איסר קאפמאן, וואָס האָט אמאָל, מיט יאָרן צוריק, איר געזאָגט, אז די ירושה, וואָס איז דעם מענטשן געבליבן פון דער גאָרילע, אָט דער חיהשער באגער צו פארגיסן בלוט, צו הרגענען איז פאַראַנטוואָרטלעך פאר אלע צרות אין דער געזעלשאַפט.

— „וואָרט א ווײַלע, ביי וואָס פאר א געלעגנהייט האָט עס איסר געזאָגט?"

און הויך אין דער לופטן די אויגן אויפהייבנדיק דערמאָנט זי זיך:

אין געדיכטן וואַלד איז דאָס געווען, לעבן איר געבורט־שטאָט ד״ק, אין דער ליטע. איר פארטיי „פועלי־ציון" האָט דעם „בונד" ארויסגערופן אויף א דיסקוסיע. איסר קאַפמאן איז דאן געווען א חבר פון „בונד". „וואָס איז די סיבה פון דער בייזער שנאה צום יידישן פאָלק?" — איז די טעמע געווען.

איצט לעבן אויף איסרס ווערטער אין איר געדאנק. דאן האָט זי מיט אים ניט געוואָלט איינשטימען. ניין, זי האָט דאן שטאַרק דיספוטירט: „די סבה פון דער שטאַרקער שנאה צו יידן" — האָט זי געטענה׳ט אויף א הילכי־קער שטימע — „שטעקט דערין, וואָס בייזע מענטשן קענען ניט ליידן דאָס, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געהאט די חוצפה, אי דורך זייערע ערשטע נביאים, אי דורכן עוואַנגעליום, צו פּרעדיקן צו דער אויסגעלאסענער, בלוט־און רויבערישער וועלט־הערשאַפט — גוטסקייט, רחמנות, גערעכטיקייט און ליבשאַפט, וואָס ס׳איז זייער ניט באקוועם און לוינט זיך ניט פאר אָט די ברו־טאַלע הערשער... אוודאי קענען זיי דעם יידישן פאָלק ניט מוחל זיין פאר זיין וועקן די ערלעכע ריינע געפילן מיט גערעכטיקייט און יושר צו באַ־האַנדלען געפאלענע און געדריקטע, צו העלפן און באפרייען פארקנעכטע... נאָר דערפון קומט דער אייביקער בייזער האס צום יידישן פאָלק!..."

און איינדערמאַמתן, איז עס דען ניט לאָגיש? האָט זי דען אליין ניט גע־האָט די דערפאַרונג, אז מען ליידט שטאַרק פארן פּרעדיקן גוטסקייט און פארן פאָדערן יושר און גערעכטיקייט פאר פארשקלאפטע?...

איז איר דאָך טאַקע אליין אויסגעקומען זיך אָנצולײַדן פון איר אייגע־נעם פאָטער, דעם רייכן פאבריקאנט, זלמן טראָפּ, וואָס האָט איר אנוי גע־רודפט טאַקע נאָר דערפאר, וואָס זי האָט די דריי הונדערט ארבעטער פון זיין פאבריק געלערנט, זיי זאָלן באגרייפן די מעכטיקייט פון זייערע כחות,

און זי האָט זיי געוועקט און געמונטערט, זיי זאָלן פּאָדערן מענטשלעכע רעכט, יושרדיקע באַהאַנדלונגען און אַ העכערער געהאַלט... און ווען איר שטאָלצער פּאָטער האָט דעם אָנפירער פון דער ארבעטער־דעפּוטאַציע אַרויסגעיאָגט מיט באַליידיקונגען,-האָט זי די ארבעטער איבערגערעדט איר פּאָטער אַ שטרייק צו דערקלערן...

פון הויז האָט דער פּאָטער זי אַרויסגעטריבן דאַן, ווען די ארבעטער האָבן דעם שטרייק געוואונען...

וואָס זי האָט זיך דאַן אָנגעליטן!

ווען זי איז פון איר פּאָטערס רחבותדיקן הויז אַרויס, איז איר אויסגעקומען צו לעבן מיט אַ באַקאַנטע אָרימע פאַמיליע אין אַ טונקעלן, פייכטן קעלער מיט פאַרשימלטע ווענט, ווו מוראדיקע דחקות און קלאָגעדיקע וויסטעניש האָבן אַרויסגעשפּאַרט פון יעדן ווינקל, ווו אַ הערינג מיט אַ שטיקל שוואַרץ ברויט איז געווען די איינציקע שפּייז פאַר אַלע זיבן נפשות פון דער פאַמיליע. די שווערסטע ארבעט האָט זי מיט זיי מיטגעטאָן, דאָך איז איר דער דאָזיקער שטיקנדיקער דלות מיט אַלע זיינע שווערקייטן ליב און ניחא געווען, וויסנדיק אַז זי ליידט צוליב איר אידעאַל, צוליב איר פאָדערן גערעכטיקייט און מענטשלעכקייט!

און איר הייסע ליבע צו איסר קאַפּמאַנען, איר מאַן, איז דען ניט אַרויסגערופן געוואָרן אין איר האַרצן דורך דעם, וואָס זי האָט אים געזען ליידנדיק אָן אַ סוף צוליב זיין קאַמף פאַר אַלעך, וואָס איז גוט און נאָבל?

— „וואָרום קיין שיינעם פּנים האָט איסר געוויס ניט געהאַט" — טראַכט אידאַ — „וויפיל מאָל האָבן זיי ביידע זיך גוט אָנגעלאַכט פון זיין וויצלען זיך איבער זיך אַליין: אַז ווען ער דערזעט זיך אין שפּיגל ווערט ער איבערצייגט אין דער גערעכטיקייט פון דאַרווינס טעאָריע... „זע, אידאַ", — פלעגט ער זאָגן — „מיין פלאַציקע נאָז, מיט די ברייטער נאָזלעכער, מיט די אויסגעשטעלטע גראָבע ליפּן, מיט דער ברייטער קרומער מאָרדע מאַכן מיר דאָך פאַר אַ מאַלפּע! אידאַ, ווי קענסטו האָלט האָבן אַזאַ מנוול? — — —"

— „האַלט ס'מויל!" — פלעגט זי אים זאָגן פאַרגייענדיק אין געלעכטער — „זאָלסט ניט וואַגן אָפּלאַכן פון מיין געליבטן, הערסטו?... ס'פּנים איז טאַקע ניט צאַצקעדיק, אָבער ווייסטו דען, סאַראַ העלדישקייט און גבורה און מוטיקייט עס שפּאַרט אַרויס פונעם דאָזיקן פּנים?! און די פיגור — אַזוי הויך, ברייט, געזעצט, די ברוסט תמיד אויסגעשטעלט, געגרייט

ענערגיש און מוטיק אין געפערלעכסטן שטורעם פון שטרייט זיך באַלד צו ווארפן אויב נייטיק. און די ברייטצעעפנטע אלצוויסנדיקע קלוגע גראָע אויגן, — אזעלכע אויגן זיינען א סך וויכטיקער ווי א שיין פנים. זאָלסט עס וויסן און געדענקען, איסר קאפמאן!..."

* * *

אירע צערטלעכע געפילן און גרויסע אכטונג צו איסרן זיינען געקומען אין דעם אכטצענטן זומער פון איר לעבן, ווען ער, דער יונגער ישיבה־בחור, אין איין עלטער מיט איר, איז ארויסגעטריבן געווארן פון דער שטאָ־טישער ישיבה פאר זיין חוצפה צו מאָנען בעסערע באהאנדלונגען פאר די געדריקטע ישיבה־בחורים, וועלכע האָבן פיל געליטן אונטער די שווערע הענט פון די פאַנאַטישע משגיחים.

ווען זיין מוטער, די אָרעמע אלמנה, האָט קלאָגנדיק אים געמוסרט פאר זיין „ווידערשפעניקן" די גבאים און משגיחים, וואָס האָט אים געבראכט אזא אומגליק און צו אזעלכע בזיונות — ארויסגעטריבן צו ווערן פון דער ישיבה! — האָט ער געענטפערט:

— „מאַמע, איך קען זיך ניט העלפן. טיף אין מיין הארצן ברענט דאָס פייערל פאר די געדריקטע און געפייניקטע. און וואָס נאָך, כ'האָב פחד, אז די דאָזיקע צרות מיינע זיינען נאָך די קלענסטע. די גרעסטע פיין און ליידן וועלן ערשט נאָך קומען: איך פיל, אז איך וועל ניט קענען איינהאַלטן אין זיך דאָס פייערל פון פראָטעסט אנטקעגן אנדערע, גרעסערע עוולות, וואָס ווערן אויף דער וועלט אָפגעטאָן!..."

און טאַקע אין גיכן איז דער יונגער בחור קאַפמאן געווארן דער שטאָ־טישער יושר־מאָנער און רודף־צדק. אלע געקריוודעטע און געעוולטע האָבן זיך ארום אים געריבן און אים ניט אָפגעלאזן, באטראכטנדיק אים ווי זייער אייגענעם ברודער, קינד אָדער געטרייען פריינד, און ער איז תמיד זיי צוהילף געקומען מיט ראַט און טאַט אין אלע זייערע צרות און פאר־ביטערטקייט. איז אפרים כאַטשעס, דער גרויסער סוחר, פליטה געגאנגען און האָט אויפגעפרעסן די צענדליקע טויזנטער רובל פון יתומים און אל־מנות, פון חתנים, כלות און סתם יידן קליינהענדלער, — די אלע, וועלכע האָבן אים געהאַלטן פאר א גרויסן בטוח און ביי אים איינגעלייגט זייערע לעצטע פרוטות, וואָס האָבן זיך צוזאמענגעקליבן אין אוצרות, וועלכע דער קלוגיטשקער אפרים כאַטשעס האָט אין זיינע טיפע ברייטע קעשענעס

ארונטערגעלאָזן און איז נאָך געבליבן דער זעלביקער פיינער פרומער מזרח־ייד און האָט נאָך אַלץ געקראָגן אַלע כיבודים אין בית־המדרש און דעם גרויסן רעספּעקט אין גאַס — האָט איסר קאַפּמאַן געברענט ווי פייער; ער האָט צוזאמענגערופן א סך פון די קרבנות און האָט זיי אוועקגעפירט אין בית־המדרש גראד דעמאָלט, ווען אפרים כאטשעס איז צו „שלישי״ אויפגערופן געווארן. א שטאַרקן קלאַפּ טוענדיק אויפן טיש פון דער בימה, האָט קאַפּמאַן דעם גאַנצן ענין מיט קלאָרע דיבורים דערקלערט פארן עולם און מיט פלאַמפּייערדיקע קולות האָט ער געוועקט דעם המון, מ׳זאָל אָט דעם מוראדיקן בעל־עוולה נייטן, ער זאָל די באַרויבטע כאָטש א טייל פונעם רויב אָפּגעבן, און ווען אייניקע יידן האָבן אויסגעשריען: — „חצוף, אראָפּ פון בימה!״ האָבן זיך א לאָז געטאָן עטלעכע ברייטפּלייציקע בעלי־מלאכות און פורמאַנעס און האָבן געדונערט:

— „אויב איר לייגט א פינגער אויף איסרן, טראָגן מיר אייך, שיינע באַלעבאַטים, אין ליילעכער ארויס!״

און אפרים האָט דעמאָלט צוגעזאָגט א סך פון די קרבנות צו באַפרידיקן.

האָט עפּעס א מיאוסע מעשה געטראָפן ביים גביר פּיוויש גדאַליעס אין הויז, ווו צמח דעם שוסטערס יונגע שיינע טאָכטער וויטקע האָט געדינט און איז פארפירט געוואָרן דורך איר באַלעבאָס׳עס בן יחידל, בענציקען, וועלכער האָט געלייקנט, אז דאָס זונעלע, וואָס וויטקע האָט געבאָרן, איז פון אים, און פּיוויש גדאַליעס האָט מיט רוגזה ס׳אומגליקלעכע מיידל מיטן קינד פון הויז ארויסגעוואָרפן, — האָט איסר קאַפּמאַן ניט גערוט, ביז ער איז דער־גאַנגען פון בענציקעס חברים, אז דער בן־יחידל האָט זיך אליין פאר זיי באַ־רימט מיט זיינע פיינע מעשים אקעגן דער שיינער וויטקען...

דאַן איז איסר קאַפּמאַן, ווי א ריכטיקער גואל־הדם, צו פּיוויש גדאַליעס געקומען און נאָך אָפענע דערקלערונגען און היציקע וויכוחים האָט ער געפועלט, דער גביר זאָל ס׳אומגליקלעכע מיידל מיטן קינד באַזאָרגן מיט אַלץ, וואָס נייטיק איז, און זייער צושטאַנד פאר דער צוקונפט געהעריק פארזיכערן.

* * *

— „אזוי פיל פארערער האָט איסר געהאַט״ — טאַנצן אין אידא קאַפּ־מאַנס מוח די מחשבות — „ אָבער זי ווייס און ס׳איז ניט מער ווי נאַטיר־לעך, אז אין זיין שטיינער־ און דערנער־וועג פון שטענדיקן שטרייט קעגן רשעים און שאַרלאַטאַנעס האָט ער זיך געמוזט דערווערבן שונאים אויך.

און אין איר לעבן אויף די צוויי גרויסע פאַרביסענע פיינט, וועגן וועלכע ער פלעגט אָפט ריידן קריצנדיק מיט די ציין און בייסנדיק די ליפּן פון כעס און ווייטאָג.

איינער איז געווען דער פּריסטאַוו וואָראָוויטש: א נידעריקער, ברייט־ביינערדיקער כאָכאָל מיט א פּירקאַנטיקן בערדל און פאַרשפּיצטע וואָנצעס, א רשע און א גראָביאַן, וואָס זיין אַפּעטיט צו „לאַפּקע״ איז קיינמאָל ניט אָנ־געזעטיקט געוואָרן.

ער האָט זיך אָנגעזעצט אויף א יידישן קצב „כאַנקע בוריק״, וועלכער האָט זיך ניט געאיילט מיט א מתנה אין האַנט אריינצולייגן. ער איז כאַנ-קען די יאָרן דערגאַנגען. איין טאָג איז ער אריינגעקומען צו כאַנקען מיט א פּוריע:

— „זשיד, דיין קלאָץ איז ניט זויבער!״

— „וואָס רעדסטו, האָרעלע, זע ווי זויבער ס׳איז, כ׳האָב עס אליין טאָ־קע נאָך היינט געסקראָבעט און געוואַשן״ — האָט כאַנקע זיך געדרייט און געבויגן אונטערטעניק.

— „שווייג! דו זאָגסט ליגן!״ — האָט דער פּריסטאַוו זיך צעיושעט און אראָפּגעלאָזן כאַנקען א בערענענדיקן פּאַטש אין באַק אריין.

גראָד איז איסר קאַפּמאַן בשעת מעשה פאַרבייגעגאַנגען און דאָס אלץ צוגעזען. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און דערלאַנגט א זאָג:

— „כאַנקע, דו ביסט דאָך אזא גבר, וואָס שוויגסטו? דערלאַנג אים, אז די כאָלערע זאָל אים כאַפּן, מיט איין פּאַטש וואַרפסטו אים צו דר׳ערד. דערלאַנג כאַנקע, טאָמער וועט זיין א משפּט, וועל איך שוין זאָרגן פאַר דיר, דערלאַנג דעם כאַם, זאָג איך דיר!...״

נאָר כאַנקע בוריק האָט הכנעהדיקן געענטפערט, זיך האַלטנדיק פאַר דער באַק:

— „גיי, גיי... פּטור־פּטור, ער איז א גוטער גוי, א גוטער גוי...״

— „דער הונט איז ווערט דעם שטעקן!״ — האָט איסר קאַפּמאַן אין אויפרעגונג א געשריי געטאָן — „מיאוסער קנעכט דו!״

אין יענעם אָוונט האָט מען דעם פּריסטאַוו וואָראָוויטשן געפונען ליגנדיק אויפן שוועל פון זיין הויז אין א באַוווסטלאָזן צושטאַנד א צעקלאַפּטן, א קאַ-ליעטשעטן... און ווען ער איז געקומען צו זיין פאַרשטאַנד, האָט ער ארויסגעשיפּעט:

— „די שלעגער זיינען געווען עטלעכע יידישע ארבעטער, אנגעפירט דורך א הויכן געזונטן יידן מיט א פלאַציקער נאָז... אַיי, ווען ער פאלט צו מיר אין די הענט אריין!...״

פון דעם דאָזיקן שונא האָט קאפמאן געוווסט ווי זיך צו היטן. אָבער פון זיין צווייטן פיינט האָט ער זיך ניט איינגעהיט. דאָס איז געווען דער, וואָס ביי יידן האָט ער געהייסן „רבי איטשע לייזער קופערשטיין, דער איי־ביקער גבאי״ און גויים האָבן אים געקענט ניט אנדערש ווי: „איטשיקוס דער רייכסטער וואָכערניק...״ א הויכער ייד מיט א גרויסן בלאנקעדיקן שטערן, מיט א ברייטער לאנגער באָרד, וואָס האָט אזוי תקיפדיק זיך געריבן אָן זיין זיידענעם ברייטן גארטל. אין דער יוגנט איז איטשע לייזער געווען א גלעזער און אָן אביון. שפּעטער האָבן אים באקאנטע פויערים צוגערעדט, ער זאָל זיך נעמען צום מסחר פון חזיר־האָר. ער האָט געפאָלגט און ס׳איז אים גוט אוועק. עטלעכע פויערים דערציילן אָפט מיט התפעלות, ווי אָט דער איטשיקוס, דער גרויסער גביר, האָט אמאָל אליין געריסן די האָר פון חזירים... אמאָל — אזוי דערציילן זיי — האָט זיך א גרויסער דבר־אחר פון אים ארויסגעריסן און אים צו דר׳ערד א שליידער געטאָן. א געזונטער יונג איז ער געווען, האָט ער די קוויטשעדיקע חיה פארן קורצן עקל א כאַפּ געטאָן און, ניט אָפּלאָזנדיק, האָט ער זיך איבער דער ערד נאָכגעשלעפּט מיט דער באָרד איבערן חזירס עק צעשפּרייט, אזוי לאנג, ביז ער האָט אים שוין מער ניט געקענט איינהאלטן, דעמאָלט איז דער חזיר אוועקגעלאָפן כרוקענדיק און איטשיקוס איז געבליבן אויסגעצויגן אויף דער ערד מיטן פנים אין זאמד... ווי נאָר ער האָט א ביסל געלט אָנגעקליבן, האָט ער זיך מיט לייב און לעבן גענומען צו פּראָצענט און דאָס האָט אים גרויס עשירות געבראכט. אויסערגעווינטלעך איז ער געווען קארג, האָט מען פון זיין רייכטום קיין הנאה ניט געהאַט. קיין נדבות האָט ער ניט געטיילט. אָרעמע לייט האָט ער געהאַסט. אז ער דערזעט אן אָרעמאן אָנקומענדיק, איז אזוי ווי ער וואָלט א שלאנג דערזען — האָט ער זיך אמאָל אויסגערעדט. עטלע־כע קרובים אָרעמע האָט ער פון זיך פאריאָגט. קיין צדקה אנשטאַלטן האָט ער אויך ניט אונטערגעשטיצט. צו קויפן כבוד אין בית־המדרש האָט ער זיך געלאָזט קאָסטן מיט אן אָפענער האַנט און אויף יחוסדיקע שידוכים פאר זיינע קינדער האָט ער טויזנטער געשאָטן.

זיינע פארשטויסענע קרובים האָבן געהאַט פּיל צו דערציילן פון זיין מאוימדיקער קארגקייט. דערשלאָגענע קבצנים, וואָס דחקות און דלות האָבן פון זייערע פּנימער יעדן שאָטן פון שמייכל און פריילעכקייט פאר־

טריבן, פלעגן זיך פאַרגינען א געלעכטער, ריידנדיק צווישן זיך וועגן איטשע לייזער קופּערשטיינס קמצנות.

אַזוי, למשל, האָט דערציילט מייקע ציפּקעס דער וואַסער־טרעגער, אַז ווען ביי אים אין הייזל האָט מען זיך אַמאָל אויף א שטיקל שמחה געריכט, האָט זיין ווייב, ברײַנע די וואַסער־טרעגערקע, דערשמעקט, אַז ביי רב איטשע לייזערן האָט מען א שעפּס געקוילעט, און היות ווי דעם לונג־און־לעבער פאַרקויפט דער גבאי צו אָרעמע לייט אַלע מאָל ווען ער קוילעט א שעפּס, האָט ברײַנע שוין צוזאַמענגעקליבן א פּרוטה צו א פּרוטה אום זוכה צו זיין אָפּצוקויפן דעם לונג־און־לעבער. שוין א פּאָר וואָכן ווי מייקע ציפּקעס פאַמיליע האָט דעם טעם פון פלייש אין מויל ניט געהאַט — „ס'אַרא שמחה דאָס וועט זיין!" — האָט געטראַכט ברײַנע — „אַז זי וועט דעם לונג-און־לעבער אין הייזל אַריינברענגען!..." אָט איז שוין פרייטאָג, דער שעפּס איז שוין געקוילעט, ברײַנע אײַלט זיך מיט דער מטבעה צו רב איטשע לייזערן. מיט שמחה קוקט זי זיך אײַן אין הויף, זי זעט דאָס אָרט, ווו דער שעפּס איז געקוילעט, און קוועלט אָן פון פרייד... זי גייט צו צו דער הינטער־טיר, קלאַפּט אָן, און ווי זי קלאַפּט אין טיר, אַזוי קלאַפּט אין איר ס'האַרץ פון פרייד און ספקות צוזאַמען: ס'זאָל, חלילה, אַן אַנדער זולל־וסובא זיך ניט האָבן מקדים געווען... דער גביר רב איטשע לייזער קומט אַרויס פאַמעלעך חשיבותדיק:

— „וואָס גוטס, ברײַנע?"

— „ע... רב איטשע לייזער, א גוט יאָר אויף אײַך, כ'בין געקומען קויפן ביי אײַך דעם לונג־און־לעבער..."

— „אַ, ברײַנע" — ענטפערט דער גביר לאַנגזאַם און ס'ווערט איר פינצטער אין די אויגן — „א ביסל צו שפּעט... הע־הע... כ'לעבן, אָקערשט האָב איך עס פאַרקויפט... גיטקע לאה־אײַדעס האָט זיך אונ־טערגעאײַלט, הע־הע... זי האָט עס אָפּגעקויפט..."

— „א בראָך אויף מיר!" — קרעכצט ברײַנע א דערשלאָגענע — „ווײ איז מיר, וויפיל האָט זי אײַך געגעבן פאַרן לונג־און־לעבער? די הול־טייקע?..."

— „צען קאָפּיקעס" — ענטפערט ער שטיל, באַטראַכטנדיק די אַנ־טוישטע אביונטע מיט קאַלטע כמאַרנע אויגן.

— „ווײ איז מיר, רב איטשע לייזער, וואָס האָט איר זיך געאײַלט? אָט האָב איך דאָך גאַנצע צוואַנציק געבראַכט, נאַט זעט!"

רב איטשע לייזער מאַכט צו זיינע אויגן אין עגמת־נפש און שרייט צו זיין ווייב :

— „יענטע פייגע, קום נאָר אהער !"

די נידעריקע, דיקע יענטע פייגע קייקלט זיך פון טיר ארויס און מיט גראָע אויגן אָנקוקנדיק שרייט זי :

— „וואָס, וואָס האָט דאָ געשען ?"

— „אוי ווי" — זיפצט רב איטשע לייזער אין גרויס צער — „אוי ווי, יענטע פייגע, איך האָב פארזען און מיאוס פארזען !... כ'האָב דאָך געקענט קריגן גאנצע צוואַנציק קאָפּיקעס... אווו איז מיין שכל געווען ?... פארזען און מיאוס פארזען ! — — —"

דעם דאָזיקן עפּיזאָד האָט איסר קאפּמאַן באַשריבן אין א פעליעטאָן אונטערן נאָמען „פארזען און מיאוס פארזען", וואָס איז געדרוקט געווארן אין דער שטאָטישער צייטונג. און ווען דאָס איז פאַרגעלייענט געווארן איטשע לייזערן, האָט ער א צעקאָכטער געפילדערט :

— „אין קייטן וועט ער, דער באַנדיט, ביי מיר אוועקגיין !"

און דער באַליידיקטער געקרענקטער גבאי האָט גענומען זוכן מיטלען ווי אזוי דעם חצוף אָנצולערנען. און אז מען זוכט געפינט מען.

ער איז דערגאַנגען, אז איסר קאפּמאַן איז אַן אָנגעזעענער מיטגליד פון „בונד", איינער פון די אָנפירער איז ער גאָר דאָרטן. אלע שטרייקן ווערן דורך אים אויפגעהעצט און אָנגעפירט און ער איז דאָס דער חברה־מאַן, וואָס האָט געגרינדעט דעם זעלבסטשוץ צו פארטיידיקן יידן פון פּאָג־ראָמען.

מען דערציילט וואונדערלעכע מעשות וועגן זיינע גבורות און זיין העל־דישן ווארפן זיך אין די גרעסטע סכנות, איינשטעלנדיק זיין לעבן צו באַ־שיצן די הילפלאָזע נפשות און אָפּט ראַטעווענדיק זיי פון זיכערן טויט און פון שאַנדטאָטן. מען דערציילט נסים ונפלאות, ווי ער האָט מיט א קלוגן איינפאל א גאנצע מחנה פּאַגראָמשטשיקעס אריינגענארט אין יונה דעם בעקערס הויף, ווו ער האָט הינטער זיי פארשלאָסן די גרויסע שווערע טויערן, איינער אליין זיי אָפּגעהאַלטן אויף א לאַנגער צייט, און דערווייל האָט זיין קאָמאַנדע באַוויזן אַן אנדער מחנה כוליגאַנעס אויף אַן אנדער אָרט צו באַזיגן און דערנאָך קומען אים צו הילף און די פארשפּאַרטע באַנדיטן צו צעשלאָגן.

מען דערציילט אויך מיט התפעלות, ווי ער האָט געראַטעוועט פּיוויש דעם האָלץ הענדלערס דריי טעכטער פון זיכערן אומגליק, ווען די דריי

צעשראָקענע מיידלעך האָבן זיך אויפן צווייטן עטאַזש באַהאַלטן; זיבן מערדער האָבן זיך אין הויף אַריינגעריסן און, צושטעלנדיק אַ הויכן לייטער צו די איבערשטע פענצטער, האָבן זיי זיך געלאָזן קריכן אינדערהייך, היר־זשענדיק און שרייענדיק: „אומזיסט באַהאַלט איר זיך, איר שענסטע זשי־דאָווקעס אין שטאָט, מיר ווייסן, וואָס גוט איז, באַלד האָבן מיר אייך אינ־גאַנצן...״ אָבער איסר קאַפּמאַנס אויג האָט זיי גוט נאָכגעשפּירט. ער האָט זיך באַהאַלטן אין אַ טיפן מיסטקאַסטן, מיט פּאַפּירן און פּאַרפּוילטע זעק זיך צוגעדעקט און פון זיין באַהעלטעניש האָט ער די ערשטע דריי רוצ־חים פונעם אויבערשטן טרעפּ פון לייטער מיט זיין רעוואָלווער אַרונטערגע־שאָסן; די איבעריקע פיר מערדער, צעטומלט ווערנדיק און ניט וויסנדיק, פון וואַנען די דאָזיקע גוטגעצילטע קוילן קומען, האָבן זיי זיך ווי די קלעצער אַראָפּגעקייקלט פונעם לייטער און זיינען, ניט־טויט־ניט־לעבעדיק, פונעם הויף אַנטלאָפן...

און נאָך אַזעלכע זאַכן ווייסן אַלע...

און איטשע לייזער האָט עס אויך אַלץ געוווּסט, ווען ער האָט איסרן פאַר דער האַנט אָנגעכאַפּט. אַ שבת איז עס געווען, פאַרן לייענען די תורה. מען האָט געעפנט דעם ארון־קודש צו „אויסנעמעניש״, איז אינמיטן דערינען אויסגעוואַקסן איסר קאַפּמאַן אויף דער בימה, אַרומגערינגלט פון אַ מחנה יונגעלייט. ער האָט דערלאַנגט אַ מעכטיקן קלאַפּ אין טיש און זיך צעלאָזט אין אַ פייערדיקער רעדע וועגן דער נייטיקייט צו שטיצן דעם זעלבסטשוץ...

* * *

נאָך אין דעם זעלביקן אָוונט איז איסר קאַפּמאַן געריפן געוואָרן צום פּאָליציי־שעף און ער האָט געהאַט אויסצושטייין מיאוסע באַליידיקונגען פון אַ פּאָר פּאָליציאַנטן, איידער ער איז צוגעשטופּט געוואָרן פּנים אל פּנים צום הויכן „טשינאָווניק״ וועמען ער האָט געמוזט ענטפערן אויף אַ סך פראַגעס:

— „מ׳זאָגט, אַז דו לאָזט דיינע ברידער ניט דאַוונען... איז עס אמת?״

— „ס׳איז ניט אמת, יידן זיינען זייער איינגעשפּאַרט; ווען מען וויל זיי אָוועקרייסן פון דאַוונען, דאַוונען זיי דווקא... אָט איז אַ פאַקט: מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט מען אויף יידן געמאַכט אַ פּאָגראָם, געברענט די שול, זיינען יידן געשטאַנען און געדאַוונט מיט כוונה, ווי ניט זיי מיינט מען עס... טאָ ווי קען מען עס יידן ניט לאָזן דאַוונען?...״

— „גליבסטו, אז עס איז דאַ א גאָט אויף דער וועלט ?" — איז דער טשינאָווניק אים פלוצלונג אריינגעפאַלן מיט א פראַגע.

— „איך ווייס ניט... נאָך די צרות און דעם עלנט, וואָס מענטשן ליידן זיך אָן פון בייזע הפקרדיקע מענטשישע הענט, איז שווער צו גליבן, אז ס׳איז דאַ א גאָט..."

— „געהערסטו, הייסט עס, צו די סאָציאַליסטן ?"

— „דאָס הער איך פון אייך..."

— „דיינע גלויבן־גענאָסן זאָגן עס אויך..."

— „כ׳בין זיכער, אז מיינע שונאים, וואס ווילן מיר טאָן בייז, האָבן עס אייך דערציילט" — האָט איסר געענטפערט געלאסן.

— „אָבער דו קענסט עס ניט אָפּשטרייטן, פונקט אזוי ווי דו קענסט ניט לייקענען, אז היינט פרי האָסטו אין שול ניט געלאָזט דאַווענען און האָסט געהאלטן א פייערדיקע דרשה לטובת דעם יידישן זעלבסטשוץ, וואָס דו האָסט אָרגאַניזירט".

— „איך גליב, אז ס׳איז קיין עוולה ניט פון שוצלאָזע שעפּסן שוץ צו זוכן, ווען חיות ווילן זיי פארצוקן" — האָט איסר געזאָגט, דעם „טשינאָווניק" גלייך אין די כיטרע אויגן אריינקוקנדיק.

— „אָבער די יידישע פירער זיינען דאָך גאָר קעגן דיין מיינונג. זיי זאָגן, אז די רעגירונג קען זיך אליין אָן עצה געבן מיט די פּאָגראָמשטשי־קעס" — האָט דער שעף רויק ווייטער געזאָגט מיט א הארטער שטימע.

— „אזעלכע פירער זיינען ניט בעסער פאר די פּאָגראָמשטשיקעס" — האָט איסר קאפמאן געזאָגט שטיל און דייטלעך — „איבעריקס, האָב איך אזעלכע פירער ניט געזען..."

— „ברענגט אריין דעם יידן איטשיקוס קופערשטיין !" — האָט דער שעף אויסגעשריען צו א פּאָליציאַנט.

די אויגן פרומלעך צוגעמאכט, זיך גלעטנדיק זיין הויכן גלאנציקן שטערן, איז דער גבאי איטשע לייזער אריינגעקומען און פאמעלעך זיך זעצנדיק אויפן שטול, וואס א פּאָליציאַנט האָט אים בכבודיק צוגערוקט, האָט ער שטיל געוואַרט אויף דעם הערשערס שאלות און דערנאָך אויף זיי געענטפערט אָן אָפּהאַלט און פול מיט הכנעה.

צי קען ער קאפמאנען ? — אוודאי קען ער אים. ער האלט אין איין פארפירן און העצן די רויקע יידן, וואָס האָבן ליב דאָס לאנד מיט אלע גע־

זעצן, אַט ווי זיי זיינען. די יידן זיינען אין אמתן ערלעכע טרייע דינער פון דער רעגירונג און האָבן גרויס דרך־ארץ פאר די פירער און „טשינאָווניקעס“ אָון אפילו אז א פריסטאָוו אטאקירט און זידלט אָן, איז אויך קיין בייז ניט... אָן ערלעכער ייד שפרינגט ניט אין די אויגן, אז א שררה דערלאנגט אים אפילו א פאטש, בייגט ער איין דעם רוקן און זאָגט: „קלאַפּ, קלאַפּ!...“ אזוי איז עס געווען אלעמאָל און אזוי דארף עס איצט אויך זיין... אונדזער גלויבן לערנט אונדז צו בעטן גאָט פארן מלך און פאר זיינע דינער, אַניט וואָלטן מענטשן זיך אַנאַנדער לעבעדיקערהייט איינגעשלונגען... איך בין שוין לאנגע יאָרן גבאי און איך האָב מיינע יידעלעך אזוי דערצויגן, מ׳זאָל האָבן אָפּשיי, בושה זאָל מען האָבן און אָפּגעבן כבוד „נאַטשאַלסטווע“, אזוי ווי מען גיט אָפּ כבוד א רב אָדער א גבאי... אָבער אוי וויי, אַט די דאָזיקע איסר קאפּמאנס, וואָס מיר האָבן, אַט זיי מאכן אָן אלע מרידות, ניט אויסצוהאלטן. צוליב זיי לידן מיר...“

שטום האָט איסר קאפּמאן געשאָקלט זיין קאָפּ, באטראכטנדיק דעם שפלדיקן גבאי פון אויבן ביז אונטן, און זיינע שטאַרקע פויסטן האָבן זיך א הייב געטאָן. און ווען צוויי פּאָליציאנטן האָבן זיינע אָרעמס א כאפּ געטאָן, האָט ער שטיל און קלאָר ארויסגערעדט צו איטשע ליזערן:

— „כ׳וואָלט דיר א פולן פנים אָנגעשפּיגן, נאָר דו ביסט צו שמוציק און צו טמא פאר מיינע שפייעכץ אפילו, דו נידערטרעכטיקער פארפוילטער וואָרעם!...“

* * *

„... או־באַ־מי בונ־זי־מא... או־באַ־מי בונ־זי־מא... טראָגן זיך די אומעטיקע קלאנגען צו אידא קאפּמאן, וואָס נעמט אויף א רגע ניט אוועק פון די אומגליקלעכע ארעסטאנטן אירע אויגן, וואָס טריפן מיט הייסע טרערן, בעת אין איר זכרון וועבט זיך ווייטער דאָס געוועב פון אירע מחשבות וועגן איר געליבטן איסרן...

... דורך די זעקס חדשים, וואָס ער איז געווען פארשפּארט אין תפיסה פארן אָרגאניזירן דעם זעלבסטשוץ אין זייער שטאָט און פאר זיין סאָציאַליסטישער ארבעט, האָט ער געהאלטן אין איין שרייבן פּראָזע ווי אויך לידער, וועלכע די פּאָליטישע ארעסטאנטן האָבן אויפגעכאפּט דורך די קלעפּ אין די ווענט און איינעם דעם אנדערן איבערגעגעבן. מ׳האָט ניגונים צו די ווערטער פארפאסט און די געפאנגענע האָבן טרייסט און מוט אין די דאָזיקע לידער געפונען.

אידא האָט שפּעטער זיינע שריפטן אזוי טייער געהאלטן, זי האָט אלץ געחלומט וועגן דרוקן א בוך פון זיינע דערציילונגען און לידער. „האלט אָן אין שרייבן!" — פלעגט זי אים וועקן און מונטערן — „די וועלט וועט דיך מוזן אנערקענען". אים האָט אָבער געצויגן צו כעמיע. ער האָט אָן אויפהער געלערנט, און ווען ער האָט זיין ציל דערגרייכט, איז אָנגקומען די וועלט־מלחמה. ער איז אוועק אין מיליטער און זי איז פארטריבן געווארן, צוזאמען מיט אלע יידן פון איר שטאָט, עפּעס אין א קליין שטעטל ארום קאַזאַן. זי האָט זיך דאָרטן אָנגעליטן זייער פיל. די וואָגלעניש, דאָס ארומשלעפּן זיך אין שמוציקע וואגאָנעס, דאָס שווערע לעבן אין יענעם חושכדיקן גלות — וויל זי גאָר אויפן זינען ניט ארויפברענגען, אזא מיאוסער בייזער חלום אויף דער וואָר איז עס געווען!

...ווידער צוזאמענגעקומען זיינען זיי באלד נאָך דער מלחמה. זייער שטאָט א תהו ובהו, בערגלעך צוזאמענגעפאלענע חורבות... די יידן — וויסטע שאָטנס... פון שולן קיין זכר נישטאָ... איטשע לייזער דערשאָסן דורך רעוואָלוציאָנערן. איסר קאפמאן איז צוריקגעקומען אהיים אויסגעמאטערט, אויסגעווייטאָגט, אָבער נאָך אלץ גאנץ אין גוף מיט אלע זיינע גלידער און — דער עיקר — גאנץ אין זיין מוט און ווונדערבארער העלדישקייט... ער, דער פרייער גייסט, נעמט זיך גאָר די יידישע געמיינדע אויפצושטעלן, אויפצובויען. מען וווּנדערט זיך: אָט דער איסר קאפּמאַן, דער אפּיקורוס, דער רעוואָלוציאָנער, באשעפטיקט זיך גאָר מיט גרינדן קהילות... אָבער איסר שטעלט אויס די ברוסט, הייבט אויף די ברייטע פּלייצעס און זאָגט שמייכלנדיק: א יידישע קהילה שאַדט גאָר ניט, עס דארף נאָר זיין געבויט אויף ריכטיקע יסודות, זאָל זיין אפילו ישעיה הנביא׳ס יסודות... אדרבה, אז מיר, ראציאָנאליסטן וועלן זיך דערמיט אָפּגעבן, וועלן מיר ניט דערלאָזן די איטשע לייזערס צום שיסל.

...עס בייטן זיך רעגירונגען. איסר קאפּמאן געפינט א וועג צו יעדער נייער ממשלה, ביי אלעמען איז ער נושא חן און ער ארבעט איבער זיינע כחות און פּועלט אויס גינסטיקע באדינגונגען פאר די צוריקגעקומענע פארטריבענע, נידערשלאָגענע, צעבראָכענע, וועלכע זעען אויס צו פערציק יאָר ווי זיבעציק־יאָריקע זקנים... אלע טירן פון די נייע הערשער זיינען אָפן פארן העלדישן איסר קאַפּמאַן. אלע זיינע אונטערנעמונגען לטובת די הילפסלאָזע, פארשמאַכטע און פארדלותטע גיבן זיך אים איין. ער בויט אויף מיט דער הילף פון די צוריקגעקומענע יידן א מושב־זקנים, א בית־יתומים, ער בויט א האָספּיטאָל און ברענגט אלע נוצלעכע אינסטיטוציעס

פון דער געמיינדע אין אָרדענונג. ער ווערט געדאנקט און געלויבט, ער איז באליבט און פארגעטערט. פלוצלונג שטורעמען די דייטשן אריין און פארכאַפּן די מאַכט. נייע שיסערייען, נייע רציחות און גוואַלד־אַקטן. אלס פראָוויזאָר געפינט איסר א בכבודיקן אָרט ביי די דייטשן, זיי רעכע־נען זיך מיט זיינע עצות און צוליב אים ווערן די יידן אין שטאָט גוט בא־האנדלט.

— „ס'גייט נאָך אַלץ גאָר נישקשה, מיין ליב ווייבל" — האָט איסר איינמאָל אין א ווינטער נאכט געזאגט צו זיין אידאן, מיט וועמען ער האָט אזוי גליקלעך געלעבט זינט זייער שטילער חתונה שוין איבער א יאָר — „אָבער ווער ווייס, ווי לאנג די גוטע צייט וועט נאָך אָנהאלטן ?..."

— „לאָמיר ניט טראכטן וועגן ערגערע צייטן" — האָט געענטפערט אידא, זיך טוליענדיק צו אים — „אזא פראָסטיקע נאַכט" — האָט זי זיך פלוצלונג צעזיפצט — „אז מיר דאָ, אין א ווארעמען הויז, פילן די קעלט, טאָ ווי פרירן שוין די אָרעמע נעבעך !... שא, ווער קלאפט עס אין טיר אזוי שפעט ?..."

איסר איז צוגעלאָפן האסטיק צו דער טיר :

— „אָ, דאָס ביסטו, פריטש ?"

— „יע, דאָס בין איך !" — האָט אויף גיך געענטפערט א יונגער דייט־שער שרייבער פון מיליטערישן האָספּיטאָל, איסרס א צוגעטאָנענער גוטער פריינד, און ער האָט קוים געקענט ציען זיין אָטעם.

— „ס'דראָט דיר א געפאר. א רוסישער שפּיאָן דינט אין אונדזער ארמיי. ער האָט ארייגעשיקט וועגן דיר א רעפּאָרט, שילדערנדיק דיך ווי א געפערלעכן באָלשעוויק... מען גרייט פאר דיר צו א פאסטקע. אנטלויף באלד... וואַרט ניט קיין איבריקע רגע, דו ביסט אין דער גרעס־טער סכנה ! — — —"

— „ווייסטו אפשר דעם נאָמען פונעם שפּיאָן ?"

— „געוויס ווייס איך. ער הייסט וואָראָוויטש..."

* * *

— „...אור־באָ־מי... בונ־זי־מא... אור־באָ־מי . . . בונ־זי־מא" — הילכן אין דער לופטן די טרויעריקע, קרעכצנדיקע עכאָס פון די אויסגע־צויגענע האלבווינעדיקע טענער פון דעם מעלאַנכאָלישן ניגון פון די שוואר־צע ארעסטאַנטן, באַגלייט פון די קראַכעדיקע קלעפּ פון די שווערע ברעך־

האַמערס, אונטער וועלכע ס'צעשפּרינגען די האַרטע שטיינער, זיך פונאַנ־דערפאַלנדיק אין שטיקער...

— „אַט אַזוי וויל מיין האַרץ אין שטיקער צעשפּרינגען!" — טראַכט אידאַ קאַפּמאַן און אַ שווער פּרעסעדיקער צער נאַגט איר נשמה. זי טריקנט מיט אַ זיידענעם טיכל אירע טרערן און עס וויקלט זיך ווייטער אויס דער זכרונות־קנויל אין איר פאַרקלעמטן האַרצן:

...ווי עלנט, ווי צעבראָכן זי איז געבליבן, ווען איר איסר איז אין יענער פינצטערער ווינטער־נאַכט געצוווּנגען געוואָרן צו אַנטלויפן פון דער זיכערער טויט־סכנה, וואָס האָט אויף אים געלויערט.

דאַן האָט זיך ס'פּאַפּיר־לעבן אָנגעהייבן...

גוטע חברים האָבן איסר קאַפּמאַנען קיין לאָנדאָן אַריבערגעפּעקלט, פון דאָרטן האָט ער זיך איינגעבעטן ביי אַן אַפריקאַנער פעטער, ער זאָל אים קיין אַפריקע אָפּנעמען. מיט צרות איז אים עס אָנגעקומען ביז ער האָט עס אויסגעפּועלט.

זיינע ערשטע בריוו זיינען געווען פול מיט אַנטוישונג און פאַרביטערט־קייט. „ס'האָט ניט געלוינט צו אַנטלויפן פון בער און אַריינפאַלן אין לייבנ־גרוב, ווו מענטשן ווערן דערשטיקט אונטער דער שטאָלענער האַנט פון קאַפּיטאַל" — האָט ער געשריבן — „דאָרטן האָט געפּאַר איבער אונדז גע־שוועבט, אמת. אָבער ס'איז געווען אַ לעבן פון אַן אידעאַל, און אין עצם קאַמף האָט זיך געוועבט די האָפענונג פאַר אַ צוקונפט פון גערעכטיקייט. דאָ הערשט מעכטיקע אכזריות, פאַרדעקט מיט אַ דעמאָקראַטישער הילע און מיט „דזשענטלמענשע" הענטשקעס. מיט אַ צוקער־זיסן שמייכעלע און מיט פוטער־ווייכע ריידעלעך צעטרעטן די גאָלד־הערשער זייערע אַר־בעטער, די אמתע שעפער פון אַלע זייערע אוצרות, פאַרניכטן זייער מענטש־לעכע ווערדע אַזוי, אַז זיי אַליין זיינען שוין איינגעגלויבט צו טראַכטן, אַז זיי זיינען פון גאָט־באַשטימטע חושכדיקע ברואים, וואָס זייער גאַנצער „יש" באַשטייט אין בלאָטיקער קנעכטשאַפט און אין אַ צרהדיקן לעבן, ערגער ווי די הינט — — —"

איסר קאַפּמאַן האָט מיט אָפענע אויגן דאָס לעבן באַטראַכט. זיין פע־טער, מלך קאַפּמאַן, אַ נידעריקער ברוינלעכער ייד מיט אַרויסשטאַרצעדיקע אויגן, — אַ פאַבריקאַנט פון מענערשע בגדים, האָט זיך געהאַלטן האָפערדיק, תמיד אַרויסגעוויזן זיין איבערשאַפט און אים אָפט פאָרגעוואָרפן דעם חסד, וואָס ער האָט געטאָן מיט אים, אַראָפּברענגענדיק אים קיין אַפריקע. אין

פאַבריק איז פאַר איסרן קיין אָרט ניט געווען. אַלע שטעלעס פאַרנומען. פּראָוויזאָר פּראַקטיצירן האָט ער ניט געטאָרט. ער האָט געמוזט דאָ די גאַנ־צע תורה פון „בראשית" אָנהייבן, אַפריקאַנער עקזאַמענס געבן אין די, פאַר אים אומבאַקאַנטע שפּראַכן, אַפריקאַאַנס און ענגליש. דאָס האָט גע־מיינט אַ לאַנגע צייט פאַרטיפן זיך אין שטודירן און אַ סך געלט, דער תמיד אַנגעברויגזטער רייכער פעטער האָט זיך דערויף ניט געוואָלט לאָזן קאָסטן. „פּראָוויזאָר־שמיזאָר" — האָט ער געזאָגט, שליידערנדיק די קורצע, גראָ־בע, האָריקע הענט אין דער לופטן און איינקאָרטשענדיק די מאַסיווע פּליי־צעס — „כ'ווייס, טו, וואָס איך האָב געטאָן, ווען איך בין אהער געקומען. ניט ווייט פון „לאָקיישן" איז דאָ אַ שאָפּקע צו דינגען. שטעל זיך אוועק, פאַרקויף די קאָפּערס „אייריש־סטיו" און קאָלדרעס, וועסטו בייטאָג פאַר־דינען געלט און ביינאַכט — לערנען! וועסטו אויסהאַלטן די עקזאַמענס, איז געוויס גוט, אַניט בלייבסטו אַ קרעמער. נו, מה רעש? וואָס פעלט מיר, אַז איך בין געווען אַ קרעמער. קרעמערײַ איז קיין שאַנדע ניט. אַ שאַנדע איז צו זיין אַ גנבֿ, אָדער אַ סאָציאַליסט, אַ קאָמוניסט, ווייס איך?...

— „וואָס מיינסטו דען, אַז נאָר די, וואָס דאַרפן פאַרפוילט ווערן אין טורמע פאַר זייערע קאָמוניסטישע משוגעתן, — נאָר זיי ווייסן אַלץ? וואָס מיינסטו, אַז מיר, אַלטע אַפריקאַנער, זיינען פאַסטעכער, וואָס? גרינע חיה דו! זאָלסט וויסן זיין, אַז איך בין אַן אויסגעגרינטער אַפריקאַנער, וואָס האָט שוין אייגענע הייזער, אַן אייגענע פאַבריק און אַ מאָטאָר־קאַר! וועסט נאָך לאַנג פּאָקן און מאָזלען, איידער דו וועסט נאָך קענען אפילו חלומען פון אַ מאָטאָר־קאַר, הערסטו?"

אַ גראָלעכער שאָטן פון פאַראַכטונג און קאַמף־גרייטקייט האָט אריבער־געפלאָטערט איבער איסרס נאָז און ליפּן. אריינשטעלנדיק די הענט אין זיינע הויזנקעשענעס, האָט ער נאָר באַוויזן ארויסצורײדן: „הערט זיך נאָר איין, אויסגעגרינטער פעטער מיינער..." ווי מיסעס קאַפּמאַן, זיין מומע, אַ טאָפּלט־גוידערדיקע הויכברוסטיקע מיטליאָריקע פרוי, אין אַ דיקן בלאָען זיידענעם קלייד און באַהאַנגען מיט מאַסיווע גאָלדענע צירונג — האָט זיך פּלוצלונג אריינגעלאָזן מיט גרויס אימפּעט, הייבנדיק אירע באַ־אָרמבאַנדטע און באַרינגטע הענט, מיט וועלכע זי האָט מבולבלדיק געפּאָכעט אַ באַשריבן העפט, שרייענדיק מיט קולות:

— „מלך, מלך, אַ קלאָג איז אונדז, זע, ער האָט דאָך אונדז פון קאָפּ ביז פיס אָפּגעשריבן!"

— „ווער? וואָס? טריינע! וואָס איז דאָס פאַר אַ צרה?"

— „אוי, ווי, מלך! אַט דער איסר, דער טייערער פלימעניק אונדזע־רער, האָט דאָך אונדז אַפּגעשריבן!... איך האָב שוין עטלעכע טעג באַ־מערקט, ווי ער זיצט טאָג און נאַכט און טינטלט דאָרטן אין זיין קאַמער... בין איך דאָך אַ בעלן צו זען, וואָס טינטלט דאָס אַ מענטש טאָג און נאַכט? גיי איך מיר אַריין אין קאַמער, טאַקע איצט אָ, און טו אַ קוק, ערשט, אוי, אַן אומגליק! ער האָט דאָך אונדז באַשריבן, פונקט ווי מיר זיינען... זע, אַקוראַט ווי דו ביסט קורץ, גראָב, בייזאויגיק. האַריקע הענט און כמעט אַ דבר־אחר!... און איך... זע מלך, זע, וואָס ער האָט פון מיר גע־מאַכט!... ער האָט דאָך אונדז ביידן צו קויט און צו בלאָטע געמאַכט, אַ חורבן אויף אונדז!... זע, ער רופט דאָך אונדז „קאַרטעווניקעס" און „מטושטשע מוחות" רופט ער דאָך אונדז אין זיין טינטלעריי... און פוס־טע ברוסטקאַסטנס באַהאַנגען מיט גאָלדענע קייטן... ער האָט דאָך אונדז אָפּגעכריאַסקעט פון קאָפּ ביז די פיס... ווי, ווי, זע, ער לאַכט נאָך גאָר!... מלך, טרייב אים אַרויס, דעם פאַדליעץ!..."

"...איסר קאַפּמאַן וואַרט ניט, ביז מען שליידערט אים פון הויז אַרויס"

— האָט ער צו זיין אידאַן געשריבן. ער האָט זיין פעטער און מומען דער־קלערט, וואָס זיי זיינען, ניט אין צו איידעלע אויסדרוקן און פאַרזיכערט האָט ער זיי, אַז ער וועט בעסער זיין צוזאַמען מיט ערלעכע קאַפערס, איי־דער מיט זיי. און ווען אַ געשעפטס־מאַן האָט אים אָנגעבאָטן אַ שטעלע אַלס פראָבן־רייזנדער, האָט ער עס אָנגענומען. צוויי יאָר האָט ער זיך איבער דער מדינה אַרומגעשלעפּט, ווו אַ טאָג, ווו אַ נאַכט, געהאַרעוועט אַ סך און זיך שטאַרק אָנגעשטרענגט דעם „שניט" פון אַפריקאַנער מסחר צו דערגיין. ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז קיין אַפריקאַנער סוחר וועט ער שוין ניט קענען זיין. פאַר זיין באַלעבאָס האָט ער טאַקע אַ גוטן ריווח אַריינ־געבראַכט, אָבער פאַר זיך האָט ער קוים אויפן לעבן פאַרדינט און ס'איז אים זייער ווייניק געבליבן פאַר אידאַן אַהיים צו שיקן, פון אַראָפּבריינגען זי אַהער האָט גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין. ווי אַזוי? מיט וואָס? און וווהין?...

"...און די צייט און די כחות ווערן צערונען — — —" האָט אידאַ געשריבן — „ווייניק גוטס האָבן מיר גענאָסן אין אונדזער לעבן, איסר, ווייניק פאַרגעניגן האָבן מיר צוזאַמען געהאַט. און דאָס האַרץ און דער גאַנ־צער „איך" פאַרלאַנגט אַזוי צו טרינקען פון לעבנסזיסקייט. זיי זיך מודה, איסר, ביסט דאָך כולו אמת, ווי קומסטו אויס אָן מיר?... ווערסטו ניט אויסגעצערט און אויסגעברענט פון פייערדיקע פאַרלאַנגען צו געניסן פון

לעבנס־הנאה?... וואָס טוסטו, איסר?... וואָס זאָל איך טאָן, אז איך וועל אלץ מער אָפּגעשוואכט פון מיינע שטאַרקע פארלאנגען מיט דיר צו־זאמען צו זיין?..."

"...כ'האָב זייער געליטן" — האָט איסר דערויף געענטפערט — "גרויס זיינען מיינע יסורים פון באַגערן געוועזן. כ'האָב עס ניט געקענט אריבער־געטראָגן. מיינע גלידער זיינען פארשרפה'ט געוואָרן. און מערק־ווירדיק, געוועזן שוין א סך געלעגנהייטן מיינע ברענעדיקע באַגערן צו דערפילן; גאַנץ אָפט באַגעגנט אזעלכענע צוגעטאָנענע פרויען מיט רופע־דיקע בליקן אין זייערע פרייע ריידעוודיקע אויגן, פון וועלכע ס'פלאַמען ארויס זייערע געדאנקען: "קום, נעם מיך, איך לייד אויך אזוי ווי דו... און טיף אין מיר פלאקערט די שטאַרקסטע לוסט צו טרינקען מיט דיר ביזן דעק פונעם לעבנס־בעכער..." אָבער דאָך איז מיר ניט אויסגעקומען פון די דאָזיקע זיסקייטן צו געניסן. ניט מחמת אן עברה אנטקעגן מיין גע־וויסן אָדער אנטקעגן דיר... נאָר ס'האָט זיך תמיד אזוי געמאכט, אז ווי נאָר די דאָזיקע געלעגנהייט האָט זיך צו מיר דערנענטערט, האָט א צרהדיקע שווערקייט פון מיין ביטערן לעבן זיך ווי א פרעסעדיקער שטיין אויף מיר געלייגט און מיינע שטאַרקע גלידער זיינען מיטאמאָל אָפּגעשוואכט גע־וואָרן..."

מיט שווערקייטן און ביטערניש האָט ער זיך געענוג אָנגעליטן. קיין זאַך האָט זיך אים ניט איינגעגעבן. נאָך צוויי יאָר איבער דער מדינה ארומ-שלעפּן זיך האָט פּאסירט, אז איינמאָל שפּעט ביינאכט האָט זיך זיין פּראַכט־קאַר, שווער געלאָדן מיט סחורה־פּראָבעס, אין מיטן וועג אָפּגעשטעלט; דער מעכאניזם האָט ניט געאָרבעט. איסר האָט קיין ברירה ניט געהאט און איז געבליבן נעכטיקן אין וועג. ער האָט פארררויכערט א ציגארעט, זיך אויסגעצויגן אויף די פּעקלעך סחורה. אין קאָפּ האָבן זיך געפּלאָנטערט די מחשבות, מיד פון וועג איז ער געוועזן, איז ער באלד איינגעשלאָפן. פון ברענענדיקן ציגארעט האָבן זיך די פּעקלעך סחורה אָנגעצונדן, און ווען זיין שווארצער "באָי" האָט אים פון שלאָף אויפגעריסן, איז די פּראַכט־קאַר געוועזן איינגעוויקלט אין איין מעכטיקן פייער. אין א פּאָר שעה איז פון אלץ געבליבן נאָר דער אייזערנער סקעלעט פון דער מאשין מיט די רעדער.

איצט איז אים אויסגעקומען "פון בריק אין וואסער". האָט זיך אָבער איינגעפונען אן אנדער "מערטשענט", וואָס האָט אים א פּאַק סחורה גע־טרויט. "נאָר אז דו פאָלגסט מיך, זוכסטו ניט קיין קאַר" — האָט ער אים געעצה'ט — "גייסטו בעסער צופוס. ס'וועט דיר אפילו שווערער זיין און

וועסט ווייניקער לייזן, אָבער דערפאַר וועסטו האָבן ווייניקער הוצאות און וועסט מאַכן א לעבן״.

איסר קאַפּמאַן האָט זיך געלאָזט איינריידן, ער האָט גענומען אויפן רוקן א שווערן פּאַק מיט סחורה, אריבערגעצויגן א ברייטקאַנטיקע הוט איבער זיינע אויגן און געשפּרייזט מיט זיינע פעסטע טריט פון פאָרם צו פאָרם. דער שווייס פון זיין גרויסן שטערן פלעגט זיך אָפּט צעמישן מיט זיינע טרערן... מיטאָג־צייט פלעגט ער זיך אוועקזעצן אויפן געלבן וועג אונ־טער א דאָרן־בוימל, ארויסנעמען פון פּעקל א האַלבן ברויט מיט א בינטל ווייַנטרויבן, וואָס איז געווען דאָס ביליגסטע, נאָך מיטאָג זיך אָפּרוען א ווייַ־לע די אויגן צומאַכן, באַלד אָבער דערלאַנגען זיך א הייב און צו זיך אליין זאָגן: „נו, איסר קאַפּמאַן, דו גרויסער אידעאַליסט און הייסער רעוואָלו־ציאָנער, קעמפער פאַר פרייהייט און הומאַניטעט נעם דיין פּעקל און מאַר־שיר צום קאַמף!...״

אידא האָט אים געמוטיקט אין אַט די שווערסטע יאָרן פון זיין ביטע־רער פּרנסה אונטערן יאָך פון שווערן פּאַק אויפן רוקן. „לייד געדולדיק, קאָזאַק, וועסט נאָך אַטאַמאַן ווערן!״ — פלעגט זי אים אָפּט שרייבן — „איסר, דיין אייזערנע ענערגיע האַלט אָן! דיין קוראַזש, דיין מוטיקייט מוז דיך צו עפּעס רעכטס פירן״.

און ס׳אַרא פרייד ס׳איז ביי איר געווען ווען זי האָט באַקומען פון אים א בריוו מיטן אָנזאָג, אויף זיין הומאָריסטישן אויפן, אַז ער איז שוין אַן אַטאַמאַן געוואָרן... נאָך דריי יאָר בּרעכן דעם רוקן אונטערן מאַוימדיקן פּאַק האָט ער זיך דערשלאָגן צו א לייכטערער פּרנסה. א חבר א „שמויזער״, וואָס האָט אויפגעאַרבעט עטלעכע הונדערט פונט, האָט אים פאַר א שותּף אריינגענומען אין א „שאַפּ״, וואָס זיי האָבן אין ווילדערדאָרפּ געעפנט. ס׳איז אפילו א קליין שאַפּ, אָבער ס׳גייט ניט שלעכט, און אויב ס׳זאָל כאָטש נאָך א פּאָר יאָר אָנהאַלטן, וועט ער זי אהער ברענגען און די זון וועט פאַר זיי שיינען.

אָבער נאָך לאַנג האָט זייער זונענשיין זיך נאָך פאַרהאַלטן אונטער די בלייענע וואָלקנס פון זייער טונקעלער צעשיידונג.

אַזוי פיל גריבער און שטיינער אין זייער וועג פון פאַראייניקונג!

וואָס לענגער ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט קרעמעריי, אַלץ מער האָט ער איינגעזען, וואָס פאַר א פאַרשאָלטענער עסק דאָס איז, ער האָט זיך צו דעם געקענט נאָך ווייניקער צופּאַסן ווי צו זיין שווערן משא-פּאַק. ער איז

געווען א שקלאַף ביי זיינע „מערטשענטס" און א שקלאַף ביי זיינע קונים. נאָר דער גרעסטער חסרון זיינער אלס קרעמער איז געווען, וואָס ער האָט געטרויט א סך פון אזעלכע קונדן, וואָס זיינען בטבע פּאַראַזיטן און לעבן אויפן חשבון פון אנדערע; אויך האָט ער בשום אופן ניט געקענט אנטזאָגן צו באָרגן א סך ערלעכע אביונים, וואָס ער האָט געוווסט לכתחילה, אז ער וועט פון זיי קיינמאָל קיין פּרוטה ניט באַקומען. ס'פלעגט טרעפן אָפּט: ס'קומט אריין אן אָרעמער קונה, וואָס שולדיקט שוין „איבערן קאָפּ", און בעט נייע סחורה: „די קינדער זיינען נאַקעט, הונגעריק" — טענהט ער — „דו מיסטער קאָפּמאַן, ביסט דאָך אזוי גוט, דו מוזט אונדז באָרגן, אַניט פאַלן מיר פון די פיס..." ווי זשע קען מען דאָס אנטזאָגן?

דער שותף זיינער, א מאָגערער ייד, מיט וואַסערדיקע אויגן, מיט א פּאָר שיטערע הערלעך, אויף דער אייבערשטער לופּ, א צוגעשלאָסענע האַנט און א פאַרהאַרטעוועט האַרץ, פלעגט שרייען, אז אזוי קען דאָס ניט אָנגיין. דאָס ביסל ריווח ווערט צעטיילט צווישן די קונים, שווינדלער און קבצנים און פאַרשטייט זיך, אז שולדיק ביסטו, איסר קאָפּמאַן, וואָס דו ביסט אזא שלומיאל פאַר אלעמען גוט צו זיין, נאָר פאַר דיר און פאַר דיין שותף ביסטו א גזלן!" — פלעגט אים דער שותף פאָרוואַרפן. נאָך אזעלכע שטאַרקע איבערריידענישן איז איסרן דער עסק מיאוס געוואָרן און ער האָט עס געוואָלט אינגאַנצן פאַרלאָזן. נאָר ווען דער שותף איז קראַנק געוואָרן און מער ניט געקענט אַרבעטן, איז איסר ביים געשעפט געבליבן.

„...כ'קען שווערן, אז איצטער וועט מיין מאַטעריעלע לאַגע זיך גע־מען פאַרבעסערן, ס'וועט מסתמא גוט אוועקגיין" — האָט ער געשריבן צו אידאַן. — „נאָר דער שגעונותדיקער קאַפּריז, וואָס וואַקסט מיט מיר ווי די שטענדיקע נאָדל־פּעל וואַקסט מיטן יאָזש, האָט שוין ווידער גענומען ארומטרייבן מיין אומרויקע נשמה און ס'רופט און ציט מיך די קרעמערייי אוועקצוואַרפן.

„אזוי האָט שוין מיין משונהדיקער מזל אלע מאָל אויסגעטראָגן: צווישן גוטע פרומע יידן אין דער היים האָט עס מיך געצויגן און געריסן פון זייער מחיצה צו אַנטלויפן. און דווקא אין דער פרייער אַפריקע, ווו יידן האָבן פון זיך אינגאַנצן אראָפּגעוואָרפן דעם יאָך פון רעליגיע און באַגייען זיך מיט זייער גאָט קידער־ווידער און פאַרשוועכן הפקרדיק זייער קדושה, — שווי־דערט מיך פּשוט אָפּ און כ'פאַרבענק זיך גאָר נאָך דער אַמאָליקער סביבה פון יענע תקון־חצות יידן און ליכט בענטשענדיקע מאַמעס... און אזוי גייט עס אויך מיט מיינע עסקים. ווען כ'האָב זיך ארומגעשלעפּט אונטער

דער משא פון פּאַק סחורה, האָט זיך מיר אַזוי שטאַרק געגלוסט צו האָבן א „שטייענדיקן געשעפט" און איצט, אז דער דאָזיקער פאַרלאַנג איז דער־פילט געוואָרן, ווילט זיך מיר שוין דאָס אַוועקוואַרפן.

„דאָך, די גרויסע האָפענונג, אז דאָס וועט אונדז געבן די מעגלעכקייט זיך צו פאַראייניקן, האַלט מיך איינגעצאַמט דאָ צו בלייבן, כדי מיר זאָלן צו אונדזער ציל וואָס גיכער קומען".

* * *

אָבער ניט אַזוי גיך האָט זיך די הצלחה צו אים פריינדלעך צוגעלאָזן. נאָך לאַנגע יאָרן זיינען פאַרבייגעגאַנגען, איידער ער האָט זיך „אַרויפגע־אַרבעט". דאָס איז געווען אויפן דרייצנטן יאָר פון זייער צעשיידונג, ווען ס'האָבן זיך אַרום ווילדערדאָרף עטלעכע אַרבעטס־קאָלאָניעס געגרינדעט, מיט דער הילף פון דער רעגירונג, וואָס האָט מיליאָנען אויף דעם אַסיגנירט, כדי אָרעמע ווייסע אַרבעט צו געבן.

טויזנטער ווייסע און שוואַרצע האָבן זיך דאָרטן באַזעצט און דער גאַנ־צער געגנט איז געוואָרן אויפגעלעבט.

איסר האָט זיין „שאָפּ" פאַרגרעסערט און אָנגענומען עטלעכע געהילפן. פאַר שוואַרצע קונים האָט ער גענומען א נייטיוו־געהילף, בעני זינגיטוואַ האָט ער געהייסן. דאָס איז געווען א מיטלוווקסיקער געזעצטער מאַקאָזע־קאָפער, מיט א פּירקאַנטיקן שווערן קאָפּ אויף זיינע ברייטע פּלייצעס, מיט א מגושמדיקן פּנים, שוואַרץ ווי קויל מיט אויסגעשטעלטע דיקע ליפּן, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעשריען גרויסע גבורה, מיט צאַרט ווייסע ציינער און גרויסע אויגן, אין וועלכע ס'האָבן זיך געמישט ווייסע און שוואַרצע פלאַמען. ווען זיין פאָטער איז געפאַלן טויט, ציענדיק א „ריקשאַ", איז בעני זינגיטוואַ, דאַן נאָך א קינד, צוגענומען געוואָרן זיך צו האָדעווען ביי זיין פאָטערס א קרוב, א קאָפער־לערער. בעני האָט געהאַט לוסט צום לערנען און ער האָט זיך אין שול אויסגעצייכנט, אַזוי אז שפּעטער איז ער אָנגענומען געוואָרן אין „קאָלעדזש" און געענדיקט פאַר א לערער. אַלס לערער איז ער געשיקט געוואָרן קיין ווילדערדאָרף, זיין פליכט איז געווען צו לערנען זיינע שוואַרצע ברידער רעליגיע מער פון אַנדערע זאַכן, נאָר אַזוי ווי בעני האָט עס ניט געטאָן, ווייל ער האָט ניט צו פיל געהאַלטן פון גלויבן, איז ער אַנטזאָגט געוואָרן פון דער שטעלע. ער האָט דאַן גענומען זוכן אַרבעט אין א שאָפּ און ער האָט עס געפונען ביי איסר קאַפּמאַנען.

ערלעך און געטריי איז זינגיטוואַ געווען, און איסר האָט אים ניט נאָר גוט באהאנדלט, נאָר ער האָט אים אויך געהאלטן ווי א גוטן פריינד. אין די אָוונטן פלעגן זיי ביידע צוזאמען לייענען און בארייכערן זייערע קענטעניש אין ענגליש.

ווען זינגיטוואַ איז דערגאנגען, אז איסר האָט טאַלענט צום שרייבן, האָט ער אים געבראכט זיינע געדרוקטע און אומגעדרוקטע לידער צו ליי־



א „ריקשאָ־קאפּער״

ענען. איסר איז אנטציקט געווארן פון זינגיטוואַס א ליד מיטן נאָמען: „אובאָמי בונזימא״, וואָס מיינט: „ס׳לעבן איז שווער״.

„... א „ריקשא־באָי״ געווען איז מיין טאַטע
פלייסיק האָט ער ס׳וועגעלע געצויגן —
מיט אויסגעשטעלטער ברוסט־פאָרויס... מיט אימפּעט
בריקענדיק די נאקעטע פיס, די לאנגע,
באפוצט מיט פעדערן רויט־גרין־בלאָע
מיט בענדער און מיט קרעלן בלאַנקעדיק־פילפארביקע.
אויפן קאָפּ — צוויי ברייטצעשפּרייטע אָקסן־הערנער,
צווישן וועלכע שטעקן שטרויס־פעדערן געלבע;
און אויפן האלדז און אויף די נאקעט־דיקע אָרעמס
פיל קליינע גלעקלעך אָנגעהאנגען, וועלכע קלינגען,

קלינגען, הילכן, ווען עס שאָקלט זיך און בייגט זיך,
הייבט זיך הויך טשיקאווע. די הענט און פיס באוועגן זיך,
ווילד טאַנצנדיק און שפּרינגענדיק, פארמעסטנדיק זיך
מיט די שטאַרקסטע גרעסטע פערד, פערד אין גאַלאָפּן !...
און שווער ציענדיק דעם אָטעם צו יעדן צי פון „ריקשאָ״,
צום טאַקט פון יעדן שפּרונג און קלאַנג פון גלעקלעך,
האָט ער צוגעזונגען און האלב צוגעקרעכצעט:
„אובאָמי בונזימא״... „אובאָמי בונזימא״...

„...אָט אזוי געטאַנצט זיך, מעשה פערד, האָט אלץ מיין טאַטע,
ביז עס האָט זיין הארץ געפּלאַצט... געפאלן באלד א טויטער
אין רעכטן מיטן טאַנץ... נאָך אין די בעסטע יאָרן !
געבליבן מיט דער מאמען זיינען זיבן קינדער
גאָר עלנט און פארלאָזן, נאַקעט און פארהונגערט,
אין א הייל א שמאָלער, לעבן קאפּערשן בית־עולם...
און פון הייל דער ויסטער און דער שווארצער
ארויסברומען פלעגט דער וויינענדיקער קול דער מאמעס:
„אובאָמי בונזימא״... „אובאָמי בונזימא״...

מיר, דעם בכור, געבליבן איז פון טאַטן בירושה
די „ריקשאָ״, וואָס רעדט פון שרעק און חרפּה, און בושה...
דאס רופט פון האַרץ אַרויס אַלץ קללות בייזע
אויף דער שווערער מענטשן-משא, אונטער וועלכער
מיין יונגער ליבער פאָטער איז אוועקגעפאלן...
און די מוראדיקע לאַנגע אָקסן-הערנער
האָב איך אָפּגעירשנט, אָט מיט וועלכע
כ׳וואָלט גערן די אכזרים שטויסן, שטעכן
און די ברוטאלע וועלט צעשמעטערן, צעברעכן !...
און מיט דעם שטרויס־פעדער, וואָס איז מיר נאָכגעבליבן,
וואָלט איך א וונדער־נקמה־ליד געשריבן...
כ׳וואָלט עס אָנהאלטן שטענדיק אין איין זינגען
מיט מיין טאטנס קרעכצעדיקער שטימע:
„אובאָמי בונזימא״... „אובאָמי בונזימא״...

* * *

...אידא דערמאָנט זיך, וואס פאר א רושם דאָס דאָזיקע ליד האָט אויף איר געמאַכט, ווען איסר האָט עס איר צוגעשיקט און איר געשריבן, אז דאָס ליד לעבט אין די הערצער און אויף די ליפּן פון די גרויסע מאסן ניי־טיוזס, וועלכע זינגען עס אויף זייערע שמחות און ביי זייער עבודת־פּרך, און אויך ווען מען שלעפּט זיי אין די תפיסות פארן געפינען זיך אין א שטאָ־טישער גאס ביינאכט אָן א פּאַס, אָדער פאר ניט קענען צאָלן זייערע קאָפּ־געלט. און דער מחבר זינגיטוואָ, טענה׳ט, — אזוי האָט איסר געשריבן — אז ווען אלע זיינע ברידער וואלטן דעם תוך באגריפן, וואלט עס פאר זיי הילף געבראכט; און הגם ס׳איז שווער מיט לידער, מיט געזאַנג באלדיקע הילף צו ברענגען א נידערגעשלאָגענעם, בידנעם, פארשקלאפטן פאָלק, וויל דאָך זינגיטוואָ אָנהאלטן זינגען צו זיינע ברידער, זיי צו דערלייכטערן און טרייסטן און אין זייערע פארפינצטערטע הערצער ליכטיקייט און מוטיקייט אריינצוברענגען...

„...ס׳האָט זיך אים אָבער ניט איינגעגעבן״ — האָט איסר שפּעטער צו געשריבן. — „ער איז ביי זיך צו תקיף געווען און זיינע פליגלען זיינען אים אראָפּגעקלאפּט געוואָרן. ער האָט זיך האָפערדיק אויפגעהויבן אנט־קעגן פארשטייער פון דער רעגירונג, וואס זיינען געקומען אים וואָרענען, אז ער וועט טייער באצאָלן פארן בונטעווען זיינע אומוויסנדיקע שוואַרצע ברידער מיט זיינע שעדלעכע פּערזן, און ער איז אין תפיסה אריינגעפאלן״.

זיין ערשטער משפּט האָט זיך פאר אים ניט צו שווער אויסגעלאָזן. ער האָט באוויזן פארן ריכטער זיך אראָפּצוריידן פון הארצן אלע ביטערנישן קעגן די עוולות, וואָס ווערן אָפּגעטאָן צו זיינע ברידער, און ער האָט אָפּ־געלאכט פון דער ציוויליזאציע, וואס די ווייסע מענטשן האָבן כלומרשט אהער געבראַכט. „אייער ציוויליזאציע באַשטייט אין גאָלדענע ציינער, בלינדע געדערעם און ציגארעטן״ — האָט ער מיט א שניידיקן געלעכטער שטאָלץ דעם מאגיסטראַט אין פּנים געזאָגט, און פאר דעם האָט ער נאָר דריי חדשים שווערע תפיסה-ארבעט געקראָגן. נאָכדעם האָבן זיינע משפּטים גענומען ווערן שווערער און שווערער. ער איז ביי דער פּאָליציי געוואָרן א „געמערקטער פארברעכער״, מען האָט געהאַלטן אין זוכן אויף אים חט־אים, לויערן אויף אים און מיט דעם אים צו שטויסן צו מער חוצפּהדיקע ארויסטרעטונגען קעגן דער מאַכט. אזוי ארום איז זינגיטוואַן אויסגעקומען אָפּט און לאַנג צו פארברענגען אין תפיסה. ווען ער פלעגט באַפרייט ווערן,

פלעגט ער באלד צוריק אָנקומען אויף ארבעט צו איסר קאפמאנען, ווו ער האָט תמיד געהאָט א גוטע היים און אויך געטרייע חברשאפט פון זיין באלעבאָס.

ס׳זאָל איר ניט ווונדערן, פאר וואס ער האָט דעם דאזיקן שווארצן אזוי האָלט — האָט איסר אמאָל צו אידאן געשריבן, — זינגיטוואָ ווייזט אים ארויס אזויפיל טרייהייט און איבערגעגעבנהייט, א חוץ דעם האָט ער נאָך א גרויסע ליבשאַפט צו יידן. ער האלט אָן אין טענהן, אז יידן דארפן זיך באמיען צו ליבן די שווארצע, ווייל ווער נאָך אזוי ווי יידן קענען און דארפן פילן וואָס קנעכטשאַפט און דריקונג מיינט? און ס׳איז דאָך פאראן — פלעגט ער זאָגן — אזוי פיל שותפותדיקס צווישן יידן און די באנטוס: די יידן האָבן פון דער טיפער טיפעניש פון הומאַנישן הארץ און מוח אויסגעהאָקט די פיינסטע און טייערסטע לערע־דימענטן, מאָראל־גאָלד און וויסנשאפט־ברילּיאנטן און ווי א באלוינונג פאר אָט די טייערע מתנות צו דער מענטשהייט קריגן זיי יסורים, חרפה און הריגות... פונקט אזוי זיינען די באַנטוס, זיי האַקן אויך אויס גאָלד, ברילּיאנטן און דימענטן און קריגן אויך נאָר קלעפּ, צרות און פארשקלאַפונג! — — —

די יידן פון ווילדערדאָרפּ האָבן איסרן געהאלטן פאר א משוגענעם צוליב דעם, וואס ער האָט זיך געחברט מיט זינגיטוואָן... „די קאפּערשע נשמה״ האָבן זיי אים גערופן. זיי האָבן אים געהאלטן פאר א מחוץ־למחנה מענטשן. און זיי האָבן איסרן פארשטויסן. דאָס האָט אים אָבער ניט גע־קימערט. וואָס עס האָט אים יע פארדראָסן, איז דאָס, וואָס יידן פארשטייען ניט, אז די באַנטוס פארדינען זייער פריינדשאפט און אז ס׳קען ניט בלייבן אויף אייביק די איצטיקע משונהדיקע לאגע פון די גרויסע באנטו־מאסן, וועלכע וועלן איין טאָג זיכער פון זיך אָפּשאָקלען די שפלדיקייט און זיך דערהייבן צו פרייהייט, און דעמאָלט וועט זייער פריינדשאפט זייער וויכטיק זיין...

בכלל האָט זיך איסר געוווּנדערט וואס זיינע ברידער זיינען אָפּט אזוי טעמפּ זייער אייגענעם מצב ניט צו באגרייפן. עס ווערט דערוועקט קעגן זיי א שרעקלעכע שנאה. מען באוואַרפט זיי מיט שמוץ און ס׳איז שוין געקומען צו אָפענע צוזאמענשטויסן אויף בייזע פאַשיסטישע פאַרזאַמלונגען. בלוט האָט זיך שוין געגאָסן. איסר האָט ניט איינמאָל געווארנט וועגן דער סכנה און האָט אָנגעהאלטן אָנצווייזן אויף דער נייטיקייט פון א זעלבסט־שוץ, נאָר ער איז אויסגעלאכט געווארן. מען איז זיכער, אז דאָ קען קיין בייז ניט געשען...

זינגיטוואַ האָט זיך דערוווּסט פון זיינע ברידער, וועלכע דינען ביי די ווייסע, אַז מען אָרגאַניזירט זיך אין דער שטיל, אין געוויסע קרייזן, און מען פּלאַנעוועט בייז צו טאָן די יידן, וועלכע ווערן באַשולדיקט אין אַלע צרות. איסר קאַפּמאַן האָט די יידן צוזאַמענגערופן און זיי די לאַגע דערקלערט, נאָר זיי האָבן זיך גאַנץ באַקוועם געדרויכערט די לולקעס און געענטפערט, אַז פון די קאַפּערשע דיבורים איז נישטאָ קיין נאָטיק צו נעמען און אַז ער, איסר, איז מגזם די זאַך און ער ברענגט זיי דערמיט די גרעסטע סכנה.

אַן אויפגערעגטער, אַ צעברויזטער האָט ער זיי אויסגעזידלט און האָט די פאַרזאַמלונג פאַרלאָזן. נאָך שווערער אויפקלערונג־אַרבעט און אַ סך אָנשטרענגונג האָט זיך אים איינגעגעבן צו גרינדן אַ קליינע חברה, דווקא פון ניט יידישע אַנטי־פאַשיסטן צו באַשיצן יידן אין פאַל פון אַן אַטאַקע אויף זיי...

* * *

„...אור־באָ־מי... בונ־זי־מאַ... אור־באָ־מי... בונ־זי־מאַ..." הילכט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער אידאַן אין די אויערן, און צוזאַמען מיט דעם מעלאַנכאָלישן ניגון פון די שוואַרצע אַרעסטאַנטן, באַגלייט מיט די בראַזגעריי פון די שווערע ברעכהאַמערס פּילט זי נאָר איר שטאַרקע האַרצקלאַפּעניש פון גאַר־נאָענטן עבר, ווען זי האָט דעם לעצטן בריוו פון איר איסרן באַקומען.

דאָס איז געווען מיט אַ יאָר צוריק.

דער סוף פון זייער צעשיידונג איז געקומען — האָט דערציילט דער דאָזיקער בריוו. — זיין מאַטעריעלע לאַגע איז גוט. אַן אייגן געשעפט. אַן אייגן הויז מיט אַ שיינעם גאָרטן האָט ער. כמעט אַ קאַפּיטאַליסט געוואָרן. הגם לויט זיין קאָפּדרייעניש און שטענדיקן פאַרהאָוועט זיין איז ער נאָך פּראָלעטאַריער; און זיין האַרץ און געפיל זיינען אויך געבליבן פּראָלע־טאַריש! אָבער ווי די זאַך זאָל ניט זיין, זי מוז באַלד קומען. אמת, ער פּילט אַז מיט איר קומען ווערן פאַרברענט הינטער זיי אַלע בריקן, וועלכע ער האָט נאָך אַלץ געהאָפט וועלן זיי ביידן פירן צוריק צו זייער אַמאָליקער היים. ער פּילט, אַז דאָס איינאָרדענען זיך אין אַפריקע וועט אינגאַנצן מאַכן אַ סוף צו זייערע אַמאָליקע חלומות וועגן אַ ניי, פריי לעבן. נאָר דאָס לעבן האָט שוין אַזוי אויסגעטראָגן, זיי זאָלן דאָ זייער היים מאַכן. זיינען זיי דאָך ביידע געבענטשט מיט קאָסמאָפּאָליטישע אָנשויאונגען און קענען זיך גוט צופּאַסן צו די באַדינגונגען פון דעם נייעם לעבנס־אָרט, ווו ס'איז, איבעריקנס, דאַ

אזוי פיל פלאַץ פאַר אידעאַליסטישן קאַמף און שטרעבונג אריינצוברענגען ליכטיקייט און פרייהייט אין פאַרפינצטערטע ווינקעלעך, ווו א פאַרשוואַרצ־טער, פאַראומגליקטער טייל פון דער מענטשהייט ליגט צעבלוטיגט...

...יע, זי מוז קומען וואָס גיכער!... געפינען וועט זי אים ניט פאַר־ענדערט, זיין ליבע צו איר אויף א האָר ניט געמינערט, כאָטש די לעצטע צייט האָט אים באַהערשט א פחד אז זיין פאַרליבט האַרץ זאָל דורך דעם פייער פון פאַרלאַנגען און שמאַכטן ניט צעברענט ווערן, ווי די איבערגע־ברענטע האָלצקוילן, פון וועלכע ס׳בלייבט אזא גראָער אש... ער איז אָבער גליקלעך, וואָס זיינע געפילן צו איר זיינען גאַנץ געבליבן... הגם זייענדיק טריי און ערלעך צו איר מוז ער איר דעם גאַנצן אמת זאָגן, אז ער האָט קיין כח ניט געהאַט זיין קערפער פון זינד אָפּצוהאַלטן, דאָס פלייש זיינס האָט גע־זינדיקט, אָבער זיין גייסט, זיין נשמה איז ריין געבליבן.

* * *

זי האָט זיינע ערלעכע ווערטער געגלויבט און אין איר טרייען האַרצן איז זי גרייט געווען אים מוחל צו זיין די חטאים, וואָס ער איז באַגאַנגען נאָר דורך אומדערטרעגלעכע נסיונות, פון וועלכע ער האָט קיין איינצלהייטן ניט געקענט געבן, אום איר קיין שרעקלעכע עגמת־נפש ניט צו פאַרשאַפן — —

* * *

יע, אזוי האָט עס פּאַסירט: אין זיין לעבן איז א מעכטיקער, פלאַמיקער נסיון אריינגעקומען אין געשטאַלט פון א צוויי־און־צוואַנציק־יאָריקן מיידל מיט א ווענוס־פיגור, מיט א לאַנגן גלאַטן מאַרבל־פּנים, מיט אויסגעטאָקטע גלידער און א פּאָר שוואַרצע אויגן, אין וועלכע עס צעקושן זיך די עסענצן פון טיפסטער צניעות און פון פאַרפירערישן כשוף... און איר קאָפּ איז באַדעקט מיט א באַרג פעך־שוואַרצע האָר, וואָס הענגט אריבער אירע גע־זונטע פּלייצעס. נירוואַנאַ הייסט זי. געבאָרן אין דערבן פון א סענטהעלע־נער מוטער און אן אינדיאַנער פאָטער, וועלכע זיינען געווען באַקאַנט אלס חשובע און ערלעכע מענטשן, זי האָט באַקומען א גוטע ענגלישע בילדונג, און צו איר נײַנצענטן יאָר, ווען אירע עלטערן איז שלעכט אוועק און זי, נירוואַנאַ, האָט געמוזט אליין אַרבעטן פאַר איר עקסיסטענץ, איז זי קיין ווילדעדאָרפּ אראָפּגעבראַכט געוואָרן דורך א רייכן אינדיאַנער, וועלכן זי האָט געקענט פון דערבן, און ער האָט זי פאַר א הויז־אויפזעערין געמאַכט. אין דער ערשטער צייט, וואָס זי איז ביי אים געווען, האָט מען זי ניט צו

אָפּט געזען, נאָר ווען זי פלעגט דורכגיין א גאַס, האָט מען מיט אנטציקונג באטראכט דאָס צויבער־מיידל, אין רייכסטע קאָסטיומען געקליידט. און ווען זי האָט פלוצלונג דעם אינדיאַנערס הויז פארלאָזן, מחמת זי האָט ניט געקענט פארטראָגן זיינע ליבע־דערקלערונגען, איז איר אויסגעקומען זיך אָנצולײדן דחקות און נויט, ניט קענענדיק באקומען קיין געהעריקע שטעלע צוליב איר טונקעלער הויט. און ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אז איסר קאַפּ־מאַן זוכט א בוכהאַלטער פאר זיין „אָפיס", איז זי צו אים געקומען מיט גוטע רעפערענצן אין האנט און מיט פיינע מאַנערן האָט זי טרויעריק געשמייכלט:

— „אויב איר זייט אנדערש פון פיל הארט־הארציקע ווייסע, וואָס פאר־דאַמען און פארשטויסן א פערזאָן צוליב קאָליר פון הויט, קענט איר זיכער זיין, אז מיט מיין ערלעכקייט און ארבעט וועל איך אייך אינגאנצן צופרידנ־שטעלן".

איסר קאַפּמאַן האָט זי אָנגענומען, און זי האָט איר צוזאָג אויפן בעסטן אופן דערפילט. צו נירוואַנאַס פּינקטלעכקייט, ראַיעלקייט און זויבערקייט אין ארבעט איז קיין גרענעץ ניטאָ, אויך די ליבשאַפט פון די קונדן צו ניר־וואַנאַן איז געווען גרויס, ס'איז קײנמאָל אין אירן א חשבון קיין טעות ניט ארייגעפאלן, אזוי אז די סאמע אומצופרידענע פארקאפּריזעטע קונדן האָבן אויך קיין פגימה'לע אין די רעכענונגען און אין איר באהאנדלונג ניט גע־פונען.

— „נישטאָ קיין ווערטער אויסצודריקן מיין צופרידנהייט מיט דיין אר־בעט, נירוואַנאַ!" — האָט איר איסר קאַפּמאַן אמאָל געזאָגט, ווען זי האָט זיך פארטיק געמאכט אהיים צו גיין.

— „כ'בין גליקלעך. כ'האָב קײנמאָל זיך ניט פאָרגעשטעלט קיין בע־סערע באהאנדלונג פון א באַלעבאָס, ווי די, וואָס כ'האָב פון אייך" — האָט נירוואַנאַ שטיל געענטפערט, אויפהייבנדיק אירע פייכטע ריידנדיקע אויגן.

— „וואָס פאר א פראַכטפול בילד נירוואַנאַ איז!" — האָט איסר גע־טראכט, נאָכקוקנדיק ווי זי גייט ארויס און ווערט פארשוווּנדן אויפן שמאָלן שטעגל, וואָס ציט זיך צווישן די אלטע דיקע ווײנשטאָקן און פאָמעגראַנאַטן־ביימער פון זיין גאָרטן, וואָס ליגט צווישן זיין הויז און דער קלײנער צארט־ווײסער הײזקע, וווּ נירוואַנאַ וווינט. דאָס דאָזיקע הויז געהערט צו א סי־ריאַנער אלמנה, וועלכע דערנערט זיך פון האַלטן עטלעכע געסט ביי זיך. נירוואַנאַ האָט ביי איר א זויבערן ליכטיקן צימער, ארומגערינגלט מיט דיקע בארנע און פלוימען־ביימער. א הויכע ווינטמיל שאָטנט אריבער דעם צי־מער און האַלט אין איין ארויסציען שטראָמען וואַסער פון דעם טיפן ברונעם,

און דאָס צעשוימטע שניי־ווייס פרישע קאַלטע וואַסער פאַלט אַריין מיט געפילדער אין צעמענטענעם קליינעם „דאַם" ביי נירוואַנאַס פענצטער, דער קליינער „דאַם" טרינקט אָן דעם גאָרטן און, בלייבנדיק שטענדיק פול, דינט ער אויך פאַר אַ באַקוועמען שווים־באַסיין, וווּ נירוואַנאַ באָדט זיך יעדן פרימאָרגן און יעדן אָוונט.

— „כ׳וואָלט קיין פינגער ניט געקענט באַוועגן צו אַרבעטן, ווען איך זאָל ניט האָבן דאָס חיותדיקע „דאַם"־וואַסער זיך צו באָדן צוויי מאָל טעגלעך" — פלעגט נירוואַנאַ זאָגן — „נאָר דער אַלמעכטיקער „גיטשע־מאַניטאָ" האָט געקענט אַזאַ געשמאַקן, קילן, פרישן וואַסער־שטראָם באַשאַפן, און יעדער מענטש, וואָס באַזיצט אַ ריין האַרץ מיט אַ ליכטיקער נשמה, מוז זיך אַ פּאָר מאָל אַ טאָג באָדן".

אַ ריינע ליכטיקע נשמה האָט נירוואַנאַ געוויס, דאָס האָט געוווּסט איסר קאַפּמאַן פון דער געלייטערטער זויבערקייט, וואָס האָט געשטראָמט דורך דער לופט צוזאַמען מיט דעם בלומען־פּאַרפומיע־ריח, ווען נירוואַנאַ פלעגט קומען צו דער אַרבעט. און דעם דאָזיקן פּאַרפומיע־ריח האָט ער שוין עטלעכע מאָל אויך דערשפּירט, אַריינקומענדיק אין זיין צימער, דערביי, לעבן זיין שאַפּ... וואָס זאָל עס באַדייטן? ער איז דערגאַנגען, אַז נירוואַנאַ כאַפּט זיך דאָרטן אַריין אַלע טאָג, ווען ער איז אויף זיין לאַנגן שפּאַציר, זי העלפט דער שוואַרצער דינסט דעם צימער אויסזויבערן און אויספּוצן, באַשיינענדיק אַלע ווינקעלעך מיט פּראַכטפולע בלומען, און זי לערנט דער דינסט, ווי אַזוי דעם באַלעבאָס אויפצופּאַסן:

— „דער באַלעבאָס אונדזערער איז דער אידעלסטער, גנאָדיקסטער דזשענטלמען, וואָס לעבט אויף דער וועלט" — האָט זי איינמאָל געזאָגט שטיל צו דער שוואַרצער דינסט, איר אין האַנט אַ זילבערנע מטבעה אַריינרוקנדיק בשעת מעשה — „און ער מוז ווי אַ הייליקער אויפגעפּאַסט ווערן. מענער האָבן ניט דאָס געדולד און אויך ניט די צייט אַלץ אין אָרדענונג און זויבער צו האַלטן. טו עס דו. כ׳וועל דיך אַלע מאָל באַפרידיקן".

די שוואַרצע דינסט האָט עס זינגיטוואַן בסוד פאַרטרויט און זינגיטוואַ האָט עס פריילעך און צופרידן איסר קאַפּמאַנען דערציילט און פאַרענדיקט:

— „יע, אַ מלאך איז די נירוואַנאַ!"

און ווען איסר האָט נירוואַנאַן אַמאָל אומגעריכטערהייט געטראָפן בשעת זי איז אָנגעקומען מיט אַ בונט פּראַכטיקע בלומען פאַר זיין צימער, האָט זי, צניעותדיק פאַרשעמט, זיך באַמיט פאַרבייצולויפן, אַזוי ווי זי וואָלט אין זינען געהאַט אַנדערשווו צו גיין.

— „וואָס פארא פראכטפולע בלומען, נירוואנא!" — האָט ער פונדער־וויטנס געזאָגט.

— „אָ, כ'האָב נאָך אזעלכע, באַלעבאָס, אויב איר ווילט, קען איך אייך די אוועקגעבן".

— „דו גיסט אויס אזוי פיל געלט אויף בלומען, נירוואַנאַ... דו דארפסט בעטן העכערן שכירות".

— „כ'שאַץ אָפּ אייער גוטהאַרציקייט מיט דאנק, אָבער דער אמת איז, אז איך האָב גענוג אויף אלץ, איינגעשלאָסן די פיר הויפּטזאכן, וואס זיינען אין מיין לעבן דער עיקר: זיידנס, פּארפיום, ביכער און בלומען" — האָט זי שטיל געזאָגט, זיך אומקערנדיק אהיים צו גיין.

אירע אויגן האָבן זיך צום שוועל באהעפט, ווען אירע רויטע ליפּן האָבן ארויסגעמורמלט:

— „כ'האָב העכערע פארלאנגען אויך, נאָר כ'באַמי זיך צו צוימען מיין באגער, באַלעבאָס..."

— „זי איז אן עלנטע נשמה, די נירוואַנאַ, עלנט ווי איך" — האָט ער געטראַכט, ווען זי איז צווישן די ביימער פארשוואונדן.

יענעם אָוונט האָט אים א מאָדנער אומעט ארומגענומען, ער האָט גע־נומען לייענען די ציטונג און דאַן א בוך, וואָס האָט אים געהאלטן גע־שפּאַנט ביז א שפּעטיקער שעה אינדערנאַכט, ווען ער איז אוועקגעגאנגען שלאָפן אין גאָרטן, ווו ער פלעגט שלאָפן אלעמאָל אין די ווארעמע זומער־נעכט.

אונטער אַ געדיכט־באַצווייגטן נוס־בוים איז אין זיין קליין בעטל גע־שטאַנען. די נאַכט איז געווען העל און ווארעם, די פארשטומטע ביימער — פארשלאָפן און פויל... פון יענער זייט גאָרטן האָט זיך פון א הויכן עקאַ־ליפּטוס־בוים געטראָגן א שוואכלעכער קול: „קו־קו־קו" און איז באלד אנטשוויגן געווארן... פאר זיינע אויגן האָבן פאר דער לבנה־ליכט א שיין געטאָן צייטיקע עפּל, אראָפּהענגענדיק פון אן אנטקעגנדיקן בוים. ער האָט געפּרוווט ציילן: איינס, צוויי, דריי, פיר, ביים פינפטן איז ער שוין גע־שלאָפן. אין חלום האָט ער דערפילט, ווי זיין הארציקער אידאס ווייכע הענט גלעטן אים די האָר פון קאָפּ און מיט אירע ברענענדיקע ליפּן קושט זי אים אין שטערן און זאָגט: — „איסר מיינער, ניטאָ שוין מער קיין כח אריבערצוטראָגן דעם עלנט און די ברענענדיקע פארלאנגען! וואָס וועט ווערן פון אונדז אינעם נע־ונד-לעבן? אַש פון אן איבערגעברענטן טרו־

קענעם צווייגל וועט בלייבן פון אונדזער מעכטיקער בענקעניש איינער צום צוויטן..."

— "מיר איז נאָך שווערער אריבערצוטראָגן, ליבסטע אידאַ מיינע" — ענטפערט ער איר, קום, קום, לייג דיין קאָפּ אויף מיין צעברויזטן הארצן, קום, נעם מיך..."

— "דריק מיך צו צו זיך שטאַרק, צעקוש מיר מיינע צעוואָרעמטע גלי־דער, וועלכע שמאַכטן נאָך דיר" — רעדט אידא, קושנדיק אים מיט אירע ברענענדיקע ליפּן... ער ברענט ווי א פייער און כאַפּט זיך אויף, ניט ווּיסנדיק, צי ס'ציט זיך נאָך דער חלום אָדער עס איז טאַקע אויף דער וואָר, און דערפילט א גלאַט ליבלעך ווארעם פנים מיט לאַנגע דיקע ווייכע צעפּ אויף זיין פנים און אויף זיינע אויגן...

ער ציט שווער דעם אָטעם:

— "נירוואַנאַ?!"...

— "שש... קענסט רויק שלאָפן. אויף מיינע קני שטיי איך דאָ. נאָר מיין קאָפּ לייג איך אויף דיינעם. איך וויל נאָר נעבן דיר זיין... איך ווייס, דו וועסט מיך פון דיר פארטרייבן... איך ווייס, אָבער ווי עלנט און איינזאַם דו ביסט אַקוראַט ווי איך... כ'וועל דורך דער גאַנצער נאַכט לעבן דיר אויף די קני שטיין, מיין קאָפּ אויף דיינעם לייגן... זאָל אונדזער עלנט לייכטער ווערן... דיין גוטסקייט, איידלקייט און מיטגעפיל פאר אלע שוואַכע און געדריקטע האָט מיך מיט קייטן צו דיר צוגעבונדן... די צוויי בער הענט פונעם אלמעכטיקן גאָט "גוטשע מאַניטאַ" האָבן מיך צו דיר גע־צויגן און כ'האָב קיין מאַכט ניט געהאַט דאָס בייצושטיין..."

— "נירוואַנאַ... ביסט אזא ליב טייער מיידל... ווי וואַגסטו עס אזא געפערלעכן טריט צו טאָן?... און איך האָב א טייערע פרוי, וועמען איך האָב אזוי שטאַרק ליב און וועלכע איז מיר אזוי געטריי, נירוואַנאַ..."

— "פאר מיר מזרח־פרוי, איז ניט אזוי שרעקלעך, וואס דו האָסט אַן אנדער פרוי... מענער האָבן סיי־ווי־סיי עטלעכע פרויען, אָפּן אָדער בשתיקה... פאר קיין סכנה האָב איך קיין מורא ניט... קיין פּרעטענ־זיעס וועל איך צו דיר ניט האָבן. קענסט דיין פרוי טריי ליבן און מיר אויך אינדערווײַלע ליבשאַפט ווייזן... האָסטו דאָך צוויי פארשיידענע בלומען ליב... כ'האָב געשפּירט אין מיינע חלומות, ווי דו ציסט מיך, ציסט מיך צו דיר... נעם מיך... און ווען ס'וועט נאָר דיין ווילן זיין, באַלעבאָס, וועל איך דיך פארלאָזן אָן תביעות און אָן טענות... ווילסטו מיך שוין איצטער באַלד אוועקטרייבן? — גיי איך באַלעבאָס..."

— „איך בין נאָך שוואַכער פאַר דיר, נירוואַנאַ, בלייב דאָ א ווײַלע, ס'האַרץ צעשפּרינגט אין מיר . . ." און שווער אָטעמדיק זאָגט ער:

— „מיר ווערן ביידע צוזאַמענגעשמאָלצן אין איין העלישן פייער, נירוואַנאַ . . ."

— „שש . . . מיין הערשער . . . טרינק לאַנגזאַם פון דעם פאַרגעניגן־בעכער . . . לאַנגזאַם . . . שש . . . שש . . ."

— — — נאָך א סך אזעלכע נעכט זיינען געווען, און יעדעס מאָל האָט ער טייער באַצאָלט מיט שווערסטן פּיין פון ברענעדיקער חרטה . . . ער האָט זיין פליייש אויף שטיקער געוואָלט צערייסן, פאַר וואָס ער האָט ניט פאַרמאָגט די קראַפט פונעם באַוווּסטן צדיק, וואָס ווען ער האָט א פּרעמדע פרוי אויפן באַלקאָן פון זיין הויז פלוצלונג דערזען און דערפילט, ווי זיין תאווה'שע בלוט האָט אין אים אויפגעקאָכט, האָט ער אָנגעהויבן שרייען: „ראַטעוועט, פייער פייער! . . ." אָבער קאַפּמאַן האָט געפילט, אז זיינע נסיונות זיינען געווען שווערערע; און זיין פאַרסאָכנעט, אויסגעהונגערט האַרץ האָט עס ניט געקענט אריבערטראָגן.

און א טרייסט האָט ער געפונען אין דעם, וואָס זיין ליבע צו זיין אידאַן איז געבליבן פריש און ער האָט נאָך איר געגאַרט און געשמאַכט, זי זאָל שוין קומען.

* * *

. . . נאָכן אָנקומען אהער איז אידאַן אלץ קלאָר געוואָרן. א סך איז זי געוואָר געוואָרן, נייגעריק אויספאָרשנדיק די אויפריכטיקע נירוואַנאַ, צו וועמען זי האָט ניט ווילנדיק אזא נאָענטקייט דערשפּירט. און נאָך מער פּרטים זיינען איר קלאָר געוואָרן דורך איר אייגענער פאַנטאַזיע . . .

אויך פון איסרס איבערלעבונגען פון זיינע לעצטע לעבנס־טעג האָט אידא זיך דערוווּסט פון נירוואַנאַן.

גראָד, אומבאַוועגלעך איז נירוואַנאַ קעגן איר געזעסן, אירע הענט אויף דער זיך הייבנדיקער ברוסט אריבערגעלייגט. בלאַס, מילד, די קלוגע טריבע אויגן האַלב געשלאָסן, אירע ליפּן האָבן שטיל דערציילט:

יע, אומגעפער א צוועלף טעג איידער זי, אידא קאַפּמאַן, האָט דעם אַפ־ריקאַנער לאַנדברעג דערגרייכט, האָט עס פּאַסירט: ס'איז געווען א טומל־דיקער טאָג, איסר איז געווען זייער באַשעפטיקט און פריילעך און גוטמוטיק ווי תמיד, מיטאָמאָל זיינען צוויי ענגלישע גוטע פריינד אריינגעקומען און, אים אָפּרופנדיק אָן א זייט, האָבן זיי זיך עטלעכע מינוט שטיל דורכגערעדט.

און ווי נאָר זיי זיינען אוועק, איז איסר קאפמאן געוואָרן אן אויפגערעגטער, א צעקאָכטער און ניט אכטנדיק דערויף וואָס די שאָפּ איז געווען פול מיט קונדן, איז ער אויף א לענגערער צייט אוועקגעגאנגען. און ווען מען האָט באדארפט די שאָפּ שליסן, איז ער אָנגעקומען אין זיין אויטאָ, אין וועלכער ס׳זיינען געזעסן נאָך א פינף יונגעלייט, און אין א דריי אַנדערע אויטאָס זיינען געזעסן נאָך א סך באקאנטע יונגעלייט, וואָס זיינען אלע, קענטיק, געווען אנטשלאָסן אויף עפּעס א גרויסער אונטערנעמונג.

דער באלעבאָס האָט אַלעמען ארייגעפירט אין הויז און דערקלערט, אז פון דער אנטיפאשיסטישער געזעלשאפט פון א דערבייאיקער שטאָט האָט ער דערהאלטן א באריכט, אז די דאָרטיקע פאשיסטן האָבן זיך צובושעוועט און נאָך א מאסן־פארזאמלונג, וואָס זיי האָבן אָפּגעהאלטן אויפן מארק, און ווו זיי האָבן גיפטיק געהעצט אנטקעגן יידן און אלע דעמאָקראטישע עלע־מענטן, האָבן זיי זיך אוועקגעלאָזן ברעכן פענצטער אין יידישע געשעפטן, געוואָרפן שטיינער אין יידישע אויטאָס און מיט ווילדע קולות: „טויט צו יידן און קאָמוניסטן!" האָבן זיי אכזוריותדיק געשלאָגן יעדן יידן, וואָס איז זיי אנטקעגן געקומען. און אָט די דאָזיקע פאשיסטן גייען איצט אויף וויל־דעדאָרפ, ווו זיי האָבן גערופן א מאסן־פארזאמלונג אויף היינט אָוונט און נאָך דער פארזאמלונג גרייטן זיי זיך צו אַטאַקירן יידן און אנטי־פאשיסטן.

— „מיר מוזן זיך דעריבער גיך צוגרייטן זיך צו פארטיידיקן" — האָט געזאָגט איסר קאפמאן — „מיר וועלן זיך ניט לאָזן באליידיקן און שלאָגן פון די כוליגאַנעס אָן א ווידערשטאַנד. דאָס ראטזאמע איז, מיר זאָלן ארויס־פאָרן זיי אַפּוואַרטן צווישן די בערג, צוערשט אין פרידן זיי וואָרענען, זיי זאָלן גיין צוריק. נאָר אויב קיין גוטע דיבורים וועלן ניט העלפן און זיי וועלן אונדז אַטאַקירן, וועלן מיר מיט קלאַפּ פאר קלאַפּ זיי פאַריאָגן!"

פלוצלונג האָבן זיך עטלעכע יידן אין הויז אריינגעשפאַרט און האָסטיק גענומען ריידן:

— „מיסטער קאפמאן, ווי גאָט איז אייך ליב, פאָרט ניט, איר וועט אויף אונדז א צרה ברענגען. אונדזערע פירער האָבן דאָך דעם מיניסטער פאר־זיכערט, אז מיר, יידן, וועלן זיך אויפפירן בכבודיק און פארשווייגן די אטאַ־קעס פון די נאַרישע שונאים... סוף כל סוף איז עס דאָך ניט רוסלאנד. ס׳איז ניטאָ וואָס פחד צו האָבן פאר פאָגראָמען, חלילה, ס׳איז דאָך א פריי לאנד און די רעגירונג איז גוט!" — — —

— „מה־יפיתניקעס!" — האָט איסר קאפמאן אויסגעשריען — „איז דאָס, וואָס איר רופט אָן „בכבודיקע אויפפירונג?" אז אָך און אז ווי צו אייך

און צו אײַערע פירער! „ס'איז ניט דאָס אמאָליקע רוסלאַנד" — טענהט איר? אָבער אז איר װעט זיך אזוי שװײַגנדיק לאָזן שפּײַען אין פּנים און קלאַפּן אין רוקן, װעט מען אײַך דאָך דאָ אויך צעטרעטן אונטער די פיס װי װע־רעם..."

— „און דאָך, בעטן מיר אײַך, מיסטער קאַפּמאַן, בלײַבט אינדערהיים, מיר װעלן פאַר אײַער קאַפּריז טײַער באַצאָלן!..."

— „ארויס פון דאַנען!" — האָט איסר קאַפּמאַן פאַרלירנדיק זײַן געדולד געענטפערט — „טראָגט זיך אָפּ! באַהאַלט זיך אונטער די אויװנס צװישן די מײַז... איר געהערט צו אַן אנדער װעלט, צו אַן אַלטער פאַרשימלטער, פאַסקודנער װעלט!... אָט זעט איר, די דאָזיקע יידישע און ניט־יידישע בראַװע יונגע לײַט, װאָס זײַנען גרייט צו גיין מיט מיר, נאָר זײ פאַרשטייען די לאַגע ריכטיק און אין זײערע הענט ליגט די באַפרײַונג פון דער גאַנצער מענטשהייט, אויך פונעם יידנטום!"

און פרײלעך זײַנען פיר אויטאָס, פול געלאָדן מיט בראַװע מונטערע יונגעלײַט, אָנגעפירט דורך איסר קאַפּמאַנען, ארויסגעפאָרן און פאַרשװונדן...

שפּעט נאָך האַלבער נאַכט זײַנען דרײַ פון די פיר אויטאָס צוריק אָנגעקומען און איסר קאַפּמאַנען און נאָך צװײ יונגעלײַט האָט מען אויף די הענט אין הויז אַרײַנגעטראָגן. די קעפּ זײַנען בײַ זײ געװען פאַרבאַנדאַזשירט, די קערפּערס — שטאַרק צעקלאַפּט, קיין װאָרט האָבן זײ ניט געקענט ארויסריידן.

און אָט װאָס די אנדערע בראַװע יונגעלײַט האָבן דערצײלט מיט קוראַזש און פול מיט נצחון:

— „מיר האָבן געזיגט. איסר קאַפּמאַנס העלדישקייט לאָזט זיך גאָר ניט באַשרײַבן. מיר האָבן די כוליגאַנעס צװישן די בערג באַגעגנט. זײ דעם װעג פאַרשטעלנדיק, האָט איסר מוטיק זײ געװאָרנט ניט אַרײַנצוקומען אין שטאָט די פרידלעכע בירגער צו העצן און גיפטיקן האַס צו פאַרשפּרייטן.

די צעקאָכטע שונאים האָבן אַטאַקירט און ס'איז געקומען צו אַ גרויסן געשלעג. װי אַ לײב האָט קאַפּמאַן געקעמפט, מיר האָבן אים מיט אונדזער גאַנצן כח נאָכגעפאָלגט, און ס'איז אונדז געלונגען די כוליגאַנעס צו פאַריאָגן. אַ סך פון זײ האָבן זיך געפילט באַנאַרישט און פאַרשעמט. צופרידענער־הײט זײַנען מיר צוריקגעפאָרן, נאָכפאָלגנדיק אונדזער בראַװן אָנפירער. נאָר פּלוצלונג איז פון אונטערן בריק ארויסגעקראָכן אַ נידעריקער דיקער פאַרשוין און אויסגעשאָסן פון אַ רעװאָלװער, װאָס האָט געטראָפן איסר

קאַפמאַנען אין פּלייצע. פון קלאַפּ האָט קאַפמאַן ס׳רעדל פון אויטאָ ניט גע־קענט קאָנטראָלירן, די אויטאָ האָט זיך א דריי געטאָן, זיך שטאַרק אָפּ־קלאַפּנדיק אָן א גרויסן שטיין און זיך איבערגעקערט עטלעכע מאָל. איבער בערגלעך און שפּיציקע פעלדזן איז די אויטאָ צעקראַכט געוואָרן און קוים וואָס מיר האָבן די צעקאַליעטשעטע ארויסגעקראָגן פון צווישן די צעשמע־טערטע אייזנס און גלאָז...״

* * *

...טיף אָפּזיפצנדיק, האָט נירוואַנאַ ווייטער דערציילט שטיל מעלאַנ־כאָליש, אָבער קלאָר:

ווי נאָר ער איז צום באַוווסטזיין געקומען, האָט ער, דער נאָבעלער מיסטער קאַפמאַן, אָנגעהויבן ריידן וועגן זיין אומגליקלעכער געליבטער פּרוי און אַזוי שוין ניט אויפגעהערט מיט די צערטלעכסטע ווערטער, ביז ער האָט זיין לעצטן אָטעם אויסגעהויכט. פאַר די דאָזיקע טעג האָט ער געלאָזן אָנשרייבן א צוואה. אַלץ געהערט צו זיין טרייער פּרוי. נירוואַנאַ זאָל קריגן א געהעכערטע שכירות און אַזיפּאַסן ס׳געשעפט. ער פאַרלאָזט זיך אויף איר ערלעכקייט און איבערגעגעבנהייט און ער ווייס, אַז זיין אידאַ וועט זי ניט בלאַמירן און באַעוולה׳ן. זינגיטווא זאָל אויך האָבן זיין שטעלע, ווי לאַנג ער וועט נאָר וועלן, און זיין פאַמיליע זאָל געשטיצט ווערן, אויב ער וועט ניט זיין אין שטאַנד צו פאַרדינען מחמת קראַנקייט אָדער געפענ־קעניש...

נירוואַנאַ האָט מער ניט געקענט ריידן, — ווי א פאַרשטיינערטע איז זי געבליבן זיצן. מיטאַמאָל האָט זי זיך פון אָרט א הייב געטאָן און, אויף די קני צו אידאַ קאַפמאַנס פיס פאַלנדיק, האָט זי ארויסגעקלאָגט:

— „כ׳וועל דיך טריי און ערלעך דינען, ווי לאַנג דו וועסט מיר נאָר דערלויבן און ביז דו וועסט אליין פאַרשטיין דיין „ביזנעס״ אָנצופירן, ביז דו וועסט מיך נייטיק האָבן. ער האָט דיך טריי געליבט, ביז זיין אידעלע נשמה האָט זיין אָנגעליטענעם קערפּער פאַרלאָזן. און אַזוי וועל איך אויך דיר טריי דינען. פאַראַכט מיך ניט און טרייב מיט ניט אוועק! — — —״

* * *

„אובאָמי בונזימאַ... אובאָמי בונזימאַ...“ — דערטראָגט זיך צו אי־דאַ׳ן דאָס מעלאַנכאָליש אויסגעקרעכצט געזאַנג פון די שוואַרצע אַרעסטאַנטן, באַגלייט פון די טעמפּע קלעפּ פון די צעקראַכטע שטיינער אונטער די שווע־

רע ברעכאיינס... און פון יענער זייט בארג ציט זיך ברומענדיק דאָס אומעטיקע עכאָ, אין וועלכן ס׳זיינען אויסגעמישט תחנונים־געבעט, טיפע עלנט־זיפצן און יאושדיקע פראָטעסטן...

זי דערלאנגט א לייכטן ציטער, ווי זיך אויפכאפנדיק פון א שרעקנס־חלום. זי דערוואָכט פון אירע טיפע מחשבות און זכרונות. און די שרעקלע־כע סצענע פון די געשלאָגענע פארמוטשעטע ארעסטאנטן פרעסט, דריקט איר הארץ, וואָס גייט אויס פון רחמנות... וואָס וואָלט איסר געטאָן, אז ער וואָלט דאָס געזען?״ — קלאפט איר דורך א געדאנק, בעת זי גייט פונעם שטיינערנעם בריקל פון „שאָפּ״ — „ער וואָלט געוויס גוט אויסגעזידלט דעם פאָליציאנט; און ווער ווייס, צו וואס עס וואָלט געפירט? דער ברענענדי־קער רעוואָלוציאָנער וואָלט געוויס ניט פארשוויגן אזא סקאנדאל!... וואָס אָבער קען א שוואַכע עלנטע פארטרויערטע פרוי ווי איך, טאָן?״

דורך די פארטרערטע אויגן באמערקט זי זינגיטוואַן, אָנקומענדיק מיט א קערבל עסנווארג אין האנט.

— „וווהין גייסטו, זינגיטווא?״ — פרעגט זי אים, דערשטוינט אָנ־קוקנדיק.

— „כ׳וועל פרובירן פרעגן דעם ציוויליזירטן היטער פון אָרדענונג און גערעכטיקייט, דעם פאָליציאנט הייסט עס״ — ענטפערט דער שוואר־צער מיט ביטערן סארקאזם, זיינע ברייטע נאָזלעכער צוקנדיק פון איינגע־האלטענעם ווייטאָגדיקן צאָרן — „אפשר וועט ער דערלויבן עס צו דערלאנ־גען די פארשמאַכטע ארעסטאנטן, זיי א ביסל צו דערפרישן, נאָכדעם ווי ער האָט זיי אזוי צעשלאָגן...״

— „ווי וואגסטו עס, זינגיטווא?״ — בעט זיך אידא.

— „וואָס קען איך אייגנטלעך, דערביי פארלירן, מאַדאַם? קיין תפיסה שרעקט מיך ניט. שוין געוויינט דערצו ווי א הונט צום שטעקן... איבע־ריקנס, דער באלעבאָס, מיסטער איסר קאפמאן, פלעגט אָפט זאָגן, אז ס׳איז נאָבל צו ליידן יסורים פאר א גוטן טאָט...״ — זאָגט זינגיטוואָ, האַסטיק זיך דערנענטערנדיק צו די ארעסטאנטן און אוועקשטעלנדיק לעבן זיי דעם קערבל.

— „שטיי!״ — שרייט דער פאָליציאנט און זיין פנים ווערט בלאָ פון רוגזה. ער גיט א העפטיקן פייף, באלד דערשיינען נאָך צוויי פאָליציאנטן און, א כאַפּ טועדיק זינגיטוואַן אונטער די אָרעמס, פירן זיי אים אוועק.

— „אומרעכט, אומרעכט!״ — פראָטעסטירט אידאָ — „וואָס פאַר א חטא איז ער באגאנגען?... כ׳וועל גיין צו דער העכערער מאַכט.

נישקשה, ס׳איז נאָך דאָ גערעכטיקייט אין דעם דעמאָקראַטישן לאַנד!...״

קאַלט און שטייף ברומט ארויס איינער פון די פּאָליציאַנטן, ווי זיך רייצנדיק:

— ״אַן עבירה אייער געלט און טרחה, מאַדאַם! פאַר אַזאַ פאַרברעכן קומט עטלעכע חדשים תפיסה; אָבער דער דאָזיקער זינגיטוואַ, ווי אַ גע־מערקטער פאַרברעכער, וועט שוין מסתמא פון תפיסה קיינמאָל ניט ארויס־קומען״.

* * *

...אריינקומענדיק אין הויז, אין דער מוראַדיקער פּוסטקייט מיט דעם פינצטערן אומעט, וואָס וויקלט זיך ארום איר ווי אַ דיק־שוואַרץ קלייד, דערהערט זי מיטאַמאָל אין אַלע ווינקעלעך די אָפּקלאַנגען פון דעם פּאָלי־ציאַנטס הייזעריקער שטימע:

— ״אין תפיסה וועט ער פאַרפוילט ווערן!...״

״פונקט אַזוי האָט אַמאָל דער צאַרישער טשינאָווניק געזאָגט מיין איסרן פאַר זיין פאַרטיידיקן געפאַנגענע און צעטראָטענע...״

זי קען דעם שטראָם טרערן מער ניט איינהאַלטן.

— ״וואָס טוען אָבער אויף די אומרויקע, צעוואָרעמטע הערצער מיט זייער ארויסשרייען זייערע געפילן?״ — צערודערט איר מחשבה — ״זיי ווערן אַזוי אומברחמנותדיק צעשלאָגן און בלייבן אויף אייביק פאַר־שטומט... אָדער — איז איסר פאָרט גערעכט געווען מיט דעם, וואָס ער פלעגט אַזוי אָפט ארויסשרייען: אַז די צונג, וואָס האָט צו זאָגן גערעכ־טיקייט, וועט אפילו אַ באַגראָבענע פון אונטער דער ערד, אירס ארויס־ריידן... איינס איז אָבער זיכער, אַז איסר איז גערעכט געווען מיט זיין שטענדיקן טענה׳ן, אַז אויך דאָ, אין אפריקע, איז פאַראַן גענוג פּלאַץ פאַר אַן אידעאַליסטישן קאַמף און שטרעבונג אריינצוברענגען ליכטיקייט און פריי־הייט אין די פינצטערע ווינקעלעך, וו אַ פאַראומגליקטער טייל פון דער מענטשהייט ליגט צעבלוטיקט״ — פרעפלט אידאַ מיט גרויס צער, באַ־טראַכטנדיק איסרס גרויסע פאָטאָגראַפיע, וואָס האָט ערנסט און טריב אראָפּגעקוקט פון אַ קליינעם טישל אין אַ ווינקל...

אידאַ געפינט זיך קיין אָרט ניט. אַ פאַרצאָגטע גייט זי ארום איבערן הויז און אין מוח שווינדלען פיצלעך געדאַנקען, ווי קליינע שוואַרצע וואָלקנדלעך. וואָס טוט זי, אייגנטלעך, דאָ? וואָס דערוואַרט איר דאָ? איז נאָך עפּעס וואָס פאַרבליבן פאַר איר אין דער צוקונפט? וואָס?...

זי זעט איר גאַנצן עבר, איר קעגנוואַרט און צוקונפט זיך צוזאַמענקוועטשנ־דיק אינעם ענגן פאַרטונקלטן חלל פון דעם דאַזיקן תהו ובהודיקן צימער, אין וועלכן זי איז עפּעס אַריינגעשטופּט געוואָרן אָן טעם, אָן אַ ציל... אַזוי עלנט, אַזוי עלנט!...

לאַנגזאַם גייט זי אַרויס אין גאָרטן. פון די ווייַנטרויבן און עפּל־ביי־מער האַלטן שוין די בלעטער אין אַרונטערפאַלן. „די טעג זייַנען נאָך הייס־זומערדיקע און אויף די ביימער רוקט זיך שוין אַרויף דער האַרבסט" — טראַכט אידאַ, צוקומענדיק צו אַ באַרנע־בוים, וואָס האָט שוין זייַן פרוכט אוועקגעגעבן. זייַן זומער איז שוין געענדיקט, נאָר אַלס טרייסט האָבן זיך אַרום אים פונאַנדערגעוואַקסן, מיט אַ ווילן נאָך לאַנג צו לעבן, מאַסן גע־דיכטע ווייסע און רויטע קרעסאַנטעמענט־בלומען. זי בייגט זיך אייַן און רייסט אָן אַ גרויסן בונט פון די דאָזיקע בלומען.

— „איך וועל מאַכן אַ קראַנץ פאַר מייַן ליבלינג, דעם אמתן קעמפער פאַר מענטשלעכער גערעכטיקייט, פאַר דעם וואָס האָט ניט געקענט פאַר־שוויַיגן די שענדלעכע עוולות, וואָס רשעים טוען אָפּ, און אָן דערוואַרטונג אויף אַ באַלוינונג האָט ער זייַן „אַלץ" אוועקגעגעבן אין שטאָלצן, העלדישן, מוטיקן קאַמף, פאַרטיידיקנדיק די געדריקטע, באַליידיקטע און לייַדנ־דיקע! — — —"

...אַ קליין ווינטל באַוועגט די האַלב־נאַקעטע צווייַגן... דער ראָד פון דער דערביַיקער ווינטמיל, שוין לאַנג ניט געאיילט, דרייט זיך, כרי־פּענדיק און סקריפּענדיק עפּעס אַ טריבן ניגון. ס'דוכט זיך אידאַן: ס'קרעכצן זיך אויס ריטמיש די ווערטער: „קראַנץ דעם קעמפער, קראַנץ דעם קעמפער..."

און פון אַנטקעגנדיקן הויכן עקאַליפּטוס־בוים ענטפערט אָפּ אַן איינ־זאַמע פאַרטרויערטע קוקאַווקע, טריבלעך אויסכליפּענדיק אַן עכאָ פון דער ווינטמילס ריטמיש־קרעכצנדיקע ווערטער:

— „קראַנץ דעם קעמפער, קראַנץ דעם קעמפער!..."

אידאַ הויבט אויף דעם קאָפּ...

פונדערווייטנס, איבער די דעכער פון די דערביַיקע הייזער, טראָגט זיך אַ שטיל שלוכצנדיקער קול, וואָס רופט און מאָנט, רופט און מאָנט:

— „או־באָ־מי... בונ־זי־מאַ..."

— „או־באָ־מי... בונ־זי־מאַ..."

אלע נעמען אין די דערציילונגען זיינען
פיקטיווע און איניקע סיטואציעס זיינען
דער דמיון פון מחבר.

Copyright by: SONIA HOFFMAN
"KAYOR" PUBLISHING HOUSE
JOHANNESBURG, 1950
PRINTED BY PACIFIC PRESS (PTY.) LTD.
302, FOX STREET, JOHANNESBURG, S.A.